STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01977

IN ZKHUS FUN VORT

Abraham Lis

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם ליס

אין זכות פון וואָרט

פאַרלאַג
י. ל. פרץ
ישראל

תשכ״ט
1969

אברהם ליס

אין זכות פון וואָרט

Abraham Lis
In Zchus Fun Wort

I.L. Peretz Publishing House
31, Allenby St., Tel-Aviv

אברהם ליס / אין זכות פון וואָרט
פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב

*

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער מיטהילף פון
עליזאַבעט און ווילי שאַר־פאָנד ביים יידישן
ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישראל.

©

נדפס בישראל תשכ״ט
Printed in Israel 1969

נסדר: לינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, ת״א
נדפס: דפוס „ערבה״, רח׳ ליבנדה 36, ת״א

אין זכות פון וואָרט

עסייען און שמועסן

א

י. ל. פרץ
אליקום צונזער
שמעון פרוג
אברהם רייזען
מאַני לייב
אביגדור המאירי
א. סוצקעווער
ש. שלום
נתן אַלטערמאַן
אסתר שומיאַטשער
פסח בינעצקי
ימים נוראים־מאָטיוון
חסידות אין יידישן ליד
י. ח. בילעצקי
אפרים אויערבאַך
די אַנטאָלאָגיע „אַמעריקע אין יידישן וואָרט"
ארץ־ישראל אַנטאָלאָגיע

י. ל. פרץ

(פופציק יאָר נאָך זיין טויט)

כ׳האָב, יצחק לייבוש פרץ, דיך ביים לעבן נישט געקענט —
דערקען איך איצטער דיך צווישן אָפּגעבערנטע ווענט
באַ טירן און באַ טויערן וואָס זענען מער נישטאָ,
אין זכרון פון דיין געוויין־געזאַנג: כ׳בין דאָ, דאָ — דאָ.

(ה. לייוויק)

פופציק יאָר זענען פאַרביי זייט י. ל. פרץ איז אַוועק, אָבער זיין איינפלוס אויף דער יידישער שאַפונג, אויף דער יידישער ליטעראַטור איז קאָנטיק ביז היינט. ווי מאָדנע ס׳זאָל נישט זיין — און אפשר איז עס אויך נאַטירלעך — גראָד פאַר די פינף צענדליק יאָר האָט זיין קינסטלעריש וואָרט געווירקט אויף אונדזער לעבן אָן אַן ערך טיפער און שטאַרקער, ווי די פינף צענדליק יאָר, אין וועלכע ער האָט געשאַפן. מעגלעך, אַז מיט דעם באַשטעטיקט זיך ווידער אַ מאָל די גרויסקייט פון דער פרץ־ירושה.

מיר קערן זיך אום תמיד צו פרצן, און אפשר גראָד איצט, אין די יאָרן פון נאָך אונדזער גרויסן חורבן, אין דער צייט, ווען ס׳פאָלק פאַר וועלכן פרץ האָט געשאַפן איז אַזוי בלוטיק פאַרשניטן געוואָרן, ס׳יידישע לעבן אַזוי איינגעשרומפּן, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז זיין געשטאַלט נאָך בולטער, נאָך מעכטיקער. אפשר אויך דערפאַר, ווייל פרץ האָט אונדז געלערנט — נישט פאַרלירן דעם בטחון, נישט זיין פאַריאושט, נאָר גלייבן:

גלויב, די נאַכט וועט שוין פאַרשווינדן, / און די וואָלקנס אויך צערינען...

פרץ האָט אויפגעבליצט אין דער תקופה, ווען ס׳זענען פאַרלייגט געוואָרן די ערשטע יסודות פאַר דער מאָדערנער, פאַר דער היינטיקער יידישער ליטעראַטור. ווען מ׳האָט געפלאַסטערט דעם וועג פאַר דער וועלטלעכער יידישער

קולטור. ס׳האָבן זיך נאָך דאַן געטראָגן אין דער לופט די קלאַנגען פון השׂכּלה, ס׳האָט נאָך פאַרוויגט די יידיקע און סענטימענטאַלע שיין־רעדעריי, די העברעישע מליצה האָט נאָך געוועלטיקט און באַאיינפלוסט אַ דינעם שיכט אינטעליגענטן, משׂכּילים. פּרץ שרייבט דאַן העברעישע שירים אין גייסט פון יענער צייט. אָבער ער איז באַלד תופס, אַז נישט סתּם בילדן דעם עולם — ווי די השׂכּלה־לייט מיינען — באַדאַרף מען איצט, נאָר אַ נייעם פאָלקס־תּוכן, אַ נייעם אינהאַלט, אַ נייעם נוסח און ניגון דאַרף מען געבן דער מאָדערנער יידישקייט.

י. ל. פּרץ איז אַוועק מיט אַן אַנדער וועג, אַ ווייטערן און טיפערן וועג, ווי זיינע גרויסע מיטצייטלער מענדעלע און שלום־עליכם זענען געגאַנגען. מענדעלע און שלום־עליכם האָבן אונדז געבראַכט געזונטן, קערנדיקן, פאָלקס־טימלעכן יידישן שטייגער — מענדעלע, מיט דער כּוונה אַריינצוזאָגן, צו קריטיקירן, מיט דער כּוונה איבערצואַנדערשן, איבערצוברעכן געוווינהייטן און פּירונגען פון יידישן מענטש און פון יידישן כּלל. שלום־עליכם, מיט זיין פּערלדיקן געלעכטער, מיט זיין וווּנדערלעכן איינציקאַרטיקן הומאָר. אָבער פּרץ האָט אונדז געבראַכט די גרויסע מענטשלעכע און קינסטלערישע אידעע, דעם געדאַנק פון אייגנדיקער נאַציאָנאַלער קולטור, געוויזן דאָס ווערטיקע און גערעגט צו מאָנונג און שטייגערונג. פּרץ האָט געזוכט די וואָרצלען, דעם שורש. ער האָט דערזען די שיינקייט פון יידישער טראַדיציע און געזוכט אויסצובינדן דעם גאָלדענעם פאָדעם, וואָס פאַרבינדט דעם דערהויבנדיקן יידישן עבר, דאָס שיינע און ווערטפולע פון אַלטן מקור, מיט דער רעאַליטעט און וואָרהאַפטיקייט אינעם יידישן פאָלקסלעבן. ער איז געווען דער ערשטער אין דער היינטיקער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט געפונען דעם וויטאַלן קינסטלערישן סינטעז: טראַדיציע און שטייגערגאַנג, אַרויסאַנטפּלעקט דאָס מקורותדיקע און אייגנאַרטיקע, רעאַליטעט און וויזיע, טרוים און ווירקלעכקייט, ספקות און מסירת־נפש, גבורה און געפאַלנקייט; יידישע ראָמאַנטיק און יידישער טראַגיזם, וועלכע וואַקסן אַרויס פונעם תּוך און וועלכע זענען אַזוי לעבנס־נייטיק פאַרן המשך און קיום פון פאָלק.

ער איז געווען אַ דינאַמישע און אומרויִקע פּערזענלעכקייט און אַן אומרויִקער, זוכנדיקער קינסטלער. דערפאַר אויך אַזאַ שפע פון מאָטיוון און

פאַרמען אין זיין שאַפן. דערפאַר אויך אַזאַ פראַגמענטאַרישקייט, בליצ־אַרטיקייט, און אין דער זעלבער צייט טיפקייט פון מחשבה און אידעע. געזעצט זענען אפשר די, וואָס מיינען, אַז זיין פראַגמענטאַרישקייט און רמז־דיקייט פאַרמאָגט די מהותדיקייט פון פוילישן ייִד, דעם נוסח פון אַ חסידישן רבין, וועמענס תורה ס׳איז נישט קיין געאָרדנטע און סיסטעמאַטישע, אָבער פאַרמאָגט אַזאַ עמקות, אַזוי פיל פערלדיקע זאָגן און טיפע דורכגעטראַכטקייט.

פּרץ האָט אונדז איבערגעלאָזט אַ גרויסע קינסטלערישע ירושה, אַ וווּנדערלעכע ירושה, פון וועלכער מיר וועלן תמיד שעפּן ווערטן, וואָס וועט מונטערן און רופן. און צי זענען זיינע עסייען, זיינע אַרויסזאָגונגען און באַטראַכטונגען דען נישט אַזוי היינטיק, ווי דאַן, בעת זיי זענען געשריבן געוואָרן? רופן זיך דען נישט די שורות — וועלכע ער האָט געשריבן: „צו די צוריקקומענדיקע גרים אַן עצה״ — רופן זיי זיך דען נישט איבער מיט אונדזער איצט? — „אַ דרך־ארץ פאַר אַ פאָלק, וואָס זיין געשיכטע איז די איינציקע העראָישע וועלט־טראַגעדיע: אַן עפּאָכע פון מסירת־נפש, קידוש־השם און די אוממענטשלעכע פּיין און ליידן פאַר דער אידעע!

...עס איז קיין ווונדער נישט, וואָס איר, לייכטזיניקע עולם־הזהניקעס, זייט אַוועק: איר זייט אַנטלאָפן פון די, וואָס פרעדיקן לעבן און מוזן ליידן, צו די, וואָס פרעדיקן ליידן און לעבן אַ גוטן טאָג!...

...קומט איר נאָך, ווי שוואַרצע ראָבן, און קראַקעט אונדז: אונטערגאַנג! עס שרעקט אונדז נישט.

נישט פון אייער וואָרט ווערן וועלטן צעשטערט און וועלטן געבויט!״

פּרץ האָט אַריינגעבראַכט די עטיק און מאָראַל און די שיינקייט פון דער פאָלקס־נשמה אין אונדזער ליטעראַטור. אַלע זיינע עסייען און אַרטיקלען פאַרמאָגן עלעמענטן פון פערמאַנענטער „היינטצייטיקייט״ און ס׳אָטעמט פון זיי מיט דער פרצישער אייגנאַרטיקייט, מיט קינסטלערישער פרישקייט.

זיין ערשטע יידישע שאַפונג, די פּאָעמע „מאָניש״, וואָס ביז היינט לייע־נען מיר זי מיט אַזוי פיל נייגער, אָט די פּאָעמע, וואָס ווערט שוין באַלד אַכציק יאָר ווי פּרץ האָט עס אויפגעשריבן אין זיין ערשטן וואַריאַנט, איז געווען אַ מוסטער־שאַפונג אין דער יידישער פּאָעזיע סיי לויט איר

טעכניק און קאָנסטרוקציע, סיי לויט איר ריטעם און אינערלעכער שפּאַנונג. פריש און קינסטלעריש גאַנץ זענען זיינע שפּעטערדיקע שאַפונגען, זיינע עפּישע דערציילונגען, מעשיות און לעגענדעס, אַלעגאָריעס און פּאָעמען, זיינע לירישע באַלאַדן און פאָלקסלידער. פון אַ באַזונדערן כאַראַקטער און ווערט זענען זיינע דראַמעס, און ווי אַלץ, וואָס פּרץ האָט געשאַפן, זענען אויך זיינע דראַמעס רעאַליסטיש און סימבאָליש, מיסטיש און מאָדערן.

דער חוט־השדרה אין פּרצעס שאַפונג איז דער זיווג: רעאַליזם און ראָמאַנטיק, האַרבע וואָכעדיקייט און שטילע יום־טובדיקייט. אָבער אַ ווונדערלעכן סינטעז האָט פאַרמאָגט די פּערזענלעכקייט פּרץ אַליין. אָן ספק, ליגט אין דעם דער סוד פון זיין גרויסקייט און השפּעה. איינצייטיק איז ער געווען קינסטלער און דענקער, דיכטער און דערציילער, וויזיאָנער און לאָגיש טראַכטנדיקער פּובליציסט. און נישט נאָר דאָס, ער איז בנפש געווען איבערגעגעבן, און זיך געווידמעט, דעם אויפבוי פון יידישער קולטור, דעם אויפבוי פון דער יידישער שול, פון יידישן טעאַטער, יידישע קולטור־אינסטיטוציעס און קולטור־פּאָזיציעס.

פּרצעס „יום־טוב בלעטלאַך״ האָבן געהאַט אַן אַנטשיידנדיקע השפּעה אויף דער אַנטשטייונג און אויספאָרמירונג פון דער יידישער פּראָגרעסיווער ליטעראַטור. נישט קיין קלענערע ראָל האָבן זיי געהאַט אויף דער זעלבסט־באַשטימונג פון דער מאָדערנער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. פּרץ איז געוואָרן דער וועגווייזער פאַרן יידישן שרייבער, ער האָט אים געוויזן דעם גייסט, די באַגערן און חלומות פון יידישן פאָלקסמענטש, ער האָט אים אָנגעשטימט מיט דער בענקעניש נאָך גאולה, ער האָט פאַרן שרייבער און פאַרן לייענער אויפגעמאַכט די גרויסע אינערלעך יידישע וועלט און צוגעגעבן זיי חיות און האָפענונג אין זייער שטרעבונג צום יידישן אויפגיי.

זיינע עסייען און אַרטיקלען פון „ליטעראַטור און לעבן״: „געדאַנקען איבער ליטעראַטור״ און „וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור?״ וועלן שטענדיק דינען פאַרן שרייבער און קולטורמענטש, פאַרן יידישן לייענער און פאַרן קינסטלער ווי אַ באַזיס זיך צו פאַרטראַכטן און פאַרטיפן, ווי אַ קוואַל פון וואָנעט צו שעפּן עמאָציע און אינספּיראַציע.

פּרצעס באַציִונג און איינשטעלונג צו ארץ־ישראל איז נישט אַלע מאָל

געווען אַ גאַנץ קלאָרע. מעגלעך, אַז זיין באַציִונג צום נייעם ארץ־ישראל איז געווען אָפּט מאָל אַ וואַקלדיקע. איז דעריבער ביז גאָר אינטערעסאַנט, און אפשר אויך פון היסטאָרישער באַדייטונג, דער בריוו, וואָס פרץ (צוזאַמען מיט דינעזאָנען) האָט געשריבן יהואשן אין יאָר ניינצן הונדערט פערצן, ערב יהואשס פאַרלאָזן אַמעריקע, זיך צו באַזעצן אין ארץ־ישראל (דער בריוו איז געדרוקט אין „פּרצעס בריוו און רעדעס" פון נ. מייזיל): „מען שרייבט אונדז, אַז דו ביסט נישט געזונט און פאָרסט דעריבער פון ביזנעס־לאַנד צום הייליקן לאַנד. טוט אונדז וויי, וואָס דו ביסט קראַנק, אָבער עס פרייט אונדז, וואָס דו פאָרסט אַרויס צום לאַנד, פון וועלכן מיר זענען אַזוי אָפּגעריסן קערפּערלעך און אַזוי גייסטיק פאַרבונדן. ווינטשן מיר דיר הערצלעך אַ גליקלעכע רייזע און ווינטשן דיר געזונט. נעם אונדז מיט אין דיין האַרץ, אין דיין געדאַנק... און זאָג, אין אונדזער נאָמען, די בערג פון יהודה, דעם לבנון און אַלעם, וואָס געבליבן — מיר וועלן זיך איז קיין אַנדער לאַנד נישט אַריינפליישן; ציון איז אונדזער וועג; די וועלט מיט ציון אין דער שפּיץ איז אונדזער צוקונפט".

מיט זיין גראַדליניקייט און מיט זיינע אָפּנייגן, מיט זיין ליבע און בענקשאַפט, מיט זיין געפיל פאַר יושר און מיט זיינע האָפענונגען אויף אַ גערעכטער וועלט ליכטיקט אויף פאַר אונדז י. ל. פרץ. נישט אומזיסט האָט אַזוי טיף געווירקט און באַווירקט די פרץ־געשטאַלט, די פרץ־ירושה און פרץ־טראַדיציע. ס׳איז אַ לעבעדיקער, קוועליקער מקור פאַר אונדזער מאָדערנער יידישער שאַפונג, פאַר אונדזער מאָדערנער יידישקייט.

אליקום צונזער

ביז היינט זינגט מען זיינע לידער „אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה" און מען זינגט וועגן דער רויז, וואָס ליגט אַ פאַרוועלקטע אין מיטן וועג... און מ'קען נאָך אַפילו הערן דאָס סאַטירישע ליד „דער פּוסטער פּראַנט" און די האַרציקע סטראָפן פון „דער פּאָטשטאָווער גלעקל", נאָר ווייפל וויסן וועגן זייער פאַרפאַסער, וואָס האָט אַזוי פּשוט און אויסגעבענקט אַרויסגע־זונגען די חלומות און דאָליע פון פאָלק?

אין משך פון יאָרן האָט מען אַ סך געשריבן וועגן דעם מערקווערדיקן פאָלקסדיכטער און בדחן אליקום צונזער. געווען פּלוגתאס איבער דעם ליטעראַרישן און דיכטערישן ווערט פון זיינע שאַפונגען. אָבער צו איין מסקנא זענען אַלע געקומען, — אַז זיין ליד האָט געהאַט אַ ווונדערלעכע ווירקונג אויף ברייטע שיכטן און האָט בפירוש משפּיע געווען מיט דעם נאַציאָנאַלן און לעבעדיק־מענטשלעכן טאָן. מ'האָט אים געזונגען אין משך פון דורות מיט אַזאַ פרישקייט — ווי עכטע פאָלקסשאַפונג טראָגט אין זיך.

שווער צו זאָגן, צי אליקום צונזער, אַ שטייגער, ווען ער לעבט אין אונדזער היינט, צי וואָלט ער מסוגל געווען נאָכצוגיין דער ראַפינירטער און הויך אַנטוויקלטער יידישער פּאָעזיע? דאָס איז אפשר נישט קיין פראַגע וואָס דאַרף בכלל אונדז אינטערעסירן. בפרט, אַז די דאָזיקע פראַגע קען אויך געשטעלט ווערן לגבי שפּעטערדיקע דיכטער, פון די אָנהייב־יאָרן פון דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע. אין תוך איז צונזער געווען אַן עכטער און מקורותדיקער פאָלקסשאַפער. אַ פאָלקסדיכטער, וואָס ווערט באַאיינ־פלוסט פון פאָלקסלעבן און פאָלקספּראָבלעמען און ברענגט אוממיטלבאַר צום אויסדרוק זיינע ליידן און שמחות. ער איז אָבער, אָן ספק, געווען אַ דיכטער פון סענסיטיוון געמיט, פון טיפער נשמהדיקייט און פון נישט־געוויינטלעכער מוזיקאַלישער באַגאַבונג. ס'איז באַקאַנט, אַז פון אים, פון צונזערס שאַפונג, זענען פאַרבליבן טיפערע און, דער עיקר, קענטיקערע

שפּורן, ווי פון אַנדערע באַדייטנדיקע בדחנים, פּאָלקסדיכטער און פּאָלקס־זינגער, וועלכע האָבן געלעבט און געשאַפן פאַר אים און אויך אין זיין צייט. (אין זיין צייט האָבן געשאַפן אין גאַליציע און אין רומעניע די באַוווסטע בערל בראָדער און וועלוול זבאַרזשער).

ס׳וועט איצט 55 יאָר נאָך זיין טויט און הונדערט פופצן יאָר, ווי צונזער האָט אויפגעשריבן זיין ערשטן ליד „ציון כלילת יופי״, און דאַכט זיך, שוין אין דעם ערשטן ליד איז פאַראַן די נאַיווע חנעוודיקייט, און דער עיקר, דער קלאָרער אמת, וואָס איז געווען דער רוקנביין פון זיינע שאַפונגען.

פון דער אָרעמער און תלמודיש־רייכער ווילנע האָט ער אין זיין יוגנט איינגעזאַפּט אַ סך שיינקייטן. ער האָט איינגעזאַפּט די תורות און מחשבות פון זיין רבין ר׳ ישראל סאַלאַנטער, ס׳איז אים נאָענט געוואָרן דער משכילים־קרייז אין ווילנע, מיט דעם שרייבער און דענקער אד״ם הכהן און זיין זון, דער העברעיִשער דיכטער מיכל לעבענזאָן. ער האָט תופס געווען די עקשנותן פון זיין יונגן חבר פון קאָצעלס הויף אין ווילנע, מאָטקע אַנטאָקאָלסקי, דעם שפּעטער וועלטבאַרימטן סקולפּטאָר מאַרק אַנטאָקאָלסקי, וואָס האָט אויסבאַהאַלטנדיק זיך פון זיין טאַטן געשניצט פיגורן אין שטיקער האָלץ.

ווילנע איז געווען אַ שטאָט פון תורה, פון תורה־לערנער, ס׳האָבן זיך שוין אָבער דורכגעריסן די ווינטן פון דער נייער צייט, נייע בילדונג. די השכלה־באַוועגונג האָט אָבער אָנגערירט אַ דינעם, אַ גאָר קליינעם שיכט אינטעליגענטן. ווילנע האָט נאָך געלעבט אין די פאָרמען פון אַלטיידישן לעבנס־שטייגער. צונזער האָט באַלד דערשפּירט דאָס דופּטיקע, דאָס נייע, דאָס אויפקומענדיקע און גלייכצייטיק דעם פּיין פון דעם פאַריאָכטן און אין גליוער געבונדענעם יידישן לעבנס־נוסח. ס׳איז די צייט אויך פון אַ באַזונדערער פּלאָג אין יידישן לעבן, די פּלאָג פון די „זאַבאָרטשיקעס״, כאַפּערס. צונזער שפּירט עס אויף זיין אייגן לייב־און־לעבן. מען כאַפּט זיין עלטערן ברודער, אַ יינגל פון אַ יאָר צען, און מ׳שיקט אים אַוועק אין ווייטן סיביר, און אַפילו נאָך דעם ווי ער דינט שוין אָפּ, ווי אַ ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט, גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר, קערט ער זיך שוין נישט אום צוריק צו זיין אַמאָליקער היים, צו זיין משפּחה, ווייל אַלץ איז אים שוין

פרעמד און ווייט געוואָרן, און ער פאַרבלייבט אין סיביר. אויך ער אַליין, אליקום צונזער, פאַלט אַריין צו די כאַפּערס. אַ דאָרפסייד, ביי וועמען ער איז געווען צוויי זמנים אַ מלמד צו זיינע בנים, גיט אים איבער אַ זאַבאָרטשיק פאַרן פרייז פון 25 רובל. און ממש על־פּי נס ווערט ער ניצול. מיר דערציילן איבער אָט דעם פּרט, בכדי כאָטש מיט עפּעס כאַראַקטעריזירן די תקופה און דעם גאַנג פון יידישן לעבן מיט איבער הונדערט יאָר צוריק, די תקופה, אין וועלכער דער פאָלקסדיכטער איז אויפגעקומען.

צונזערס לעבן איז בכלל פול געווען מיט טראַגישע און דראַמאַטישע געשעענישן. אין יאָר אַכצן הונדערט איין און זיבעציק ברעכט אויס אַן עפּידעמיע אין ווילנע. צונזער פאַרלירט איינעם נאָכן אַנדערן זיינע פינף קינדער און זיין פרוי. אָט די שרעקלעכע איבערלעבונגען, אַ פּראָדוקט פון די באַדינגונגען און לעבנס־שטייגער אין אַמאָליקן יידישן מאַסן־יישוב, לאָזט, פאַרשטייט זיך, שטאַרקע שפּורן אין זיין שאַפן, פאָרמירט אויס אין אים אַ קריטישן קוק אויף די הערשער און אויף די געוועלטיקער אין יידישן לעבן, די גבאים און פּרנסים און קהל־פאַרזאָרגער, וועגן וועלכע ער רעדט שפּעטער בייסיק און שאַרף אין זיינע לידער און פּעליעטאָנען.

ער איז ממש געווען אַ פענאָמען אין דעם אופן ווי ער האָט געשאַפן זיינע לידער, זיינע מאַרשן און באַלאַדן. זיין עקספּראָמטקייט און טרעפלעכ־קייט, בעת ער האָט געשאַפן די טעקסטן, אינעם רוב באַלד צוזאַמען מיט דער מעלאָדיע (אַפילו ווען טייל פון די מעלאָדיעס זענען אויסגעבאָרגטע), איז אומגעווייגלעך און איינציקאַרטיק. דערצו האָט ער קיין נאָטן נישט געקענט און פלעגט אויפשרייבן זיינע קאָמפּאָנירטע ניגונים אויף אַן אייגן צוגעטראַכטן אופן, מיט אייגענע מאָנטירטע צייכנס. ער האָט געפלעפּט די צוהערער מיט זיין אייגנאַרטיקער מייסטערשאַפט. דער שרייבער ש.ל. ציטראָן דערציילט אין זיין ווערק „דריי ליטעראַרישע דורות", ווי אַזוי צונזער האָט אין געציילטע מינוטן פאַרפאַסט אַ ליד אויף אַ באַשטימטער טעמע, דאָס זעלבע באַלד אין העברעיש און דאַן ווייטער אויף אַן אַנדער טעמע אין יידיש, אַזוי דריי פאַרשידענע לידער פון פאַרשידענעם אינהאַלט און כאַראַקטער. איינס, למשל, בשייכות מיט אַ הספד, וואָס ער האָט געהאַלטן

אויפֿן טויט פון אַ יידישן גביר, דאָס צווייטע איז וועגן אַן עפּל, וואָס איז שיין און פֿאַרביק אויסערלעך און צעפֿוילט אינעווייניק. דאָס דריטע ליד — אויף אַ געפּערלעכער טעמע (וואָס צונזער האָט דווקא אויף דער טעמע אַ סך געשאַפֿן) — וועגן צאַר.

אָט די עקספּראָמטקייט און זיין האַרציק פֿאָלקסטימלעכע שפּראַך, זיין טראַדיציאָנעל־יידישער און ניי־משׂכּיליש־נאַציאָנאַלער נוסח, ווי זיין וואַרעמע מוזיקאַלישקייט, האָט אים אויסגעטיילט ווי דעם באַרימטן בדחן, וואָס האָט פֿאַרשיינט יידישע שׂמחות, חתונות און פּייערונגען איבער גאַנץ ליטע און ווייסרוסלאַנד. פון גאַנץ שטאָט פּלעגט מען זיך צונויפֿקומען אויפֿצוכאַפּן כאָטש פון דער ווייטנס אליקום צונזערס רעציטאַציעס און געזאַנגען. און וועגן וואָס האָט ער אַלץ נישט געזונגען און פֿאַרגעבראַכט, אליקום צונזער? אַלע פֿאַרלויפֿעניש, פּאַסירונגען און פּראָבלעמען האָט ער אינטערפּרעטירט און אויסגעטייטשט אין זיין ליד. ער האָט באַזונגען די שטערן, וואָס קוקן אַראָפּ אויף דער ערד, ער האָט חוזק געמאַכט פון דער פּוסטער משׂכּיליש־קייט, פון פּוסטן פּראַנט, פון אויפֿגעבלאָזנקייט און סנאָביזם אין דער יידישער סביבה. ער האָט באַזונגען די נייע אייזנבאַן, וואָס יעדער האָט אויך דאַרט אַ פּלאַץ — לויט זיין ווערט און ווערדע. ער האָט געמאַכט היסטאָרישע פּאַראַלעלן אין „משה און זיין דור", אין זיינע צענדליקער און צענדליקער נאַציאָנאַלע לידער און אַלעגאָריעס.

צונזערס ליד איז אינטים, דינאַמיש און וואַרעם, זיין סטיל און זיין האַרציקע מעלאָדישקייט האָט גערעדט דירעקט צום יידישן מענטש, צו זיין נשמה און געפֿיל. זיין אומעט און זיין פֿילאָזאָפֿישער מוסר־השׂכּל האָט דערגרייכט צו זיינע צוהערער און לייענער. ער האָט זיי אָבער, לאו־דווקא, נישט איינגעוויגט אין סענטימענטאַלער שטימונג און אין קינסטלעכער ראָמאַנטיק. ער איז תמיד געשטאַנען אין געווירבל פון לעבן, ווי אַן אייגענער, ער האָט רעאַגירט העפֿטיק און דרייסט, נישט איין מאָל האָט ער ביי די דעמאָלטיקע באַדינגונגען געקענט טייער באַצאָלן פֿאַר זיין געוואַגט־קייט. אַ קולטור־געשיכטלעכן באַדייט האָבן זיינע אַרויסטרעטונגען (אין געזונגענעם און געשריבענעם וואָרט) בעת די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. ס'איז אַ טראַגישע און אמת־דיכטערישע וויזיע, ווען ער זאָגט: „אויב אין

ביינצטן יאָרהונדערט קענען זיין פּאָגראָמען אויף יידן, איז דאָך אויך מעגלעך אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אינקוויזיציע"... און דאָס איז געזאָגט געוואָרן מיט איבער ניין צענדליק יאָר צוריק.

צונזער האָט באַגלייט מיט זיין ליד די ערשטע עולים קיין ארץ־ישראל, די בילוים. זיינע חיבת־ציון־לידער זענען אַ שיין און דערהויבנדיק קאַפּיטל אין דעם געזאַנג, וואָס דריקט אויס די בענקעניש און די ליבע פון פאָלק־ישראל צו לאַנד־ישראל, אַ רינג אין דער קייט פונעם נאַציאָנאַל־יידישן פאָלקסגעזאַנג.

אין יאָר 1889 פאַרלאָזט ער רוסלאַנד און פאָרט אַריבער קיין אַמעריקע.

אין אַ קאַפּיטל זכרונות, וואָס אליקום צונזערס זון טשאַרלז צונזער האָט אָפּגעדרוקט צו זיין טאַטנס 110טן געבוירן־טאָג, דערציילט ער, צווישן אַנדערן, פאָלגנדיקן אינטערעסאַנטן פּרט:

„אייגנטלעך האָט דער פאָטער גאָרנישט געהאַט בדעה זיך צו באַזעצן אין אַמעריקע. ווי איינער פון די ערשטע אַגיטאַטאָרן, גרינדער און דיכטער פון דער חובבי־ציון באַוועגונג, איז געווען ביי אים אַ שטענדיקער באַגער זיך צו באַזעצן אין ארץ־ישראל. קיין אַמעריקע איז ער געפאָרן בלויז אויף אַ טורנע, אויף דער איינלאַדונג פון די אַמעריקאַנער חובבי־ציון.

דער גורל האָט אָבער אַנדערש געוואָלט. ביים אָנקומען פון מיין פאָטער קיין ניו־יאָרק האָט אים אַ גרויסער עולם „חובבי־ציון" און סתם־יידן מקבל־פּנים געווען אין „קעסטל־גאַרדן". ער איז דערנאָך פאַרוואָרפן געוואָרן מיט איינלאַדונגען פון די דעמאָלטיקע יידישע צייטונגען, צו דרוקן דאָרט זיינע לידער. צווישן די איינלאַדונגען איז אויך געווען איינע פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע. זייענדיק אַ „גרינער" אין די פּאָליטישע אָנשויונגען פון די פאַרשידענע צייטשריפטן, האָט ער זיינס אַ געדיכט איבערגעגעבן אין אַנאַרכיסטישן בלאַט, וועלכע האָט באַלד אָפּגעדרוקט אַ קעפּל מיט גרויסע אותיות איבער דער ערשטער זייט: „אליקום צונזער — אונדזערער אַן אַנאַרכיסט"... באַלד האָט עמעץ אָפּגעשיקט אַן אויסשניט פון דער צייטונג קיין מינסק. עס האָט זיך שוין געפונען אַ מסור, וועלכער האָט דאָס אַריינגעשיקט צום מינסקער גענעראַל־גובערנאַטאָר..."

קלאָר, אַז אליקום צונזער האָט זיך שוין קיין מינסק נישט געקענט

אומקערן. זיין פרוי מיט די קינדער האָבן זיך קוים אַרויסגעקריגן פון די פּאַליציייִשע הענט און אָנגעקומען אין אַ יאָר אַרום קיין אַמעריקע.

ווינטער, אין יאָר ניינצן הונדערט פינף האָבן די יידישע שרייבער אין ניו־יאָרק איינגעאָרדנט אַ יובילײ־פייערונג לכבוד זיין אַלט ווערן זיבעציק יאָר. ס׳איז געווען פאַר אים אַן איבערלעבונג. טשאַרלז צונזער שילדערט עס אין זיין קאַפּיטל זכרונות און ברענגט אויך די סטראָפן, וועלכע דער אַלטער פאָלקסדיכטער האָט געשאַפן עקספּראָמט אויף יענעם אָוונט און געזונגען מיטן ניגון פון זיין „שיבת־ציון״:

ווי גרויס איז מיין דערשטוינונג,
איך זע איצט מיין באַלוינונג,
אַ גאַנץ פאָלק קומט דאַנקען איינעם פאַר זיין מי;
איך זע, אַז איר פאַרגעסט נישט,
די דאַנקבאַרקייט פאַרלעשט נישט,
איר צאָלט מיר אָפּ פון אָוונט, פאַר מיין מי פון דער פרי.
פון מיינע פריילינגס־יאָרן,
ביז איך בין אַלט געוואָרן,
געאַרבעט פאַר דער אַלטער וועלט — פיל לאַסטן איך פאַרטראָג.
געאַרבעט פאַר זיי מונטער
ביז די זון גייט אונטער,
דער נייער דור, פון דער זייט ים, באַלוינט מיר פאַר מיין טאָג.

אליקום צונזער איז געווען אַ פאָלקסדיכטער פון אַזאַ פאַרנעם און חשי־בות, אַז זיין שאַפונג האָט יאָרן לאַנג באַאיינפלוסט דעם יידישן פאָלקסמאָטיוו.

די פאָרשונג און באַהאַנדלונג פון זיין ליד און קאָמפּאָזיציע גייט נאָך אָן ביז היינט. לאָמיר דערמאָנען פּראָפ׳ סאָל ליפּצינס אַרבעט אין ענגליש, וואָס איז דערשינען מיט עטלעכע יאָר צוריק אין העברעיש: „אליקום צונזר, משורר עמו״, און די צוויי בענדער „אליקום צונזערס ווערק״, אַ קריטישע און אַרומנעמיקע אויסגאַבע פון מרדכי שעכטער, אַרויסגעגעבן פון ייוואָ, ניו־יאָרק, 1964.

שמעון פרוג

אונדזער היינטיקער דור, דער דור פון אומקום און אויפקום, פון יסורים און גבורה, איז, לײדער, אויך אַ דור פון שכחה. מיט אַזאַ שכחה האָט די ליטעראַטור ביי יידן, סיי אין יידיש, סיי אין העברעיש, געזינדיקט לגבי דעם דיכטער ש. פרוג. הגם מיט פרוגן איז אייגנטלעך געשען דאָס וואָס מיט אַ סך שרייבער און קינסטלער ביי אונדז. ווער, למשל, דערמאָנט היינט אַנסקין און ווייסענבערגן? ווער געדענקט היינט ספּעקטאָרן, צי אַפילו רייזע־נען? און די העברעישע דיכטער און פּראָזאַיקער, וואָס האָבן געשאַפן ביי אונדז אין לאַנד — דערמאָנט מען דען יאָ? מיר זענען אַריין אין עפּעס אַ מין שטאַמפּ ביים אָפּצייכענען די דאַטעס פון אונדזערע קלאַסיקער — דריי אין יידיש, צוויי אין העברעיש, און שוין. אָט דער צוגאַנג מאַכט אונדז זיכער נישט רייכער; אַזאַ מאַניפעסטאַציע פאַרקלענערט דעם ווערט פון אונדזער ליטעראַטור, פון אונדזער קינסטלערישער וועלטשאַפונג אין העברעיש און אין יידיש.

לאָמיר, קודם כל, זיך באַקענען מיט אַ פּאָר פּרטים פון זיין קינדהייט, ווי פרוג דערציילט עס אַליין: ער איז געבוירן געוואָרן אין באַבראָווי קוט, איינע פון די ערשטע יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס אין כערסאָנער גובערניע, וווּהין עס איז געקומען פון מאָהילעוו זיין זיידע. זיין טאַטע איז געווען אַ ייד אַ חלוש, וואָס האָט נישט געקאָנט באַאַרבעטן די ערד — איז ער געוואָרן אַ דאָרפשרייבער. ער, שמעון פרוג, איז ביי טאַטע־מאַמע געווען אַ „ציטעריק קינד", מחמת ער איז געווען דער איינציקער פון פינף קינדער, וואָס האָט זיך דערהאַלטן ביים לעבן. רבי מענדעלע לובאַוויטשער האָט פאַר אים תפילה געטאָן און זעט אויס, אַז דאָס האָט טאַקע געהאָלפן. חוץ אַלעמען האָט ער, רבי מענדעלע, צוגעשיקט פאַר אים אַן אייגנהענטיק־געשריבענע קמיע. דער טאַטע האָט נאָך שמעונס געבורט געלאָזט שרייבן

אַ ספר־תורה, די מאַמע האָט אויפגעגייט סאַמעטענע מענטעלעך, און דאָס גאַנצע דאָרף באַבראָווי קוט איז געקומען צו דער סעודה.

חייטער גייט שוין דער אויסגעטראָטענער וועג. אין דער רוסישער דאָרפשול לערנט ער די וועלטלעכע לימודים, רוסיש, אַריטמעטיק און שיין־שרייבעריי. צו פופצן יאָר פאַרלאָזט ער די היים פון טאַטע־מאַמע, דאָס יידישע באַבראָווי קוט, די האָרעפּאַשנע יידישע ערדאַרבעטער — און פאַרט אַוועק אין נאָענטן כערסאָן זוכן אַ תכלית.

דאָס יידישע דאָרף מיט די פאַרהאָרעוועטע און פאַרמרה־שחורהטע יידי־שע ערדאַרבעטער, די מיליע פון יידישן דאָרף, די אַטמאָספער און שטימונג, וואָס ער האָט דאָרט איינגעזאַפּט, איז ווי אַ קאַרדינאַלער מאָטיוו אין אַ סך פון זיינע באַלאַדעס, פעליעטאָנען און פּאָעטישער פּראָזע. מיט די אויגן שוין פון אַ רייפן און זוכנדיקן דיכטער האָט ער צוריקגעבליקט צו די קינדער־יאָרן. מיר שפּירן עס אין זיינע ציקלען „קריטישע״, „סאַטירישע״ און „חדר״ לידער. אָט זאָגט ער: „די פעדער איז מיין סאָכע, מיין פעלד איז דאָס פּאַפּיר, און וואָס פאַר אַ מזל־ברכה איז אָנגעגרייט פאַר מיר?״.

ער האָט געהאַט אַ שיינע האַנטשריפט. ווייסן מיר דאָך, וואָס אַמאָליקע יאָרן האָט באַדייט אַ שיינע האַנטשריפט, אַ שיינער „פּאָטשעראָק״. איר דער־מאָנט זיך מסתמא ווי זיאַמע דער גאַרבער, דער גביר און העלד פון זלמן שניאורס עפּאָפּעע „שקלאָווער יידן״ איז נעבעך אומגליקלעך געוואָרן פון זיין איידעמס, מלכקע פיקס פּאָטשעראָק. און אָט, אַ דאַנק דעם שיינעם פּאָטשעראָק, נאָך גאָר אַ יונגער, איז פרוג געוואָרן אַ שרייבער אין דער קאַנצעלאַריע פון כערסאָנער ראַבינער פעסקער.

אָבער דאָס איז נישט געווען זיין וועג. אים האָט נישט געקענט באַווירקן די סביבה פון כערסאָנער ראַבינער. פרוג האָט זיך געמוזט אַליין דורכשלאָגן דעם וועג. אין יאָר 1880, אַלט זייענדיק צוואַנציק יאָר, האָט ער דעביוטירט אין „ראַזסוועט״ מיט עטלעכע רוסישע לידער, וואָס האָבן באַלד אויסגענומען ביי דער יידיש־רוסישער אינטעליגענץ און ביי די יידיש־רוסישע שרייבער. אָבער אַ יאָר שפּעטער האָט ער טיף איבערגעלעבט די פּאָגראָמען און גזירות, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די יידישע יישובים און קהילות אין רוס־לאַנד. דאָס האָט אויפגעשטורעמט זיין געמיט, און הגם ער האָט ווייטער

געשריבן אין רוסיש, איז ער אָבער געוואָרן דער יידישער דיכטער אין דער רוסישער שפּראַך, דער דיכטער, וואָס דריקט אויס די תשוקות און באַגערן, די יסורים און בענקענישן פון יידישן כלל און יחיד.

די פּאָגראָמען און די וויסטע גזירות, וואָס האָבן זיך געצומען שיטן אויפן יידישן מענטש אין צאַרישן רוסלאַנד, אין דער צייט פון זיין אויפטריט אַלס דיכטער, האָט אויסגעפּאָרמירט אין אים זיין דיכטערישע טענדענץ, ווי זיין צוגאַנג צום יידישן לעבן.

דאָס איז פרוגס מעלה און אויך זיין חסרון.

פרוג, טראָץ דעם וואָס ער האָט געשריבן רוסיש האָט ער אַרויסגע־בראַכט די טרוימען און ליידן פון זיין אייגן פאָלק, ער איז אַוועק אויף פרעמדע פעלדער, האָט אָבער נישט געזוכט קיין טעמעס און מאָטיוון, וואָס האָבן געדאַרפט זיין צוגעשפּיצט און געווענדט צו אַ גרויסן נישט־יידישן עולם. פרוג האָט זיך נישט אַסימילירט, זיך נישט אויסגעמישט, פאַרקערט, ער האָט מיט זיין יידיש ליד אין רוסיש צוריקגעבראַכט און אָפּט מאָל צוריק־געוווּנען ברייטע קרייזן און שיכטן פון דער רוסיש־יידישער אינטעליגענץ. מיט זיין ליד האָט ער אויך באַווירקט און באַאיינפלוסט די רוסישע אינטע־ליגענץ. דאָס איז געווען פרוגס פאַרדינסט, די שליחות פון זיין ליד. אַן כוונה און אויסרעכענונג האָט זיין ליד אין רוסיש אויסגעפירט אַ וויכטיקע און נישט נאָר שרייבערישע פונקציע.

וואָס איז אָבער דער חסרון? דאָס איז זיין באַציונג צום יידישן ליד, ריכטיקער — צום יידישן מענטש, צום יידישן פאָלקסלעבן פון יענער צייט; זיין באַציונג צום יידישן שרייבער, צו וואָך און יום־טוב, צו דעם האָרע־פאַשנעם און געדריקטן יידישן פאָלקסלעבן, צו די יידן פון באַבראָווי קוט, צו די יידן פון די שטעטלעך. ער רופט זיי מיט סאַטירישע עפּיטעטן, ווי: תוכחהוקע, זלידניוקע, שחינעווקע, צפרדעווקע און כדומה אַזעלכע צונעמענישן. אָט די עפּיטעטן האָבן נישט דעם טעם און די האַרציקייט פון מענדעלעס קאָזודאָיעווקע, צי פון שלום־עליכמס קאַסרילעווקע... דאָ רעדט אַרויס פון פרוגן אַ פאַרביטערטקייט געמישט מיט רחמנות, אַ גאַליקייט צוזאַמען מיט נאָענטקייט, אָבער די גאַליקייט וועגט איבער. אפשר איז עס די פאַרביטערטקייט צוליב פערזענלעכע איבערלעבונגען, צוליב אומבאַפרי־

דיקטע מענטשלעכע און קינסטלערישע אַמביציעס? און אפשר איז עס אַ פּראָדוקט פון דעם, וואָס פרוגן האָט געפעלט אין יענער צייט די אידעישע באַפליגלטקייט? אוודאי האָט ער געשריבן לידער מיט נאַציאָנאַלן פּאַטאָס, מיט סאָציאַלע פאָדערונגען, אָבער אים האָט געפעלט דער אידעישער באַנעם, דער קלאָרער צוגאַנג צו יידישע פראַגן און פּראָבלעמען. ער איז באַווירקט געוואָרן פון געשעענישן און פּאַסירונגען, נישט באַגרייפנדיק גענוג זייער אָפּשטאַם, זייערע אַנטוויקלונג־פּראָצעסן.

איינער פון זיינע קריטיקער דערמאָנט: „עס גייט אים ערשט דאָס דרייסיקסטע יאָר און ער קלאָגט וועגן זיך: „איך בין אויך אַן אַדלער געווען", און אַלץ, אַלץ האָט געזונגען פון האָפענונג און גלויבן". אָבער ער איז געוואָרן אַ דיכטער, „אַ יידישער דיכטער", און ער פרעגט: „איר ווייסט, וואָס דאָס איז?" און ער ענטפערט: „פאַרשאָלטן איז דער, וועמען גאָט האָט באַשערט צו זיין אַ משורר ביי יידן"... „עס טריפט פון מיין האַרצן מיט בלוט און מיט טרערן".

סתירותדיק זענען אָפט זיינע געפילן און שטימונגען — די סתירהדיקייט איז געקומען דערפון, ווייל פרוגן האָט געפעלט די דיכטערישע אידעע, אַ זאַך, וואָס דווקא אַזאַ דיכטער ווי ער האָט עס אַזוי נייטיק געהאַט. דאָס וואָלט אים געגעבן די גאַנצקייט פון גלויבן און וואָלט אים געפירט צו פּערזענלעכער און דיכטערישער שלימות.

און אַזוי, אין דעם אומרו און צעטרייסלטקייט פון זיינע שטימונגען, אין דעם פּראָצעס און גאַנג פון זיינע צווייפלען און אינערלעכע געראַנגלען שרייבט ער אין אַ „ווידוי־ליד", ווען ער איז נאָך געווען אַ דרייסיק־יאָריקער יונגער־מאַן:

„נאָר איינס איז מיין טרייסט, זאָל עס זיין נאָך גאַנץ ווייט
און לאַנג צו וואַרטן — איך האָף אָבער, ברודער,
איך גלייב: עס וועט קומען אַ ליכטיקע צייט
פאַר מיינע פאַרוויינטע, פאַריאָמערטע לידער:
עס וועט זיך געפינען אַן ערנסטע האַרץ,
אַ לעזער וואָס וועט צו מיר זאָגן:

אברהם ליס

— „וויש אָפּ די טרערן און טו אָפּ דיין שמאַרץ:
דיין ליד אין מיין האַרצן וועל איך אייביק טראָגן".

די מוזיקאַלישקייט און לייכטקייט פון זיין ליד האָט אָפּט געטראָפן אין האַרץ פון יידישן מענטש; דאָס געמיט פון יידישן לייענער האָט זיך אָפּט איבערגערופן מיט אים. פרוג האָט אים אָנגעהויכט מיט שטימונג, באַווירקט אים מיט ווערדע, מיט מענטשלעכער חשיבות, געלאַשטשעט זיין אויער מיט דער שיינקייט און אויסגעחלומטקייט פון יידישער לעגענדע, פון דורותדי־קער אויסגעטרוימטער ציון־דערלייזונג.

נאָר אָט גיט עס אים אַ שטויס צוריק צו דער טרויעריקער ווירקלעכ־קייט, און די ווירקלעכקייט ווערט נאָך דערדריקנדיקער און ביטערער ווי פריער, עפּעס ווי ער וואָלט זיך אַליין נישט פאַרגונען די הנאה פון שיינעם טרוים. און אפשר האָט פרוג געוואָלט דורך דעם אויפהאַלטן די גלייכגעוויכט צווישן טרוים און ווירקלעכקייט, צווישן לאָגיק און פאַנטאַזיע, און דערפאַר אַזאַ געמיש פון שטימונגען און טענער, פון לירישער ווייכקייט ביז סאַטי־רישע און בייסיקע לידער איבער די געשטאַלטן פון דער יידישער סביבה — ראַבינער און כלל־טוער, סוחרים און קהל־פאַרזאָרגער?

לייענענדיק איצט זיינע דריי בענדער שריפטן, וואָס זענען דערשינען העכער 50 יאָר צוריק אין דער בשעתו „באַרימטער" „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני" אין ניו־יאָרק (די קאָמפּאַני איז, אגב, „באַרימט" געוואָרן מיטן אַרויסגעבן די ווערק פון אונדזערע קלאַסיקער, אפילו אָן צו וויסן טאָן וועגן דעם די מחברים...) — לייענענדיק איצט נאָך אַ מאָל זיינע „ראָמאַנטישע און לירישע לידער", די „ציון־לידער", די „גלות־לידער", די „אַרבעטער־און פרייהייטס־לידער" און דעם ספּעציעלן ציקל „ניי־יאָר־און יום־טוב־לידער" — פילן מיר אָפּ כסדר זיין שטימונג, וואָס אָט שטייגט זי און אָט פאַלט זי אַראָפּ צו דעפּרעסיע און דערדריקונג.

פרוג האָט געזען דעם יידישן לייענער ווי אַ מענטש, וואָס איז נאָך נישט ראוי צו פאַרשטיין און באַנעמען פּאָעזיע, און דאָס איז געווען זיין טעות. אין דער בליצייט פון זיין שאַפן איז ער נישט מיטגעגאַנגען און מיטגעלעבט מיטן יידישן מאַסנמענטש, מיטן יידישן פאָלקסלעבן; ער האָט

אין זכות פון וואָרט

געלעבט מן הצד און נישט דערגאַנגען צו די תוך־שפּירונגען און וויבראַציעס פון יידישן מענטש. דאָס האָט וואָרשיינלעך דערפירט אויך צו אַ געוויסער אָפּגעלאָזנקייט און באַבלעסיקייט אין זיין שאַפונג אויף יידיש. אָט זאָגט ער דאָך וועגן ייד און דיכטער:

וואָס ווייס אַ ייד, ווי קען אַ ייד פאַרשטיין,
וואָס טוט זיך אין דעם דיכטערס הערץ,
ווי גרויס, ווי שווער, ווי שרעקלעך איז זיין טרויער,
ווי טיף און ברענענד איז זיין שמערץ?

אַ ייד איז גאָר צו אַנדערע געפילן
געווינט געוואָרן זינט ער האָט
זיך אויף די פיס געשטעלט און אָנגעהויבן
זיין גלייך צו לייטן — דאַנקען גאָט!

ער האָט געהאַט פון אייביק אָן אַ מגיד,
וואָס האָט אים יעדע זאַך „געזאָגט"
און הערנדיק האָט טרערן ער געגאָסן,
געזיפצט געאויקעט און געקלאָגט.

ס'איז באַקאַנט, אַז פרוג איז נאָך די פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן געוואָרן אין דער רוסישער שפּראַך דער באַדייטנדיקסטער יידיש־נאַציאָנאַלער דיכטער.

די חיותדיקייט פון זיין שפּראַך און די דירעקטקייט פון זיין פּאַעטישן אויסדרוק האָט אים אָוועקגעשטעלט אויף דער פּאָזיציע פון „זינגער פון דעם געיאָגטן פאָלק", פון דעם אייפעריקן אויסדריקער פון די יאוש־געפילן, וואָס האָבן באַהערשט די יידישע אינטעליגענץ נאָך דער אַנטוישונג אין אירע אידעאַלן.

ער האָט נאָך געהערט צו די כאַראַקטעריסטישע פּאָרזעצער פון דער השכלה־ליטעראַטור.

אָבער דאָך האָט אין אים געהויערט דער אומרו פון אַן עכטן געפילפולן קינסטלער, וואָס קען נישט גיין אין אויסגעטראָטענע וועגן. ער האָט געזוכט זיין וועג צום יידישן מאָסנמענטש.

איבעריקנס, לאָמיר נישט איבערטרייבן: פרוג האָט אין דער אַלגעמיי־נער רוסישער ליטעראַטור נישט פאַרנומען קיין גרויס אָרט. זיין אָרט ווי אַ רוסישער דיכטער איז געבליבן בלויז אין דער יידישער ספערע, אין די רוסיפיצירטע יידישע קרייזן.

פרוג האָט דאָס ליד פון נאַציאָנאַלער שטרעבונג געזונגען על־פּי רוב טאָקע אין רוסיש, אָבער אויך צווישן זיינע יידישע לידער — און לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער בעיקר געשריבן אין יידיש — געפינען מיר אַ גרויסע צאָל פון אָט דעם נאַציאָנאַלן מאָטיוו און אַ גאַנצע סעריע אונטערן נאָמען „ציון־לידער", וואָס איז אַריין אין צווייטן באַנד פון זיינע שריפטן. און אָט מיט דער מונטערקייט און מיט אַ סאָציאַלן בייטאָן רעדט ער צום „ברודער אָרעמאַן" אין זיין ליד „שטיי אויף":

מיין ליבער ברודער, אָרעמאַן,
שטיי אויף! שטיי אויף! עס איז פאַראַן
אַ גאָט אַ שטאַרקער, ליבער,
וואָס מאַכט אין לעבן אַלע גלייך,
פון טרויער — פרייד, פון אָרעם — רייך,
פון שלאָפסטן קינד — אַ גיבור...

גענוג, גענוג צו קנעטן ליים....
שטיי אויף! די מאַמע רופט אַהיים!...
זאָלסט ווי אַן אָדלער פליען!
אַ וועג אַ נייער הייבט זיך אָן:
הייב אויף דיין גרויסע אַלטע פאָן,
די פאָן, די פאָן פון ציון....

אין זכות פון וואָרט

אין דער דאָזיקער סעריע „ציון־לידער" זענען אָן ספק פאַראַן אינטע־רעסאַנטע פּאָעטישע אויסדרוקן, בילדער און אימאַזשן. זיי טראָגן אין זיך דעם אַראָמאַט און די אַטמאָספער פון פרוגס ליריזם, וואָס ער האָט געהאַט מער אין דער רוסישער שפּראַך, אין זיין רוסיש ליד.

וואָלטן מיר דורכגעפירט אַ גענויען אַנאַליז פון זיין יידיש ליד, וואָלט עס אונדז אַ ביסעלע צו וויט פאַרפירט, מחמת מיר וואָלטן דאַן געדאַרפט אַרויסהייבן אַ ריי גורמים, וואָס זייער מקור שטעקט אין דער יענערצייטי־קער יידישער שאַפונג בכלל. וואָס מיר זעען אויבנאויפיק איז, אַז פרוגס יידיש ליד, וואָס איז אָנגעהויכט און באַשטראַלט מיט אַן אוממיטלבאַרער פרישקייט פון אַן עכטן ליריקער, ווערט צייטנווייז איבערגעהאַקט מיט אַן אומבאַהאָלפענעם, אויסערלעכן און נישט זעלטן מיט אַ באַנאַלן אויסדרוק און וואָרטבינדונג, וואָס קלינגט פּלאַקאַט־מעסיק, אין בעסטן פאַל — ווי אַ מין פּובליציסטישע פּראָזע אין גראַמען. אָט די נאַכלעסיקייט פון וואָרט און אויסדרוק איז כמעט ווי נישט בנמצא אין זיין רוסיש ליד. און דאָס איז נישט שווער צו פאַרשטיין. לאָמיר געדענקען, אַז דאָ רעדט זיך וועגן אַ תקופה פון מיט זעכציק יאָר צוריק. אין דער יידישער פּאָעזיע פון יענער צייט האָט ער אַליין געדאַרפט שאַפן די מיטלען, דעם סטיל און די פאָרעם, די דיכטערישע אימאַזשן און אויסדרוקן בשעת ווען אין רוסיש האָט ער שוין געהאַט פאַר זיך אַ רייכע פילפאַרביקע פּאָעזיע, פון וועלכער ער האָט געקאָנט לערנען און שעפן.

מעגלעך אויך, אַז דאָס איז נישט די איינציקע סיבה, ווייל צו דעם קומט דאָך צו די משכּילישע ביטול־באַציִונג צו יידיש, וואָס האָט דעמאָלט גע־הערשט אין אָדעס און נאָך מער אין פּעטערבורג.

אָבער אין די לעצטע יאָרן האָט פרוג איינגעזען די גרויסקייט און חשיבות פון יידיש. ער האָט זיך דערנענטערט צו דער יידישער שאַפונג, צו דער יידישער ליטעראַטור, צו אירע בויער און פאַרמירער, און דאָס וואָס איז פריער געווען גלייכגילטיקייט, געבונדן מיט ביטול, ווערט איצט פאַר־וואַנדלט אין רחמנות, רחמנות, נעבעך, אויפן יידישן ליד. אָט זאָגט ער עס אין זיין פאָררעדע צו זיינע „אַלע שריפטן":

....„אָרעם, עלנט יידיש ליד. ווו איז דיין זיסער פרילינג, דיין ליכטיקער

פרימאָרגן, די פרישע, שטאָלצע יוגנט דיינע? טונקל און מאַט האָט אויפן פריפּעטשיק דאָס פּייערל געבערענט, געאָטעמט, געגוססט. מיט אַן אָפּגעריסענעם לאָדן האָט דער ווינט אין פענצטער געקלאַפּט. אַ בלייכע דאַרע האַנט האָט דאָס וויגעלע געוויגט: — שלאָף, קראַנק פייגעלע, שלאָף יתומהלע, שלאָף אָרעם יידיש ליד. קאַלט און שוואַרץ זענען געווען די טעג, ווען דו ביסט אויף דער וועלט געקומען".

און נאָך דעם ווי ער זעצט פאָר, און אַלץ מיט אַזאַ רחמנות־געפיל, וועגן דער מערכה פון יידישן ליד, פאַרענדיקט ער פון דעסטוועגן מיט „לעבן און בליען און וואַקסן און קלינגען זאָל דאָס אָרעם יידיש ליד"...

מיר דאַרפן אָפּשאַצן פרוגס שאַפונג אויפן פאָן פון יידישן לעבן און פון דער אויפגייענדיקער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. פון דעם קוקווינקל דערשיינט פרוג נישט נאָר ווי אַ וויכטיקער דיכטער פון זיין תקופה, נאָר ווי אַ פּיאָנער, ווי אַ פאָרגייער פון דער שפּעטערדיקער יידישער פּאָעזיע אין רוסלאַנד, פוילן און אַמעריקע.

פרוג איז געווען פון די יסוד־לייגער פון דער הייטנטצייטיקער יידישער ליטעראַטור, הגם געקומען איז ער נישט דווקא מיט אַן אויסגעאַיידלט און פּאָעטיש־אויסגעלייטערט וואָרט, נאָר מיט דעם פאָלקס־לשון און פאָלקס־אידיאָם, אָבער ער איז דאָך געווען דער באַנייער אין דער מעלאָדישקייט פון פערז, און ווי ער זאָגט אויף זיך עדות, האָט ער:

מיט אַלע כוחות, מיט דעם לעצטן צאָן,
געביסן און געריסן דעם זשאַרגאָן,
געקייט די ליבע שפּראַך פון מאַמען,
געפעפערט מיט צעזור, געזאַלצט מיט גראַמען,
צו מאַכן זי אַ ביסעלע ווייך
און צו פאַרדושען יענעם ליבן ריח
פון ווילנער מאַרק און דינאַבורגער יאַטקעס.

פרוג האָט נישט געשריבן קיין סך וועגן זיינע אייגענע, פערזענלעכע, אינטימע איבערלעבונגען, געשריבן האָט ער אַזעלכע לידער נאָר אויף וויפל

אין זכות פון וואָרט

זיי האָבן געהאַט צו טאָן מיט זיין דיכטערישער מערכה, מיט זיין אומנות פון אַ דיכטער ביי יידן. אָבער זיינע טראַגישע איבערלעבונגען — זיין ליבע צו דעם קריסטלעכן מיידל, מיט וועלכן ער האָט זיך שפּעטער פאַרבונדן, זיינע שטוביקע זאָרגן און זיינע ווידעראַנאַנדן און געראַנגלען — האָט ער גאָר נישט געבראַכט אין ליד. די טעמע פון זיין ליד איז דאָס יידישע לעבן, דער יידישער שטייגער, די בענקעניש און די נאַטור. אין די נאַטורלידער איז אים אָפט געלונגען אַרויסצוברענגען אַ צאַרטן און מעלאָדישן טאָן, און הגם אויך דאָ איז ער נאָענט צום פאָלקסמאָטיוו און געזונגענעם פאָלקס־ליד, רעדט ער אָבער מיט אַן אייגן עכט און וואַרעם וואָרט. אַ שטייגער, זיין ליד פון פרילינג —

דאָס גרינע אַקער־פעלד.
עס וואַרעמט זיך, עס פּיעשטשעט זיך,
עס שפּראָצט אַרויס דאָס קערנדל,
דערזעט די ליבע וועלט,

דערפילט די זון, די ליכטיקע,
דעם פרישן, פרייען ווינט,
עס ציט זיך צו דעם הימלשיין
און קוויקט זיך ווי אַ קינד...

געגוג געלעגן טיף אין דער ערד,
פון ליכט און לעבן ווייט,
די גרויע טעג, די שוואַרצע נעכט,
די לאַנגע ווינטער־צייט.

שפּראָצט אויף, איר זאַנגען גאָלדענע,
און פילט זיך אַן מיט זאַפט!
פאַרגיס, פאַרפלייץ דאָס פרייע פעלד,
אַ, יונגע, פרישע קראַפט!

אברהם ליס

דער פרילינג גייט... עס בליט, עס רוישט...
פאַרשווּנדן ווערן ווייט
די גרויע טעג, די שוואַרצע נעכט,
די לאַנגע ווינטער־צייט...

*

מיר האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף די אַנדערע זשאַנרען פון שמעון פרוגס שאַפן, ווי זיינע פעליעטאָנען, וואָס ער האָט געשריבן בעיקר פאַר די יידיש־רוסישע צייטונגען און וואָכנבלעטער; זיינע סקיצן און דערציילונגען, ווו ער טרעט אויף מיט אַ שאַרפער און אָפט מאָל סאַטיריש־בייסיקער פעדער, וואָס בייטשט און שמייסט די אָרדענונגען און דעם ביר־גערלעכן שטייגער־לעבן אין רוסלאַנד. דאָס זענען געווען פרוגס פרנסה־אַרבעטן אין דער פרעסע, פון וועלכער ער האָט אָפּט געליטן...

און ליידן און יסורים זענען געווען גאָר, גאָר אָפּטע געסט אינעם לעבן פון דיכטער. נויט און עלנט און קראַנקהייט, און דער טויט פון זיין איינציקער טאָכטער. און ווי האָט פאַרענדיקט שמעון פרוג, וואָס איז געווען זיין לעצט וואָרט? זיין לעצט ליד? — דערציילט וועגן דעם דוד פרישמאַן, זיין מיטצייטלער:

„אויפן קליינעם נאַכטטישל פאַר זיין בעט ליגט דאָס קליינע ביכעלע מיטן נאָמען תנ״ך, און דער קראַנקער דיכטער בלעטערט אין אים בייטאָג און ביינאַכט. ישעיהו, יחזקאל און תהלים זענען אים געלויפיק געוואָרן אויף זיינע ליפּן. און אַ מין נס איז געשען אַרום יענער צייט: דער זעקס און פופציק יאָריקער דיכטער הייבט פּלוצלונג אָן צו שרייבן לידער אויף אַ שפּראַך, פון וועלכער ער האָט פריער געוווּסט בדוחק, נאָר איינצלנע ווערטער. ער שרייבט לידער אויף העברעיש... אַ מאָל, אין אַן אָוונט, זיץ איך ביי אים פאַר זיין בעט און ער לייענט מיר פאָר זיין ערשט געדיכט אויף לשון־קודש. זיינע אויגן האָבן געברענט, און נאָר ווען ער האָט געענדיקט לייענען איז ער טרויעריק געבליבן און איז געוואָרן אומזיכער. ווי אָבער איך האָב אים געזאָגט, אַז דאָס געדיכט שטייגט אַריבער אַלץ וואָס איך האָב דערוואָרט פון אים, האָט ער מיר שטיל געדריקט די האַנט״.

דאָס לעצטע ליד האָט שמעון פרוג אָנגעשריבן אויף העברעיש. אויך דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון זיין אינערלעכן אומרו — — —

אין סך־הכל איז שמעון פרוגס אויפטו אין דער יידישער ליטעראַטור — דער אויפטו פון אַ פּיאָנער און אַ באַנייער. מיט זיין פאָלקסטימלעך ליד און געזאַנג האָט ער אויפגעמאַכט אַ נייע תקופה אין דער יידישער ליטעראַטור. ער איז געווען די בריק צווישן דער אַמאָליקער פרימיטיווער און חנעוודיקער פאָלקסשאַפונג — אַריינגערעכנט דער משׂכּילישער און בדחנישער — און דער נייער, מאָדערנער ליטעראַטור.

אברהם רייזען

דער יידישער לייענער האָט דערשפּירט אין אים אַ נאָענטן, אַ געטרייען קינסטלער, דעם אויסדריקער פון זיין געמיט און געפיל, דערשפּירט אין אים ערלעכקייט און פּשטות סיי אין זיין אומעט, סיי אין זיין שטילן, האַרציקן שמייכל. רייזען איז געווען אַן אייגענער, אים האָט מען געקאָנט גלייבן, פון אים האָט מען געהערט אַ דערמוטיקנדיקן וואָרט, אַ טרייסטוואָרט. און נאָענט איז ער געווען נישט בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט באַשריבן און באַזונגען דעם פּשוטן יידישן מענטש, אַרויסגעבראַכט דעם באַעוולטן און פאַריאָכטן — אפילו מיט אַ ניצוץ פון גלייבן אויף בעסערס און שענערס — נאָר אין אַ גרויסער מאָס דערפאַר, ווייל זיין שאַפונג פאַרמאָגט אַזאַ טיף מענטשלעכע פּשטות, לויטערקייט און קלאָרקייט.

ער איז געווען איינער פון די ערשטע נאָך די דריי, וואָס מיט זיי האָט זיך אָנגעהויבן די תקופה פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. נאָך מענדעלען, שלום־עליכמען און פּרצן זענען געקומען אברהם רייזען, ה. ד. נאָמבערג און שלום אש — יעדער מיט באַזונדערע אימפּולסן און עמאָציעס, מיט פאַרשידענעם שרייבערישן געמיט און אופן פון שאַפן, מיט אייגענע אָנלאָדונגען, דערפאַרונגען און פאָדערונגען. רייזען איז געבליבן זיך געטריי פון זיין סאַמע אָנהייב ביז זיינע לעצטע שאַפונגען.

די יידישע ליטעראַטור־שאַפונג מיט אַ זיבעציק יאָר צוריק האָט נאָך נישט פאַרמאָגט קיין ברייטע און פאַרצווייגטע וועגן. אָבער אירע שאַפער און באַנייער האָבן געזוכט צו דערגיין — ווען אפילו דורכן אַלטן היימישן שליאַך — צו אַ נייעם תוכן און נוסח.

אברהם רייזענס ערשט ליד איז געדרוקט געווען אין פּרצעס „די יידישע ביבליאָטעק". דער פופצן־יעריקער רייזען, אין קוידאַנאָוו, ביים טאַטן ר' קלמן, — אַ ייד אַ משכיל, וואָס האָט אַליין געשריבן העברעישע שירים, — איז שוין געווען באַקאַנט מיט דער יידישער און העברעישער שירה

פון יענער צייט און געווען באַאײנפלוסט פון די רוסישע קלאַסיקער.

רייזען האָט נאָך ייִנגלווייז אײנגעזאַפּט אין זיך די פריידן און זאָרגן פון דער ייִדישער סביבה. שוין אין זיין ערשטלינג־ליד זענען פאַראַן שפּירונגען פון זיין אינערלעכן אומעט, וואָס האָט אים באַגלייט און באַשײנט אַ לעבן לאַנג. תמימותדיק און ציטערדיק באַקלאָגט ער זיך אין די ערשטע אָנגעשריבענע סטראָפעס:

ווען דאָס לעבן איז פאַרביטערט
און דאָס האַרץ הייבט אָן צו קלעמען
און אַ טרער אין די אויגן ציטערט
און דערציילן האָסט נישט וועמען...

ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און רייזען איז געוואָרן דער זינגער און דערציילער פאַרן ייִדישן אַרבעטער, פאַרן ייִדישן פאָלקסמענטש, ער האָט אים דערציילט פון זיין וועלט און פון זיין לעבן, ער האָט באַזונגען זיין געראַנגל און זיינע האָפענונגען. און רייזען איז אים געוואָרן היימיש־נאָענט. אין זיינע לידער און דערציילונגען האָט רייזען געשילדערט דאָס ייִדישע לעבן און דעם ייִדישן שטייגער אין זיין שטעטל קוידאַנאָוו — דאָס איז געווען דער שטייגער־לעבן אין ווייסרוסלאַנד, אין וואָלין און אין דער ליטע. ער האָט אַרויסגעבראַכט האָרעפּאַשניקעס און אינטעליגענטן, שטעטלשע גבירים אין זייער פאַרריסנקייט און דאָס אָרעמע כלה־מיידל, וואָס שאַפט זיך איין איר אויסשטייער מיט מי און טרערן... מיט אַ באַזונדערער ליבע האָט ער געשילדערט עלנטע און איינזאַמע מענטשן, זייער צער און פאַרלוירנקייט, זייערע חלומות, זייער שטילן פּיין און יאוש. אָבער רייזענס האַרציקייט און דינער טרויער, זיין אוממיטלבאַרקייט און אייגענער גלויבן לאָזט נישט פאַריאושט ווערן די איינזאַמע, פאַרליטענע געשטאַלטן זיינע.

אַן אייגנאַרטיקן געבוי און ריטעם פאַרמאָגן זיינע קורצע דערציילונגען און סקיצן. זיי זענען קאָנקרעט און זאַכלעך. נישטאָ קיין איבעריק וואָרט. נישטאָ קיין אָרנאַמענטן און פליטערלעך. פון זיינע דערציילונגען הויכט מיט חן פון פּשטות, און הגם זיין דערציילונג איז, נאָך אָפטער ווי זיין ליד,

אָנגעצילט צו דערזוייזן דעם אומיושר אויף דער וועלט, איז אים אָבער, קודם־כל, געגאַנגען צו וויזן דעם מענטש, זיינע טיף פאַרבאָרגענע קנייטשן און שוואַכקייטן. אָבער ס׳מאַכט נישט אויס, רייזען גלייכט זיי אויס און דערהייבט זיי. און וועך זענען דען נישט זיינע מענטשן־געשטאַלטן ? — אַ פאַראומערטע קליינשטעטלדיקע יידענע און אַ רעוואָלוציאָנער, אַ פאַר־זעסן מיידל און אַ יוסטער קרעמער אויפן מאַרק ; מלמדים, מעקלערס, און טיפן פון יידישן שטעטל און זייער שפּעטערדיקע איבערגעשטאַלטיקונג און איבערפאָרמירונג אין דער נייער היים, אין אַמעריקע.

זיינע העלדן שילדערט ער מיט אַזוי פיל צאַרטקייט און אינערלעכער פאַרבונדנקייט, אַז אפילו ביי די נידעריקסטע און געפאַלנסטע קאָן מען אויס־געפינען אַ שטראַל פון שיינקייט, פון אָרנטלעכקייט און מענטשלעכקייט. און אַט די ליבע האָט דערשפירט דער יידישער פאָלקסמענטש. ווייל רייזען האָט אים נישט געשטראָפט און נישט געמוסרט, נישט געוויזן אים תמיד זיינע חסרונות און שוואַכקייטן. להיפּוך, ער איז מיט דעם שוואַכן און פאַרלאָרענעם מיטגעגאַנגען אַ שטיקל וועג און אים אָנגעפילט מיט גלויבן און האָפענונג אין אונדזער לעבן און שאַפן, גלויבן אינעם יידישן וואָרט, אין יידישן ליד :

דאָס יידישע ליד זיך וועבט
אין וועלט אין אַלע עקן ;
עס רופט, עס זינגט, עס לעבט !
דו ועסט אונדז נישט דערשרעקן.

ועמען האָט מען אַזוי איפעריק געזונגען — סיי באַבעס, סיי איי־ניקלעך, ווי רייזענען ? ס׳איז נישט אָפּצושאַצן די באַדייטונג פון רייזענס דיכטונג פאַר דעם קולטורעלן רייף ווערן פונעם יידישן מענטש און פאַר דער אַנטוויקלונג און אויפשטייג פון יידישן שאַפן. יאָרצענדיליקער האָט מען געזונגען זיין „הוליעט הוליעט״, „קירכנגלאָקן״, „מאי קא משמע לן״, „צו אַ ברודער״. עטלעכע דורות האָבן מיט דבקות געזונגען :

אין זכות פון וואָרט

און זאָל ווי ווײַט
נאָך זײַן די צײַט
פון ליבע און פון שלום, —
דאָך קומען וועט,
צי פרי, צי שפּעט
די צײַט — עס איז קיין חלום.

אָט די לידער, וואָס מיט זייער געוואָגטן און אויפמונטערדיקן טאָן האָבן זיי אַרויסגערופן קאָמפּגרייטקייט אין יענע הערויִשע, רעוואָלוציאָנערע יאָרן קעגן צאַרישן רוסלאַנד, האָבן פינף און דרייסיק יאָר שפּעטער נאָך באַווירקט יידישע אַרבעטער אין די געטאָס און לאַגערס ביי דער נאַצישער חיה־רעה.

ליבשאַפט און גלויבן אין מענטש, בטחון, אַז די וועלט וועט זיך נאָך באַפרייען פון אַלדאָס שלעכטס — איז אַן עיקר־מאָטיוו אין זיינע הונדערטער און הונדערטער לידער, וואָס פאַרמאָגן אַזאַ מערקווערדיקן ליריזם, אַזאַ קרעפטיק אויסגעשמידטן פערז און אַזאַ קערנדיקע פאָטיש־פאָלקסטימלעכע שפּראַך.

ס׳איז באַקאַנט, אַז במשך פון אַ סך יאָרן האָט זיך די יידישע אָפיציעלע קריטיק באַצויגן צו רייזענס שאַפונג מיט צוריקגעהאַלטנקייט, עפּעס האָט נישט אימפּאָנירט זיין קאָנקרעטע טעמאַטיק און זיין רעאַליסטישע פאָרעם. גראָד ווען דאָס פאָלק האָט אים אַזוי התלהבותדיק אויפגענומען, איז ער אין משך פון אַ לאַנגער צייט געווען דורך דער קריטיק אַ נישט־דערשאַצטער. בשייכות מיט דעם האָט אברהם רייזען באַלויכטן אַ מאָל זיין צוגאַנג צו ליטעראַטור און צו זיין אייגענעם שאַפן: „כאָטש איך שרייב און זינג קלאָר, בין איך אָבער נישט אַזוי פשוט, ווי די קריטיק וויל מיך פאָרשטעלן. דווקא דאָס קלאָרע איז טיף און דאָס פאַרפּלאָנטערטע איז אַ מאָל פלאַך... געוויס זענען מיינע דערציילונגען געשריבן אויף אַ רעאַלן באָדן, אָבער נאָר מיט אַזאַ שטייגער שרייבן קאָן מען זאָגן נאָך עפּעס צו דעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרן... פאַרמענטשלעכן דאָס לעבן — דאָס איז די העכסטע מדרגה. אָבער ס׳הייסט נישט, אַז איך בין אויסן די פינף קאַרטאָפל, צי אפילו דעם גמילות־חסד, צי די קאָפּאָטע און די שטיוול אין „מאי קא משמע לן"... איך האָב

נישט ליב סימבאָליק, וואָס איז געשריבן אין סימבאָלישער פאָרעם, איך האָב אָבער ליב סימבאָליק, וואָס דרינגט אַרויס פון אַ רעאַלער דערציילונג און אפילו פון אַ רעאַליסטיש ליד..."

רייזען איז געווען אַ יידישער סאָציאַליסט. אַ צייט לאַנג איז אים ווייט געווען דער ציון־געדאַנק, פון דעסטוועגן האָט ער פאַרשטאַנען און באַנומען די פאָלקס־תשוקה צו ציון, ווי ער ברענגט עס אַרויס אין זיין ליד „די שטילע שמונה־עשרהס":

„שטילע שמונה־עשרהס אין די לאַנגע יאָרן,
ווייטע תפילות! — נאָענט זייט איר מיר געוואָרן,
איך געדענק די ווערטער, איך געדענק די טרערן,
„צו ירושלים זאָלסטו אונדז אומקערן".
— — — — — — — — — — — — — — —
זאָגט נישט אַ מתנה! כ'וויל עס גאָר נישט הערן:
וואָס עס בעטן דורות, מוז מקויים ווערן.

אַ שטיקל צייט פאַר זיין טויט האָט ער זיך געקליבן צו קומען קיין ישראל און נישט באַוויזן.

מאַני לייב

עס איז מער ווי אַ ליטעראַרישער אויפטו דאָס ווונדערלעכע בוך „לידער און באַלאַדן — שירים ובלדות״, וואָס איז דערשינען צו דעם צענטן יאָרצייט פון דעם „פרינץ פון ליד״, ווי עס האָט וועד ריכטיק אָנגערופן מאַני לייבן.

קודם־כל די עצם זאַמלונג. דאָ האָבן מיר אַ מאַניפעסטאַציע פון זיין ניגונדיקער ליריק, פון זיין פאָלקסטימלעכער באַלאַדע, פון זיין מייסטערישן ליד. והשנית, די בריהדיקע איבערזעצונג פון שמשון מעלצער, וואָס האָט שוין זיין פאַרדינסט ביים אַריינברענגען יידישע פּאָעזיע, יידישע דיכטער אין דער העברעיִשער שפּראַך. דער לייענער פון דער ערנסטער ליטעראַטור וועט דאָ געניסן פון דער שיינקייט און מעלאָדישקייט, וואָס דער מייסטער פון דער יידישער פאָעזיע מאַני לייב האָט געשאַפן, וואָס ער האָט געזונגען און באַזונגען במשך אַ יובל יאָרן. דערצו איז דאָס אַרויסגעבן גופא פון בוך טאַקע אויך אַ געזעלשאַפטלעכער אויפטו פונעם פאַרלאַג. עס איז געדרוקט אַ זייט קעגן אַ זייט — אחד מקור ואחד תרגום — אַ נייטיקע און קאָנסטרוק־טיווע פאָרעם צו באַקענען דעם העברעיִשן לייענער מיט יידישער שאַפונג. און אפשר טאַקע מער ווי דאָס. ווייל מען, איז עס מהותדיקע פאַרבינדונג. איך וואָלט אפילו געזאָגט: אַ וויכטיקע שטיצע אין אויפשטעלן די גייסטיקע בריק צווישן מדינת ישראל און יידיש פאָלק אין דער וועלט.

וואָס איז געווען מאַני לייב אין דער יידישער ליטעראַטור, אין דער יידישער פאָעזיע? אין אַ ליד דערקלערט ער:

איך בין מאַני לייב, וועמעס נאָמען
איך בין מאַני לייב, ווייט און ברייט אַ באַוווסטער,
פון בראָנזוויל ביז יעהופּעץ — העט;
מיט אַלע שוסטער — אַ גוטער שוסטער,
מיט אַלע פּאָעטן אַ גוטער פּאָעט.

אבר הם ליס

ס׳איז טאַקע פאַראַן אין די שורות אַ היפּשע דאָזע טראַגיקע, ווולגאַרי־שע געהנדלטקייט. אָבער אַן אמת איז עס. געווען איז ער אַ קאָמאָשן־שטעפּער, און משמעות אין זיינע יונגע יאָרן אויך ליב געהאַט דאָס פאַך. און אַ פּאָעט — איז ער דאָך געווען און פאַרבליבן איינער פון די פאַרמירער פון דער מאָדערנער יידישער דיכטונג. זיין טיפער פערזענלעכער געפיל, זיין רייכע אינעוויניקסטע וועלט, זיין כישופדיקע מעלאָדישקייט און זיין דיכטע־רישע וויזיאָנערישקייט האָבן אים באַלד אָוועקגעשטעלט אין צענטער פון יידישן ליד. ער איז געוואָרן דער פאַרזאָגער פון די יונגע — פון דער גרופּע „יונגע" אין אַמעריקע, וואָס זייער שול און ריכטונג האָבן געהאַט אַ קאָנטיקע השפעה אין דער יידישער ליטעראַטור. איציק מאַנגער אין דעם אַריינפיר צו דעם בוך זאָגט: „מאַני לייב איז געווען דאָס שיינדל פון די „יונגע", דער ליריקער פּאַר עקסעלאַנס, אַ מין יוסף צווישן די ברידער־פּאָעטן, נאָר אָן דער קנאה פון די ביבלישע ברידער. פאַרקערט, די ברידער־פּאָעטן האָבן זיך געגרייסט מיט אים. זיי האָבן אים אויך אָנגעטאָן דאָס זיידענע יחוס־העמדל, וואָס האָט אים געפּאַסט אויסגעצייכנט. ער האָט דאָס זיידענע העמדל געטראָגן מיט חן און מיט ווערדע אַ לעבן־לאַנג. אָנגעהויבן פון זיין אויטאָפּאָרטרעט „איך האָב מיין מאַמעס שוואַרצע האָר און גרינע אויגן", ביז צו זיין עפּיטאַף: „דאָ ליגט הערש איציקס זון מיט שערבלעך אויף די אויגן". אָט צווישן די צוויי לידער ליגט איבער פופציק יאָר פון מאַני לייבס פּרעכטיק־דיכטערישן געוועב, די דין־ניואַנסירטע ליריק, דער איכישער טרויער. ער זינגט וועגן זיין היים אין ניעזשין און אַמעריקע:

ניו־יאָרק, ניו־יאָרק, ווי זאָל איך לויבן
דיין פּראַכט, דיין גרויסקייט און דיין רום?
איך ליג אַ שטויב אין דיינע שטויבן,
און פאַר דיין גרויסקייט בין איך שטום.

און דאָך זאָגט ער אינעם זעלבן ליד:

אויך איך האָב דאָ אין טריט געטראָטן
אויף דיין צעשפּיגלטן אַספאַלט

אין זכות פון וואָרט

דאָ — אומגעזוכט פון גליק דעם שאָטן,
דאָ — מיט זיין שאָטן אויפגעשטראַלט.

אויפגעשטראַלט! ווי אַ דיכטער, וואָס זיין מאָטיוו און טעמע איז כמעט שטענדיק אייגענע שטימונג און איבערלעבונג, קרייצן זיך ביי אים — אָדער, ריכטיקער, דערגאַנצן זיך — דער אומעטיקער אימאַזש און טאָן מיטן אויפשפּיל פון הייטערקייט פון פריידיקע מינוטן. די וועלט איז שיין און גוט; זי קאָן זיין שיין און גוט. אַנישט, וואָלט ער דאָך נישט געקאָנט זינגען און דערציילן זיינע וווּנדערלעכע לידער פאַר קינדער. מאַני לייבס קינדערלידער! געדענקט איר דעם „יינגל צינגל כוואַט", דאָס „ליד פון ברויט" און „וווּנדער איבער וווּנדער"? ביז אַנומלט, ווען יידישע קינדער האָבן אין די שולן און אין די היימען געזונגען יידישע לידער, ווען יידישע לידער פלעגן ווערן רעציטירט — ביז דעמאָלט זענען דאָך אָט די לידער געווען פון די סאַמע לעבעדיקסטע און פּאָפּולערסטע אין דער יידיש־קינדערישער וועלט.

איך ווייס נישט ווי ביי אַנדערע, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז אַ דיכטער וואָס שרייבט קינדערלידער איז טאָפּלט אין באַדייט און ווערטיקייט. און נישט נאָר וויל ער מוז טראָגן אַ ליבשאַפט צו די אָרנטלעכע און צאַרטע וועזנס. ער שטייט דאָך אויך פאַרן סאַמע ראַפינירטסטן און אוממיטלבאַרסטן לייענער — דאָס קינד.

אין דער קינדערוועלט — האָט מען געזאָגט וועגן מאַני לייבן — איז ער געקומען נישט ווי קיין אורח אָדער גר. דעם זעלבן הימל, וואָס ער האָט אויסגעטרוימט פאַר גרויסע, האָט ער מיטגעבראַכט פאַר זיי. אָט ווי שפּילעוודיק, האַרציק און יינגל־צינגל־כוואַטעדיק ער איז אין זיין „אַ זון מיט אַ רעגן":

מיט די זילבערנע פּיסלעך
לייכט, לייכט און לינד
האָט געטאַנצט דער רעגן
מיטן גאָלדענעם ווינט.

אברהם ליס

האָט געטאַנצט דער רעגן
אין זיין העלער קרוין
איבער ליכטיקע גאַסן —
איבער עלפּנביין.

די וואָס קענען נישט די שאַפונגען פון מאַני לייבן, זאָל זיי חלילה נישט איינפאַלן צו טראַכטן, אַז זיין ליד איז געבונדן בלויז צו אויסדרוקן פון זיין שטימונג, צו זיין שפּירונג, צו זיין דיכטערישער ראָמאַנטיק. אמת, ער זוכט נישט און ווענדט זיך נישט צו אַלע פאַרלויפעניש׳ן און געשעענישן. אָבער אַ פיבערדיקער און אייפעריקער נעמט ער אויף, צום אַלעם ערשט, דעם אַלוועלטישן הומאַנעם ווילן, פאַר וועלכן ער איז אפילו אין די יונגע יאָרן געזעסן אין צאַרישער תפיסה. זיין דראַנג איז געווען פאַר אַ יושרדיק, פריי לעבן. דער לויטערער קינסטלער און שפּראַך־מפונק באַגלייט טאָקע נישט אָט דעם שטרעבן זיינעם מיט קיין סאָציאַלן פּאַטאָס, מיט קיין שטאַרקע ווער־טער. ער ווירקט דאָ אָבער טיפער מיט זיין אַנדערשדיקן טאָן, מיט זיין פאָלקסטימלעכן בילד, מיט ראַפינירטן דיכטערישן אויסדרוק, מיט זיין אייגנאַרטיקער מעלאָדישקייט.

„דאָס מוזיקאַלישע — אין דער יידיש־פּאָעטישער טראַדיציע — שרייבט מאַנגער אין אַריינפיר צו דעם בוך — איז געווען דאָס יידישע פאָלקסליד. די „יונגע" האָבן דאָס דערשפּירט און זיך דערפרייט מיט דעם פאָלקסליד. מאַני לייב... האָט מיטן פאָלקסליד־קלאַנג אין די אויערן געשאַפן אמתע ליריי־שע פּערל, לידער, וואָס געהערן צו די שענסטע אין אונדזער ליטעראַטור...

די יידישע מוזע — אַ מין סינדערעלאַ, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג באַווײנט אירע יונגע יאָרן אונטער דער חופּה, ווען דער בדחן האָט איר אַריינגעגרילצט זיינע הייזעריקע מוסר־גראַמען. — די יידישע מוזע מיט איר אייגענער פרייד און אייגענעם טרויער, זי האָט אָנגעהויבן זינגען, און דער בדחן איז נעלם געוואָרן..."

אוודאי איז מאַני לייב, ווי אַנדערע גרויסע דיכטער און קינסטלער, געווען אַ געראָטענער אויפוווקס פון שטייגער און גאַנג, פון דורותדיקער יידישער שאַפונג. „ער האָט געהאַט וואָרצלען אין אַ יידיש־פּאָעטישער טראַ־

דיציע. זיין ליד איז געווען אַ שטאָפּל העכער. זיין ליד — אַ ראַפינירטע אַוואַנטורע, ווי מאַנגער רופט עס אָן — ווו שאָטן פּאָרט זיך מיט שאָטן און די פליִיט מיטן האָרן״.

...ער איז געווען דער שאַרמאַנטער פּרינץ פון דער יידישער ליריק. יעדער מאָטיוו, וואָס ער האָט אָנגערירט, האָט געגומען ציטערן, זינגען מיט עכטקייט און איבערלעבונג, מיט זעונג און אַנטפּלעקונג. אפילו זיינע באַלאַדן, וואָס זענען פאָלקסטימלעך און פאָלקסטאַניק, טראָגן אין זיך דעם חותם פון דיכטערישער אַריסטאָקראַטישקייט. והראיה, ווייזט אָן מאַנגער: „נעמט דעם שניידער־מיידל־מאָטיוו אין דער יידישער פּאָעזיע פון פּרץ־ווינטשעווסקי־ראָזענפעלד — אין מאַני לייבס ליד „אויף דער פינפטער עווענױ״:

אויף דער פינפטער עווענױ, אין אַ ווייסן מויער,
אין אַ ווייסן מויער, אויפן דרייצנטן שטאָק,
נייען מיידלעך און וואַרטן אין דער בלייכקייט פון טרויער
אויפן פוילן סיגנאַל פונעם אָוונט־גלאָק.

נאָר דער גלאָק שלאָפט פויל אין אַ זומפּ פון שטונדן,
און דער טאָג ליגט קראַנק אין דעם שטיין פון ווענט,
און די נאָדלען ווײנען און באַוויינען וווּנדן,
און דאָס זייד שאָרכט, שאָרכט אין די מיידלשע הענט...

ווייסער זייד, ראָזער זייד, פיאָלעטער און בלאָער,
און די נאָדלען ווײנען דין און טויב.
און די זון אויף די פענצטער אין דער בלייכקייט פון טרויער
קריכט אין די הייסע זיילן פונעם גרינעם שטויב...

און די נאָדלען ווײנען און באַוויינען וווּנדן.
און דאָס זייד שאָרכט, שאָרכט אין די מיידלשע הענט.
און דער טאָג ליגט קראַנק אין די וווּנדן פון שטונדן
איבער מיידלשע הענט, אינעם שטיין פון די ווענט.

אברהם ליס

איך האָב געבראַכט דאָס גאַנצע ליד נישט כדי צו אילוסטרירן דאָס טיפּישע און באַקאַנטע אַרבעטער־ און שאַפּ־מיליע פון יענער צייט. איך וויל דאָ אָנדייטן אויף דער כאַראַקטעריסטישער שטימונג און אַטמאָספער, אין וועלכער מאַני לייב איז מסוגל צו דערהייבן אָט די סאָציאַלע און שטייגערישע בילדער.

דאָס איז מאַני לייבס גרויסקייט, זיין באַזונדערקייט און אָריגינעלקייט אין דער יידישער דיכטונג.

אביגדור המאירי

אַביגדור המאירי איז אַ קאָלירפולע געשטאַלט אין דער העברעישער ליטעראַטור. ער איז אַ דיכטער מיט פאַרנעם, אַ דערציילער און אַ ראָמאַניסט, ער איז אַ טעמפעראַמענטפולער פובליציסט, אַן איבערזעצער פון וויכטיקע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור, אַ פאָרשער און אַנטפלעקער אין דער העברעישער שפּראַך, אין תנ״ך, אַ פּיעסן־שרייבער און אַן עסייִסט. און ועל כולם איז ער אַ געזעלשאַפטלעכער מענטש און אַן עקשנותדיקער קעמפער פאַר אידעען, וואָס דאַרפן באַשיינען און באַגליקן אונדזער וועלט — און דעם יידישן לעבן.

ער שטאַמט פון אַ לאַנד, וואָס האָט יונגע קינסטלער אָנגעהויכט מיט געוואַגטקייט און טראַציקייט. אונגאַרן האָט אַ שם מיט אירע קעמפערישע טאַלאַנטן. און אביגדור המאירי (מנחם פאַירשטיין, ווי ער האָט אַ מאָל געהייסן) האָט אין זיין יוגנט איינגעזאַפּט סיי דאָס טראַדיציאָנעלע יידישע און אַלטפאָלקישע פון זיין טאַטן און זיידן, סיי דאָס ראָמאַנטיש אומרויִקע פון זיין קאַרפּאַטאָרוסיש־אונגאַרישער סביבה. המאירי שטאַמט פון יידן למדנים, תלמידי חכמים און קענער פון העברעיש.

זיין זיידע פון דער מאַמעס צד, אַ גוטבאַזיצער, ביי וועמען אַביגדור המאירי האָט זיך אויסגעהאָדעוועט, איז געווען פון די ערשטע העברעישע ציישונגס־לייענער אין אונגאַרן. איז דען אַ חידוש, אַז דאָס קינד האָט זיך פאַרהיימישט און פאַראייגנט מיט העברעיש און אַז זי איז געוואָרן די שפּראַך פון זיין דענקען און שאַפן? שפּעטער צו לערנט ער אין דער פּרעשבורגער ישיבה און צו פופצן יאָר ווערט ער אָנגענומען אין דער מיטלשול פון די רעפאָרם־ראַבינער אין בודאַפּעשט. אָט אַזוי קייטלט זיך און פאַרמירט זיך אויס ביי אים, אויף יאָרן שפּעטער, די פאַרבינדונג פון דעם וועלטלעכן און יידישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. און הגם המאירי וויל זיי דערפירן צו שלימות, צו גאַנצקייט און באַהעפטונג, געלינגט עס אים

נישט תמיד. און ער זאָגט אַליין וועגן דעם אין זיינס אַ ליד, וואָס איז מער ווי אַן אָנדייטונג פון זיין געראַנגל און אינערלעכן פילן, פון יידישקייט און וועלטלעכקייט:

בײַ די מזרח־טײַכן זיצט די ערשטע,
און פון אירע אויגן קוקט אַרויס דער גאָט פון שלום;
בײַ די מערב־טײַכן זיצט אַ צווייטע,
אַ פאַרטרוימטע אין אַ רויטן חלום.

זאָגט ריכטיק וועגן דעם דער איבערזעצער מ. יאָפע:* „באַהערשט אים דער רויטער חלום, טאַנצט אַרויס זיין הפקרדיק צעקלונגען ליד „שירת יתומתי" און אַנדערע לידער מיט זייערע כלומרשט שיכורדיקע, צעהוליעטע באַגלייטונגען. קוקט אָבער אַרויס פון זיינע אויגן דער גאָט פון שלום — גייען אויף ביי אים די האַרציק רירנדיקע ניגונים פון די „מוטער־לידער", די זוניקע ארץ־ישראל־לידער, די משיח־לידער, די תפילות, און בכלל די יידישע נאַציאָנאַלע געזאַנגען"...

אַביגדור המאירי האָט אין דער העברעישער פּאָעזיע אַריינגעפירט דעם עקספרעסיאָניסטישן טאָן. ווי אַ דיכטער און ווי אַ וואָרטקינסטלער מיט באַזונדערע אייגנשאַפטן, איז געווען פאַר אים באַטירלעך די דאָזיקע ריכטונג. זיין שטורמישע און דינאַמישע נאַטור, זיין שאַרפע וויזיאָנערישקייט, זיין אומרו און געוואַגטקייט האָט געלייגט דעם חותם אויף אַלע זיינע שאַפונגען, סיי אין פּראָזע, סיי אין דער פּאָעזיע.

זיינע ערשטע לידער, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט, האָבן באַלד איבער־ראַשט דעם דעמאָלטיקן העברעישן לייענער. זיי האָבן נושא חן געווען ביי ביאַליקן, וועלכער האָט זיי געדרוקט אין זיין זשורנאַל „השלוח". אין המאירים ליד איז געווען אַ נייער צוגאַנג, אַ נייער סטיל און אַ נייער ריטעם.

אָט ווי אַנדערש ער זינגט אפילו וועגן אַזאַ „באַקאַנטן" מאָטיוו, ווי „פון דער יידישער פּיין":

* די ציטאַטן זענען פון מ. יאָפעס איבערזעצונגען.

אין זכות פון וואָרט

צוויי אויגן דאַרשטיקע, פאַרשפּאַרט אין שאַרבן —
דורך זייער פאַרהאַנג שפּילט דער נישט אין זיין צעשווינד.
רבונו של עולם,
ס'איז קראַנק און שוואַכזעיק אַזוי דיין ליבלעך קינד.

נישט טריף געזאַנג מיר דורך דיין גרויסער זון־שיין —
איך קאָן אויף דיר נישט קוקן, ס'איז מיין אויג פאַרבלענדט.
רבונו של עולם,
צעטייל דיין שיינקייט, ווי די גראַשנס אין די הענט.

ס'איז שטאַרק אַזוי די שיין, און אַזוי יידישלעך — מיין לשון.
און מיין ירושה איז מיין וואָרט, וואָס איז פאַרטרערט.
רבונו של עולם,
צי דען האָסטו גערעדט אַ מאָל און כ'האָב דיך נישט געהערט?

המאירי איז פון די ערשטע, וואָס האָבן דורכגעבראָכן אַ נייעם וועג אין דער העברעישער דיכטונג. ער געהערט צו די יחידים, וואָס האָבן פאַר־וואָרפן די אַלטע נוסחאות פון מליצה און פון סענטימענטאַל פאַרוויגנדיקער שירה. מוזיקאַלישקייט און אָפּגעהיטענער ריטעם איז תמיד דאָ אין זיין ליד. אָבער צו דעם איז אויך פאַראַן דער אינהאַלט און אָטעם פון צייט און סביבה. נישטאָ ביי אים די געצערטלטע, געפּלעגטע און צוגעקליבענע ווערטער. נאָר להיפוך, זיין פערז איז געלאָדן מיט אָפּענעם און נאַקעטן אויסדרוק, מיטן אויסדרוק פון תקופה און פון די געשעענישן וואָס זענען געוואָרן ווענדפּונקטן אין זיין לעבן און שאַפן, וואָס האָט באַאיינפלוסט זיין גאַנג און גורל שוין אין אָנהייב פון זיין דיכטעריש־שרייבערישער געשטאַלטיקונג:

אונדזער נאַציאָנאַלע אויפוואַכונג, דער העראָישער אויפגיי פון בויער און פּיאָנער, די חלוצישע באַוועגונג אין די אַלטע היימען אין אייראָפּע. און באַלד נאָך דעם עפּעס אַנדערש, דאָס פאַרקערטע. די ביטערע דערפאַרונג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס ברענגט מיט זיך נויט און אומגליק און פאַרשקלאַפונג. אַביגדור המאירי האָט זיך אָנגעשלאָסן ווי אַ פרייוויליקער

אין דער אונגאַרישער אַרמיי. און זייענדיק שוין אַן אָפיציר, אַריינגעפאַלן אין רוסישער געפאַנגענשאַפט. אַט די איבערלעבונגען פון מלחמה, דער מלחמה־גרויל, וואָס ער האָט געפילט און דורכגעמאַכט, די פאַרשיקונג ווי אַ געפאַנגענער קיין סיביר, — דאָס אַלץ באַקומט אַ שטאַרקן און קינסטלעריש־אוממיטלבאַרן אויסדרוק אין זיין בוך „ספר השירים״, אין די סעריעס „טעם מיתה״ און „בפרדס הצעיר״. ס׳איז דער אויסגעשריי צו דער וועלט, ס׳איז אַ וואָרענונג קעגן די רציחות און בלוט־פאַרגיסונג, פון איינעם, וואָס האָט זיך באַטייליקט אויפן שלאַכטפעלד. יאָ, און אפילו דאָרט און דעמאָלט אויך דערפילט די באַזונדערע שׂנאה צום ייד, אין אַ וועלט פון האַס און געפאַר.

פון ספּעציעלער באַדייטונג זענען אַביגדור המאיריס לידער פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אָבער נאָך מער ווי אין ליד קומען אַט די בילדער און איבערלעבונגען און זיינע באַטראַכטונגען וועגן דעם וואַנזין און פאַר־ברעכן פון מלחמה אין זיינע דערציילונגען פון יענער צייט, אין זיין בוך „השגעון הגדול״ („דער גרויסער וואַנזין״), וואָס האָט געמאַכט אַן אויפטרייס־לענדיקן איינדרוק הן מיט דער אויטענטישקייט און הן מיט דער געוואָגטער און דרייסטער שילדערונג. ס׳איז דאַכט זיך דאָס איינציקע גרויסע ווערק אין העברעיש, וואָס ברענגט אַרויס אין אַזאַ פאַרנעם די ערשטע וועלט־מלחמה. און ס׳ווילט זיך זאָגן: דאָס בוך איז דערשינען שוין נאָך דעם ווי ס׳זענען אַרויס ווערק פון שרייבער אין דער וועלט־ליטעראַטור, ווי אנרי באַרביס, ראָמען ראָלאַן און דאָס אין יענער צייט אַזוי פּאָפּולער געוואָרענע ווערק פון רעמאַרק „אויפן מערב־פראָנט נישטאָ קיין נייעס״. וואָלט דאָס בוך פון המאירי דערשינען אין איינער פון די וועלטשפּראַכן, אין אַ שפּראַך וואָס קען געלייענט ווערן פון מיליאָנען, איז גאָר קיין ספק נישט, אַז דער אָפּקלאַנג פון אַט דעם ווערק וואָלט געווען אַן אַן ערך גרעסער. פון דעם „השגעון הגדול״ גייט אויף דער טיף מענטשלעכער און טיף יידישער רוף קעגן מענטשנמאָרד, קעגן דעם אַלעם בייזן, וואָס מלחמה טראָגט אין זיך, און באַזונדער די ליידן פונעם ייד, אפילו ווען ער איז אַ קעמפער אויפן שלאַכטפעלד.

ס׳איז באַוווסט, אַז אוניווערסאַלע שאַפונג בלייבט שטענדיק אַקטועל.

און כדאי צו באמערקן, אז די ליטעראטור פונעם צווייטן וועלטקריג האט נישט „פארשאטנט״ דעם ווערט און די באדייטונג פון המאיריס „השגעון הגדול״. פארקערט, אט דאס ווערק, ווי אלע אנדערע פון פאציפיסטישער טענדענץ, איז געווען דער אנזאגער און ווארענער קעגן דעם, וואס עס קען קומען — אויב די וועלט וועט פארגעסן די ערשטע וועלט־מלחמה.

מיר ברענגען דא צוויי סטראפן פון די „מלחמה־לידער״, וואס האט אין זיך אי די דיכטערישע רויקע געפרעסטקייט, אי די שטורמישע אנלאדונג — „א ראזער פלעק״:

דאס איז דער וועג. און צו גיין אויף אים בין איך
מיט הערלעכן טרויער שוין לאנג א געגרייטער;
און גוט וואס מיין פוס איז געווענדט צו גיין ווייטער,
און גוט וואס א וועג איז נישטא שוין קיין צווייטער.

און גוט וואס איך האב נישט ווער ס׳זאל מיך פארהאלטן,
קיין זיכערע צוקונפט, קיין מענטש צו געדענקען;
און כ׳האב נישט קיין ווייב און קיין הויז און קיין גארטן
און כ׳האב נישט נאך וואס און נאך וועמען צו בענקען.

גרויס איז, פארשטייט זיך, אביגדור המאיריס צושטייער צו דעם מאטיוו און צו דעם געזאנג פון ארץ־ישראל. זיין עולה זיין (אין יאר 1921) איז געווען פאר אים די פארווירקלעכונג פון א גרויסן חלום. און טאקע ווי אין א חלום איז ער ארומגעגאנגען איבער די זאמדיקע וועגן און שטעגן און אויסגעזונגען זיין ליד מיט התלהבות און מיט יענער אויסטער־לישער בענקשאפט, וואס האלט נאך אלץ אן, אפילו ווען מ׳האט שוין דערגרייכט דעם ציל. און זאל דערמאנט ווערן, אז געקומען איז המאירי קיין ארץ־ישראל שוין מיט א סטאזש פון א העברעישן און אונגארישן שרייבער, און צוויי פון זיינע פיעסן האט מען שוין געהאט אויפגעפירט אין אונגארישן טעאטער. אבער דא זענען אויפגעגאנגען אין אים נייע שעפערישע כוחות. אין זיין ליד „משיח״, און אין זיינע אנדערע לידער פון דעם כאראקטער,

קומט באַלד צום אויסדרוק די טיפע איבערלעבונג און געפּיל־אויסברוכן, געזאַנגען פון פרייד און דערהויבונג, געזאַנגען פון פּיאָנערנטום, פון חלוציזם.

אָבער באַלד באַוועלטיקן המאירין אויך אַנדערע געפילן. עס צעשטור־רעמט זיך אין אים פאַרביטערטקייט און קעגנערשאַפט צו די, וואָס זיצן זיך רו:יק און זאַטקייט האָבן זיי אין זינען — נאָר זיך און זייער מעמד.

ס׳איז ליבשאַפט צום לאַנד, געמישט מיט אומרו און אַנטוישונג... פאַרערונג פאַר די טאָטן און טוונגען, און פיינדשאַפט צו די וואָס גייען אַרום צופרידענע און גלייכגילטיקע צו אַלץ... ראַנגלען זיך אין המאירין די געפילן און שטימונגען — פרייד און ספקות, אומעט און דערהויבונג. און מיר שפּירן עס אין זיין ליד, און נאָך מער אין זיינע אַרטיקלען און פעליעטאָנען. פאַראַן אין זיי עפּעס פון דעם אומרו, פון דעם פּחד פאַר צופרידנקייט, וואָס עס האָט געהאַט י. ח. ברענער... און דאָך איז מנצח זיין ליד, וואָס באַזינגט די גרויסקייט פונעם היינט און אונדזער הערא:ישן עבר — זיין „פסח אין ירושלים״:

גלוסט־מלאכים האָבן היינט געזונגען אין ירושלים —
אַזוי פיל פרילינגען האָבן מיך פאַרנומען,
און זון צעשאָטעמט אויך סקעלעטן טויט־פאַרקוואַרט.
— זייט מיר געבענטשט, איר ריחות, די שלוחים פונעם
פרוכט־גאָט,
איך וואַרט דאָך היינט אַזוי און וואַרט
אויף אַ משיח, פירער צי פאַרפירער, ווער עס זאָל נישט
קומען —
ער זאָל נאָר קומען!
ס׳איז פסח היינט און ס׳איז נישטאָ קיין סוף פון גלויבן.

המאירי האָט געשריבן אַ סך ארץ־ישראל־דערציילונגען, וואָס טיילן זיך אויס מיט דער אַנדערשקייט פון סטיל און שילדערונגס־שפּראַך. באַזונדערס איז באַקאַנט זיין בוך פון קבוצה־לעבן „תנובה״. און לאָמיר אויך דערמאָנען דאָס בוך „המשיח הלבן״, ווו ער שילדערט די צעטומלטע און דערשלאָגענע

אייראָפּע ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה. גרויס איז די שפע פון אביגדור המאירים שאַפונג, וואָס נעמט אַרום אַלע זשאַנערן און כמעט אַלע געביטן פון ליטעראַטור, אפילו פאָלקלאָר און שפּראַכפאָרשונג איז אויך אין קרייז פון זיינע פאַראינטערעסירונגען און אַרבעטן.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ער אָפּגעדרוקט אין „די גאָלדענע קייט" אַ ביז גאָר טשיקאַווע אַרבעט וועגן זיין באַציִונג צו יידיש. איז עס נישט נאָר אַן אינטערעסאַנטע מערקווערדיקע באַטראַכטונג וועגן זיין באַנעם און אָפּשאַץ פון יידיש. עס פאַרמאָגט אויך דעם חן און די פיקחות און די סאַטירע און עלעגאַנץ פון המאירים פאָרעם און סטיל. נאָך מער, אין דעם אַרטיקל באַקענען מיר זיך מיט דעם געדאַנקען־גאַנג און מיט די ענדערונ־גען, וואָס זענען געקומען אין באַצוג צו יידיש און יידישער שאַפונג. זאָגט המאירי אין זיין אַרטיקל, וואָס הייסט „עברי־טייטש־יידיש":

„די יידישע שפּראַך האָט געשאַפן אַ פאָלק אינעם ראַנגלען זיך מיט די טויזנט קייטן פונעם גלות, וואָס האָט אים נישט געלאָזט אָטעמען אַ ביסל פרייע לופט. האָט זיך דאָס פאָלק געמאַכט פרייע לופט כאָטש ביי זיך אַליין, אין דער שפּראַך. דאָס האָט אים קיינער נישט געהאַט אַריינצורעדן: אַ ביסל הפקרות. און ס'באַגלייט אים אַ פאָלקסליד, וואָס איז אַן אַרסע־נאַל פול מיט ליבע, צערטלעכקייט, טרייסט, האָפענונג, אומעט, אימפּעט, שטאָלץ, בענקשאַפט, קינדישקייט און וועלטוויטיק. אָט די „אַנאַרכיע", וואָס לשון יידיש איז אַזוי געבענטשט דערמיט, איז אַ צוציִונגס־מאַגנעט פאַרן אמתן דיכטער, וואָס איז גרייט צו שטאַרבן פאַר אַ קליינטשקן לופט־פענצטערל נאָך פרייהייט" —

פרייהייט — דאָס איז דער באַגלייטמאָטיוו, דער לעבנס־אידעאַל פון אביגדור המאירי.

א. סוצקעווערס כל־נדרי־פּאָעמע

פון א. סוצקעווערס דיכטערישער שאַפונג וואָלט מען געקאָנט אויסטיילן א באַדייטנדיקע זאַמלונג לידער און פּאָעמעס וועגן זיין היימשטאָט: לידער פון אַ מאָל, לידער מיט וואַרעמער היימישקייט, מיט סוצקעווערס אייגנדיקן ליריזם, לידער פון ווילנער פּייזאַזש און ווילנער שטימונג אין סוצקעווערס אויסגעשליפענעם און געמייסטערטן וואָרט; און ווילנע פון געטאָ און פּיין, הונגער און יסורים, ווען „מיר האָבן ווי פינגער געשטרעקטע דורך גראַטן צו פאַנגען די ליכטיקע לופט פון דער פריי" — און די געשטאַלטן פון געטאָ: „זיי ליגן מיד. זיי ליגן גראָ, די הונדערט גליווערדיקע שכנים. און קיינעמס פּנים איז נישטאָ, ווייל ס'איז קיין ליכט נישטאָ ביי קיינעם".

סוצקעווערס שילדערונג און זיין אויסגעצאַפּלטער בילד פון יענע ווילנער טעג איז אַ באַזונדער דיכטעריש דערהויבנדיקער קאַפּיטל אין זיין פּאָעטישן שאַפן. אָט איז די „לערערין מירע", די האַרציקע און צו מסירת־נפש גרייטע ווילנער לערערין; מיר קומען צו דער באַהעלטעניש, אין דער הייל אויף „סטראַשון־גאַס צוועלף"; מיר איבערלעבן דעם טיפסטן ווייטיק אויף דעם טראַגישן אומקום פון „מיין מאַמע" און די „געזעגעניש", ווו ס'קומט צום אויסדרוק די צוגעבונדנקייט און ליבשאַפט צו זיין היים.

דו ביסט מײַן ערשטע ליבע און אַזאַ וועסטו פאַרבלײַבן.
איך טראָג דײַן נאָמען דורך דער וועלט
ווי ס'האָט מײַן ווײַטער זיידע
געטראָגן דורכן מידבר־פּלאַס דעם מישכן אויף זײַן אַקסל.
(אָ, זיידע מײַנער, האָסט דאָך אויך געהאָפט צו זען אַ ברעג!)
און ווו איך זאָל ניט וואַנדערן —
עס וועלן אַלע שטעט
פאַרוואַנדלען זיך אין דײַן געשטאַלט.

איך האָב פון דאָס ניי געלייענט סוצקעווערס לידער פון יענעם ווילנער פּעריאָד און די לידער פון נאָכן מבול, וואָס זענען אַריין אין די זאַמלונגען „די פעסטונג" און „יידישע גאַס", און דערשפּירט ווידער אַ מאָל זיין דיכטע־רישע אָנגעצילטקייט, זיין אויסערגעוויינלעכע זעעוודיקייט, זיין סענסיטיוויטעט פאַר קלאַנגען און פאַרבן און זיין מייסטעריש באַנייען דאָס יידישע וואָרט און דעם פּאָעטישן אויסדרוק, און בין באַהערשט געוואָרן פון דעם דין־קינסטלערישן און דיכטעריש צעפּליגלטן אָטעם.

אין די שאַפונגען פון יענער מאוימדיקער געטאָ־און אומקום־אַטמאָספער טיילן זיך באַזונדערס אויס די געשטאַלטן און די בילדער פון דער דראַמאַ־טיש־הערא̇ישער פּאָעמע „כל־נדרי".

די פּאָעמע איז געבויט אויף אַן אויטענטישער פּאַסירונג, וועלכע האָט זיך פאַרלאָפן אין ווילנע, אין דער כל־נדרי־נאַכט פון יאָר 1941. דער הויפּט־העלד פון דער פּאָעמע, זכריה, האָט עס איבערגעגעבן דעם דיכטער. זכריה איז פון זיין גאַנצער משפּחה פאַרבליבן אַליין, און פון זיין שטילער טענה צו גאָט דערוויסן מיר זיך:

מיט זיבן טעמפּע שווערדן האָט געשלאָגן מיך זיין שטראָפונג,
מיין אַלטער קראַנקער טאַטע האָט אַליין די גרוב געגראָבן,
מיין ווייב איז, מיט אַן איינינקל ביים ברוסט, איר לעצטע האָפונג,
אַוועק, ווי צו אַ שמחה, אין דעם קעניגרייך פון ראָבן.

פינף זין האָב איך געהאַט אַ מאָל, ווי פינף געטרייע פינגער,
און זיי האָב איך פאַרטרויט מיין לעבן נאָך מיין טויט צו שפּינען.
מרחם האָסטו זיך געוועז, געמאַכט מיין אַלטקייט גרינגער:
האָסט איינציקווייז אַראָפּגעהאַקט און מיך געלאָזט ביים זינען.

ס'זענען שוין פאַר אונדז נתגלה געוואָרן אַ סך טראַגישע נסיונות, פאַר וועלכע דער יחיד איז געשטעלט געוואָרן אין די יאָרן פונעם לעצטן חורבן. מיר וויסן שוין פון אַזוי פיל מסירת־נפש, טראַגיק און טראַגישער גבורה, וואָס נישט אַלע מאָל קען אונדזער געדאַנק דאָס באַנעמען. און ווי אויסטער־

אברהם ליס

ליש דאָס זאָל נישט זיין, גראַד דורך דעם קינסטלערישן לבוש, דורך דעם דיכטערישן געמעל זעען מיר וואָרער אָט די טראַגישע איבערלעבונגען. אויך דאָס אומבאַגרייפלעכע אין דער פּאָעמע „כל־נדרי" ווערט פאַר אונדז פאַרשטענדלעך, ווען סוצקעווער ברענגט עס אַרויס מיט זיין אייגנאַרטיקער שטימונג און איבערלעבונג אויפן פאָן פון טיפסטן מענטשלעכן עלנט און אָפּהענטיקייט. ס'איז די נאַכט פון כל־נדרי אין געטאָ:

האָבן זיך צונויפגעקליבן פאַרמעטענע יידן,
פון בוידעמער פאַרשפּונענע
און ברונעמדיקע קעלערס,
אין לויכטנדיקער קלויז פון ווילנער גאון.

דאָס זענען שוין שאָטנס פון מענטשן, אָבער ס'ווילט זיך נאָך לעבן, כאָטש לעבן נאָך „שטיקלעך טעג", נאָר אָט בלייבט הענגען אַ קול, ווי אַ חלף־סכנה — און:

אויף ליפּן פאַרברענטע,
ביי יונג און ביי גרייז
בלייבן די תפילות פאַרפרוירן.
אייז.

און זכריה דערציילט:
נאָר ווען ס'איז די מחנה מיט ביקס און געפילדער
אין פּאַליש אַריין, האָט אַ כוח אַ ווילדער
אַ ריס מיך געטאָן ווי אַ בוים פון אַ גאָרטן.

די מחנה מיט ביקס פירט אים אַוועק, און ער טראַכט וועגן דעם מאָדנעם גורל:
אויב ניט קיין מתים, וואָס וואַרטן זיי רויק
אויף שאַרבן־געקראַך, אויף באַשטימטער צעשטערונג?

אין זכות פון וואָרט

ייִדן, די אײַזערנע ווענט זענען שפּינוועבס,
ייִדן, אַקעגן דעם טויט אַ פאַרשווערונג.

אין דער דאָזיקער אַטמאָספער פון ערב אומקום גייט אויף ווי אַ העל ליכט זכריהס שטומער רופן צו אויסגעמוטשעטע ייִדן אין תפיסה. דאָס איז סוצקעווערס שטילער גלייבן אין וועלט און מענטש, וואָס ביי זיין גאַנצן יאוש און צעפייניקטן געמיט איז ער נישט פאַרצערט געוואָרן:

זאָלן זיך שליסן צעוואָרפענע קנאָכנס,
זאָלן אַ שלאָג טאָן געבונדענע שטראָמען.

און דאָ, אין תפיסה־קאַמער, קומט פאָר אַן אויסטערלישע באַגעגעניש, וואָס די פאַרווירטע צייט האָט צונויפגעבראַכט. זכריה, דער פשוטער ייִד פון זאַוולס הויף אין ווילנע, דערקענט דאָ זיין זון, דעם רויטאַרמייער, וועמען ער האָט שוין צוואַנציק יאָר נישט געזען.

אָט די אומגעווייינלעכע סצענעס, אָנגעשפּאַנט מיט דער טיפסטער מענטשלעכער טראַגיק, דערפירט דער דיכטער צו דעם אויסטערלישן און אָטעם־פאַרכאַפּנדיקן אויסלאָז.

איינציקאַרטיק איז דעם דיכטערס אויסדרוקקראַפט ביים שילדערן די באַגעגעמונג פון טאַטן צום זון אין איר שטײַגערישער אַנטוויקלונג.

אָט ווי סוצקעווער שילדערט, ווי אַזוי דער טאַטע דערקענט דעם זון:

און ס׳טוט מיר אַ פלאַץ, ווי אַ שויב, די נשמה:
— ס׳איז ער, מײַן פאַרשוווּנדענער זון, ס׳איז מײַן יאָמע!
איך האָב דאָך באַגערט אים צו זען...

— — — — — — — — — — — — — — —

ווי עלנט עס וואָגלט דער קנייטש אויף זײַן שטערן!
די שפּיציקע הוט — מיט אַ בלוט־רויטן שטערן
און ס׳לײַב אין צעפליקטן שינעל!

אברהם ליס

אַ טיפער געראַנגל קומט פאַר אין זכריהס נשמה. ס׳איז זיין איינציקער זון, דער איינציקער לעבנגעבליבענער פון זיין משפחה. אָט איז ער אַזוי נאָענט צו אים, צו דעם קראַנקן, צעווונדיקטן גוף. נאָר:

ניין!
ער טאָר ניט זײַן טאַטן דערקענען,
טויזנט מאָל שווערער וועט זײַן דער צעשייד.
איך מוז פאַרהאַקן דעם סוד אין אַ פורעם,
ווײַל פאַראַן אַזאַ פרייד, אַזאַ סמיקע פרייד,
וואָס איר אין פאַרגלײַך איז אַ שפּילכל יסורים.

די אויסערגעוויינלעכע שטימונג וואָס קומט אויף פון טאַטנס און זונס שמועס, ווען דער טאַטע גילט נאָר פאַר אים ווי אַ שכן פון זיין טאַטע־מאַמע־היים, ווירקט אי דערדריקנדיק, אי דערהייבנדיק מיט דער עקשנות און ווער־דיקייט פונעם אַלטן זכריה. דעריבער ווערט שוין אויך קינסטלעריש מעגלעך (אין דער ווירקלעכקייט איז עס דאָך פאַרגעקומען), אַז דער אַלטער טאַטע פאַלגט דעם געבאָט פונעם זון. ער דערשטעכט אים מיטן קינזשאַל, וואָס דער זון, דער רויטאַרמייער דערלאַנגט אים, כדי נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די פינצטערע הענקער.

סוצקעווער פאַרענדיקט די איינציקאַרטיקע פּאָעמע, וואָס איר אינהאַלט איז, אָן ספק, מער וואָר ווי וויזיע, מיט פאָלגנדיקע שורות:

אַזוי האָט אין אַ יאָר אַרום דערציילט מיר
אין געטאָ, צו כל־נדרי, ער אַליין,
דער איובדיקער יִ״ד, און אָפּגעשיילט מיר
דעם גורל זײַנעם ביזן סאַמע ביין.

ס׳איז איינס פון די מערקווערדיקסטע שאַפונגען אין אונדזער חורבן־ליטעראַטור.

ש. שלום אין יידיש

ש. שלום איז איינער פון די וויכטיקסטע שאַפער און ווערדיקסטע פאָרשטייער פון דער מאָדערנער העברעיִשער פּאָעזיע. ער איז מאָדערן אין דער פאָרמירונג און אין אימאַזש פון זיין ליד און ער איז מקורותדיק יידיש און טיף מענטשלעך אין זיין אינהאַלט און מאָטיוו.

אַז מיר באַקענען זיך מיט זיין לעבנסוועג, איז אונדז נישט נאָר לייכט צו דערקענען, וואָס עס זענען געווען די אָנרעגונגען, די איינפלוסן אויף זיין דיכטערישער שאַפונג. מיר זעען אויך ווי די פּאַרלויפענישן, די ביאָגראַפישע פּרטים האָבן געשטאַלטיקט אין אים די דיכטערישע פּערזענלעכקייט.

ש. שלום — שלום שאַפּיראָ — איז אַן אָפּשטאַמיקער פון אַ גזע רבנים און רביים. ער איז געבוירן געוואָרן אין דעם פוילישן שטעטל פּאַרטשעוו און אין דער קינדהייט זיך דערצויגן אין דעם רבישן הויף, ווו אַלץ אַרום האָט געאָטעמט מיט חסידות, מיט תורה און קבלה. זיין וועלטלעכע בילדונג האָט ער באַקומען שפּעטער אין די אייראָפּעיִשע אוניווערסיטעטן. אָבער זיין אוניווערסיטעט, די שול פון לעבן און פון דיכטונג, וואָס סטימולירט זיין ליד, איז ארץ־ישראל. ער איז געווען אין לאַנד און געהאָלפן פּאַרלייגן די יסודות פון כפר־חסידים. לייענען מיר היינט די קאַפּיטלען פון די־אָ פּיאָנערישע ציוניסטישע משפחות, וואָס זענען ווי רינגען אין דער עפּאָפּיי פון אונדזער נאַציאָנאַלער געשיכטע: פון גרויסקייט און מסירת־נפש, פון העראָיִק, עקשנות און אַרבעטזאַמקייט. די משפחה שאַפּיראָ, שלומס זיידע און פאָטער, זענען פון די אָריגינעלע געשטאַלטן, וואָס האָבן פאַראייניקט אין זיך יראת־שמים און נאַציאָנאַלן תכלית, חסידות און רעאַלע טוונג. זיי ראַנגלען זיך, אָנצוהאַלטן זיך אָן דעם באָדן, און זענען מקיים דעם פסוק בזיעת אַפּיך...

אָט די טענער און מאָטיוון פון אַלט־פאַרוואָרצלטער יידישקייט, פון חסידות און טיפער גלייביקייט זענען בולט ביי שלומען. רירנדיק איז זיין אויפזיינג צו די שטעטלשע יידן פון אַרום הויף אין פּאַרטשעוו. צו זיי גייט

זיין זאָג: „מיין פאָלק, ווי עס גלוסט מיין האַרץ אָפּצווווישן פון דיינע אויגן אַ טרער״. און באַלד גייען אַוועק זיינע לידער פון חלוצישן גאַנג, דער געזאַנג זיינער פון די פלאַסטערער, בויער און שניטערס, ביז זיינע לידער פון „און בן פלא״ און די געזאַנגען פון אויפקומענדיקן ארץ־ישראל. אין די שאַפונ־גען שלומס — אין זיינע לידער און פּאָעמעס — קומט אונדזער גאַנצע יידישע וואָר: דער אויפטרייסלענדיקער, שטילער צער פון פאַרלוירענעם לעבן, פון אומקום. ער ברענגט אַרויס די ווונדערלעכע געשטאַלטן פון דעם אַמאָליקן יידישן שטעטל, אַט די יידן, וואָס קומען מיט אייפער און מיט מאָנונג אין זיין ליד „אין נוסח פון אַן אַלטער תפילה״. און ער, דער ארץ־ישראלדיקער, רופט אויס, ווי אין פאַרצווייפלונג: „ווי זאָל איך נאָך לעבן, אַז די פראַכט פון מיין פאָלק לעבט נישט מער!״

ש. שלום האָט פאַר אַ צייט געגאָלטן נישט נאָר פאַר אַ סענסיטיוון יחידישן דיכטער, נאָר אויך פאַר איינעם פון די רעפּרעזענטאַטיווע סימבאָ־ליקער. די דאָזיקע אָפּשאַצונג איז אַ ריכטיקע. אָבער אין די עטלעכע און פערציק יאָר פון זיין פּאָעטישן שאַפן מערקן זיך עטלעכע פעריאָדן. צו ערשט קומען לידער פון עקסטרעם יחידישן אויסדרוק, באַהויכט צו מאָל פון מיס־טישע זעונגען און שפּירונגען. שפּעטער זענען שוין דאָ ביי אים מאָטיוון פון וואָרהאַפטיקייט, לידער פון אונדזער נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן באַגער. אין זיין דיכטערישן געמיט הויזן שלימותדיק די דינע, צאַרטע, אינדיווידועלע שפּירונגען צוזאַמען מיט די אויסגערופענע מאָטיוון פון צייט און פאָלק.

מיט אַ שטערן אין הימל געצונדן,
קענגן מערב צעפינקלט, צעפלאַמט,
טראָג איך פליגלען צו ווייטן און ווינטן,
שטומע פליגלען פון סודותפול לאַנד.

שטייט אַ שטוב — פון די העכסטע בנינים,
ס'איז מיין גאַס צו די הימלען אַ וועג;
כ'זע דאָס פנים פון מענטש ווי גאָטס פנים,
און איך בייג אַן דעם קאָפּ פאַר די טעג.

אין זכות פון וואָרט

ס'איז נישט נאָר אינטערעסאַנט, נאָר ס'טראָגט אויך אין זיך דעם סימן מובהק פון קינסטלער. אים געלינגט סיי פאַרגאַנצן די יחידישע, דיכטערישע נשמה־שפּירונגען, טראַכטענישן און עמפּינדונגען, און אין איין צייט אויפ־טרעטן ווי דער פּאָעטישער פירשפּרעכער פון פאָלק און תקופה. דאָס לעצטע קומט באַזונדער צום אויסדרוק אין שלומס שאַפונגען אין די יאָרן פון אונדזער חורבן־תקופה און אונדזער געראַנגל, מיט פייער און מי, אויף די פאַרלייגטע שליאַכן צו אונדזער ישראל־אויפקום.

און דו, פּיצל ערד,
שטיקל לאַנד פון דעם ייִד.
וואָס קוים דערבאַרעמט עס ווערט,
און איז פון האָפן שוין מיד.
איך דריק צו מײַן לײַב דיך און זינג דיר אַ לויב,
און נידעריק איך זעץ זיך אין דײַן הייליקן שטויב,
מיט די וויינען און געשרייען פון די איינציקע געבליבענע,
שוין די לעצטע פאַרטריבענע...

פון די אַלע מאָטיוון און דיכטערישע נוסחאות, אויף וועלכע ש. שלום האָט געשאַפן במשך העכער פערציק יאָר, האָבן מיר אַן אָפּקלייב אין דעם דער־שינענעם בוך אין יידיש „לידער און פּאָעמעס". עס איז אַ געלונגענער אָפּקלייב פון פיר לידער־זאַמלונגען, וואָס זענען דערשינען אין די יאָרן 1922—1963. פאַר דעם צייטאָפּשניט האָט ש. שלום אַרויסגעגעבן אַ ריי לידער־זאַמלונגען, ווי „בלבב העולם", „יובל בגליל", „מתוך הלהבות", „און בן פלא", „פנים אל פנים", „ספר השירים והסוניטות", „יריות אל הקיבוץ", „הנר לא כבה", „עלית חסידים" און אַ ריי ווערק אין פּראָזע און אויך דראַמאַטישע שאַפונגען, זכרונות, דערציילונגען.

„לידער און פּאָעמעס", אין יידישער איבערזעצונג פון חיים באַרקאַן, האָט די פיר אָפּטיילן: „צעלויכטענע שעהען", „לידער פון אומקום", „ישראל" און געזאַנגען פון „און בן פלא". אָן ספק, קאָן דער יידיש־לייענער האָבן אין

אברהם ליס

דעם בוך די מעגלעכקייט צו דערקענען און דערפילן די געטרייע און שיינע דיכטערישע שאַפונג פון ש. שלום.

דאָס אַרויסגעבן אָט דעם בוך לידער אין יידיש דורכן י. ל. פרץ־פאַרלאַג איז אַ טריט פאָרויס אין דער וויכטיקער אויפגאַבע פון ברענגען יידישע שאַפונגען אין העברעיִש און העברעיִשע שאַפונגען אין יידיש.

דאָס איז אַ לעבנס־אויפגאַבע פאַר אונדזער ליטעראַטור איןביידע שפראַכן און — פאַר אונדזער גייסטיקן המשך.

וועגן נתן אַלטערמאַנס דיכטונג

> ווייל ליד איז נישט קיין קנעכט; און
> ווייל איז דעם, וואָס וואַרפט אַראָפּ פון זיך
> דעם יאָך פון עצות און געבאָטן, ווי געשפּאַן
> און צוים בייבאַנד; דאָך איז זיין פרייהייט
> אויך די פרייהייט פונעם בליץ, וואָס איז פאַר־
> שקלאַפט אויף אַלע מאָל צו דעם געזעץ, וואָס
> פרעסט צוזאַמען און צעשפּאַנט.

דאָס איז איינע פון נתן אַלטערמאַנס דיכטערישע באַטראַכטונגען, פון זיינע אויסגעטאָקטע דעפיניציעס וועגן דעם אָרט און ווערט פון ליד. אָבער עס לאָזט זיך אויך זאָגן, אַז אין זיין לייכט שפּילעוודיקן און איידל רמזדיקן אָנזאָג וועגן ליד האָט ער אַרויסגעבראַכט דעם סאַמע תוך פון אונדזער לעבן און זיין. על כל פנים, פון זיין אייגענעם אויפפאַס און צוגאַנג.

אַלטערמאַן איז איינער פון די מאָדערנסטע דיכטער אין דער העברעיִשער פּאָעזיע, סיי אין אויפנעם פון טעמע און געשעעניש, סיי אין דער פאָרמירונג פון טאָן און אימאַזש. נאָך מער, אַלטערמאַן האָט נישט פאַרוואָרפן דאָס נעכטיקע, ער האָט נישט געבראָכן קיין צוימען, להיפוך, ער האָט צוגעאייגנט דאָס גוטע און דערהויבענע פון פאָרגייער און סינטעזירט און פאַרבונדן דאָס אַלטע און נייע. ער האָט געשאַפן אַ נייעם שטייגער און טאָן אין דער העברעיִשער דיכטונג.

אין אַלטערמאַנס שאַפונג שפּירט מען אַרויס נישט נאָר אַן אייגן קול, נאָר אַן אייגנאַרטיקן דיכטער. ער איז אַ דיכטערישע פערזענלעכקייט, וואָס באַזינגט נישט, נאָר נעמט אויף גאַנג און גורל און טאָג־געשעעניש מיט דעם אומרו און צאַפּל, מיט די וויברירונגען פון אַ קינסטלער. אַלץ איז אים נאָענט און ער איז אַריינגעפלאָכטן אינעם לעבן און קאַמף, אין דער זאָרג און פרייד פון אונדזער לעבן.

דאָס קומט ביי אַלטערמאַנען צום אויסדרוק סיי אין זיינע לייכט שפּי־

לעוודיקע און יוועלירייש געשמידטע סטראָפן פון זיינע אַקטועלע־און צייט־לידער, פון זיין באַרימט געוואָרענעם „הטור השביעי", און סיי אין זיינע טיף פאַרטראַכטע און שטימונגספול אָנגעהויכטע לידער פון זיין יחידישן אימאַזש און געדאַנק. אַלטערמאַן איז איינציקאַרטיק מיטן אויפברענגען פאַרלויפּעניש אין דער וועלט און אין אונדזער אייגענעם לעבן, מיטן רעאַגירן אויף זיי שאַרף און האַרב און הייס — און דאָ הייבט זיך אַרויס די שיינקייט פון זיין געשליפן וואָרט און זיין איידעלער הומאָר, וואָס גרענעצט זיך מיט סאַטירע און דערמאָנט יענע מייסטעריש געפורעמטע עפּיגראַמען פון די גרויסע העברעיִשע דיכטער אין דער גאָלדענער תקופת ספרד. מיט זיין קוועליקער פרישקייט און מיט דער נײַקייט פון אויסדרוק און מאָטיוו, וואָרצלט דאָך טיף אַלטערמאַנס צייט־ליד און ליד־פעליעטאָן אין דעם תחום פון דער העברעיִשער דיכטונג.

אַלטערמאַן האָט באַנייט און באַרייכערט די העברעיִשע פּאָעזיע מיט זיין וואָרט און ליד. געדאַנק ווערט ביי אים אויסגעבונדן מיט בילד; זיין דרייסטער זאָג קומט אויף אַזוי נאַטירלעך אויף דער באַזע פון לירישן געפיל; זיין שפּראַך־מייסטערשאַפט ווערט פאַרפלאָכטן מיט דער מחשבה פון אַ דענקענדיקן און סאָציאַל־שפּירעוודיקן דיכטער. איז זיין ליד כמעט תמיד אין דער האַרמאָנישער גאַנצקייט און שלימותדיקייט פונעם וואָרטקינסטלער, וואָס ערגעץ ציט עס אים און ערגעץ צילט זיין באַוווסטזיין. דאָס איז די שטרעבונג צו דערהויבענע, מענטשלעכע אידעאַלן, צו אידעען, וואָס דורות דיכטער און רעוואָלוציאָנערן האָבן אַריינגעחלומט און אויסגעטרוימט; דאָס איז אַ זעליש שטרעבן צו אַ יושרדיק און מענטשלעך לעבן, צו דער שיינקייט, וואָס די וועלט פאַרמאָגט, נאָר זי ווערט צעשטערט פון פחדנים און רשעים...

אַלטערמאַנס ליד גיט אונדז נישט בלויז די הנאה פון קינסטלערישער דערגרייכונג, נאָר אויך די אָנשטימונג און אָנרעגונג צו אידעע און שליחות, צו דערהויבנקייט, צו הומאַניטאַרישע ווערטן. און אויב די ווערטן זענען היינט אין אַ מצב פון ירידה, פילט נאָך מער דער קינסטלער און דיכטער זיין חוב אויפצוהייבן זיי און ברענגען פאַרן פאָלק.

נתן אַלטערמאַן איז אַ געבוירענער אין דער אַמאָליקער יידישער אימ־

פּעריע וואַרשע. אָבער פון זײַנע אַכט און פופציק יאָר איז ער 44 יאָר אין ארץ־ישראל. צי זענען פאַראַן שפּורן פון זײַן געבוירן־לאַנד, טענער, אימאַזשן פון אַמאָליקן יידישן שטייגער אין זײַן שאַפונג? ניין. אין זײַנע זאַמלונגען „כוכבים בחוץ", „שמחת עניים", „שירי מכות מצרים" און „עיר היונה" אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז דער היינטצייטיקער שטאָלצער און מאָגענדיקער ייד. דער דיכטער געהערט צו דעם דור פון חלום און געראַנגל אין ארץ־ישראל, צום דור פון קאַמף און אָפּער־ווילִיקייט. אָבער איבער אַלץ שטייט פאַר אונדז אַ דיכטער אַ פּערזענלעכקייט, מיט אייגנדיקן וואָרט און טאָן, וואָס איז אי גראַציעז און לייכט, אי ערנסט און סאָליד... אַזאַ איז ער, דער דיכטער נתן אַלטערמאַן.

לידער פון אסתר שומיאַטשער

אין יעדער דיכטונג קומט צום אויסדרוק, געווײַנטלעך, די פּערזענלעכע פילונג און איבערלעבונג און דעם דיכטערס יחידישער גאַנג און גורל. נאָך מער בולט קומט עס צום אויסדרוק אין דער פּרויעץ־דיכטונג.

אסתר שומיאַטשער ברענגט אַרויס אין איר ליד אַ שפע פון מאָטיווען און דעקט אויף אין זיי נישט בלויז מענטשלעכן אומעט און פריידן, טרויער און חדוה — וואָס איז אייגן פאַר אַלע דיכטער — נישט בלויז שילדערט זי יידישע היים און יידישן מענטש און די דערמאָנונג פון יענעם נעכטן — און דער נעכטן, צי דער אויסגעדאַכטער נעכטן, זעט דאָך תמיד אויס אַזוי שיין און פאַרבענקט — זי ברענגט אַרויס אין איר ליד אונדזער לעבעדיקן הײַנט, זײַנע געראַנגלען, בייזקייטן, שיינקייטן און חלומות. און זי ברענגט עס פאַר אונדז אין איר האַרציקער, לויטערער פּאָעטישער דורכגעטראַכטקייט.

נעמען מיר בלויז איר לעצט בוך „לידער", עפנט זיך פאַר אונדז אַ ברייטער שטח פון פּאָעטישן זען און פילן. אונדזער הײַנטיקע וועלט, די יידישע וואָר, די אַלטע אומגעבראַכטע היים, און דער גרויסער יידישער קיבוץ־אַמעריקע, וואָס אסתר שומיאַטשער זאָגט וועגן אים:

> אַמעריקע, געטרײַע היים פון אַלע יידישע גלותן,
> ווי אַ מאַמע האָסטו אויפגענומען אונדזער געשריי.

און עס קומען דערמאָנונגען פון קינדער־יאָרן און פון דער וואַרעמער טאַטע־מאַמע־שטוב אין דער ווײַטלעכער קאַלטער קאַנאַדער פּראָווינץ־שטאָט, און ערב שבת אין דער היים. און אָט שילדערט אסתר שומיאַטשער מיט פּאָעטישער פרישקייט און מיט שיינקייט פון איר געשליפענעם וואָרט די ברייטע פליינען פון קאַליפאָרניע, וואָס איז איר היים איצט. און זי דערציילט פון „אַ פאַרנאַכט אין מדבר":

אין זכות פון וואָרט

דיַינע פעלדזן אַרום דעמערן, ווי אָנגעגליטער קופּער,
יעדער באַרג צום אָונט־שאָטן הערט זיך איַין;
מיט בין־השמשות־פיַיער ברענט דיַין דאָרנבוים,
עקשנות ברוגזט אין דיַין ווילדן שטיין.

און אויף אַזאַ מדבר זענען דאָך אויפגעקומען שטעט און גערטנער און גרינע טאָלן, און אסתר שומיאַטשער שילדערט די דאַזיקע שיינקייט, וואָס דורות אין פראַצע און מענטשלעכער מי האָבן אויסגעבויט, געשאַפן.

ריכטיק האָט געשריבן אין זיין וואָרט צו דעם בוך זלמן שניאור: „די נאַטור איז דאָ פאַרטראַטן אין אַ סך געלונגענע בילדער און פאַרגלייכונגען, דער זומער און דער ווינטער, דער האַרבסט און דער פרילינג, די גרינע ערד און די בלויע וואַסערן. טייל מאָל זענען דאָס קליינע אַנטדעקונגען אין דער נאַטור, וואָס פריער, דאַכט זיך, האָבן מיר זיי נישט געזען...״

ס׳איז אמת, אסתר שומיאַטשער האָט אַנטפּלעקט אַ סך נייע, אָבער פּשוטע מיטלען, צו מאָלן און אַנצושטימען מיט דער פאַרב פון אומעטיקע פאַרנאַכטן, מיט דער בלויקייט פון אויפגייענדיקן מאָרגן, מיט דעם פליסטער פון סודותדיקע נעכט, און בעיקר מיט דער גורלדיקייט פון מענטש, מיט זיין זאָרג און פרייד און טרויער.

דאָס איז אַזאַ געזונטער — אויב מ׳קאָן אַזוי זאָגן — טרויער, וואָס צווינגט דווקא צו לעבן, אַ טרויער, וואָס מאַכט שעפעריש און פאַרטיפט דאָס געמיט און די מענטשלעכע טוונג. אומעט, עכטער איבערגעלעבטער אומעט איז דאָך אַ קאָנסטרוקטיווער עלעמענט ביי אַ שעפער, ביי אַ קינסטלער און דיכטער. פאַראַן אַ סך פון אָט דעם בין־השמשותדיקן, ציטעריקן טאָן אין אסתר שומיאַטשערס ליד, אָט דער טאָן איז ביז גאָר קאָנטיק און אַזוי אייגנדיק פאַרבונדן, זינגט מיט זיין עמאָציאָנעלער פּנימיותדיקייט און מיט זיין פאַרבענקשאַפט אין אירע אָריגינעלע ליבעלידער:

די אָונט־שטילקייט זינגט אונטער מיַינע טריט,
די נאַכט לייגט זיך גרינג אויף מיַינע ברעמען,

אברהם ליס

די הערנערלעך פון דער יונגער לבנה זינגען־מיט,
דער אָוונט־פויגל רופט אונדז ביי די נעמען.

געזאַנגען פון ליבשאַפט, געזאַנגען פון בענקשאַפט, דער אויסדרוק פון ליבע־געפיל און ליבע־שפּירונג איז דאָך, כידוע, פון די עלטסטע אין דער וועלטדיכטונג. אויך אין אונדזער אַלטער ליטעראַטור, — אין דער העברעישער וואָרטשאַפונג און שפּעטער אין דער יידישער, — איז אָט דער מאָטיוו איינער פון די דאָמינירנדיקע. האָט אויף דעם געביט אויפגעטאָן אסתר שומיאַטשער — מיט איר אָריגינעלן אימאַזש און מיט דער פילונג פון אַן עכט דיכטעריש געמיט, מיט דער שטימונג פון אַ טיף פילנדיקער און איידל שפּירעוודיקער דיכטערין זענען אויסגעפּולט אירע ליבעלידער און בענקשאַפטלידער.

פאַראַן אינעם בוך אַן אַנדער אַפּטייל לידער, — „מאַמע־לשון״ — און מיט אָט דעם אָפּטייל עפנט זיך טאַקע די זאַמלונג מיט דעם נאָמען „לידער״. נו, וועלכער יידישער דיכטער האָט עס שוין נישט געזונגען וועגן יידיש לשון? ווער מיט מתיקות און התלהבות, מיט דער נאָסטאַלגיע צו דער שפּראַך פון אונדזער פאַלקישן לעבן און שטרעבן, און ווער עס האָט אויסדערציילט דעם יִחוס פון יידיש און זיין אייגענע ליבשאַפט צו יידיש, און ווער — באַזונדערס פאַר די לעצטע יאָרן, — עס האָט באַזונגען יידיש מיט טענער פון יאוש: יידיש אַ יורדטע...

אסתר שומיאַטשערס לידער וועגן יידיש, וועגן „מאַמע־לשון״, זענען פון די סאַמע כאַראַקטעריסטישע, פון די סאַמע קאָנסטרוקטיווע און באַווירקנדיקע, ווייל הגם אויך זי פילט דעם ווייטיק פון „יענע פאַרכישופטע פריזבעס, יענע יידישע שוועלן״... וואָס זענען היינט בלויז „זייער געדעכעניש נישט צו פאַרשווענקען״, איז אָבער דער לייטמאָטיוו פון איר „מאַמע־לשון״־ליד אין דעם פערז, וואָס שליסט אָפּ די לידער־גרופּע:

אוצר יידיש,
ביסט פראָסט און ביסט זאַכלעך,
ביסט רוי־ערד און שפּראַכלעך,

אין זכות פון וואָרט

ביסט שבת־פאַרנאַכטלעך;
ביסט פאָלקישע קדושה.
ביסט מאַמע־לשון ירושה.

ירושה. דעם קלאַנג און דעם אָנזאָג פון ירושה, פון דויער, פון המשך, פילט אסתר שומיאַטשער, ווי שורשען פון טייערן, הייליקן סוד. און מיר פילן עס אין אירע לידער, אין דעם פּאָעטישן ציטער, אין דער טיפער איבערלע־בונג און צאַפּלדיקן אימאַזש: המשך און גלייבן און, ווי זאָגט די דיכטערין צו איר זון:

עמוס, מײַן זון, לעבן הייסט קעמפן מיט שווערע כלי־זיין...

אָט דאָס טיפע געפיל פון גלייבן, פון אמונה אין מענטש, אין נאַטור, אין וועלט, איז דער תמצית פון אַ סך פון אירע געזאַנגען, פון די לידער־ציקלען „גורל" און „אייגנס", „זכרון" און „אָפּקלאַנגען", וואָס מיר געפינען אין דער זאַמלונג „לידער".

דורך די פאַרשידנאַרטיקע און פאַרשידנפאַרביקע טענער און מאָטיוון, וואָס זי האָט אויסגעזונגען אין דער קאַליפאָרניער גרויסשטאָט, זעט זי אויך דאָרט, אַזוי שטיל און לויטער, די „בלויקייט פון ירושלימער בין־השמשות" און די שטילקייט פון צפת, „צפת, וואָס שלאָפט — ווי זי זאָגט — אונטער אַ ווייס־גרויען נעפּל". די לידער פון ישראל זענען באַהויכט מיט דעם געמיט פון לאַנד, מיט דער אַטמאָספער פון היים.

פסח בינעצקי — לידער פון צער און פון אויפקום

האַרט פאַר דער מלחמה האָט פסח בינעצקי אָפּגעדרוקט זיינע ערשטע עטלעכע לידער אין ביאַליסטאָקער „אונדזער לעבן", אין „אינדזל" און אויך אין די „ליטעראַרישע בלעטער". אַ זון פון דער ביאַליסטאָקער יידישער געדיכטעניש, פון די כאַנאַיקעס, האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך דאָס כולו פאָלקישע, געפילט דעם דלות און באַגריפן דעם עול, אָבער אויך די האַרציקייט פונעם אָרום, פונעם שולהויף, פון סוראַזער גאַס, פון „מאַטל וואַסערפירערס" געסל (אויף אַט דער גאַס האָט ער זיך אויפגעהאָדעוועט). ער האָט מיט אויגן פון אַ פרי רייף געוואָרענעם — ווי קינדער פון אָרעמשאַפט ווערן עס — דערזען דעם אומעט, דעם פּיין און אומיושר, און ס'איז, — ווי ביי כמעט אַלע פון זיין קרייז און פון זיין עלטער אין יענער צייט, — אויפגעקומען די פאַרביטערניש און אויפגעבראַוזט די יוגנטלעכע געמיטער, משנה צו זיין דעם סדר־העולם. פאַרן וועלן משנה זיין פוילנס סאָנאַציע־אָרדענונג איז ער אָפּגעזעסן זעקס יאָר אין דער ביאַליסטאָקער תפיסה. און אַז ער האָט נאָך דעם דערזען די פרייע וועלט, איז די פרייע וועלט שוין געווען אַ פאַרצויגענע מיט געדיכטע שוואַרצע נעפּלען, געלעגן אַ געפּענטעטע, אַן אומהיימלעכע.

אין די מלחמה־יאָרן איז בינעצקי געווען אין די ווייטע געגנטן פונעם ראַטנפאַרבאַנד. דאָרטן, אין קאַזאַכסטאַן, און שפּעטער אין נאָוואָסיבירסק, האָט ער אויסגעזונגען די בענקעניש צו די יידישע גאַסן, דאָרט ווו ער האָט זיך אויסגעליטן און ווו ער האָט פאַרברענגט זיין קינדהייט און זיין יוגנט. פּיאַסקעס און כאַנאַיקעס זענען שוין אָבער געלעגן חרובע, צעממיתטע, און פון זיינע נאָענטע איז אויך קיינער נישטאָ... / קיין גאַס נישט געבליבן, קיין הויז נישט, קיין וואַנט — / פון היים נישט אַפילו קיין צייכן...

אין יענער ביטערער, פינצטערער צייט בעט ער זיך ביים ווינט פון קאַזאַכישן סטעפּ:

אין זכות פון וואָרט

און טראָג מיך אַריבער אין די בערג אַלטייַער אין ווייַט,
אַז ס'זאָל נאָר אַ שווידל מיר געבן די צייַט...
איך זאָל פאַר באַגינען אין שטוב אין מייַן אַלטער אַרייַן
און דאָרט מיט די ברידער אַ טרונק טאָן דאָס לעצטע ביסל שייַן,
וואָס איז געבליבן, געקויפט פאַר דעם טייַערסטן פּרייַז.
אַ, ווינט פונעם סטעפּ, מיר דעם וווּנדער באַווייַז,
איך זאָל אין דער סאַמער דער לעצטער, דער גרויסער מינוט,
אַ צושטייַער ברענגען די וועבער פון פּיאַסקעס מייַן בלוט.

פּסח בינעצקי איז געקומען אין לאַנד פון זיין קינדהייט־חלום. ער האָט מיטגעבראַכט דעם ווייטיק אויף זיין פאַרשניטענעם אַמאָל, אויף דעם אומקום פון נאָענטע, אַ שווער אויסגעפּרוווטער, מיט דער תשוקה צו געפינען דאָ אַ היים. די היים, ווי ער האָט זי געזען אין די יאָרן פון חומש־לערנען, אַן אויסגעטרוימטע, מיט אַן אַנרעגנדיקן עבר, אַזאַ ווי ער האָט זי דערשפּירט אין די יאָרן פון זיין פּליטישן נע ונד, — אַן אייגענע היים.

„אַ פענצטער צו דער וועלט" איז, דאַכט זיך, דאָס ערשטע ביכל לידער, וואָס בינעצקי האָט אַרויסגעגעבן. אין אָט דער דאָזיקער זאַמלונג קומען צום אויסדרוק מחשבה־וויבראַציעס פונעם דיכטער אויף זיין וואַנדערוועג, פון די אָנהייב מלחמה־יאָרן, ראַטנפאַרבאַנד, אין פּוילן פון נאָך דער באַפרייונג, ביז זיין קומען אין לאַנד. אינערלעכע איידלקייט, אַ מעסיקער טאָן, — אפילו דאָן, ווען ס'ווילט זיך קריצן מיט די ציין און לאָזן פאַלן אַ קללה, — איז דער קענצייכן פון זיין פערז. זיכער לעבט איבער בינעצקי זיין ליד פולבלוטיק און באַטירלעך. די יאָרן פון פּיין און יסורים האָבן אויך געלאָזט קענטיקע שפּורן אויף האַרץ און געמיט. אָבער ווי דורך אַ פּריזמע לאָזט ער עס אַלץ אַדורך, קלייבט איבער, לייטערט דאָס וואָרט און די שטימונג. און אין די באַשיידענע שורות שפּירט מען איבערלעבונג און איידעלן, אויפריכטיקן מענטשלעכן צער.

און מאָדנע, זיין לשון איז ווייט נישט קיין רייכער און קאָלירפולער, אין זיין ליד זענען פאַראַן ווייניק מעטאַפאָרן און דיכטערישע פאַרגלייכן, און דאָך פאַרמאָגן זיינע לידער אַ פיינע, וואַרעמע בילדערישקייט. דערפאַר אפשר,

אבר הם ליס

ווייל זיין שפּראַך, וואָס איז פּשוט און איינפאַך, אָטעמט מיט ערלעכקייט און עכטקייט, ווען ער דערציילט:

כ׳האָב אַ מאָל געהאַט אַ מאַמע —
האָבן אויפגעגעסן זי די פלאַמען.
איז מײַן מאַמעס שטילער לעצטער הויך
אויסגעגאַנגען מיטן גרויען רויך.

אָדער:

פון וואַנט, וואָס געבליבן אַן איינציקע שטיין —
אַן אָנדענק מײַן אַלטער, מײַן יידישער היים.
אַן אָנדענק מײַן קינדהייט געבליבן איז זי —
מײַן טאַטנס פאַרעקשנטע ערלעכע מי,
מײַן מאַמעס באַהאַלטענע לויטערע טרער —
איר אומעט־געזאַנג, וואָס אין וויג כ׳האָב געהערט.

אַ גוטן איינדרוק לאָזן איבער די צוויי באַשיידענע ציקלען „לידער פון סאַנאַטאָריום” און „פון האַרץ צו האַרץ”, וואָס זענען באַהויכט מיט דינעם לירישן אויסדרוק און נשמה־ציטער, מיט אויפריכטיקן, צאַרטן דיכטערישן געפיל:

באַהאַלטסטו זיך אין שאָטן פון דײַן אומעט —
דאָן בלײַב איך שטיין אַ שטומער בײַ דײַן שוועל —
דײַן פרעמדקייט, ווי אַ שווערע טיר זיך שטעלט,
און כ׳וואַרט דיך אָפּ אין דעמער־שײַן פאַראומערט.
וואָס וויל איך דען? נישט מער, ווי אויף אַ רגע,
דער נעפּל זאָל פאַרשווינדן פון דײַן בליק
און, ווי די זון באַגין קומט אויף צוריק,
כ׳זאָל דיך דערזען, און זײַן דערנאָך געזעגנט...

אין זכות פון וואָרט

בינעצקי האָט דורכגעמאַכט דעם וועג פון אַ סך יונגע יידישע מענטשן, וואָס האָבן זיך געזעלשאַפטלעך אָפּגעריסן פון נאַציאָנאַלע אינטערעסן און באַגערן — האָט די צייט און די געשעענישן פון דער צייט משפּיע געווען אויף זיי, צו טראַכטן אין אַן אַנדער ריכטונג און צו דערזען און באַנעמען די נאַציאָנאַלע אויפריכטונג און די צוקונפט פון אונדזער לעבן אין לאַנד. דער נייער מאָטיוו איז אַריינגעבראַכט אין בינעצקיס לידער, וועלכע זענען געשריבן געוואָרן אין פּוילן אין יאָר 1947. מיט אַ טיפער אמונה פון אַ דורכ־געוואָגלטן, אויסגעליטענעם מענטש זאָגט ער:

איך וועל צוגיין צו עמעצנס שוועל,
איך וועל אָנקלאַפּן שטיל אין אַ טיר,
מיט אַ ליבשאַפט וועט געבן אַ העל:
— קום אַריין, ס'איז דער טיש אויך פאַר דיר!

קום אַריין אונטער היימישן דאַך,
ווי אַ ברודער זײַ האַרציק געגריסט!
ס'וועט אַ בליק צו מיר געבן אַ לאַך,
ס'וועט אַ מידקייט פאַרוויגן די פּיס...

איך וועל צודריקן עמעצנס האַנט
צו מײַן הייסער, צעשטורעמטער ברוסט
און וועל בענטשן דאָס זוניקע לאַנד,
ווו איעדעס געזיכט איז אַ גרוס

פון אַ ווײַטער, שטראַליקער ערד,
וועלכע גאָלדיקט שוין לאַנג אין געמיט — — —
אָ, ווער ווייסט, צי וועט זײַן מיר באַשערט,
צו דערזינגען ביז דעמאָלט מײַן ליד...

מ׳קאָן, פאַרשטייט זיך, זיין אַן אַפּיקורוס אין אַזאַ זאַך, אַז „יעדעס געזיכט איז אַ גרוס״. מאַלע, וואָס אַ דיכטער מאָלט זיך אַלץ אויס, בפרט פון דער ווייטנס. אָבער אַז בינעצקי און אַנדערע זיינס גלייכן האָבן דאָ געפונען אַ היים, אַ ממשותדיקע היים, דאָס איז זיכער. אין ישראל האָט ער ווידער געשריבן קעמפערישע לידער, אָפט מאָל אַפילו פּאַרטייִשע, כאָטש אַ טיפער גלויבן איז געווען אין זיי — אָבער די טורמע־יאָרן פון אַ מאָל האָבן אים פאַר־צערט. ער איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט, די קראַנקהייט וועלכע האָט אַ מאָל פאַרשניטן נישט ווייניק רעוואָלוציאָנערן און דיכטער.

ימים נוראים־מאָטיוון

אַ טיפן איינפלוס האָבן אין אַלע צייטן געהאַט די ימים נוראים אויף דער פאָרמירונג פון יידישן לעבן. יעדער יום־טוב מיט זיין כאַראַקטער און מהות האָט געהאָלפן אויסווירקן דורך דורות און תקופות די גייסטיקע גע־שטאַלטיקונג פון פאָלק. פרייד און עצבות, געבעט, בטחון און דערוואַרטונג איז אַן אינערלעכע גייסטיקע נויטווענדיקייט פאַרן מענטש. לעגענדע און מסורה, ווי די זיטלעכע און פאָעטישע ווערטיקייט פון תפילות און פיוטים, האָבן מיט זייער אינהאַלט און נוסח באַווירקט דעם יחיד, אַרויסגעפירט אים פון דער וואָכעדיקייט, געגעבן אים דעם מהות פון יום־טוב.

דאָס זענען די טעג, ווען דער מענטש קען זיך נישט נאָר אָפּרוען פון זיינע יאָכן און זאָרגן, נאָר ער גיט זיך מער אָפּ מיט זיין נשמהדיקער וועלט. ער טוישט נישט נאָר זיין אויסערלעכע קליידונג, נאָר אויך זיין אינערלעכע גייסטיקע מערכה אין אַן אַנדערע.

די יידישע יום־טובים האָבן געפונען אַ באַטירלעכע אָפּשפּיגלונג אין דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור. גרויס איז די צאָל שילדערונגען, דערציילונגען, לידער, וואָס באַזינגען און ברענגען אַרויס דעם מאָראַלישן און עטישן ווערט פון יום־טוב. באַזונדער איז רייך די ליטעראַטור אין געמיט־שילדערונגען, זכרונות און רעמיניסצענצן פון די יוגנט־יאָרן, דער־ציילונגען און בילדער פון יום־טוב אין דער אַמאָליקער היים, יום־טוב אין דעם קליינעם שטעטל, מיט וויפל חדווה און האַרציקייט ס׳פלעגט אַרויסזינגען פון אָט די יום־טוב־טעג!

צווישן אַלע יידישע יום־טובים פאַרנעמט, פאַרשטייט זיך, אַ גרויס אָרט אין דער ליטעראַטור — ראש־השנה און יום־כיפּור. שוין דער חודש אלול איז אַ טעמע, אויף וועלכער ס׳איז אָנגעשריבן אַ גרויסע צאָל דערציילונגען. דאָס איז דאָך דער פאַרכטיקער חודש. דער אַריינפיר צו די טעג פון תפילה און תשובה. אין דעם אָנבליק פון די אָנקומענדיקע טעג האָט מען זיך באַ־

צייטנס געגומען גרייטן, זיך אָפּגעגעבן חשבון־הנפש. טעג, וועלכע האָבן ביים יידישן פאָלקסמענטש דערהויבן דעם גייסט, געצווונגען אים צו געדולדיקייט, צו פאַרטראַכטונג און פאַרטיפונג.

שמעון פרוג האָט געזונגען:

א מרה־שחורה שוועבט און פאַלט
אויף אונדזער שטעטל... יונג און אַלט
באַגיסט אַ שווערער, שוואַרצער שאָטן...
דער קול פון שופר הילכט און שאַלט,
דער אַלטער טאָן, די אַלטע נאָטן.

קלאָר, אַז אַחוץ דעם טיף אינערלעכן גלויבן, וואָס דער ייד האָט געטראָגן אין זיך, בפרט דער אַמאָליקער ייד, חוץ זיין טיפע אמונה אין דעם האַר אין הימל, וואָס קירעוועט די וועלט מיט צדק און יושר און וואָס אין זיינע הענט ליגט דער גורל פון איעדער באַשעפעניש — האָט דאָ אויך געווירקט די גרויסקייט פון די תפילות און פיוטים. פאַרשידן זענען די רעליגיעזע שאַפונגען, וואָס פאַרמאָגן עכטע און פּאָעטישע דערהויבנקייט. לאָמיר נאָר דערמאָנען דעם „ונתנה תוקף" פון רבי אמנון פון מיינץ, וואָס איז באַקאַנט געוואָרן אַרום פערצנטן יאָרהונדערט.

די דאָזיקע תפילות און רעליגיעזע געזאַנגען — אין די ימים נוראים־טעג — באַזונדער כל־נדרי, וואָס באַאיינפלוסט אפשר גראָד מער מיט איר וווּנדערלעכער טיף רירנדיקער מעלאָדיע (וואָס טייל פאַרשער מיינען, אַז זי איז אויפגעקומען אַ סך שפּעטער ווי איר אינהאַלט וועגן מתיר זיין נדרים), האָבן אויסגעווירקט מיט זייער דירעקטקייט און פּאָעטיק אין דער אַטמאָספער און שטימונג, אין וועלכער דער יידישער מענטש האָט זיי אַרויסגעבראַכט און איינגעאָטעמט. און אַפילו טיילן פון המון־עם, וועלכע האָבן נישט אַזוי וועריטלעך פאַרשטאַנען דעם טייטש פון די תפילות און פיוטים, האָבן אָבער אַרויסגעפילט דעם זין און געמיט פון דעם אינהאַלט.

פון מענדעלען ביז דעם היינטיקן גרויסן העברעיִשן פּראָזאַיִקער ש״י עגנון האָבן פּאָעטן און דערציילער, וואָס זענען נאָענט צו דער פאָלקיש־

אין זכות פון וואָרט

טראַדיציאָנעלער מיליע, אַרויסגעבראַכט די איבערלעבונגען, זכרונות און שטימונגען פון די ימים נוראים־טעג און די באַזונדערע השפעה, וואָס אָט די יום־טובים האָבן געהאַט אויף זייער יוגנטלעכן געמיט.

ווי אַ שניידיקע, בענקענדיקע דערמאָנונג פון אַמאָל, אין אַנבליק פון אומגעקומענעם לעבן שילדערט אַזוי די כל־נדרי־נאַכט דער דיכטער י. י. שוואַרץ אין זיין גרויסער פאָעמע „יונגע יאָרן״:

אַ ציטער און געוויין פון אַלטן ניגון!
מיט גרויס־פייערלעכן שטאָלץ, וואָס פליסט
פון טיפעניש פון דער נשמה, רעדט צום האַרצן
און ברענגט אַרויס די טרערן פון די אויגן.
נשמות פון די זיידעס און עלטער־זיידעס
פון אַלע דורות, זינט דעם מעמד פון באַרג־סיני,
פאַרפייניקטע דורך כל המינים טויטן:
געשאָכטן און געמערדערט און דערוואָרגן,
פאַרשאָטן לעבעדיקערהייט אין קברים,
זיי פלאַטערן אין פלעמעלעך פון די נשמה־ליכט
און זינגען, פלאַמיקע, אַן עקזאַלטירט געזאַנג
אין אַנגעגליטן חלל פון בית־מדרש.

אָט איז אַ כאַראַקטעריסטישע תפילה פון אַ בראַצלאַווער חסיד, ווי ס׳ברענגט זי אויף זיין סימבאָליש־פּלאַסטישן אופן דער נסתר, איינער פון די טיפסטע און אָריגינעלסטע דערציילער פון חסידות:

אנא השם, כ׳בעט דיך הייליקער נאָמען, פאַרגיב און זיי מוחל —
די זינד פונעם גאַנצן כלל, ובתוכם אויך פון דעם און דעם,
וואָס, וואָס איז ער — אַ נישט, אַ ווערעמל.
און אויב אַפילו נישט קיין נישט — אַ מענטש,
איז אָבער דאָך אויך נישט מער ווי אַ מענטש, וואָס דו ווייסט,
אַז ס׳איז קיין אין צדיק פון צווישן זיי אויף דער וועלט נישטאָ,

וואָס זאָל פאַר דיר נישט זינדיקן.
דערמאָן זיך אין דיין באַגלייבטן פּאַסטוך, משה׳ן, — — —
דערמאָן זיך אויך די נפילים — דיינע ריין־אַראָפּגעפאַלענע
מלאכים, וואָס אַז זיי זענען אויף דער ערד געקומען,
האָבן זיי דערזען, אַז די טעכטער פון דער ערד זענען שיין...
דערמאָן זיך, פאַרגיב און זיי מוחל.

די דבקות און די שטימונגען פון ימים נוראים און באַזונדער פון דער כל־נדרי־נאַכט האָבן געשאַפן און אויסגעפאַרעמט אַ גרויסע צאָל פאָלקס־טימלעכע און קינסטלערישע לעגענדעס. דוד פרישמאַנס רעאַליסטיש־סימ־באָלישע דערציילונג „די דריי, וואָס האָבן געגעסן״ פאַרמאָגט, ווי אַלץ וואָס איז אַרויס פון אונטער פרישמאַנס פעדער, פיינקייט און פרישקייט. „די דריי, וואָס האָבן געגעסן״ אין יום־כיפור זענען געווען די גרעסטע חשובים, די אָנגעזעענסטע לייט פון שטאָט: דער רב און די ביידע דיינים. „עס זענען דענסטמאָל געווען ביטערע, פינצטערע טעג. אַן אומגליק איז פון הימל גע־קומען — און צום ערשטן מאָל איז עס געקומען — און גערופן האָט מען עס מיטן נאָמען כאָלעראַ!...״

און אַז ס׳האָבן נישט געהאָלפן דעם אַלטן רבס תחנונים צום עולם, אַז מ׳זאָל מבטל זיין די תורה און גיין עסן, האָט דער רב בפני עם ועדה אין בית־מדרש טועם געווען פון לעקעך און וויין אינעם יום־כיפור־טאָג, און אין דער טיפער שטילקייט האָט זיך דערהערט דעם רבס רוף: „איר האָט עס דווקא פון מיר געוואָלט און איך האָב עס געטאָן. גאָטס נאָמען זאָל זיין געבענטשט״.

אַ פּאָפּולערן מאָטיוו האָט אויסגענוצט ש. אַנסקי אין זיין באַקאַנטער דערציילונג „די תפילה פון אַ פּאַסטוך־ייִנגל״, וואָס איז געקומען מיט זיין טאַטן, דעם דאָרפישן קרעטשמער, אין שטאָטישן בית־מדרש, ווו דעם גאַנצן טאָג פון יום־כיפור האָט זיך געטראָגן צום הימל די ייִדישע תפילה און תשובה. נאָר יאַנקל, דאָס דאָרפישע ייִנגל, ווייס נישט וואָס צו טאָן מיט זיך, דאַוונען קען ער נישט. מיט וואָס קען ער אויסדריקן זיין בענקשאַפט. האָט ער געגעבן אַ שטאַרקן און לאַנגן פייף, אין וועלכן ער האָט אויסגעדריקט

די גאַנצע התלהבות און הייליקע אָנשטרענגונג פון זיין שטומער נשמה. און דער פּייף פון דעם ייִנגל האָט דורכגעהאַקט אַלע הימלען, אַריין מיט אַ שטורעם אין פּאָדערפּלאַץ און צוזאַמען מיט די תפילות פון דעם עולם אַוועקגעטראָגן זיך צום כסא הכבוד.

דער זעלבער מאָטיוו איז אויך דאָ ביי שלום אַש אין זיין דערציילונג „דער דאָרפישער צדיק".

פינצטערע און גרויליקע ימים נוראים־טעג און כל־נדרי־נעכט האָט דורכגעמאַכט דאָס ייִדישע פאָלק אין פאַרשידענע צייטן. אָט קומען שילדע־רונגען און באַשרייבונגען פון די־אָ טעג אין דער תקופה פון אונדזער לעצטן חורבן. נאָגנדיקע און יסורימדיקע זענען געווען די ליידן און די פּיין אין די יום־טוב־טעג, וואָס דער ייִדישער מענטש האָט דורכגעטראָגן אין די היטלער־יאָרן. אין די־אָ טעג איז נאָך ווייטיקדיקער און שניידיקער אויפגעקומען די דערמאָנונג פון דער היים, פון אָקערשטיקן לעבן, פון פאַרגאַנגענע יום־טובים. אַפילו אין וואַלד, צווישן די וואָס האָבן זוכה געווען צו קעמפן מיט געווער קעגן בלוטיקן שונא, איז אַזוי טרויעריק און פינצטער אויף דער נשמה. אַזוי פשוט־מענטשלעך פּילן מיר עס אַרויס פון די פּאַרטיזאַנער־באַשרייבונגען, פון יחיאל גראַנאַטשטיינס „יהודי ביער" אינעם קאַפּיטל „יום־כיפור ביינאַכט":

„די היים, אוי די היים... די אַמאָליקע היים... די עלטערן, די קינדער, די שול, דאָס שטעטל. נאָר בלויז אין דער מחשבה האָבן זיך געוויקלט אַזעלכע בילדער. קיין איין וואָרט האָט אָבער נישט געקענט געבוירן ווערן. ...איך האָב געפילט אַ נייטיקייט זיך אַוועקצוזעצן, זיך אָפּצוזונדערן, קלאָגן, שטילן דאָס פייער, וואָס פאַרברענט דאָס האַרץ, אָדער גאָר דערמאָנען דאָס פאַרלוירענע לעבן, די פאַרלוירענע לעבנס. בעטן אַ פאַרגעבונג פאַר זיך, פאַר דער זינד פון זיך און וועלן אַרומדרייען צווישן מענטשן, פאַר דער זינד פון וועלן לעבן.

איך האָב גייענדיק געוואָלט זאָגן כל־נדרי, אָבער די ווערטער זענען זיך מיר צעפאָרן, צעפלויגן. איך האָב נישט אָפּגעפונען קיין סדר פון תפילות, און אין האַלדז האָבן געשטיקט טרערן, וואָס זענען אינעווייניק פאַרלוירן געגאַנגען"...

אברהם ליס

און מיט וויפל טראַגיק דער דיכטער יעקב פרידמאַן דערציילט פון אַ כל־נדרי־נאַכט אין אַן אַנדער יידישן יישוב, די גבורה און קדושה פונעם רב, וואָס טענהט:

קהל, הייליקער קהל!
און ער פאַרגייט זיך שטיל אין געוויין:
און דער אָרון פאַרמאַכט ווערט היינט שטיין.

און צו כל־נדרי, היינט צו כל־נדרי...
זיין קול איז פאַרטרערט און פאַרצערט:
ווערט די עדה הקדושה אַרויסגיין
צום אַלטן יידישן מאַרק.

ער רעדט, און די עדה הקדושה
גייט שטיל נאָך איר רב מיט געוויין.
אין מאַרק אויף תליות די יידן
זיך וויגן אין לבנהשער שיין.

און שטיל גייט דער רב צו די תליות,
נעמט זיין זון אַראָפּ פון שטריק,
אַזוי פלעגט ער אַ מאָל אויך אים נעמען,
קינדוויין, אַרויס פון דער וויג.

אַן אויסטערלישע באַגעגעניש פונעם טאַטן מיט זיין זון דעם רויט־אַרמייער איז דאָ אין סוצקעווערס כל־נדרי־פּאָעמע, אַ פּאָעמע, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט דעם גליוּוער און צאַפּל פון דעם בלוטיקן אַרום, מיט אימה און גרויל פון ערב אומקום „אין לייכטנדיקער קלויז פון ווילנער גאון".*

רייען זיך אָט די שאַפונגען, ווי רינגען אין אַ קייט, אין דער קייט פון אונדזער לעבן, און געדענקען דאַרפן מיר זיי און פילן, ווי טראַגישע, טריי־סטנדיקע און דערהויבנדיקע געזאַנגען.

---

* וועגן אָט דער פּאָעמע געפינט זיך אין בוך אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג.

חסידות אין יידישן ליד

אַז ר׳ ישראל בעל־שם־טוב
האָט זיך געלאָזט גיין צום גאָטס מזרח,
האָט אַ גרויס געוויין דערהערט זיך פונעם מערב.
איז ער שטיין געבליבן: גאָטעניו, דו ביסט דאָך אומעטום —
וואָס וויינט דער מערב?

אַז ר׳ ישראל בעל־שם־טוב
האָט גענומען תורה זאָגן מיט די גראָזן,
האָט אַ גרויס געוויין דערהערט זיך פון די וועגן,
איז ער אויפגעשטאַנען:
גאָטעניו, דײַן וועלט און דײַן ישראל —
וואָס וויינען דײַנע וועגן?

דאָס האָט דער דיכטער אַ. באַסין געזונגען אַזוי וועגן בעל־שם־טוב אין יידישן ליד, ווייל אויף די אַנומלטיקע יידישע שליאַכן פון פוילן און פאָדאָליע און גאַליציע האָבן זיך דורותדיק געטראָגן די ניגונים און לעגענדעס פון בעל־שם־טוב, די שיטה און טראַדיציע פון חסידות. און וואָלט געלעבט די ברייטע חסידישע מאַסע אין יענע אַמאָליקע שטעט און שטעטלעך, וואָלטן זיי זיכער נאָך איצט געפראַוועט חסידות מיט רחבות און פייערלעכקייט, אָפּגעצייכנט די רבישע יאָרצייטן און זיך איבערגעגעבן די געהערטע חידושים און תורות...

די חסידות־באַוועגונג געהערט צו איינעם פון די שענסטע און וויכטיקסטע קאַפּיטלעך אינעם גאַנג פון יידישן לעבן פאַר די לעצטע יאָרהונדערטער. אויפגעטויכט פון די פאָלקס־טיפענישן, האָט חסידות

לכתחילה געזוכט צו ברענגען דערמונטערונג, טרייסט און היילונג פאַרן פשוטן האָרעפּאַשנעם יידישן מענטש. ווי רעוואָלטירט קעגן דער פרומער טרוקענער פאַרגליווערטקייט, וועלכע האָט געפּענטעט אינעם קאַנאַניזירטן, מיטל־עלטערלעכן נוסח דאָס דעמאָלטיקע יידיש־רעליגיעזע לעבן, האָט חסידות אַריינגעבראַכט אַ פרישן לופטיקן אָטעם. עס האָט אַ בלענד געטאָן מיט העלקייט אין דער געדיכטעניש פון דער פאַרמרה־שחורהטער יידישער מאַסע. ס׳האָבן אויפגעצאַפּלט נייע, פריידיקע האָפענונגען אין דער פאַריאושטקייט און גרויזיקייט פונעם לעבן פון די יידישע יישובים אין אוקראַינע און וואָלין אין סוף זיבעצנטן און אָנהייב אַכצנטן יאָרהונדערט.

דערדריקטע און אויסגעמאַטערטע פון אַ שווער, פאַרוויסט לעבן, פון זוכן אויסלייזונג און גאולה, אַנטוישטע פון פאַלשע משיחים און גאולה־ברענגער (שבתי־צבי און די יעקב פראַנק־אַוואַנטורעס), נאָך יאָרהונדערטער פון רדיפות און פון מאָראַלישע און עקאָנאָמישע אונטערדריקונגען האָט דאָס יידיש פאָלק געלעכצט נאָך באַפרייונג.

דער באָדן איז געווען אַ רייפער, אויפצונעמען די לערע פונעם גרויסן ייד פון מעזשיבאָזש, דעם בעל־שם־טוב.

דער בעש״ט, מיט נשמהדיקייט, מיט זיין פרומקייט און עניוות, מיט זיין ליבע צום פשוטן מענטש האָט גערעדט צום האַרץ און צום געפיל. האָט באַלד לינדער געמאַכט די דורותדיק אָנגעוואַקסענע האַרבע, עצבותדיקע פרומקייט. און ער האָט באַוויזן, — און ער האָט דאָך געלערנט, דער בעש״ט, אַז דינען דעם אייבערשטן, נענטער זיין צו גאָט קען מען אויך מיט שמחה, מיט מענטשלעכער פרייד און חדווה, דורך דער באַהעפטונג פונעם בן־אדם מיט דער נאַטור, מיט פעלד און בוים, מיטן וואַסער וואָס פליסט און מיט דער שטילקייט אין וואַלד, ווייל אומעטום איז ער דאָ און פון אומעטום קען ער פאַרנעמען תפילות. און יעדן לשון און געבעט פאַרשטייט ער.

אָט ווי י. י. סיגאַל ברענגט עס אַרויס אין זיין ליד „וההסידות״:

וההסידות, און דאָס חסידות זאָגט:
מיין בעל־שם־טוב איז אַ פשוטער ייד,

אין זכות פון וואָרט

האָט ער ליב די גאַנצע וועלט
און אַלצדינג, וואָס איז נאָר דאָ אויף איר.

קום, לאָמיר גיין איבער שטאָט און שטעט,
קום, לאָמיר גיין הינטער שטוב און שטאָט
און דערציילן עס פאַר וואַלד און פעלד
און צעזינגען עס פאַר טײַך און קוואַל.
לאָמיר גיין איבער ג אַ ר דער וועלט
און דערציילן עס פאַר לאַנד און לײַט,
און אַ פרייד וועט זײַן אויף ג אַ ר דער וועלט
און אַ יום־טוב אויף דער גאַנצער ערד.

און דער פשוטער ייד, דער מענטש פון המון־עם האָט דערפילט לייכטערונג. חסידות האָט ביי אים אָפּגעווישט די מרה־שחורה, האָט אים געגעבן אַ נייעם אינהאַלט און דערהויבנדיקן נוסח. אָבער די אַלטע, פאַר־וואָרצלטע רעליגיעזע פירונג האָט זיך דערשראָקן, האָט דערשפּירט געפאַר. וואָס איז עס פאַר אַ נייער בעל־מופת? צי וועט עס ווידער אַ מאָל נישט זיין איינער פון יענע, וואָס האָבן געבראַכט בזיונות און יסורים און אַנטוישונגען?

שטרענגע למדנים און יראי־שמים האָבן נישט געקענט פאַרנעמען, נישט געקאָנט תופס זיין אַזאַ פאַראיינפאַכן, אַזאַ פאַרפאַלקישן תפילה און מצוות. ס'איז זיי פרעמד געווען דער סאָציאַל־עטישער אינהאַלט און התנהגות פון חסידות. האָט זיך צעפלאַקערט אַ גוואַלדיקער קריג, אַ קריג אָן רחמנות: חסידים און מתנגדים. דער גאון ר' אליהו פון ווילנע האָט זיך געשטעלט בראש, מ'האָט איינגעלייגט וועלטן, און ווי דער מינהג אין יענע יאָרן, איז מען געגאַנגען צו מלכות, געאסרט און געמסרט, און אין ליטווישע און ווייסרוסישע בתי־מדרשים האָט מען געצונדן שוואַרצע ליכט און דעם דאָזיקן כת געלייגט אין חרם.

ס'איז געווען די גרעסטע מחלוקת אין יידישן לעבן פון זינט די צדוקים

אברהם ליס

און פרושים. אויך דער דאַזיקער מאָטיוו איז פאַראַן אין דער יידישער ליטעראַטור. לייזער וואָלף, דער אָריגינעלסטער דיכטער פון „יונג־ווילנע״ שילדערט עס אין זיין באַלאַדע „דער ווילנער גאון און דער בעש״ט״:

דער גאון שטייט בליציק: די פראים!
ישראלקע בעל־שם זייער גאָט!
איך רוף אויס אַ חרם, גבאים,
אויף זיי, און צעהענגט עס אין שטאָט!
אַ חרם, אַ קלאַג!
און איינער שרײַט אויס: אַ בזיון!
— — — — — — — — — — — — —

און פלוצלונג — אַ שענק... פון באַנדיטן?
ניין. חסידים אין ראָד פון אַ טאַנץ,
און איינער אַ ייד אין מיטן
מיט אויגן אין גויִישן גלאַנץ.
עס פלאַטערן הענט,
עס וויגן זיך ווענט.
אַלץ ווערט פון אַ ניגון צעשניטן.

נאָר פלוצלונג באַמערקט מען דעם גאון.
ער שטייט אָן אַ זײַט און ער קוקט.
און איינער שרײַט אויס: אַ בזיון!
אַ ייד זאָל זיך שטעלן פאַררוקט!
קומט טאַנצן, ר׳ ייד! —
זיי נעמען אים מיט,
ער דרייט זיך מיט זיי אין שגעון.

ער פאַלט. בעת ער עפנט די אויגן,
דערזעט ער זיך הויך אויף אַ באַרג.

אין זכות פון וואָרט

עס קומט אָן אַ ייִד איינגעבויגן
מיט פרייד און מיט האַלץ אויפן קאַרק.

יאָרן שפּעטער האָט זיך דער תהום אויסגעגליכט, די צעהיצטע געמיטער און די צעפּלאַקערטע מחלוקתן האָבן זיך איינגעשטילט. חסידות איז ברייט און טיף אַריין אין ייִדישן פאָלקסלעבן, זיך צעצווייגט אין שיטות און נוסחאות (פּשיסכע און קאָצק), האָט געווירקט און באַאיינפלוסט. אָבער סימנים פון ירידה האָבן זיך אָנגעהויבן זען, ווען דאָס קערנדיקע און אָריגינעל־מענטשלעכע איז פאַרקריפּלט געוואָרן, ווען דער סאָציאַל־עטישער אינהאַלט פון חסידות איז פאַרוואָסערט און אויסגעקרימט געוואָרן דורך נישט־געשטויגענע „מופתים״, דורך גייסטיקער אויסגעהוילקייט און דורך דעם אַנטאַגאָניזם פון די חסידישע הייפן און רביים.

דער חסידות־מאָטיוו און די חסידות־טעמאַטיק האָט פאַרנומען און פאַרנעמט ביז היינט אַ גרויס אָרט אין דער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור. שוין אָפּגערעדט פון אַ גרויסער וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישער ליטעראַטור, צו וועלכער ס׳האָבן בייגעטראָגן אויך אַ קענטיקע צאָל נישט־ייִדישע געלערנטע, קולטור־היסטאָריקער און פאָרשער. זיי האָבן באַגריפן דעם דעמאָקראַטישן און מענטשלעך דערהויבענעם גייסט, וואָס איז דאָ אין חסידות, דעם עקסטאַז און די ראָמאַנטיק, דעם רעאַליסטישן עלעמענט און די אינטים־מענטשלעכע איבערלעבונג אין דער באַהעפטונג מיט אמונה. „חסידות — האָט געזאָגט אַ מאָל חיים זשיטלאָווסקי — איז אַ וועלט, אין וועלכער דער מאָדערנער פאָרשער־געדאַנק האָט ערשט נישט לאַנג גענומען אַריינדרינגען. און וואָס מער מען דרינגט אַהין אַריין, אַלץ נייע וועלטן פון מענטשלעכער שיינקייט אַנטפּלעקן זיך דאָרטן. פון זייער עטישן און פּאָעטישן ווערט קאָן מען האָבן אַ השגה שוין פון פּרצעס „חסידישע מעשהלעך״.

ס׳איז אפשר געווען נאַטירלעך, אַז די אָנהייבער, אין דעם בראשית פון אונדזער וועלטלעכער ליטעראַטור, — די השׂכלה־שאַפער — האָבן געזען אין חסידות בלויז דאָס נעגאַטיווע. די השכלה־ליטעראַטור סיי אין ייִדיש און

סיי אין העברעיש האָט זיך באַצויגן צו חסידות ווי צו אַ פאַנאַטישער, מיטל־עלטערלעכער סעקטע, וועלכע מען מוז עוקר מן השורש זיין, אויס־וואָרצלען זייערע אידעען און שטרעבונגען. זיי, די ניכטערע השׂכלה־שרייבערס, האָבן, ווי בשעתו די מתנגדים, נישט געקענט דערפילן און תופס זיין דעם טיפן פאָלקישן גרונטגעדאַנק, וואָס חסידות האָט פאַרמאָגט. זיי האָבן נישט באַנומען און נישט דערפילט די גייסטיקע קראַפט פונעם חסידישן וואָרט און לעגענדע, די האַרציקייט און אוממיטלבאַרקייט פון לוי יצחק באַרדיטשעווער, די סימבאָלישע מוסר־השׂכלדיקע מעשׂה פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער און דעם פאָלקיש־אויסגעחלומטן מאָטיוו פון דעם בעל־שם־טוב.

דערפאַר האָט שוין גאָר אַנדערש באַנומען די אייגנטימלעכקייט און דעם מאָטיוו פון דער חסידישער פאָלקישקייט, פון דער חסידישער פאַנטאַזיע די ליטעראַטור פון נאָך דער השׂכלה — אונדזער מאָדערנע דיכטונג און פראָזע. אָנהייבנדיק טאָקע פון י. ל. פרץ און דעם נסתר, אַנסקי, ליעסין, ביאַליק, ש״י עגנון, קאַבאַק, א. צייטלין, שפּעטער איציק מאַנגער, י. י. סיגאַל, יעקב גלאַטשטיין, אריה שמרי, בעריש וויינשטיין, יחיאל האָפער, ברוך האַגער און אַ סך אַנדערע, וועלכע זענען אַנגערעגט געוואָרן פונעם חסידישן מקור און געשאַפן וויכטיקע ווערק. ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אינעם רוב האָבן די דיכטער און דערציילער, אַריינפּירנדיק חסידישע מאָטיוון, די לעגענדאַרישקייט און די ראָמאַנטיק, ווי דעם דראַמאַטיש־אָנגעשפּאַנטן עקסטאַז פון אמונה און בטחון, אַרויסגעהויבן דאָס חסידות ווי אַ באַוועגונג, וועלכע האָט צום אָלעם ערשט געזאָרגט פאַרן סאָציאַל־און עקאָנאָמיש דערדריקטן מענטש, וועלכע האָט קודם־כל אין זינען דעם אָרעמאַן און האָט געזוכט אים אויסצוגלייכן — לכל הפחות — אין זיין געזעלשאַפטלעכן מעמד.

ווייל אין תוך גענומען — באַמערקט ריכטיק מנשה אונגער — „איז דאָך די חסידישע באַוועגונג אין איר אורשפּרונג געווען אַ סאָציאַלע פאָלקס־באַוועגונג, געווענדעט קעגן די רבנים, תקיפים און פרנסים, וועלכע האָבן געקוקט אויפן אָרעמאַן פון אויבן אַראָפּ: איז דאָך די חסידישע באַוועגונג דער ערשטער אומצופרידענער אויפברויז פון די ,הינטערן אויוון־זיצערס׳ קעגן דער ,מזרח־וואַנט׳...״

און די „הינטערן־אויוון־זיצערס" האָבן זיך אויסגעגלייכט אין קלויז און אין בית־מדרש, נישטאָ מער די אָנגעכמורעטקייט און די מורא פאַרן בורא עולם און די גרויסע מורא, להבדיל, פאַר גבירים. אויך דעם בורא עולם קאָן מען דינען מיט פרייד און נאָענטקייט און רעדן צו אים אַזוי אייגן־מענטשלעך און היימיש, ווי ס'איז היימיש אין חסידישן בית־מדרשל, אַט ווי י. עמיאָט זינגט עס אַרויס אין זיין פּאָעמע „לובלין":

א פרימאָרגן אין בית־מדרשל פון „חוזה מלובלין".
אַ בעקער שטייט ביים עמוד און יאָגט שנעל־שנעל צום מנין,
בעלי־מלאכות און סוחרימלעך, וואָס יאָגן זיך צו אַ קנין...
ווי לויפסטו האַרץ מיינס פון דאַנען, וווהין?

ס'האָט אָפּגעדאַווענט דאָס געזינדל קרעמער, זיי זענען
שוין פאַרשוווּנדן,
און אַ פלאַם אַזאַ האָט פלוצעם העל זיך אָנגעצונדן,
אַזאַ פאַרכטיקע, אַזאַ איבערמענטשלעכע פרייד דאָ, —

דער חוזה מלובלין און די הייליקע חבריא!
און סע גליט דער פלאַם פון די תלמידים די געטרייע,
אַט באַלד הערסטו דאָס קול פון „ייד הקודש", דיין גרויסן זיידן.

חסידות האָט געגעבן דער יידישער ליטעראַטור אַ רייכן און פאַרביקן פייזאַזש, באַרייכערט מיט מאָטיוו און אידעע, מיט אייגנדיקן סאָציאַלן געדאַנק און מיט אַ ניגון, וואָס האָט זיך געטראָגן ווייט און טיף איבער דורות און צייטן — דער ניגון און טאַנץ, וואָס האָט פאַרביק געמאַכט די יידישע דיכטונג, האָט באַווירקט אויך די יידישע דראַמע און די פלאַסטישע קונסט.

ווייל חסידות, אין איר תוך און מהות, האָט געטראָגן אין זיך אַ גרויסע אידעע און אַ גרויסע בענקשאַפט, די בענקשאַפט נאָך אויסלייזונג, די בענקשאַפט צו משיחישער גאולה.

„מען וועט קיין מאָל נישט פאַרשטיין — האָט אַ מאָל געשריבן דער רעליגיעזער דענקער הלל צייטלין — מען וועט נישט פאַרשטיין, ווי עס געהער צו זיין, די פאַרהעלטענישן פון פאַרשיידענע חסידישע פוילישע און ליטווישע רביים צו די וועלט־געשעענישן ביים סוף פון אַכצנטן יאָר־הונדערט, אויב מען וועט זיך נישט קלאָר מאַכן דעם מעסיאַנישן כאַראַקטער פונעם חסידיזם — דאָס הייסט, ווי ווייט דער חסידיזם איז אין זיין סאַמע אָנהייב געווען אַ טרעגער פון דער משיח־אידעע, וואָס האָט געזאָלט, לויט דער האָפענונג פון די דערמאָנטע רביים, ווי צום גיכסטן פאַרווירקלעכט ווערן. מיט אַנדערע ווערטער, דער חסידיזם איז געווען אי דער המשך און אי דער היפוך פון די פריערדיקע משיחישע באַוועגונגען פון שבתי־צבי און יעקב פראַנק: אַ המשך — אין דעם זין וואָס דער חסידיזם האָט אויך געשטרעבט ווי צום גיכסטן אַראָפּצוברענגען משיחן און דורך באַזונדערער פרומקייט און קדושה. אַ היפוך, אין דעם זין וואָס דער חסידיזם האָט אויסגעמיטן אַלע מיאוסע, פאַלשע, פאַרקרימטע און פאַרדרייטע וועגן פון די שבתי־צביניקעס און פון די פראַנקיסטן און האָט זיך באַלד ביים אָנהייב געשטעלט אויפן פעסטן באָדן פון דער תורה, פון העכסטער זיטלעכקייט און פון ריינקייט אין געדאַנק און אין טאָט".

פון דער גרויסער חסידות־באַוועגונג, וואָס האָט זיך געצויגן איבער פוילן, פּאָדאָליע, ווייסרוסלאַנד און גאַליציע, זענען איצט געבליבן קליינע רעשטן פון אַ גרויסער גלייביקער און התלהבותדיקער מאַסע, אָבער מיט טיפן אָפּשיי פאַר די אמתע מאמינים און פאַרזעצער פון חסידות, וואָס אַנען און שפּירן מיט דורותדיקער פאַרוואָרצלטקייט אין חסידות פון בעש"ט, ווי איציק מאַנגער זינגט:

> די נאַכט איז הייליק, טיף און שיין, אַז אַפילו דער מענטש,
> וואָס גייט אַליין
> באָרוועס איבער אַ פרעמד לאַנד, פילט איבער זיך גאָטס
> בלאָע האַנט.

דער חסידות־מאָטיוו פאַרנעמט אויך היינט אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור.

י. ח. בילעצקי

מיט דרייסיק יאָר צוריק איז דערשינען י. ח. בילעצקיס ערשטע זאַמלונג לידער אין ארץ־ישראל. מיר זענען געווען דאַן אַ קליינע גרופּע יידישע שרייבער, אָבער פאַרמאָגט האָט די גרופּע אַ סך אידעישקייט און יידיש־באַוווסטזיין און קלאָרן ווילן פאַר יידישער שעפערישקייט.

דאָס ערשטע בוך בילעצקיס האָט געהייסן „פאַר זיך". שפּעטער זענען געקומען זיינע לידער־זאַמלונגען „אומרו", „שוועלן", „ווי און גלויבן". און איצט — זיין בוך „לידער צום מענטש" — — ווי כאַראַקטעריסטיש און סימבאָליש עס זענען די נעמען פון די ביכער: צו ערשט, דער שטילער, התבודדותדיקער אינערלעכער געזאַנג „פאַר זיך" און „אומרו", דער אומרו, וואָס עס הויערט אין יעדן שעפערישן מענטש, און דערנאָך די „שוועלן", ביי וועלכע ער איז אויפגעגאַנגען, די שוועלן אויך פון דאָרט, פון דער אַמאָליקער היים, און איצט, — זיין בפירוש רייפער, פאַרביקער און אינטערעסאַנטער בוך „לידער צום מענטש".

אָט די טיטלען זענען נישט קיין צופעליקע ביים דיכטער — זיי כאַראַקטעריזירן דאָס אייגנטימלעכע פון זיין טראַכטן און פילן.

מיר דאַכט זיך, אַז בילעצקיס איצטיקע לידער־זאַמלונג איז ווי אַן אָפּשלוס פון אַ שאַפונגס־פאַזע און אַן אָנהייב פון אַ נייעם פאַרמעסט.

דיכטונג איז, כידוע, די סאַמע קאָמפּליצירטסטע קונסט. דיכטונג קולימינירט אין זיך אידעע און געדאַנק, געפיל, איבערלעבונג, שטימונג און אימאַזש. און טיף איז דער סוד און גרויס איז דער כישוף פון וואָרט.

אין זיין אָנהייב איז בילעצקי גאָר אָפט באַהערשט געוואָרן פונעם וואָרט, געפירט געוואָרן פון אים און זיך, צו מאָל, נישט געקאָנט קיין עצה געבן. ווי פאַרלוירענע האָבן אָפט מאָל געשלומערט די ווערטער באַזונדער, און די מיינען באַזונדער. איצט פילן מיר אַרויס אַ נייע און פּאָזיטיווע ווענדונג; דער דיכטער באַהערשט דאָס וואָרט, באַהעפט זיך מיט אים.

אברהם ליס

אין די לידער פון דער זאַמלונג „צום מענטש" געפינען מיר אַ סך ייִדישן און טיף מענטשלעכן אינהאַלט, מיט דיכטערישער איבערלעבונג, מיט ציטער און צאַרטקייט און מיט וויברירנדיקער מחשבה; אין דעם באַנעם פון וועלט און מענטש ברענגט דאָ י. ח. בילעצקי צום אויסדרוק אייגענע שפּירונג, יחידישן טאָן. ער זאָגט:

גיי ווייטער דײַן גאַנג מיט שלום און קריג,
צוזאַמען מיט מחנות — אַליין און באַזונדער,
מעג דער הימל באַגלייטן דײַן וואָרט און דײַן ניגון,
נאָר דער רשעות פון ערד גיב זיך קיין מאָל נישט אונטער.

איך מיין, אַז די דאָזיקע פיר אויסגעקאָוועטע, שיינע שורות זענען כולל און מאַניפעסטירן דעם דיכטערס געזעלשאַפטלעכע און פּאָעטישע בחינה.

שטאַרק און טיף איז זיין געבונדנקייט מיט דער ירושה, מיט די ווערטן פון דער נעכטיקער, דער חרוב געוואָרענער היים. ייִדישע דיכטער האָבן דערפילט ווי זייער הייליקע שליחות, אַרויסצוהייבן דעם פּייזאַזש פון אונדזער ייִדיש לעבן דאָרט. אין זיין ליד „ירושה" זענען דאָ אַזעלכע שורות:

אין מײַן חרובע היים — פֿאַרקלאַמערט,
אין ירושה שטאַרק פֿאַררינגט,
אויף מײַן נעכטן קלאַפּט מײַן האַמער,
פֿון מײַן טאַטנס קוואַלן — כ׳טרינק.

די שיריים כ׳וויל אויפֿקלײַבן
פֿון מײַן מאַמעס גרויס פֿאַרמעג.
בײַ איר שוועל כ׳וויל הײַנט פֿאַרבלײַבן,
העלפֿן טראָגן איר געפּעק.

אין י. ח. בילעצקיס לידער פילן מיר אַרויס דעם דאָזיקן קלאַפּן פון האַמער „אויף מיין נעכטן". ס׳איז אַ קלאַפּן פון האַרץ און נשמה, מיט טרויער־

און טיפער בענקשאַפט פון איינעם, וואָס ווייס, אַז אָן דער דערקענטעניש פון דעם נעכטן, פון אונדזער יידיש־וועלט פון נעכטן, וועט נישט זיין קיין המשך — — — און דער מאָטיוו פון בענקשאַפט, ווי דער ווילן אַריינצוברענגען אונדזער אָפּגעמעקטע וועלט אין דער גייסטיקייט פון אונדזער לעבן, קענטיקט זיך אַרויס אין אַ סך פון זיינע לידער, באַזונדערס אין די, וואָס זענען אויסגעוויטיקטע דערמאָנונגען פון די נאָענטסטע:

נאָר איין מאָל דיך זען אין טלית געהילט
נאָר איין מאָל דיין ניגון דערהערן.
כ׳וועל שוייַגן, ווי פליגלען אין אַ חרובן מיל,
שטום וועל איך זיין, ווי פאַרלאָשענע שטערן,
און בויגן מיין קאָפּ, ווי אַ בוים נאָך אַ שטורעם.

ביי י. ח. בילעצקין איז אַלע מאָל וואָך דער ווילן פאַר נייע אויסדרוק־מיטלען, עס הויערט אין אים אַ באַגער צו נייַקייט, און אַפילו ווען עס געלינגט אים נישט אַ מאָל, איז דאָך אָנגענעם צו זען און פילן זיין געראַנגל, אַ געראַנגל פאַר וואָרט און בילד... שוין אָפּגערעדט פון די פריערדיקע לידער־זאַמלונגען, ווו די דאַזיקע נייגונג איז אַ גאָר בולטע, איז אויך אין דעם איצטיקן בוך, וואָס איז, אָן ספק, דיכטעריש רייפער און גאַנצער ווי די פריערדיקע — פאַראַן אַ צאָל בילדער, וואָס אָטעמען גריילעך מיט דיכטערישן אומרו, אָבער אין זייער פאַרמירונג בלייבן זיי אומבאַהאָלפן. אַ שטייגער:

דאָס לעבן בילט ווי אַ הונגעריקער הונט:
חלום. חלום. בלויער דמיון.
בויט מיין ליד אַ ווייַסער טאָג,
טראָגט ער ציגל צו מיין בנין.
קלאָג זיך נישט. דאָס לעבן האָט שטענדיק זייַטיקע כוונות,
אָט, ממש, ווי אויף הימלען פאַרחלומטע לבנות.

קלאָר, אַז אויך דאָ איז פֿאַראַן געדאַנק און מיין, און אינעם גאַנצן ליד „דאָס לעבן האָט שטענדיק זייטיקע כוונות" זענען פֿאַראַן פּאָעטיש שיינע שורות. אָבער די אידעע, וואָס דער דיכטער האָט געוואָלט דורכפֿירן, ווערט פֿאַרשווּמען אין זאַגערישן נוסח, טראָץ דער ריטמישקייט פֿון די פֿערזן און לויטערער שפּראַך.

אָבער אויך די דאָזיקע שוואַכקייט האָט אַ געוויסן חן. דעם חן פֿון אומ־מיטלבאַרקייט, פֿון שעפֿערישן געראַנגל... עס נעמען אויס מער, פֿאַרשטייט זיך, די לידער, ווו מען שפּירט אַרויס די שטימונג, ווו דער געדאַנק איז געראָטן געבונדן מיטן וואָרט און שאַפֿט אַ דיכטערישן קלימאַט, ווי אין ליד „אַ שטיין, אַ דעמב, אַ מענטש":

אַ גרויער שטיין, אַ גרויער שטיין
פֿאַרגייט פֿאַרנאַכט זיך אין געוויין.

טוט ער וויינען, טוט ער קלאָגן:
ווען וועט נאַכט דעם טאָג אויסטאָגן?

אַ גרויער שטיין, אַ גרויער שטיין
בלייבט בייַנאַכט, אַליין, אַליין.

קומען הימלען מיט צוויי שטערן,
גיסן אָן דעם שטיין מיט טרערן.

דאָס ליד האָט אַ גוטע דיכטערישע אַנטוויקלונג, ווו עס קומט אויף דער עלנט פֿון מענטש און דער גורל פֿון מענטש. אָט דאָס ליד, ווי אַ סך אַנדערע אינעם בוך, פֿאַרמאָגן פֿרישקייט אין אינטערפּרעטירן דומם און פּייזאַזש. אינעם בילד קומט אַרייַן דער מענטש מיט זייַנע בענקשאַפֿטן און „קומט אַ מענטש מיט מידע פֿיס און אין מיטן האַרץ אַ ריס".

נישט ווייניק אַזעלכע עמאָציאָנעלע אויסדרוקן זענען פֿאַראַן אין די „לידער צום מענטש", ווו דער „אין מיטן האַרץ אַ ריס" באַגלייט זיי מיט

אָפּענעם, אָבער מיט ערלעכן, עכטן אומעט. די אָפנקייט איבערצייגט און שאַפט דעם וואָריקן פאַטעישן טאָן. אפשר באַווירקן זיי אונדז אויך דערפאַר, ווייל ביז אַנומלט זענען דער רוב בילעצקיס לידער — אַזוי, יעדנפאַלס, האָבן מיר זיי געפילט — געווען געוויקלט און געהילט אין נעפּלען...

איז טאַקע גוט צו זען, וואָס פאַר אַ תוכיקע ווענדונג ס׳איז געקומען אין זיין דיכטונג. אינעם בוך איז פאַראַן אַ ליד „ווינטן וואָיען״. דאַכט זיך, אַ געגנוג באַנאַלע טעמע פאַר אַ ליד, אָבער וויפל נייקייט ברענגט ער אַריין אין דער דאַזיקער באַקאַנטער דיכטערישער שטימונג, וויפל געלייטערטע בילדערישקייט:

ליבער, שיינער צווייַג, שטענדיק פלעגסטו ברענען,
ווען געקומען כ׳בין צו דיר אין אומעטיקע שעהען.
ווער וועט דיינע בלעטער אויפקלייַבן, געפינען,
ווער וועט אין פאַרטאָגן טרינקען דיינע טויען?

פוסט אַרום. מיטן צווייַג איך וויל פאַרבלייַבן
און מיט ווינטן כ׳וויל זיך לאָזן יאָגן.
כ׳וויל אַלע בלעטער אין מייַן האַרץ אויפקלייַבן
און אויסזינגען אַ ליד:
זאָל טאָגן!

דער לעצטער פערז: „אויסזינגען אַ ליד: ס׳זאָל טאָגן״, פירט אונדז, בישט־ווילנדיק, אַריבער צו אַן אַנדער עמפּינדונג, צו אַ ווייטערדיקע, טראַגישע שפּירונג. ס׳איז די אַכזריותדיקע אַנטוישונג, וואָס איז געקומען פון דאָרט, ווו מען האָט אַ מאָל געהאָפט און געחלומט, אַז ס׳וועט אויפגיין מיט ליכט און שיינעם ערלעכן טאָג — — —

אויך בילעצקי רעאַגירט, פאַרשטייט זיך, ווי אַ דיכטער, ווי אַ נאַציאָנאַלער ייד אויף דעם וויסטן גורל פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד. אויף דעם, וואָס עס איז געשען דאָרט. און מיט טיפער, בריענדיקער אַנטוישונג פרעגט ער:

אברהם ליס

פון יעקבס לייטער צעפאַלן זיך די טרעפּ,
אַ לעגענדע גייט אַ באָרוועסע, פאַרהילט אין אומעט און געוויין,
בײַם ראַנד פון רויטער שקיעה אָפּגעהאַקטע קעפּ.
צי האָסטו, זון אויף מזרח, געמוזט אַזוי פאַרגיין?
צי האָט דער ווינט פון יוגנט געמוזט אַזוי פאַרווייען?
צי האָט געמוזט דער ביזער ווינטער אַזוי דעם וועג פאַרשנייען?

גוטע מדרגות האָט דערגרייכט בילעצקי אין זיין איצטיקן בוך: (איך זאָג בכוונה מדרגות), מדרגה פון שטילקייט, מדרגה פון קלאָרקייט און אַ מדרגה פון סובטעלן טאָן. עס וואָלט, דאַכט זיך, נישט שווער געווען עס צו באַווייזן, פאַרגלייכנדיק זיינע פריערדיקע מאָטיוון און לידער מיט די איצ־טיקע „לידער צום מענטש", ווו מיר געפינען אַזעלכע דיכטערישע צאַרטע און אויסדרוקפולע שורות, ווי:

אין פאַרנאַכטן זענען פול מיט טרויער אַלע אויגן,
אין פאַרנאַכטן — טוליעט זיך דאָס גראָז צו דײַן טונקעלן שאָטן.

אָדער די סטראָפן פון דער פּאָעמע „ווען דער וואַלד האָט אָפּגעברענט", אַ פּאָעמע פון יידישן גאַנג און יידיש־מענטשלעכן חיוב:

במעמקים. אין די טיפן. אין געהיימע היילן.
גיי אַראָפּ און זוך דײַן ליכטיקן באַגינען.
פון די טוכלע קעלערס, כ׳וויל דו זאָלסט דערציילן,
אַז מײַן לעבן כ׳וועל אין ליכטיקייט פאַרשפּינען.

העכער דריי צענדליק יאָר אין לאַנד, און מיר געפינען ביי י. ח. בילעצקי אַזוי וויניק באַזונדערע ארץ־ישראל־מאָטיוון. דער ענטפער פאַר דעם איז נאָר איינער און אַ גראָדער: י. ח. בילעצקי איז אַרויסגעוואַקסן און אויפגעקומען ווי אַ דיכטער דאָ אין לאַנד. איז אַלץ במילא אָרגאַניש און וועזנטלעך געבונדן מיטן היגן פּייזאַזש און היגער אַטמאָספער. ס׳איז די אייגענע היים — ישראל.

אפרים אויערבאַך — אַ בן־שבעים וחמש

אַז אפרים אויערבאַך קומט אין לאַנד, קומט ער ווי אַן אייגענער צו אייגענע. אויערבאַך געדענקט נאָך יענע צייט — און פּאָעטיש פרישט זיך עס אַלע מאָל אָפּ ביי אים — ווען אין לאַנד האָט זיך געטראָגן מידבר־דיקער שטויב און ווען פון די מאַלאַריע־זומפּן האָט מען אָנגעהויבן אויסקנעטן פרוכפּערדיקע שטחים. — — געווען איז ער אַ סאָלדאַט אין ערשטן יידישן לעגיאָן, אין דעם גדוד פון די מוילאייזל־פירער אין גאַליפּאָלי (ס'איז אַ קאַפּיטל יידישע געשיכטע.), שפּעטער איז ער געוואָרן אַ שומר אין יידישע קאָלאָניעס. ער איז זוכה געווען צו ווערן, אויב נישט דער ערשטער, איז פון די ע ר ש ט ע יידישע דיכטער, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט אינעם יידישן ליד דעם אויפגיי פון נייעם ארץ־ישראל. דאַכט זיך, אַז מיט פופציק יאָר צוריק האָט קיינער מיט אַזאַ אוממיטלבאַרקייט און עכטקייט נישט אויסגעזונגען דעם ארץ־ישראל־ניגון אין יידיש, ווי ער. ער האָט איינגעאָטעמט און דערפילט דעם נייעם באַדייט, ווען:

עס וויַיזן זיך גילדענע, זאַמדיקע ברעגן,
בלויע, פאַרחלומטע בערג פון דער וויַיטן.

און מיט אַ יובל יאָרן צוריק האָט זיך אויסגעקענטיקט די באַשטימונג:

וועל איך אויף פעלדער טרייסט דאָ געפינען,
לעבן מיַינס וועל איך דאָ לויטער באַניַיען.

און הגם ער איז נאָך דעם אַוועק, און דאָרט, אין יידישן מאַסן־יישוב אין אַמעריקע געוואָרן איינער פון די בויער און פאַרמירער פון דער יידישער וואָרטשאַפונג, האָט אין אים שטענדיק געהויערט, געניגונט דער ניגון, וועלכן ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, ווען:

אברהם ליס

ס׳איז בײַנאַכט געווען דער הימל
טיף אַזוי און בלוי,
און געלייגט האָב איך זיך שלאָפן
אין אַ סטערטע שטרוי.

דער טיפער בלוי, וועלכן ער האָט איינגעזאַפּט, דער בלוי פון עבר, פון חלום און וואָר האָט זיך איינגעקאָרבט אין זיין געמיט און באַקומען אויסדרוק אין זיין שפּעדיקער פּאָעטישער שאַפונג.

אפרים אויערבאַך איז איצט אַ יובילאַר. געוואָרן א בן־שבעים וחמש. (איז עס אַ ווילער אָפּצייכן פאַר אַ פּאָעט). און צו דעם קומט נאָך צו נאָך אַ דאַטע: ס׳ווערט איצט 50, ווי ס׳איז דערשינען זיין ערשט בוך. טאַקע דאָס בוך ארץ־ישראל־לידער „קאַראַוואַנען״. ס׳איז נישט נאָר געווען זיין דיכטערישער אָנהייב, אויך דער אָנהייב פון ארץ־ישראלדיקן יידישן ליד.

צו זיינע 75 יאָר איז איצט אַרויס אַן אָפּקלייב פון זיינע פינף צענדליק יאָר שאַפן: „אַ לעבן צווישן טאָוולען״, און ווי זאָגט מען: כשמו כן הוא: — פון די איבער 400 זייטן פונעם בוך גייט אויף פאַר אונדז דער לעבנסגאַנג פונעם דיכטער — אַ טיפע און פיבערדיקע וועלט. — —

אויערבאַך איז פון די יידישסטע דיכטער. אין אים גלימערט מיט יידישן ווײי, מיט יידישן עצבות. און אפילו די הייטערקייט און חדווה — וואָס איז דאָ אין זיין ליד — וואַקסט אַרויס פון אַלטפאָלקישער סביבה. פון אַלט־פאָלקישע זיידעס מיט פאַרגרויטע בערד, יידן האָרעפּאַשנע, וואָס האָבן געטריי געדינט דעם אייבערשטן און זיך פאַררינגלט אין דורות. דער נישט־יידישער אַרום ווירקט זיך אויס אין אים, דאַכט זיך, נאָר אויף אַזוי פיל, וויפל עס האָט אַ באַריר מיט יידישן גאַנג און מיט יידישער גורלדיקייט — —

זיין ליד איז אַדורכגעזאַפּט מיט דער הערא׳ק און מיט דער טראַגיק פון פאָלקס עבר. עס איז אים אייגן און ס׳איז לויטער פאַר אים דער „אַלטער קוואַל״, ווי היימיש ער איז אין די „אבותדיקע געצעלטן״. ער זאָגט:

טרעט נישט אויף די געלע בלעטער
לעבן אָטעמט נאָך אין זיי.

אַוודאי איז ער וואַך און עס רעגן אים אָן אַל די פראַגן און פּראָבלעמען פון אונדזער וואָר, און דאָס קומט אין ליד, אָבער ער בלייבט אַלע מאָל אין זיין יחידיש־אינטימער וועלט, איז שטענדיק אינעם גדר פון זיין אייגנדיקן דיכטערישן נוסח, וואָס איז קערנדיק יידיש, רייך אין אויסדרוק, פּשטותדיק און געראָטן, ווי דער קאָרן אויף די פעלדער ביים דניעסטער, און פּאָעטיש ראַפינירט און צאַרט ווי אַ פויגל־געפלאַטער איז זיין שפּראַך:

די סטעזשקע פאַרלעשט זיך. דאָס זילבער איז קאַלט.
דער שראַם — מיט אַ נאַכטיקן הײַטל פאַרצויגן.
נאָר אַ שוימיקע כוואַליע פאַלט צו און פאַלט,
צו קושן דאָס זאַמד אין די גילדענע אויגן.

מיט אַ דינער שפּירונג, מיט סובטעלער בילדערישער שפּראַך זענען באַהויכט אפרים אויערבאַכס לידער, באַזונדערס זיינע לעצטע שאַפונגען, ווי „אין שפּעטן נאָכזומער".

זאָל די קוואַליקייט פון „שפּעטן נאָכזומער" אים אַזוי באַגלייטן יאָר און יאָרן.

די אַנטאָלאָגיע „אַמעריקע אין יידישן וואָרט"

די אַנטאָלאָגיע „אַמעריקע אין יידישן וואָרט" איז ממש אַ לינדערונג אין דעם שווערן געפיל, מיט וועלכן מיר זענען אָנגעשטימט געוואָרן די לעצטע יאָרן, פאַר דער מערכה פון דער יידישער ליטעראַטור, ווי אויך פאַרן גורל פון דער יידישער קולטור אין אַמעריקע. מיר ווילן דאָ קודם־כל אונטערשטרייכן דעם פאַקט, אַז די אַנטאָלאָגיע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט דער הילף און מיט דער אונטערשטיצונג פון איבער טויזנט יחידים און אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן עס מעגלעך געמאַכט, אַז די־אָ ריזיקע ליטעראַרי־שע אונטערנעמונג זאָל געלינגען. אָט דעם פאַקט טאָר מען נישט פאַרזען און אַוודאי דאַרפן דאָס נישט פאַרזען די יידישע שרייבערס און שאַפערס אין אַמעריקע, וועמענס פעסימיסטישע שטימונגען עס זענען גאָר אָפט פאַרשטענדלעך. נאָך פאַראַן אין אַמעריקע — אפילו ווען די צאָל איז נישט קיין גרויסע — אַ פּאָטענציעלער לייענער, אַ פאַראינטערעסירטער אין יידישער שאַפונג.

די אַנטאָלאָגיע „אַמעריקע אין יידישן וואָרט" איז, דאַכט זיך, די גרעסטע צונויפזאַמלונג, וואָס איז דערשינען אין דער יידישער ליטעראַטור. אַנטאָלאָגיעס זענען נישט קיין נייעס, דאָס איז אַ באַקאַנטער אופן פון צונויפברענגען און אויפהיטן די שאַפונגען פון פאָלק און זיינע דיכטער.

נחמן מייזיל, דער לאַנגיאָריקער רעדאַקטאָר און דער צונויפשטעלער פון דער גרונטיקער אַנטאָלאָגיע „אַמעריקע אין יידישן וואָרט" זאָגט אין זיין ברייטערן אַריינפיר צו די לייענער: „קודם־כל ווילן מיר דורך פאַרשידענע שאַפונגען פון די יידישע דיכטער און דערציילער, וואָס מיר האָבן אויפגע־קליבן און אַריינגעבראַכט אין בוך, באַווייזן, ווי אַזוי די גרויסע אַלגעמיינע און יידישע אַמעריקע, מיט איר ליכט און שאָטן, פּאָליטישע און סאָציאַלע קאַמפן, מיט איר רייכער און קאָלירפולער נאַטור, מיט אירע געגנטן, שטעט, טייכן און בריקן, בערג און טאָלן, ענגע גאַסן און רחבותדיקע

שטחים — ווי דאָס אַלץ איז אַרויסגעבראַכט, באַזונגען און געשילדערט געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור".

מ'דאַרף געדענקען, אַז די אָנרעגונג אַרויסצוגעבן אַזאַ אַנטאָלאָגיע איז געקומען בשייכות מיט דעם דריי הונדערט יאָריקן יובל פון יידישן יישוב אין אַמעריקע. און מ'קאָן זאָגן, אַז דאָס איז געווען נחמן מייזילס אַ געראָטענער געדאַנק: דעמאָנסטרירן אויף אַזאַ אויסדריקלעכער, ברייטער פּלאַטפאָרם — ווי אַזוי און מיט וואָס האָט אַמעריקע באַאיינפלוסט דעם יידישן דיכטער און קינסטלער און ווי אַזוי די טעמאַטיק האָט זיך אויסגעווירקט און האָט באַקומען איר אויסדרוק אין דער יידישער פּאָעזיע און פּראָזע.

„צווישן די איבער טויזנט לידער און געזאַנגען, באַשרייבונגען און שילדערונגען האָבן מיר דאָ שאַפונגען פון פאַרשיידענעם מין און כאַראַקטער, — פון גאָר פּרימיטיווע און אומבאַהאָלפענע, ביז הויך־מייסטערישע און ראַפינירטע. עס איז פון גרויסן באַטייט — זאָגט ווייטער דער צונויפשטעלער פון דער אַנטאָלאָגיע — נאָכצופאָלגן דעם נאָכאַנאַנדיקן וווּקס אין דער אומאויפהערלעכער אַנטוויקלונג פונעם יידישן שאַפן, וואָס איז ענג און אָרגאַניש פאַרבונדן געווען מיט אַרומיקן כלל־לעבן און מיט די איבערלעבענישן פונעם יחיד".

דאַכט זיך, אַז ווינציק ווו האָט אַזוי דאָס רעאַלע לעבן אוממיטלבאַר באַווירקט און אויסגעאיבט זיין השפּעה אויף דער יידישער וואָרטשאַפונג, ווי דאָס איז געווען, און איז נאָך אויך איצט, אין אַמעריקע. באַזונדערס אָבער איז עס געווען אין די אָנהייבן, די אָנהייבן פון דער יידישער דיכטונג אין אַמעריקע, וואָס זענען געווען געקניפּט און געבונדן מיט דער טאָג־טעגלעכער וואָר, מיט אַנטוישונגען און געראַנגלען, מיט בענקענישן נאָך דער אַלטער היים; מיט די יסורים פון אימיגראַנט, מיט די השגות פון ערשט געקומענעם, זיין געפּלעפּטקייט פון גרויסשטאָטישן שטיינערנעם ווירוואַר און זיין טיפער ווייטיק אויף זיין נייער מערכה, וואָס איז דער ווייטיק פון שוויץ־שאַפּן און עקספּלואַטאַציע, ווי אין דעם באַקאַנטן ליד פון מאָריס ראָזענפעלד, „מיין יינגעלע": „די אַרבעט טרייבט מיך פרי אַרויס / און לאָזט מיך שפּעט צוריק / אָ, פרעמד איז מיר מיין אייגן לייב / אָ, פרעמד מיין קינדס אַ בליק".

די יידישע דיכטונג אין אַמעריקע האָט זיך, קאָן מען זאָגן, אָנגעהויבן

מיט דריי פערטל יאָרהונדערט צוריק מיטן פּאָפּולערן ליד „מיין יינגעלע״, וואָס האָט געפונען דעם וועג צום יידישן פאָלקסמענטש, צום ליידנדיקן, בענקענדיקן אימיגראַנט, האָט אים געוויזן זיין דאָליע. ער האָט אין די ווערטער דערזען זיך, זיין אומעט, זיינע שטילע באַגערן. דאָס האָט אים געהאָלפן אויפקלערן דעם מקור פון זיין פאַרביטערטקייט. געהאָלפן אים אויפקלערן, אַז די וועלט, און טאַקע די נייע וועלט — אַמעריקע — קאָן אויך זיין אַ פּרייע, ווו מ׳זאָל לעבן אָן אויסנוצעריי. די אָנהייבן פון דער יידישער דיכטערישער שאַפונג אין אַמעריקע זענען אַזוי אַרום געווען אויפקלעריש, דערציעריש, באַווירצט מיט פּרימיטיווער מאָראַליטעט. דאָס איז געווען בכלל דער נוסח פון דער בראשיתדיקער ליטעראַטור־שאַפונג אין דער גאָלדענער מדינה, אַזוי זענען געווען די ערשטע יידישע צייטונגען, וואָס האָבן געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

„די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע — האָט ריכטיק באַטאָנט דער אויסגערופענער היסטאָריקער און ליטעראַטור־פאָרשער קלמן מרמר — איז נישט אַריבערגעפלאַנצט געוואָרן פון אייראָפּע. זי איז אַרויסגעוואַקסן פון די באַדינגונגען פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן. איר סאַמע אָנהייב איז געווען די אַמעריקאַנער צייטונג אין יידיש״.

אָבער מער נאָך ווי די צייטונג האָט זיכער געהאַט אַ השפעה אויף די טויזנטער און טויזנטער ניי־איינגעוואַנדערטע יידן דאָס יידישע ליד פון באָרשאָווער און עדעלשטאַט, מאָריס ראָזענפעלד און אליקום צונזער און וואַרשאַווסקי, ווי אויך די אַנדערע צענדליקער, ווייניקער באַקאַנטע. הגם ס׳זענען פאַראַן טיפע אונטערשיידן אין דער קוואַליטעט פון זייער ליד, ווי טיף ס׳זענען די אונטערשיידן אין זייער טאַלענט און דיכטערישער מענטאַליטעט, האָבן זיי אָבער כמעט אַלע גענומען די אַמעריקאַנער יידישע ווירקלעכקייט, דאָס אַקטועלע און ממשותדיקע, ווי דעם עיקר־עלעמענט פון זייער שאַפן. מיט דעם האָבן זיי אַריינגעטראָפן אין דעם געמיט פון בשעתודיקן אומגעהובלטן יידישן מאַסנמענטש, דעם אימיגראַנט. זיי זענען אָבער געווען אויך די פּיאָנערן, די וועג־דורכלייגער פאַר דער אויפקומענדיקער, גרויסער יידישער ליטעראַטור־שאַפונג אין אַמעריקע.

אין זכות פון וואָרט

בלעטערט מען און מ׳לייענט זיך אַריין אין דעם ניין הונדערט זייטיקן ספר „אַמעריקע אין יידישן וואָרט״, ווו ס׳זענען, אגב, אויך אַריין כאַראַקטע־ריסטישע מוסטערן פון דער יידישער פּראָזע אויף דער טעמע אַמעריקע — לייענט מען אַט די גרויסע זאַמלונג — איז עס אַ גאַנג דורך יאָרצענדליקער, דורך אַ לאַנד און דורך אַ לעבן, וואָס האָט אַזוי אייגנאַרטיק־מעכטיק זיך אויסגעבויט. קומען דאָ צום אויסדרוק צייטן און עטאַפּן פון די ערשטע יאָרן פון דעם אויפגיי פון יידישן וואָרט אין אַמעריקע, פון די ערשטע עמיגראַציע־יאָרן און נאָך פאַר דעם. דאָ ווערן אויך אַרויסגעבראַכט די שטימונגען און דערוואַרטונגען, די חלומות און האָפענונגען פון די ערב־עמיגראַנטן, בעת זיי זענען נאָך אין זייערע אַלטע היימען. שפּירן מיר דאָ אַרויס די שווערע איבערלעבענישן, אָפט מאָל באַגלייט מיט טיפע אַנטוישונגען, פון די, וואָס דאַרפן זיך אַריינפּאַסן אין דער נייער אַנדערשדיקער אַטמאָספער און סביבה. און אַט זענען געזאַנגען צו דער מעכטיקער אַמעריקע, מען פּרוווט ברעכן די נאָסטאַלגיע און בענקעניש צו דעם אַמאָל. און מען פּרוווט זיך פאַרהיימישן מיט דער גרויסער שטאָט, ווי עס זאָגט דער דיכטער יואל סלאָנים אין זיין לידער־סעריע „ניו־יאָרק״:

„די גרויסע שטאָט, זי האָט אין זיך מײַן לאַך און מײַן געוויין,
זי איז געוואָרן מײַן מוטער, דאָך איך קאָן זי נישט פאַרשטיין,
איך האָס זי אָפט און ליב זי אָפט, און בענטש זי אָפט און שעלט,
איך ליב מײַן היים, דאָך אָפט וואָלט איך אַוועק אין ווײַטער וועלט.

מײַן ליד פון איר איז אַ געזאַנג מיט דיסאָנאַנסן פיל;
אָפט איז ער רעדער־רויש, און אָפט — אַ שטימונג צאַרט און
שטיל,
אָפט פילט זיך נאָר פאַרצווייפלונג און אַ שווערע, גרויע שרעק,
און אָפט — אַ פרייד, וואָס לאַכט און טרײַבט די וואָלקנס שנעל
אַוועק״.

ראַנגלען זיך אַזוי שטימונגען און ס׳בייטן זיך געפילן, און נישט נאָר

יחידישע, מיר וואָלטן געזאָגט, אַז די דאָזיקע געמיט־אויסברוכן זענען בציבור־דיקע, אַלגעמיינע. ווייל דורך די הונדערטער און הונדערטער לידער שפּירן מיר אַזוי בולט אַרויס דעם אומבייט פון צייטן, דעם אומטויש פון ווערטן, די קאַמפן, בענקענישן, טראַכטענישן, דעם זען, אויפנעמען אַמעריקע. עס איז פינף און זיבעציק יאָר יידיש־אַמעריקאַנער לעבן און יידיש שאַפן.

אַמקלאָרסטן שיילט זיך אויס אין דער אַנטאָלאָגיע דער אויפגיי, די אַנטוויקלונג, די וועגן און אומוועגן, דאָס רייף ווערן און דאָס געדייען פון דער גאָרער יידישער דיכטונג אין אַמעריקע.

מרדכי יאָפּעס ארץ־ישׂראל־אַנטאָלאָגיע

אין מיטן וועג שטייט אַ בוים,
שטייט ער איינגעבויגן;
פאָרט אַ ייד קיין ארץ־ישׂראל
מיט פאַרוויינטע אויגן.

גאָט, גאָט, ליבער גאָט,
לאָמיר דאַוונען מנחה —
אַז מיר פאָרן קיין ארץ־ישׂראל
וועט זיין אַ גרויסע שׂמחה!

מיט די דאָזיקע פּערזן פון אַלטן פאָלקסליד הייבט אָן מרדכי יאָפּע די לידער־אַנטאָלאָגיע „ארץ־ישׂראל אין דער יידישער ליטעראַטור״, וואָס ער האָט צונויפגעזאַמלט און צונויפגעשטעלט.

ס'איז אפשר כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער היינטיקן גייסטיקן און קולטור־געזעלשאַפטלעכן קלימאַט, וואָס דער ארץ־ישׂראל־מאָטיוו און די ישׂראל־טעמאַטיק האָט אַזאַ ברייטן און צו מאָל אויך טיפן אָפּקלאַנג אין דער יידישער וואָרטשאַפונג. ס'איז אונדז שוין אָפּט אויסגעקומען צו באַהאַנדלען די דאָזיקע דערשיינונג. אָבער דאָ ווילן מיר זיך אָפּשטעלן אויף דעם וויכטיקן ווערק, וואָס דער נישט לאַנג פאַרשטאָרבענער עסייִסט און דיכטער מרדכי יאָפּע האָט מיט אַזוי פיל זאָרג און געטריישאַפט געשאַפן. פון דער דאָזיקער אַנטאָלאָגיע קענטיקט זיך אַרויס די אוממיטלבאַרע פאַרבינדונג צווישן עטלעכע דורות יידישע דיכטער מיט די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען און אידעען, וואָס האָבן געגרונטיקט אין יידישן פאָלקסגעמיט, ס'קומט אויף די בענקשאַפט צו נאַציאָנאַלער אויסלייזונג, די בענקשאַפטן און באַגערן צו ארץ־ישׂראל.

פיר און ניינציק דיכטער, וואָס האָבן געזונגען, געשאַפן אויפן ארץ־ישראל־מאָטיוו, זענען אַריין אין דער דאָזיקער אַנטאָלאָגיע. צוזאַמען איז עס אַ זאַמלונג פון הונדערטער לידער מיט אויסדרוקן פון פּאַטאָס און העראָיִק, פון שטילער פרייד און צעהעלטער שילדערונג. מיר געפינען דאָ לידער אין יידיש פון די סאַמע ערשטע חיבת־ציון־דיכטער ביז די הײנטיקע יינגסטע דיכטער, וואָס ישראל איז איצט זייער היים און זייער נאַטירלעך געזאַנג.

אין דער יידישער ליטעראַטור — זאָגט ריכטיק מרדכי יאָפּע אין זיין אַריינפיר צו דער אַנטאָלאָגיע — האָט ארץ־ישראל, און אַלץ וואָס איז מיט דעם פאַרבונדן, מעגלעך, נישט פאַרנומען אַזאַ כמותדיקע פּאָזיציע, ווי אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. וואָרעם אין העברעיִש איז ארץ־ישראל באַהאַנדלט געוואָרן אין די פאַרשיידנסטע תוכנס און פאָרמען פון מיטאָס, רעליגיע, טראַדיציע און וועלטלעכקייט. עס איז דער לאַנגער וועג פון תנ״ך, תלמוד, מדרש און אגדה ביז די ערשטע פּייטנים און ביז די חסידישע און רבנישע מאמרים, וואָס האָבן זיך אויסגעדריקט אין זייער באַזונדערן לשון־קודש (און, אגב, אָפט אין היימישן יידיש). מיר פאַרמאָגן אַ שלל פסוקים, אַפאָריזמען, ווערטלעך, וואָס זענען ווערטיק, מעדיטאַציעס, וואָס זענען אין זייער מעטאַפאָריק די בעסטע אילוסטראַציע צו ארץ־ישראל. ועל כולם: גרויסע קינסטלערישע שאַפונגען וועגן ציון אָדער ארץ־ישראל, ווי מיר האָבן עס ביי יהודה הלווי, איבן־גבירול און אַנדערע פון דער גאָלדענער שפּאַנישער תקופה.

אָבער אין די לעצטע דריי דורות איז ארץ־ישראל גראָד נישט „באַוואָלט״ געוואָרן פון די יידישע שרייבערס, פון די יידישע דיכטערס. אדרבא, זיי האָבן אין אויפנעמען דעם מאָטיוו זיך אויסגעגלייכט מיט די העברעיִשע שאַפער.

יאָפּע, אין דעם זעלבן אַריינפיר, ברענגט עטלעכע ראיות און אילוסטראַציעס. ער דערמאָנט צווישן אַנדערן, אַז „אפילו דעמאָלט ווען עס איז נאָך אָנגעגאַנגען דער אידעאָלאָגישער קאַמף — האָט, למשל, ברוך וולאַדעק, דער פאָרשטייער פון „בונד״, פאַרעפנטלעכט אַ ליד אונטערן נאָמען „ארץ־ישראל״, פול מיט התפעלות פאַרן לאַנד, אפילו פאַר די שטיינער. „די שטיינער פון גליל, פון שומרון און יהודה, די שוואַרצע, די גרויע, די ווייס־רויזע שטיינער, די שטיינער, די שטיינער פון ארץ־ישראל״. א פשיטא שוין

זיין התפעלות אין דעם ליד פאַר „די בערג און טאָלן" און פאַר דעם „בלויען ארץ־ישראלדיקן הימל !"... און וולאַדעק איז געווען אַ שם־דבר ווי אַ קעמפער פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט, ווי אַ בונדישער טריבון. און ער האָט זיך אין זיין אַנטי־ציוניסטישער סביבה נישט געשראָקן צו זיין יידיש־נאַציאָנאַל און אפילו אַרויסגעוויזן זיין באַציִונג צו ארץ־ישראל... נאָך פאַר אים זענען געווען אברהם ליעסין און אַנדערע יידישע שרייבערס פון דעם זעלבן נישט־ציוניסטישן לאַגער. אויך זיי האָבן פאַרשטאַנען דעם באַטייט פון ארץ־ישראל אין דער יידישער געשיכטע און געפילט די גורלדיקע פאַרבינדונג צווישן דעם פאָלק און דעם לאַנד פון נאַציאָנאַלער האָפענונג. און ס'איז געווען נישט בלויז סענטימענט, וואָס ציון־ און ארץ־ישראל־לידער האָבן געשאַפן שלום־עליכם, דוד פינסקי, שמעון פרוג, מאָריס ראָזענפעלד, יהואש, ש. י. אימבער און אַנדערע יידישע שרייבערס. דאָ האַנדלט זיך נישט אין דעם, צי זיי זענען יאָ אָדער נישט געווען ציוניסטן. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס די יידישע שרייבערס פון די לעצטע דורות האָבן אין ארץ־ישראל געזען און געפילט. און אָט, אַ שטייגער, וואָס עס האָט געשריבן איינער פון די ערשטע, דער מחבר פון „שולמית" און „בר־כוכבא" און דער פאָטער פון יידישן טעאַטער — אברהם גאָלדפאַדען:

כ'וואָלט געוואָלט זען ווי פאַרטשאַדעט פון רויך,
ווען דער נעפל איז טיף אָן אַ סוף,
דרעמלט דער אַלטער לבנון אין דער הויך
און רעדט עפּעס צו זיך פון שלאָף...
וואָס חלומט זיך דעם זיידן ? וואָס טראַכט ער און קלערט ?
צי דאַוונט ער דענסטמאָל, צי ניין ?
צי ווידערהאָלט ער דעם תהילים, וואָס ער האָט געהערט
פון זיין דודן זינגען אַליין ?
צי קלאָגט ער וואָס זיינע נעסטן זענען לער
און די פייגעלעך זענען פאַרטריבן ?
דערפאַר קרעכצט ער פון שלאָף אַזוי שווער,
וואָס ער איז אַזוי עלנט געבליבן ?

אַוודאי איז עס אַ מהלך רב, ס׳איז אַ פּאַלג מיך אַ גאַנג, פון דעם פּאַעטישן נוסח פון אברהם גאָלדפאַדען, צי פון דעם ווונדערלעכן בדחן אליקום צונזער, ביז — ביז די שאַפונגען, אויפן זעלבן מאָטיוו, אין אונדזער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע. אָבער עס רירן גאַר שטאַרק מיט דער פאַרחלומטקייט און פאַרבענקשאַפט, און בעיקר מיט דער האַרציקייט און עכטקייט, אַ שטייגער, אַזעלכע פערזן פון צונזערס „אַ בריוו פון דער מוטער ציון״:

דורך די פּאָעטן, די שטענדיקע היטער,
וואָס גאָט האָט זיי ביי מיר פּאַר וועכטער געשטעלט,
שיקט אייך אַ בריוול, איך ציון, די מוטער,
צו אייך, מיינע קינדער, פון צווייטער זייט וועלט.
געגריסט זייט פון מיר און פון אייערע שוועסטער,
פון כרמל, לבנון, פון יפו ביים פּאָרט,
פון הר־הזיתים, דאָס הייליקע אָרט,
פון חרמון, פון ירדן, דער שפּאַציר דער בעסטער,
ווו איר פלעגט יונגערהייט שפּילן זיך דאָרט.
פריילעכע בשורות קאָן איך אייך מיטטיילן,
מיין יוגנט ווערט איצט צוריק אָפּגעפרישט.
עס קומען די קינדער, די וווּנדן צו היילן,
צו בויען די חורבות וואָס שטייען פאַרוויסט.

היינט שמייכלען מיר אונטער, ווען מיר הערן די לידער מיט זייער נאַיוויקייט און בלומענשפּראַך. טאָ לאָמיר נישט פאַרגעסן אַז די לידער זענען געשריבן און געזונגען געוואָרן מיט אַן ערך זיבעציק־אַכציק יאָר צוריק. העברעישע דיכטונג אין יענער צייט איז געווען כולו מליצה, שיין־שרייבעריי, און אויסגעהוילט פון יעדער ממשותדיקער אידעע און קאָנקרעטן געדאַנק און בילד. און ס׳איז געווען נאַטירלעך, אַז דאָס העברעישע ליד — אַ פּראָדוקט פון דער השׂכלה — האָט באַווירקט די געציילטע יידישע דיכטער.

נאָר אָט קומען שוין לידער אַנדערש־טאָניקע, טעמפּעראַמענטפולע,

געוואַגטע און שטיל־מאָנענדיקע. די לידער זענען שוין פון אַ ביסל אַ נענטע־רער תקופה. די ארץ־ישראל־מאָטיוון פון שמעון פרוג, פון מאָריס ראָזענ־פעלד און וויניקע, אָבער דרייסטע לידער פון אַנסקין. און אָט זענען פערזן פון יהואשס ארץ־ישראל־לידער, וואָס טראָגן נאָך ביז היינט דעם חן פון עכטקייט, פון פּאָעטישקייט:

האָט אויסגעשטרעקט די ערד די פולע ברוסט,
און נישט געווען ווער זאָל קומען זויגן;
האָט מיט דער קייט פון יאָרן זיך געצויגן
דער פלוג, און שטום געקייניקט אויף דער וויסט.

און פלעגט דער הימל מיט מתנות שפּאָרן
דעם באַלזאַם־טוי, דער ברכות־פולער רעגן,
געלויערט האָבן רויבער איבער וועגן —
די ווילדע גראָזן, דער שטעכעדיקער דאָרן.

פלעגט אָפּט אַ וואַנדערער זיין פוס פאַרוואונדן,
און מיט אַ קללה פונעם פעלד זיך קערן,
און אונטן פלעגט פאַרשעמט די ערד אים הערן,
און האַלטן טויזנט אוצרות איינגעבונדן...

יהואשס לידער האָבן געהאַט אין זיך די באַשיידענע גרויסקייט פון אַ דיכטער, — באַמערקט יאָפע — וואָס האָט דעמאָלט, ווען ער איז געקומען אין דעם נאָך כמעט וויסטן לאַנד, געהאַט די דרייסטקייט צו זאָגן: „וועל איך אויף די פעלדער ליגן און וועל בעטן ערד און שטערן, לאָזט מיר אייער אמת הערן, מיינער איז געווען אַ ליגן"... און ער דערציילט אין אַ קליין ליד פון דריי סטראָפן די געשיכטע פון די וואָס זענען געקומען מיט שפּאָט אָדער מיט ספקות און געפונען אַ גלויבן. „און ווער — זאָגט יהואש — האָט באַוויזן דעם וווּנדער און ווער האָט דעם שופר געשאַלט? גיי פרעג ביי די ביימער באַזונדער, אין וועמען פון זיי איז דער וואַלד?" אַז איר ווילט, ווערט

אין אַט דעם פּאָעטישן אַפּאָריזם אַרויסגעבראַכט אַ פילאָזאָפיש־אוניווער־סאַלער געדאַנק.

מיר האָבן זיך בעיקר אָפּגעשטעלט אויף די ראשונים, אויף די ערשטע יידישע דיכטער, וואָס האָבן זיך פאַרהיימישט מיטן ארץ־ישראל־מאָטיוו. אָבער אין דער היקפּדיקער אַנטאָלאָגיע קומען אַריין קרוב הונדערט יידישע דיכטערס פון פאַרשיידענע צייטן און לענדער. מיר האָבן דאָ לידער פון די וואָס האָבן געלעבט אין ארץ־ישראל, און עס שימערירט דער גרויסער צושטייער, וואָס די היינטיקע יידישע דיכטערס האָבן צוגעטראָגן — פון זייער פאַראייגנקייט און אַריינגעוואַקסנקייט אין ישראל. אָבער עס וואָרפט זיך אין די אויגן אַ בלויז, און גראָד פון אַ נאָענטן צייטאָפּשניט, און דווקא פון דעם לאַנד, ווו די יידישע ליטעראַטור בכלל און די יידישע דיכטונג איז אויפגעגאַנגען און זיך צעוואַקסן מיט שפע פון פאַרב, קלאַנג און טעמע. מיר מיינען דאָ די יידישע וואָרטשאַפונג אין פוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

ס׳אימפּאָנירט אָבער די קאָלאָסאַלע צאָל — סיי אין איכות, סיי אין כמות — יידיש־דיכטערישע שאַפונג, וואָס האָט זיך אויספאָרמירט אין אונדזער ליטעראַטור און קומט אַזוי געטריי צום אויסדרוק אין דער אַנטאָלאָגיע. די דיכטונג וואָס איז אויפגעקומען אין די יאָרן פון געראַנגל פאַר נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט, אין דעם אויפקומקאַמף פון דער מדינה. עס איז גאַנץ נאַטירלעך אַז צווישן די יידישע דיכטערס, וואָס האָבן זיך פאַרקניפּט מיט ארץ־ישראל, איז געווען ה. לייוויק. ווי א ראיה פון לייוויקס עכטער באַציִונג צום לאַנד פון וווּנדער און רעאַליטעט קאָן מען נעמען אפילו אַן איינציק ליד: „צו ישראל". דאָ טענהט ער זיך אויס מיט די וואָס וואָלטן אפשר געזאָגט, אַז ער איז נישט קיין מחותן. קיינער זאָגט עס נישט. און לייוויק איז דאָ נישט נאָר דער געהויבענער מחותן פון די יידישע דיכטערס, וואָס לעבן אין די תפוצות און שאַפן אין בענקשאַפט און פאַרערונג צו ישראל. ער איז אויך דער שליח־צבור, הגם יעדער איינער פון די יידישע דיכטערס האָט זיין אייגן לשון און זיין אייגענע אויפריכטיקייט, וואָס ווערט דערוויזן אַ מאָל טיף קינסטלעריש און אַ מאָל פשוט־פאָלקסטימלעך, און אויך אפילו גאָר סענטימענטאַל. יעדער יידישער דיכטער, ווו ער זאָל נישט זיין היינט, פילט זיך אַ פאַרבונדענער, פילט זיך ווי אַן אייגענער מיט ישראל.

אַזוי ווייזן אונדז די לידער פון א. לעיעלעס און אברהם זאַק, פון יעקב גלאַטשטיין, מאיר זימל טקאַטש, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, מאַטעס דייטש, חיים לייב פוקס, מאיר שטיקער, די לידער פון קעהאָס קליגער, חיים גראַדע, וואָלף יונין און משה שולשטיין. און אַזוי זענען די ארץ־ישראל־לידער פון די דיכטערינס קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, רחל קאָרן, ראַשל וועפּרינסקי, אסתר שומיאַטשער, אסתר סיגאַל, ראָזאַ נעוואַדאָווסקאַ. מיר האָבן בלויז דערמאָנט אַ צאָל דיכטער און דיכטערינס אין די תפוצות, וואָס צוזאַמען מיט דער באַדייטנדיקער און וויכטיקער שאַפונג פון די יידישע דיכטערס אין ישראל גופא האָבן זיי באַרייכערט און פאַרטיפט דעם יידיש־קינסטלערישן וואָרט מיט דעם מאָטיוו „ארץ־ישראל“.

מיר האָבן אָנגעהויבן די אָפּהאַנדלונג אונדזערע מיט די ראשונים, און אָט די דיכטער קומען טאַקע אַריין די ערשטע אין דער אַנטאָלאָגיע. ווען מיר פאַרענדיקן מיט דער סאַמע יינגסטער ישראל־דיכטערין — רחל פישמאַן, אַ געבוירענע אין פילאַדעלפיע און היינט אַ חברטע אין קיבוץ. זינגט זי וועגן זון, זון איבער אַלץ:

מיר האָבן זיך היינט
איינער דעם אַנדערן אויסגעמאַטערט —
די זון און איך.
מיר אַרבעטןביידע אין ווייַנגאָרטן.
פאַרנאַכט איז די זון
אַוועקגעפאַלן הינטערן גלבוע —
רויט פון אָנשטרענג,
און איך האָב געלייגט די גלידער מיינע שלאָפן.

יאָ, מיר האָבן זיך היינט
אַ ביסל צעהיצט —
די זון
און איך.

די יידישע ישראל־דיכטונג איז פאַר די לעצטע יאָרן געוואָרן נאָך לוי־טערער און פאַרטיפטער. די געוואַגטע, גבורהדיקע אויפטריטן אין ישראל־לעבן האָבן, ווייזט אויס, באַווירקט — ווי דער אומעט־עכאָ פון די פאַרלאָפענע טראַגישע יאָרן — די שפּירונג פון יידישן שאַפער.

מרדכי יאָפּעס אַנטאָלאָגיע איז נישט נאָר אַ ווערק בעתו, נאָר אַ ווערק וואָס לערנט אויך צו דערקענען דעם גייסטיקן פאַרמעג פון אַ וויכטיקער און ווערטיקער תקופה.

ב

י. ד. בערקאָוויטש
י. אָפּאַטאָשו
ש. איזבאַן
יחיאל האָפּער
הערץ בערגנער
א. ראובני
ישראל קאַפּלאַן
רחמיאל פעלדמאַן
ראָזע פּאַלאַטניק
שלמה ברײנסקי
א. קאַרפּינאָוויטש
אהרן מגד
אהוד בן־עזר
זלמן שניאור

י. ד. בערקאָוויטש

י. ד. בערקאָוויטש געהערט צו דעם דור שרייבערס, וואָס האָבן געפּלאַסטערט די וועגן פאַר דער מאָדערנער העברעיִשער און יידישער ליטעראַטור.

ער איז געווען דער מייסטער פון דער רעאַליסטישער דערציילונג, פון גרויס־פאַרנעמיקן ראָמאַן, אַ גוטער, אינטערעסאַנטער מעמואַרן־שרייבער, אַ דראַמאַטורג, וועמען דער ניצוץ פון הצלחה האָט אַ לייכט געטאָן שוין אין זיין יונגן עלטער, און אין משך פון איבער אַ יובל יאָרן האָט זיין שאַפונג באַרייכערט אונדזער ליטעראַטור־אוצר מיט פאַרשיידנאַרטיקן מאָטיוו און זשאַנער.

זיינע פינף בענדער „אונדזערע ראשונים" שטעלן מיט זיך פאַר אַ סך מער ווי זכרונות־דערציילונגען — ווי דער מחבר רופט זיי אָן. דאָס איז אַ קינסטלערישע אייגנאַרטיקע מאָזאַיק, וווּ דער מעמואַריסטישער עלעמענט פלעכט זיך אַריין אין אַ ברייטער שילדערונגס־קאַנווע. די נאַראַטיווע דער־ציילערישקייט איז באַהויכט מיט שטילן סובטעלן הומאָר און איז אויסגע־פלאָכטן מיט טיפער מחשבה און אָפּשאַצונג איבער סיטואַציעס, קאָנפליקטן, געשטאַלטן און צייטן.

פאַרשידענע צייטן, פאַרשידענע לענדער און שטעט ווערן אַרויסגע־בראַכט אין אָט דעם ווערק; אַלטע און נייע יידישע קולטור־צענטערס, אין וועלכע ס'איז אויפגעקומען די מאָדערנע יידישע און העברעיִשע ליטעראַטור, באַהויכט מיטן אָטעם פון דער גאונותדיקער קינסטלער־פערזענלעכקייט — שלום־עליכם.

לייענענדיק בערקאָוויטשעס „אונדזערע ראשונים" ווערן מיר אויפ־גערודערט פון דעם הערליכן געראַנגל, וואָס עס האָט געפירט דער מייסטער, דער קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור שלום־עליכם. דאָס איז געווען אַ געראַנגל פאַר נייקייט און פרישקייט, פאַר אַריינפירן דעם

עכטן יידישן פֿאָלקסמענטש און פֿאָלקסגעמיט אין דער יידישער ליטעראַטור.

פֿון אָט דעם ווערק לערנען מיר און דערקענען די צייט און סביבה. מיר זעען די וועגן און די דערנערשטעגן, אויף וועלכע עס איז אויסגעקומען צו טרעטן אונדזער פֿאַרהערלעכטן שרייבער. ער האָט נישט נאָר אויסגעטראָטן אַ וועג פֿאַר זיך — נאָר אויך אויסגעבאַנט דעם וועג פֿאַר דער גוטער, עכטער קינסטלערישער שאַפֿונג.

דאָ באַגעגענען מיר אויך אַנדערע, מיט שלום־עליכמען און אַרום אים. פֿריינד, דיכטער און קינסטלער, וועלכע האָבן זיך פֿאַרשטאַנען. מענדעלע און ביאַליק, ראַווניצקי, אחד־העם און בן־עמי — אין דער תקופה פֿון אָדעס. און שפּעטער אין אויפֿגייענדיקן יידישן ליטעראַטור־צענטער, אין וואַרשע — י. ל. פּרץ און י. דינעזאָן, ה. ד. נאָמבערג און דוד פֿרישמאַן, שלום אַש און זלמן שניאור. מיר דערפֿילן די צייט און סביבה פֿון די בויער און פֿאַרמירער פֿון אונדזער ליטעראַטור.

און אָט איז שלום־עליכם אין אַמעריקע. אין דעם נייעם — פֿאַר יענער צייט — יידישן מאַסן־ישוב.

דער יידישער פֿאָלקסמענטש אין דער נייער וועלט האָט טאַקע באַלד דערפֿילט זיין גרויסן שרייבער און אים אויפֿגענומען מיט פֿרייד און ענטוזיאַזם. בערקאָוויטש דערציילט אָבער אויך פֿון דער אָראַגאַנטישער באַציונג, וואָס שלום־עליכם האָט אָנגעטראָפֿן מצד די טאָנגעבער און אייגנטימער פֿון די יידישע צייטונגען אין ניו־יאָרק, און אַזוי אויך פֿון די דעמאָלטיקע באַלעבאַטים פֿון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. מיר לייענען וועגן ביטערע איבערלעבונגען, ספֿקות, קאָנפֿליקטן — און מיר באַוווּנדערן, ווי פֿון יענע אָנהייבן האָט זיך אויסגעפֿאָרמירט די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע — אַ ליטעראַטור מיט אַזאַ רייכער אינהאַלטספֿולער דיכטונג און פּראָזע. נישט אַנדערש, אַז אויף דעם פֿאַרוואָרלאָזטן צעהפֿקרטן באָדן, וועלכן שלום־עליכם האָט דעמאָלט אָנגעטראָפֿן, האָט שוין געוואָרצלט און געדייעט, און מיט דער צייט זיך אָנגענומען, דאָס כישופֿדיקע וואָרט, דער קינסטלערישער אָטעם פֿונעם וווּנדערלעכן מייסטער פֿון אונדזער ליטעראַטור.

אין „אונדזערע ראשונים" קענטיקט זיך באַזונדער אַרויס בערקאָווי־

טשעס אייגנטימלעכע און מקורותדיקע פּראָזעקונסט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע זיינע דערציילונגען, ראָמאַנען און דראַמעס. אין זיינע שאַפונגען ווערט דאָס רעאַליסטישע, דיווירקלעכע פאַרלויפענישן און קאָנפליקטן, אויסגעבונדן מיט וויזיע. דערצו איז בערקאָוויטש געבענטשט מיט דינעם הומאָר און מיט אַן אייגנדיקן לירישן, נאַראַטיוון סטיל.

מיט דעם ווערק „אונדזערע ראשונים" האָט י. ד. בערקאָוויטש צוגעטראָגן אַ וויכטיקן צושטייער צו דער געשיכטע פון דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור. און מער פון אַלץ — מיר זעען דעם גרויסן שלום־עליכם און זיין תקופה, שלום־עליכם און זיין וועלט.

י. ד. בערקאָוויטש געהערט היינט צו די וויניקע, וואָס האָבן געשריבן יידיש און העברעיש. ער שטעלט נישט אַיין פאַר זיי קיין מחיצה פון פאָרעם און נוסח, און אַוודאי נישט קיין איינטיילונג, וואָס שייך טעמע. ער האָט אַריינגעפירט — און דאָס איז געווען כמעט אַ נייעס פאַר יענער צייט — די שטעטלשע וואַרעמקייט, די האַרעפאַשנעקייט און די גרויע וואָכעדיקייט אין דער העברעישער פּראָזע. קען זיין, אַז דאָס יידיש־שטעטלשע געמיט האָט ער מיטגעבראַכט פון זיין געבוירן־אָרט סלוצק, אין ווייסרוסלאַנד. און אפשר זענען דאָס די דערקענטענישן און איבערלעבונגען פון האַרבסטיק אויסגעלאָשענעם פּראָווינץ־לעבן אין פּוילן און ליטע און פון זיינע וואַנדערונגען אין דער גרויסער וועלט. ער האָט ווי בכיוון אויסגעזוכט און אַרויסגעבראַכט דעם סאָציאַל באַוואוּלטן און פון גורל געטראָפענעם ייד. אין דער באַלעבאַטישער אַטמאָספער פון דער דעמאָלטיקער העברעישער פּראָזע איז עס געווען אי געוואַגט, אי מקורותדיק.

דעם זעלבן מאָטיוו און טיפּאַזש געפינען מיר אויך אין זיין יידישער שאַפונג. אויך דאָ איז די קערנדיקע און רעאַליסטישע שילדערונג פון באַקאַנטע און צום טייל מערקווערדיקע געשטאַלטן פון פאַרגאַנגענעם יידישן לעבן אַדורכגעדרונגען מיט מונטערקייט און טיף מענטשלעכן קלאַנג. ווי אין זיין העברעישער שאַפונג, באַגלייט אויך דאָ די פאַרלויפענישן, די בילדער און פּייזאַזשן דער שאַרפער בליק פונעם קינסטלער. זיין בליק זוכט איינזעעניש און יושר אין אַ צעדריוולטער וועלט.

בערקאָוויטשעס דערציילונגען — באַזונדערס פון די ערשטע יאָרן —

שילדערן יידישע נויט, יונגע־לייט, וואָס הונגערן אונטער און לעכצן נאָך בילדונג און נאָך יענעם פאַרכישופטן טרוים, וואָס מוז ערגעץ און ווען ס'איז דאָך מקויים ווערן... אָבער אין דער ־אַ דערדריקנדיקער שטימונג פון דחקות און מענטשלעכע יסורים פלאַטערט תמיד אויף אַ פריש ווינטל, וואָס צערטלט מיט האָפענונג און מיט דער זוניקייט פון יונג געמיט... קאָן די מיליע און דער אינהאַלט פון דער דערציילונג זיין האַרב און גרוי, און די אַנטוויקלונגען ממש אכזריותדיקע, בלייבט דאָך איבער אַ געפיל פון מונטערקייט. און דאָס איז צוליב דעם העלן שטראַל, וואָס בערקאָוויטש ברענגט אַריין אַזוי וויזיאָנעל און גאַטירלעך אין זיין רעאַליסטישער דערציילונג און אין זיין נעאָרעאַליסטישער דראַמע.

נעמען מיר, אַ שטייגער, זיין דערציילונג „ווידוי", געפינען מיר שוין אין דעם ערשטן טייל אָט די כאַראַקטעריסטישע עלעמענטן. די דערציילונג הייבט זיך אָן אַזוי: „איין מאָל, אין אַ שיינעם פרילינגטאָג, איז קלאַראַ סעמיאָנאָוואַ אַריינגעקומען מבקר חולה זיין שאַפּיראָן — אַ שווינדזוכטיקער יונגער־מאַן, וועלכער האָט זיינע לעצטע טעג פאַרבראַכט ביי זיין אַלטער מאַמען אין שטוב. אויך איצט, ווי יעדעס מאָל ביים אַריינגיין אין אָט דער שטוב, איז דאָס מיידל צוגעקומען צום בעט אויף די שפּיץ פינגער, ווייך און פאַרזיכטיק, כאָטש דער קראַנקער איז געלעגן וואַכעדיק און געקוקט פאַר זיך מיט אַ פּאָר גרויסע, מידע אויגן. אין צימער האָט געשמעקט מיט אַ מאָדנעם ריח, אַ וואַרעמען, אַ פאַרלעגענעם ריח, וואָס לאָזט זיך שטענדיק פילן אין אַ שטוב, וווּ אַ חולה ליגט אָפּ אַ לאַנגע צייט אָן האָפענונג. נאָר איצט, אַז דאָס מיידל איז אַריינגעקומען פון דרויסן אַ פרישע, אַ יונגע און האָט אַראָפּגענומען פון זיך איר מאַנטל מיטן היטעלע — האָט אויך אין דעם צימער אַ שלאָג געטאָן דער פרישער און געזונטער אָטעם פון פרילינג, און ערשט איצט איז פאַרשטענדלעך געוואָרן דאָ, אין דער איינזאַמער שטוב פון קראַנקן, פאַר וואָס עס איז דער טאָג אַזוי שיין און שטיל, פאַר וואָס די זון גיסט אָן אויפהער איר צאַרטן שיין דורך די פענצטער".

פון אַ באַזונדערן כאַראַקטער זענען זיינע ארץ־ישראל־שאַפונגען. דאָ דאָמינירט בעיקר די אידעע פון נאַציאָנאַלער אויסלייזונג און יידישער בענקשאַפט נאָך גאולה, ווי אין זיין ראָמאַן „מנחם מענדל אין ארץ־ישראל".

אַזאַ איז אויך די דערציילונג וועגן געבילדעטע אַמעריקאַנער יונגע יידן, וואָס האָבן אין אַמעריקע איבערגעלאָזט מאַטעריעלן גוטס און געקומען קיין ארץ־ישראל זוכן גייסטיקן האָב־און־גוטס.

עס וואָלט נייטיק געווען זיך באַזונדער אָפּצושטעלן אויף דעם וווּנדער־לעכן יידיש פון בערקאָוויטשעס שאַפונג. זיין יידיש טראָגט אין זיך די יאָדערדיקייט פון רויערד און די געשליפנקייט און לייכטקייט פון גוטער, דערהויבנדיקער פּראָזע.

מ׳האָט שוין אַ סך געשריבן און אָפּגעשאַצט י.ד. בערקאָוויטשן דעם איבערזעצער, דעם וווּנדערלעכן איבערזעצער פון שלום־עליכמען. ער האָט אויסגעפירט די גרויסע שליחות פון אַריינברענגען און פאַראייביקן דעם גרויסן מייסטער אין דער העברעישער ליטעראַטור. מיט דער זעלטענער אַרבעט האָט י. ד. בערקאָוויטש אויסגעברייטערט און פאַרטיפט די ראַם פון דער העברעישער ליטעראַטור.

אַז בערקאָוויטש איז געוואָרן 80 יאָר, איז אים צום גבורות־עלטער צוגעטיילט געוואָרן דער ביאַליק־פּרייז פאַר זיין בוך „פּרקי ילדות" (זכרונות פון די קינדער־יאָרן). אין דעם ווערק שילדערט י. ד. בערקאָוויטש זיין סביבה און היים און מיר דערקענען רעטראָספּעקטיוו דעם אויפגאַנג און די פאָרמירונג פונעם פּראָזע־קינסטלער.

*

די לעצטע יאָרן פאַר זיין טויט האָט י. ד. בערקאָוויטש אינטענסיוו געאַרבעט אויף זיינע ווערק אין יידיש. די דערציילונגען, ראָמאַנען, זיינע זכרונות פון די יוגנט־יאָרן האָט ער נישט איבערגעזעצט, נאָר זיי געשריבן פון דאָס ניי אין דעם לשון, אין וועלכן ער איז געווען טיף פאַרוואָרצלט. מיט זעלטענער קענטשאַפט האָט ער צונויפגעבונדן דעם קערנדיקן יידיש פון זיין געבוירן־סביבה אין ווייסרוסלאַנד מיט דער געלייטערטער ליטעראַטור־שפּראַך פון היינט.

דער איצט דערשינענער ראָמאַן „באַגינען" איז איינע פון זיינע כאַראַק־טעריסטישע שאַפונגען אויף דער ארץ־ישראל־טעמאַטיק און אַנטהאַלט אין זיך די אייגנשאַפטן פון זיין קינסטלערישער פּראָזע; וואַרעמע בילדערישקייט,

לעבעדיקער דיאַלאָג. דאָ קומט אויך צום אויסדרוק זיין אידעישער קוק — זיין באַנעם און פאַרערונג פאַרן שאַפנדיקן אַרבעטנדיקן מענטש אין לאַנד.

די האַנדלונג פון ראָמאַן — און דער ראָמאַן האָט קרוב 450 זייטן — קומט פאָר אין אַ קליינעם צייטאָפּשניט, עטלעכע וואָכן, ער גרייכט אָבער איבער דעם גאַנצן שטח פון דער דעמאָלטיקער ארץ־ישראלדיקער וואָר: שטאָט, דאָרף און קיבוץ; פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע געראַנגלען און נאַ־ציאָנאַלע פאַרמירונג; דער פאַרמעסט פון גרופּירונגען און פּאַרטייען פאַר דער העגעמאָניע פון אונדזער קולטור און נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. און פון אָט דעםווירוואַר שיילן זיך אַרויס כאַראַקטערן און געשטאַלטן: פּיאָנערן, פּאַרטיי־עסקנים, אינטעליגענטן, מיט זייערע השגות און באַגערן; פּרדסנים; און די זיך, וואָס האָבן פאַרלאָזט אַ מאָל זייערע באַקוועמע היימען און געקומען אויפלעבן מיט זייער מי און האָרעוואַניע דעם עמק און גליל — — און לאָבן זיך און פרייען זיך מיט יעדן באַגרינטן שפּאַן ערד.

דעם קלאַסן־אונטערשייד און די ווידעראַנאַנדן צווישן קלאַס און קלאַס ברענגט אַרויס י. ד. בערקאָוויטש אין אַזעלכע פּיקחותדיק סובלימירטע און לעבעדיק פאַרביקע סצענעס, ווו די העלדן טענהן זיך אויס אין גוסט און סטיל פון יענער צייט, וואָס איז אָנגעלאָדן הן מיט נאַציאָנאַלן פּאַטאָס, הן מיט אַ היפּשער מאָס פון צעפּלאָנטערטער בטלנות, אָבער צוזאַמען איז עס אַ ווירקלעכקייט, וואָס האָט אויפגעשאַפן דעם גרויסן תכלית — — —

דער ראָמאַן הייבט זיך אָן אויף אַ שיף, וואָס פירט טוריסטן און עולים פון אַמעריקע קיין ארץ־ישראל. איז עס אַ פאַרביקע מאָזאַיִק פון טיפּן, וואָס זייערע וואָרצלען שטעקן נאָך אין די שטעט פון דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ, און זיי ווערן לויזער און צעפּאַטלטער מיטן דערנענטערן זיך פון דער שיף צו איר ציל.

דאָ, אויף דער שיף, הייבט זיך אָן שפּינען די פריינדשאַפט צווישן דעם פאַרוואָגלטן אינטעליגענט ד״ר מנוחין און יהודיתן. צווישן די יוגנטלעכע עמוס און שולמית. דאָ גייען אַרום די אַלטע ציוניסטן מיט גדלות און מיט אַ ביסל ציטער, ווי וועלן זיי אויפנעמען דאָס לאַנד און ווי וועט מען זיי אויפנעמען?

אַזוי איז עס אויך געווען מיט פערציק יאָר צוריק.

„באַגינען״ איז אַ ראָמאַן, וואָס ברענגט אַרויס די צייט פון ע ר ב ו ע ר ן און ווערן: ס׳איז דער אויפבוי פון לאַנד און פאָרמירונג פון דער ארץ־ישראל־געזעלשאַפט.

י. ד. בערקאָוויטש שילדערט אָט די אייגנאַרטיקע יוירונג מיט גוטער פסיכאָלאָגיזאַציע פון די העלדן און סצענעס און אירע אויסערלעכע אויס־ווירקונגען.

דער שטילער, סובטעלער הומאָר און זיין לויטערער, מייסטערישער סטיל מאַכן פאַר אונדז נאָענט און היימיש אָט דעם „באַגינען״.

י. אַפּאַטאָשוס ארץ־ישראל־שטימונגען

מיט דרייסיק יאָר צוריק איז דערשינען אַפּאַטאָשוס „צווישן ימען און לענדער", די איינדרוקן פון זיין ערשטן באַזוך אין ארץ־ישראל אין יאָר 1934. אין דער רייכער רעפּאָרטאַזשן־ליטעראַטור פון ארץ־ישראל טיילט זיך אויס דאָס בוך מיט דער שפע פון שילדערונגען, מיט אַפּאַטאָשוס לעבעדי־קער בילדערישקייט, מיט זיין אימפּעט און דינאַמיק. אייגנאַרטיק איז דאָס בוך מיט זיין טיף אינערלעכן אומרו, מיט דער שטימונג פון ליידנשאַפטלעכן געראַנגל פאַר דער האַרבער שאלה, — וואָס איז יידישקייט?

אָט די פראַגע עגבערט און מאָנט און לאָזט אַפּאַטאָשון נישט אָפּ. זי איז געוואָרן איינס פון די צענטראַלע, עיקרדיקע פּראָבלעמען אין אַפּאַטאָשוס שאַפן.

פאַר די אַכצן יאָר פון אַפּאַטאָשוס ערשטן ביז זיין צווייטן באַזוך אין ארץ־ישראל איז זיך פאַרלאָפן אין אונדזער לעבן אַזוינס, וואָס האָט געענ־דערט דעם מהות און די סטרוקטור פונעם פאָלק, זיינע יסודות און זיין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן פּנים. מיט „ווען פוילן איז געפאַלן" ענדערט זיך דער באַנעם און דער צוגאַנג צו דער פראַגע „וואָס איז יידישקייט?" אַפּאַטאָשון רעגט עס אָן — שטאַרקער און אייפעריקער צו באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם, נאָך מער, דאַכט זיך, ווען ער קומט אין באַרירונג מיטן לאַנד. דאָ קומען אויף עיקר־פּראָבלעמען פון יידישן כלל, פון יידישן זיין, פון גלות־לעבן און פון יידישער מדינהשאַפט.

שוין בעת זיין ערשטן באַזוך האָט אַפּאַטאָשו דערשפּירט די ממשותדיקע געראַנגלען פאַר באַפרייונג, דעם באַגער זיך אויסצולייזן פון פרעמדן יאָך. אָט איז איינס פון די באַקאַנטע בילדער, ווי דער שרייבער האָט עס אויפ־גענומען:

„...ס'איז געווען מיטאָגצייט. עולם האָט געוואָרפן די אַרבעט. ווו אַ געוועלב, ווו אַ געוועלבל, ווו אַ סאָדע־בודקע — אַלץ האָט זיך צוגעמאַכט,

אַלץ האָט זיך געשלאָסן. פון גאַס און געסל האָבן מענטשן געהאַלטן אין איין אָנקומען, געשטראָמט איבער דער לאַנגער אַלענבי גאַס. ווי אַן אויטאָמאָביל און אַ דראָזשקע־אַפּשטעל, ווי אַ דורכפאַר, האָבן צען־און צוועלף־יעריקע יינגלעך עס פאַרשטעלט מיט ליידיקע פּעכפּעסער, מיט שטיקער בלעך. פּאָליציי מיט ביקסן אין די הענט זענען אָנגעפאָרן אויף געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן, אויף מאָטאָציקלען, זיי האָבן אַוועקגעשאַרט די פּעסער, די שטיקער בלעך, און ווי נאָר די פּאָליציי־אויטאָמאָבילן זענען פאַרשוווּנדן, איז דאָס קליינוואַרג צוריק אויסגעוואָקסן און די דורכפאָר־פּלעצער זענען ווידער פאַרבאַריקאַדירט געוואָרן... פּיס האָבן זיך געהויבן, זוילן האָבן זיך געשאַרט איבער שטיין, איבער אַספאַלט, זיך געטראָגן אַנטקעגן געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן... נעש איז מיטגעריסן געוואָרן מיטן המון, וואָס איז געגאַנגען אַ שטומער. און אַז די שטומקייט האָט זיך גענומען כפלען אויף צענדליקער טויזנט מיילער און הערצער, איז די שטומקייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געשריי פון אַ גאַנץ פאָלק.״

מיט אַזאַ שטאַרקער אַקצענטירונג אויף דער דעמאָנסטרירנדיקער מאַסע פאַרענדיקט אַפּאַטאָשו־נעש זיינע איינדרוקן פון ארץ־ישראל. נעש, וואָס האָט אַזאַ בולטע ענלעכקייט צו אַפּאַטאָשוס באַקאַנטע געשטאַלט, צו מרדכין פון די „פּוילישע וועלדער״, ווערט אינערלעך אויפגערודערט פון ארץ־ישראלדיקן פּייזאַזש, וואָס שטעלט אים צו געשעענישן, ווידעראַנאַנדן, פּראָבלעמען, וועלכע לאָזן זיך נישט לייכט לייזן. דאָס זענען די טעמפּעראַמענטפולע אויפבוי־יאָרן אין לאַנד. פאַראַן ווייטיק און פרייד, ציטער און ספקות, אויפריכטיקער חלוציזם און פאַרריסנקייט. אַפּאַטאָשו לעבט זיך גיך איין אין אַלע סביבהס, באַוועגט זיך פריי ביי אַלע באַדינגונגען, פילט זיך היימיש אויף יעדן באָדן. און דאָך איז אים שווער תופס צו זיין אַ ריי דער־שיינונגען. ער זוכט צו פאַרבינדן דעם היינט מיטן יידישן עבר, ער זוכט צו באַנעמען דעם מענטש אין זיינע געוואַגטע טווּנגען. ביי אים איז דער בויער פון ארץ־ישראל — דער מענטש פון אומעטומיקן יידיש־פאָלק, און ארץ־ישראל איז דאָס לאַנד פון נעכטן, פון תמיד, פון אייביק.

אין טבריה איז געווען אַ געוויטער, גראָד דאַן ווען אַפּאַטאָשו האָט באַזוכט די שטאָט. דער ים כנרת איז אַרויס פון די ברעגעס און אָנגעמאַכט

שאַדנס. דער שרייבער שילדערט די טבריהר יידישע געסלעך אין יענע טעג:

„די שמאָלע, געדרייטע געסלעך זענען געלעגן אין חורבות. אַרום די איינגעפאַלענע שטיבלעך — אָן דעכער, אָן ווענט — האָבן זיך געוואַלגערט אשכנזישע משפחות, ספרדישע משפחות. מען האָט זיי דערקענט אינעם הילוך. די אשכנזים — געלאָקטע פאות, רבנישע קאַפּעליושן, קאַלירטע כאַלאַטן. די ווייבער — רביצינס אין שטערנטיכלעך. די פנימער — שלאַ־בערדיקע, בלייכע, ס׳לשון — אַ ווייכער ברייטער יידיש. די ספרדים — אין טערקישע פעסקעס. פנימער — ברוינע, אָפּגעברענטע. ס׳לשון — שפּאַניאָ־ליש, אַראַביש, העברעיש, וואָס רייסט זיך טיף פון האַלדז מיט אַ כאָרכל. און אַרום די חורבות, אַרום די צעלייגטע משפחות — קליינוואַרג און ציגן. שוואַרצע, רירעוודיקע ציגן אָן הערנער...״ „הונדערטער יאָרן וווינען אין שכנות האָט נישט געקאָנט אויפטאָן דאָס, וואָס ס׳געוויסער האָט אויפגע־טאָן — דערנענטערט די אשכנזים מיט די ספרדים״...

ס׳איז דאָך שוין אַלט, ווי די וועלט, אַז צרות פון כלל דערנענטערן, צעוואַרפן מחיצות, פאַראייניקן... אָבער, בעיקר, מחיצות פאַלן ווען מ׳טרעפט זיך ביי אַרבעט, ביים שותפותן אויפבויווערק — דאָס האָט אָפּטאָשו דער־פילט נישט נאָר בעת זיין צווייטן באַזוך, נאָר אַפילו דאַן, מיט אַכצן יאָר פריער, ווען ער האָט צוגעזען, ווי מ׳בויט און מ׳פלאַסטערט שאָסייען אין תל־אביב. „...אַלע, — אין זיבן שוויסן — האָבן געשלעפּט זעקלעך זאַמד, זעקלעך צעמענט, זעקלעך זשוויר, געשלעפּט הייסע עמערס סמאָלע... אַרבעטער האָבן זיך געקאָפּיעט אין זאַמד ביז איבער די העלדזער. זיי האָבן אַריינגעפּאַסט און פאַרפעסטיקט — דאָ וואַסער־רערן, דאָ קאַנאַליזאַציע־רערן, אַנדערע האָבן אויפגעשטעלט אייזערנע טעלעגראַף־סלופּעס...״

אַ סצענע, וואָס ער האָט צוגעזען אין מוצא, רודערט אויף, צעשטורעמט זיין געמיט. אַ גרופּע פאַנאַטישע יונגע־לייט פון אַלטן יישוב באַשמוצט מיט קללות און חרמות דעם „ארז הרצל״. ס׳דערמאָנט אים, ווי חסידים פלעגן פאַראומרייניקן דעם קבר פון בערעק יאָסעלעוויטש (אין „די פּוילישע וועל־דער״). געפינט אָפּטאָשו אפילו אין דאָס רשעות, אין דער פינצטערער קנאות, דעם „דאָ און דאָרטן״ — דעם אַמאָל און היינט — איין טונקעלע מחשבה פאַראייניקט זיי. ווער ס׳האָט פאַראומרייניקט דעם אָנדענק פון דעם

יידישן העלד אין פוילן, אַזעלכע האָבן באַשמוצט משה מענדעלסאָנען, גערודפט די ערשטע משכּילים, געמסרט יידישע רעוואָלוציאָנערן, פאַרפּאַלגט ציוניסטן, און אַזוי ציט זיך עס מיט שטומפּיק־טונקעלן פאַנאַטיזם, ביז מסתּמא די איצטיקע נטורי־קרתא...

ביי אָפּאַטאָשון האָט יעדער קאָנפליקט מקור, — זיין שייכות מיט דעם גאַנג פון פאָלק, מיט זיין עבר.

דאָס קאַפּיטל עין־חרוד איז פון די פיינסטע קאַפּיטלעך אינעם בוך און איז, אַן צווייפל, איינס פון די שענסטע קיבוץ־שילדערונגען אין אונדזער ליטעראַטור. קורץ, קרעפּטיק און געפּרעסט ברענגט ער אַרויס נישט נאָר די מענטשן, מיט וועמען ער באַגעגנט זיך און צערעדט זיך — ס'איז אַ בילד פון דעם גאַנצן קיבוץ־שטייגער: סביבה, באַציונגען, באַגערן, בענקעניש. אָפּאַטאָשו פאַלט נישט אַריין אין התפּעלות, ער זוכט אָבער מיט אַן אָפן געניט אויג דעם ניי־אויפגעגאַנגענעם לעבן און דעם נייעם יידישן מענטש.

און אָט ווי אַזוי ער פירט צונויף דעם אַראַבישן פעלאַך מיטן יידישן אַרבעטסמענטש.

„מיט די פעלדער זענען אָנגעקומען קעמלען מיט סטויגן תבואה. איין קעמל נאָכן אַנדערן. די לאַנגע פיס האָבן זיך געוויגט, די העלדזער האָבן זיך געוויגט, די סטויגן תבואה האָבן זיך געוויגט, ווי אין דעם בלויען פאַרנאַכט וואָלטן זיך נישט געטראָגן קיין קעמלען, נאָר אויסטערלישע שיפן. דער אַראַבער, וואָס איז געזעסן אויפן ערשטן קעמל, איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ איכה־ניגון, וואָס איז געווען אי ווילד, אי טרויעריק.

...דער אַראַבער האָט מיט אַ מאָל אויפגעהערט זינגען. די קעמלען זענען געבליבן שטיין, האָבן העכער פאַרריסן די העלדזער, און די קעפּ, טרויעריקע, פאַרשלאָסענע, האָבן זיך איינגעבליקט מיט חידוש, מיט שרעק. אַ „קאָמבינאַט" — פינקלדיק שטאָל און אייזן — וואָס האָט געשניטן די תבואה, זי געדרעשט, צונויפגענומען דאָס שטרוי אין בינטלעך, האָט זיך געשאַרט איבערן פעלד מיט אַ קלינגעריי, מיט אַ סאָפּעריי. אַן אַרבעטער, קליין און דאַר, מיט אַ שטרויענעם, ברייטראַנדיקן קאַפּעליוש איבער די אויגן איז געזעסן אויף דער קעלניע מיט אַזאַ מינע, ווי נישט די מאַשין וואָלט געשניטן, געדרעשט, געבונדן, נאָר ער, דער אַרבעטער".

דאָ האָבן מיר אַ באַגעגעניש נישט נאָר פון צוויי פעלקער, נאָר, קודם־כל, פון צוויי שטייגער־לעבנס, פון צוויי קולטורן.

די פּלאַסטישע און פאַרביקע שילדערונג באַחנט נאָך אָפט זיין געזונטער האַרציקער הומאָר, אָבער אָפּאַטאַשוס הומאָר איז תמיד אַ נישט בכוונהדיקער. ער אַליין גיט אַפילו קיין שמייכל נישט. און ס'זענען דאָ פיינע קאָמישע סצענעס, ווי דאָס דינגעניש מיט די אַראַבער, וואָס העלפן אַרויסשלעפּן דעם אויטאָ פון די זאַמדן. און די אַמעריקאַנער מיידלעך, וואָס זיצן אין ירושלימער פּאַנסיאָן און וואַרטן, אַז אַ יידישער לאָרד זאָל זיך פאַרליבן אין זיי. אָדער זיין באַגעגעניש אין ירושלימער אַלטשטאָט מיטן סאַלאָניקער בעזעם־פלעכטער, וואָס איז געווען אַ מאָל אין דער היים דער פּרעזידענט פון אַלע סאַלאָניקער בעזעם־פלעכטער.

אַלט־ירושלים ציט אָפּאַטאָשון, ס'איז זיין אייגנס, דאָ איז זיכער איינס פון זיינע שטחים יידישקייט. ס'ציט אים אַהער און גלייכצייטיק האָט ער מורא פאַר דער וואַכעדיקייט, וואָס קען אים באַפאַלן... ווען ער קומט אָבער אין אַלט־ירושלים ווערט ער ווידער אויפגעברויזט און אָנגעלאָדן מיט נייע געדאַנקען און פראַגן און ס'מאַטערט דאָס געמיט:

„וואָס איז יידישקייט? — הלויס „כוזרי", ווו דער אדם העליון איז נישט משה, נאָר דער המון: און וויל מען, אַז דער יידישער המון זאָל ווערן „נצח־ישראל", דאַרף מען אַ ריינע ראַסע, דאַרף מען ארץ־ישראל." ?

„וואָס איז יידישקייט? — דער רמב"ם, שפּינאָזע, שמואל דוד לוצאַטו? צי אפשר גאָר משה, העס, מאַרקס, יצחק לייבוש פּרץ?"

עטלעכע דערציילונגען וועגן דער באַפרייונג־מלחמה האָט אָפּאַטאָשו געשריבן מיט ליבע און מיט ציטער. מיט ציטער פאַרן קיום פון יידישן לאַנד.

ש. איזבאַנס אַמעריקאַנער דערציילונגען

„מסיפורי ניו־יורק" איז נישט דאָס ערשטע בוך פונעם דערציילער ש. איזבאַן, וואָס ווערט געבראַכט פאַרן העברעיִשן לייענער. ס'זענען איבער־זעצט געוואָרן אין העברעיִש זיין היקפדיקער ראָמאַן „פאַמיליע קאַרפ", וואָס שילדערט די תקופה פון דער דריטער עליה — אַ ראָמאַן, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט ווירוואַר און מיט דער גבורה פון יענער צייט; זיין היסטאָרישער ראָמאַן „המלכה איזבל" און די זאַמלונג דערציילונגען „בבית הדין", וואָס האָבן געהאַט דערפאָלג ביים העברעיִשן לייענער.

ש. איזבאַן איז געווען אַ תושב אין ארץ־ישראל, דערצו איז ער אויס־געבונדן מיט אַלע קוועלן און מיט אַלע פאַרבאָרגענישן פון ארץ־ישראלדיקן עבר, — איז ער אַ מייסטער אין שילדערן ווייטע עפּאָכעס און מקרב זיין היסטאָרישע געשטאַלטן, אייגענע און פרעמדלעכע.

איזבאַן פאַרמאָגט דעם כוח זיך אַריינצולעבן אין די פעלדער פון עבר און אויפשאַפן דעם אויטענטישן קלימאַט. אַז מיר לייענען זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען, זיין „המלכה איזבל", האָבן מיר די עמפּינדונג, ווי מיר וואָלטן מיטגעגאַנגען מיטן המון־עם איבער די גאַסן און מערק פון שומרון, זיך צוגעהערט צו די ווונדערלעכע רייד פון די נביאים, אויסגעטראָגן די אכזריותן פון די קעניגן און צוגעהערט פון דער נאָענט די רכילותן פון אַרום קעניגלעכן הויף... אַ מחבר, וואָס איז ביכולת צו שאַפן אַזאַ וואַריקע אַטמאָספער דאַרף נישט נאָר פאַרמאָגן אַ טיפע קענטשאַפט אין די מקורות, אין דער תקופה פון תנ"ך, נאָר זיין געבענטשט מיט קינסטלערישער אינטויִציע, מיט גרויס־צוגיקער פאַנטאַזיע און מיט אַזאַ מאָלערישער שפּראַך, וואָס שאַפן די בילדערישע מאָזאַיִק.

אָט די שרייבעריש־דערציילערישע מעלות האָבן אויך געדינט איזבאַנען אין דעם בוך „מסיפורי ניו־יורק" (אין יידיש: „די שטאָט פון צאָרן", דער־שינען אין יאָר 1955). דאָס זענען דערציילונגען פון דער ווונדערלעכער

מאַנסטער־שטאָט ניו־יאָרק. און אין די דערציילונגען זעען מיר בולט איזבאַנס מייסטערשאַפט אויך ביים באַהערשן פּרעמדלעכע, נישט־יידישע, „עקזאָ־טישע" טעמעס און העלדן־מעשיות. דאָס זענען סאַמע טשיקאַוועקייטן פון דער פּיל־מיליאָניקער, פּיל־פּנימדיקער שטאָט. איזבאַן דערציילט וועגן זיי מיט אַזאַ געניטשאַפט און מיט אַזאַ אינטימער אידענטיפיקאַציע מיט די העלדן און מיט די אויסטערלישע פּאַסירונגען, אַז דאָס בוך זעט אונדז אויס ווי אַן אַנטאָלאָגיע פון אָפּגעקליבענע כאַראַקטעריסטישע דערציילונגען פון פעלקער און עדות, וואָס באַוווינען די וועלט־מעטראָפּאָליע ניו־יאָרק.

די נייַן דערציילונגען, וואָס קומען אַריין אינעם בוך, כאָטש זיי זענען פון איין געאָגראַפישן שטח, זענען זיי אָבער ווייט איינס פון דאָס אַנדערע נישט נאָר לויטן סיוזשעט און אינהאַלט, נאָר אויך לויטן דערציילערישן גייסט און כאַראַקטער פון די העלדן און זייער סביבה, לויטן ריטעם פון זייער שפּראַך און קלאַנג. פון דעם ניו־יאָרקער שמעלצטאָפּ אַנטפּלעקט איזבאַן אַזעלכע רייצנדיקע באַזונדערקייטן, אייגנאַרטיקע ווינקעלעך, שטיי־גער־לעבן און לעבנס־נוסחאות, וואָס שימערירן מיט זייער אַנדערשקייט און קאָלאָריט.

אין דער יידישער פּראָזע האָבן ברוך גלאַזמאַן, דוד פּינסקי, אייזיק ראַבאָי, י. אָפּאַטאָשו, ש. מיללער און אַנדערע ראָמאַניסטן־דערציילער (לאָמיר דאָ דערמאָנען ב. דעמבלינס אָריגינעלן ראָמאַן „וועסט סייד"), אַריינגעפירט אויך די נישט־יידישע אַמעריקע. אָבער אין דעם דערציילונג־זשאַנער איז דאָס בוך „די שטאָט פון צאָרן", אָן ספק, אַ דערגרייכונג מיט דער טעמאַ־טישער פּאַרשידנאַרטיקייט, מיט דער שילדערונג פון די פּעריפּערישע עלעמענטן.

איזבאַן ווערט אָפט מאָל אַליין ווי פּאַרכאַפּט פון די מערקווערדיקע טיפן און טשיקאַוועסטן פון דעם סיפּור־המעשה. דאָך טראָגן אין זיך אַ צאָל דערציילונגען אַ קענטיקן אידעישן באַגלייטטאָן. אַזאַ איז די ערשטע דער־ציילונג אינעם בוך, די אייניציקע דערציילונג פון יידישן אינהאַלט: „די שטאָט פון צאָרן". ס'איז דער מאָטיוו פון אומרו, וואָס האָט געגומען באַ־וועלטיקן דעם יידישן מענטש און אויפרודערן זיין וועזן. ס'איז דער שולד־געפיל כלפּי די אָפּגעראַטעוועטע ברידער פון יאָמערטאָל, די ניצול־געוואָרענע

פון היטלערס גיהנום. אָט ווי דער איינגעזעסענער און באַרוטער, כאָטש יידיש־געשטימטער אַרכיטעקט ברוך ווינטער — איינער פון די טויזנטער דערפאָלגרייכע פּראָפעסיאָנאַלן, וואָס איז יונגערהייט געקומען קיין אַמעריקע, זיך אַרויפגעאַרבעט — ווערט איצט, אין אָנבליק פון די פיינגרוסן, באַ־הערשט מיט אומאויפהערלעכע דערמאָנונגען פון זיין אַמאָליקער היים, ער ווערט אינערלעך באַצווונגען זיך צו דערנעענטערן צו די יידן פון זיין היימ־שטאָט, צו די לאַנדסלייט פון קויאַוועק, פון וועלכע ער איז שוין זייט יאָרן אָפּגעפרעמדט. עס גייען אים נאָך, עס פאַרפאָלגן אים די מאָנונגען פון דאָרט: „אַ האַלבע נאַכט האָט ברוך ווינטער זיך געראַנגלט מיט חלומות. הונדערט און זיבן געפייניקטע יידן האָבן זיך אַריינגעריסן אין שלאָף און געמאַטערט מיט זעונגען, וואָס קומען בלויז צו יענע אומגערעכטע, וואָס אַנטלויפן פון שולד און פליכט. ער האָט אויפגעשוידערט. דאָס לשון איז ביי אים אָפּגע־נומען געוואָרן... דערקענסט אונדז נישט? מיר קומען פון דעם לאַנד פון דיין געבוין. הונדערט און זיבן לאַנדסלייט פון דער שטאָט קויאַוועק, אין פוילן".

אָט די אויסגערופענע, אָפענע רעגונגען פון דעם חלום זענען בלויז דער אַריינפיר צו דער אַנטוויקלונג פון ברוך ווינטערס געמיט־צושטאַנד, צו זיין אויפפיר איצט אין זיין יידיש־אַמעריקאַנער היים. צו די פאָדערונגען צו זיין זון, ער זאָל איבערנעמען יידישן דרך און באַנעמען דעם גורל־גאַנג פון יידישן פאָלק, ער פאַרטראָגט נישט מער די רוטינע־פירונגען אין זיין הויז. עס הויערן אין אים דער אומרו, די טראַגישע שפירונגען, ווי זיי וואָלטן זיך באַדאַרפט אָפּרופן אינעם מהות פון יידישן מענטש.

דאָס איז דער אידעישער אויסקלאַנג. אָבער ביים אָפּשלוס פון דער דערציילונג דערפירט דער מחבר צו אַן אָנלאָקנדיקן אַרויסרוף, וואָס טראָגט אין זיך מאָנונג און פאָדערונג, טראָגט אין זיך אַ שאַרפע תביעה צו די גויִשע פעלקער: זיי זאָלן פאַרריכטן די בלוטיקע עוולה, די נישט־יידישע וועלט זאָל צוטראָגן איר חלק ביים העלפן די אָפּגעראַטעוועטע. זאָלן זיי דערהערן דעם ווייגעשריי פון די אין יסורים און פּייער געפּרוווטע — — —

מיט נאַראַטיווער קינסטלערישער קרעפּטיקייט פלעכט איזבאַן אַריין אין דער דערציילונג אָט־די פאָלק־תביעה צו די גויִים פון קויאַוועק.

די לאַנדסלייט האָבן זיך פאַרזאַמלט אין שול. „איבער דער שול האָבן זיך

געטראָגן זיפצן, ספּאַזמאַטישע שלוכצן, דערנאָך אַן אויסברוך פון געיאָמער. עס האָבן געוויינט נישט בלויז פרויען, אויך מענער. דאָס געוויין איז געווען שטיל, איינגעהאַלטן, ווי דאָס קלאָגן איבער קינות״...

„ווינטערס געדאַנקען האָבן געבלאָנקעט איבער דער שול, געצונדן די לופט מיט מאַגנעטישע פונקען, — קענטיק אָנגעשטעקט די מוחות פון עולם, ווייל פון דער דריטער באַנק איז אַפיר אַ דיקלעכער לאַנדסמאַן, אַ געלאָסע־נער, אַ מיושבדיקער. ער האָט אויפגעהויבן זיין וויזפינגער צום טשערמאַן:

— כ׳וויל מאַכן אַ „מאָושען״, כ׳מיין אַ פאָרשלאַג. לאָמיר גלייך צוטרעטן צו האַנדלונגען. לאָמיר זאַמלען צען טויזנט דאָלער פאַר די נויטבאַדערפטיקע״.

דער עולם אין שול, די קויאַוועקער לאַנדסלייט האָבן זיך איבערגעשטיגן אין איבערגעגעבנקייט. אָבער מיטן צונויפשאַפן דאָס געלט איז צוגעגאַנגען שווער, שלאַבעריק. נישטאָ קיין גבירים ביי די קויאַוועקער לאַנדסלייט. און אָט קומט דאָס, וואָס האָט תחילת אַלעמען געפּלעפט: מען וועט זיך ווענדן צו וואַצעק זשעמיאַנסקי דעם שונא ישראל, וואָס גאַנץ קויאַוועק האָט אַ מאָל געציטערט פאַר אים. זשעמיאַנסקי איז אין אַמעריקע שטיין־רייך געוואָרן. און ער איז די יידן פון קויאַוועק אַ בעל־חוב... איבער די פאַרזאַמלטע אין שול פלאָטערט מיט פאַרטאַיעטן פּראָטעסט, מיט אימה. ס׳הערן זיך שטימען: „ס׳איז אַ חילול־השם, צו בעטן הילף ביי אַ שונא ישראל!״... אָבער ברוך ווינטער פאַרטיידיקט דעם פאָרשלאַג. ס׳רעדט אַרויס פון אים מיט אַלט־פאָלקישער טענה:

„...זשעמיאַנסקי וועט צאָלן זיין חוב, ווי ער וואָלט באַדאַרפט צאָלן פאַר זיינע באַגאַנגענע פאַרברעכנס. די ערד איז פאַרפלייצט מיט מיליאָנען קינס, וואָס טראָגן אין זיך כוחות פון צעשטערונג. מיר, יידן, זענען דער הבל צווישן די קינס... פון דאַנען, פון דער קליינער שול גייט הבל אַרויס מאָנען זיין חוב ביי קינען... זשעמיאַנסקי דער מסור, דער גנב, דער שונא ישראל איז אַ קליינער בעל־חוב, אָבער זיין חוב איז אַ בלוטיקער... זיין שטאָט קויאַוועק איז פאַרוויסט, זיינע יידן זענען פאַרטיליקט. זאָל אָט דער קליינער קין אָנהייבן אָפּצאָלן זיין חלק. זאָל ער אויסקויפן זיך, ריינוואַשן זיך, באַשטעטיקן, אַז ס׳וועט נישט פאַרגעבן ווערן און ס׳וועט נישט פאַרגעסן ווערן די רציחה, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן אַן אַלט פאָלק״.

דער געבראַכטער ציטאַט קלינגט אַ ביסל פּובליציסטיש, פּאַטעטיש. אָבער אין קאָנטעקסט פון דער פּלאַסטיש געשילדערטער סצענע אין שול, אויף דער לאַנדסלייט־אסיפה, וואָס איז אָנגעפּילט מיט ווי און אויפּציטער, ווירקן זיך אויס די דאָזיקע ווערטער ווי אַ נאַטירלעך אויפבּרויזנדיקע מאָנונג.

גאַנץ אַנדערש, פּאַרשטייט זיך, נעמט אויף די מלחמה פון זיין פּאַטער־לאַנד דער אַלטער דייטשער תושב פון יאָרקוויל, אויגוסט גייגער. הגם ער איז שוין איבער פופציק יאָר אין אַמעריקע, ריזלט נאָך אין אים די יונקע־רישע פּאַרריסנקייט. און ער וואָרט אויף דעם זיכערן זיג פון זיינע היימאַטס־קאַמעראַדן ביים דעראָבערן דייטשלאַנדס „לעבענסראַום".

„די פיר און צוואַנציק שעה פון אויגוסט גייגער" איז איינס פון די געראָטנסטע און אינטערעסאַנטסטע דערציילונגען הן מיטן פּאַרטיפטן אַרויסבּרענגען די געשטאַלט פון אַלטן דייטשן שלאָסער־מייסטער, — אַ פּראָ־טאָטיפּ פון פּאַרביסענעם, רעאַקציאָנערן פּאַטריאָטיזם, וואָס די דייטשע עמי־גראַנטן האָבן געפּלעגט אויף דער אַמעריקאַנער ערד — מיט דער כאַראַק־טעריסטישער סביבה, אין וועלכער עס באַוועגן זיך אָט די געשטאַלטן (די בירסאַלונען, פּאַרזאַמלונגען), די גוט צוגעגרייטע אַפּאַסטאָלן פון היטלערס מאָרדלערע אויף דעם באָדן פון דער פרייער, דעמאָקראַטישער אַמעריקע.

דערפאַר זענען די אַנדערע דערציילונגען אינעם בוך פול מיט דער באַ־וועגלעכקייט, מיט דעם שווונג און ריטעם פון אַמעריקע, מיט מיסטעריע און פאַנטאַסטיק פון די ערשטע פּיאָנערן, פּרייהייטס־קעמפער און געשטאַלטן, וואָס כּישופן מיט צוזאָג פון גליק און דערהויבנקייט. און ס'שלאָנדערן אַרום רעוואָלוציאָנערן, זוכער פון יושר, און איינבּרעכער און כּוח־גייער, און קעמ־פער פאַר די רעכט פון אונטערדריקטע און שוואַרצע. ס'איז אַ קאַליידאָסקאָפּ פון געשעענישן אין אַ געווימל פון טענער און פאַרבן.

אָט פירט אונדז אַריין איזבאַן אין דער סאַמע געדיכטעניש פון כינעזישן קוואַרטאַל אין ניו־יאָרק. עס ווערט אונדז אייגן די פּאַרפּלאָנטערטע מעשה מיט דער ירושה פונעם אַלטן לי טאַה, וואָס האָט אָנגעזאָגט אין זיין צוואה, אַז די יורשים זיינע, זעכצן זין און מוידן, וועלן קאָנען געניסן פון דעם עזבון נאָר דאַן, ווען זיי וועלן חתונה האָבן און וווינען אַלע אונטער איין דאַך, אונטערן דאַך פון זיין גרויס כינעזיש הויז. מיר פילן אַפילו דעם ריח פון די

גאַסן און געסלעך, פון די שפּילהייזער און דעם דומפּיקן געריך פון טשיאַנג יאַ ליי׳ס אַנטיקן־קראַם.

מיט בריהשקייט דערציילט ער אונדז די פאַנטאַסטישע געשיכטע פון אַ האַר־פאַרוק, וואָס איז אַריבערגעבראַכט געוואָרן מיט די ערשטע פּילגריי־מען. און וואָס פאַר אַ קראַפט און וווּנדער־כּוח דער פאַרוק פאַרמאָגט; אַ כּוח פון מעכטיקן לוסט און פאַרדאַרבנדיקער צעשטערונג. און וואָס פאַר אַ הערצישע איבערוואַנדלונגען דער פאַרוק האָט דורכגעמאַכט.

און די צויבער־מעשׂות פון דער אַלטער לוסי פינקערטאָן, וואָס איז מיט זעקס צענדליק יאָר צוריק געווען אַ בירצאַפּערין אין אַ באַר און די געליבטע פון דעם געוואַגטן רויבער און שמוגלער, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן, נישט מער, ווי אַרויסצוגנבענען דעם ארון מיט... לינקאָלנס ביינער, בכדי צו קאָנען שפּעטער דיקטירן באַדינגונגען דער רעגירונג אין וואַשינגטאָן: „ערשטנס, זאָל מען באַפרייען בען באַידן, דעם עקספּערט, וואָס האָט די פּלאַטן צו מאַכן פאַלש געלט. צווייטנס, זאָל מען אונדז באַצאָלן דעם שאָדן פאַר דער צייט, וואָס ער איז פאַרשפּאַרט. דריטנס, ווילן מיר, ווי אָנשטענדיקע גוטע פּאַט־ריאָטן, דאָס אויסלייזגעלט פאַר לינקאָלנס קערפּער. און ווייסטו וויפל דאָס אויסלייזגעלט דאַרף באַטרעפן? — פינף מיליאָן דאָלאַר!״.

אַזוי, טראַפּנווייז, ווי מען גיסט פאַרשיכורנדיקן געטראַנק, דערציילט עס די אַלטע לוסי דער עלטערער פון איר ריטאַ. און ביידע קוויקן זיך, ווי אין ווירעך, מיט די דערמאָנונגען פון זייערע יונגע יאָרן, ווען זיי האָבן געקערט אַ וועלט צווישן די באַרימטסטע אַמעריקאַנער גענגסטער.

אויך דאָ איז איזבאָן ווי ביי זיך אין דער היים. סיי מיטן אויפּשאָפּן די אַטמאָספער און דעם קלימאַט פאַר די שילדערונגען, סיי מיטן אָפּגע־מאָסטענעם שפּראַכריטעם, סיי מיט דעם לשון, וואָס אָטעמט מיט אַלע קנייטשן און ריחות פון אַלעראַרטיקע שמועסן פון די משונהדיקסטע העלדן.

איינס פון די געלונגענסטע דערציילונגען איז „דער דאָקטאָר פון וויל־יאַמסבורג״. פינעטאַ, דער דאָקטאָר פון ווילי־אַמסבורג, איז געווען אַ זון פון אַ סאַלאָניקער ייד. זיין קאַבינעט איז געווען „...דאָס הויז פון גערעכטיקייט, אַ שטוב וווּ מען טיילט אויס דעם גערעכטן זיין שכר און דעם רשע — זיין שטראָף. ער האָט זיינע פּאַציענטן איינגעשטעלט אין קאַטעגאָריעס. פון די

אָרעמע, דערשלאָגענע און דורכגעפאַלענע האָט ער נישט גענומען באַצאָלט. אָבער פון די שיכורים און פערדשפּילער האָט ער געשונדן די הויט״.

אין אַ דעם יידישן געגנט וויליאַמסבורג, ווו ס׳איז פול מיט תלמוד־תורות, ישיבות און אָרעמע־לייט איז אַ דער דאָקטאָר געווען ווי אַן אָפּצווייג פון די אַמאָליקע הארציקע יידישע פאָלקסדאָקטוירים אין מזרח־אייראָפּע. נישט מער, די געקריוודעטע און באַעוולטע, וועמען ער דינט, זענען דאָ נאָר די נעגער...

אַ כאַראַקטעריסטישער אויסדרוק פון יידישן יושר־געפיל לגבי פאַר־יאָכטע און אונטערדריקטע. צי האָט אָבער דער זכות ווען בייגעשטאַנען, אין צייטן פון נסיון? — דאָס איז שוין אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

שמואל איזבאַנס בוך „מסיפורי ניו־יורק״, אין דער גראַטענער איבער־זעצונג פון שמשון מלצר, איז נאָך אַ גוטער בייטראַג פון דעם פּראָדוקטיוון פּראָזאַיקער פאַר דעם ישראלדיקן לייענער.

יחיאל האָפּערס חסידות־פּייזאַזש

יחיאל האָפּער, דער געשטאַלטיקער פון וואַרשעווער חסידישן פּייזאַזש אין דער יידיש־ליטעראַטור האָט אונדז ווידער צוגעטראָגן אַ ניי בוך, וואָס אַנטפּלעקט פאַר אונדז, — ווי די פריערדיקע ביכער זיינע, — די מקורות־דיקע מיליע, דעם קלימאַט פון וואַרשעווער חסידות, דאָס מאָל אין דער שילדערונג פון טשיקאַווען חסידישן ייד — ר׳ תנחום...

אינעם סוף־קאַפּיטל פונעם בוך זאָגט האָפּער: „אייגנטלעך האָט ר׳ תנחום אָנגעהויבן פאַר מיר ווערן דער אמתער תנחום ערשט דעמאָלט, ווען ער איז שוין נישט געווען, ווען ער איז שוין געהאַט געשטאָרבן. זיין טויט האָט אים דערנענטערט צו מיר... וואָס מער דערוואַקסן איך בין געוואָרן און אָנגעהויבן באַנעמען די וועלט און געשעענישן, האָט מיר וואָס אַ מאָל מער ווי געטאָן ר׳ תנחומס אומגליקלעך לעבן. — איך האָב געהאַט אַ בפירוש שולדגעפיל לגבי ר׳ תנחומען — און אונטערגעטריבן מיין פאַנטאַזיע, זי זאָל גרייכן דאָרט, ווו די ווירקלעכקייט האָט נישט דערגרייכט".

זעט אויס, אַז דעם קינסטלערס פאַנטאַזיע גרייכט טאָקע צו די סאַמע טיפעניש פון לעבן און ווירקלעכקייט. מיר זעען עס, על כל פנים, אין האָפּערס ראָמאַנען און דערציילונגען פון די „וואַרשעווער הייף", אין די שילדערונגען פון די חסידישע געשטאַלטן, פון די היימען, שטיבלעך, יידישע גאַסן און אין זיינע „טשודאַטשנע" יידן — פריער „ר׳ זלמן" און איצט „ר׳ תנחום".

ווער איז ר׳ תנחום, וועגן וועלכן דער מחבר זאָגט, אַז זיין אומגליקלעך לעבן איז אים נאָענט געוואָרן? ער איז איינער פון יענע טויזנטער, וואָס זענען שוין נישטאָ מער. און עס דאַכט זיך, אַז ערשט נישט לאַנג האָבן זיי געלעבט, געהאָפט, זיך געמאַטערט, געגלייבט און פ ו ל ג ע מ אַ כ ט דאָס לעבן מיט אמונה און בטחון. זיך געגערט מיט חסידישער תורה און אַ ווילדע הנאה געהאַט, דערציילנדיק און איבערדערציילנדיק מופתים. ווער

דען אַנדערש האָט פלוצעם אויסגעשטרעקט די הילף, צו פּראַווען ביי אָרעמע־לייט אַ חתונה כיד־המלך, ווער דען אַנדערש איז עס געווען, אויב נישט אליהו הנביא. — — ס׳איז געווען אָט די האַרציקע תמימות, די פאָלקישע אויסגעחלומטקייט, כאָטש נישט ר׳ תנחום און נישט ר׳ זלמן און ניש ר׳ צדוק און נישט איטשעלע קובאַץ זענען געווען גאָר אַזעלכע תמימות־דיקע יידן. — —

ר׳ תנחום איז געווען אַן אַריינגייער אינעם הויז פון האָפּערס טאַטע־מאַמע. אַ חסידיש־נגידיש הויז, וווּ דער טאַטע איז תמיד געווען פאַרנומען מיט מסחרים, מיט פאַרטפעלן־וועקסלען, מיט נסיעות, און די מאַמע איז אייביק געווען פאַרפאַרעט מיט דער רייכער באַלעבאַטישקייט, מיט דער קיך און מיט וויפראַוועס פאַר די שיינע טעכטער, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט דעם בן־יחיד אויפגעכאַפּט אָט די נאָענטע און פרעמדלעכע ניגונים, התנהגותן פון די היימישע אַריינגייער.

מיר דאַכט, אַז אַזאַ געשטאַלט ווי ר׳ תנחום קען ווערן אַ טיפּיש־נאָענטע געשטאַלט אין אונדזער ליטעראַטור, ווי אַ שטייגער, טביה דער מילכיקער אָדער מנחם מענדל, כאָטש פון אַן אַנדער מיליע און אַן אַנדער וועלטבאַנעם.

ר׳ תנחומס טראַגיש לעבן, זיין אייביקער גערענגל, זיין יידיש־חסידי־שער דרך מיט אַלע זיינע משונהדיקייטן טראָגט דאָך אין זיך דעם אָטעם פון נעכטיקער יידישער גורלדיקייט — ר׳ תנחומס דאַליע, זיין געראַנגל פאַר אויסקומעניש, זיין קאַמף מיט דער נייער צייט, מיט זיינע קינדער, וואָס גייען אַרויס אויף שלעכטע וועגן און ווערן באַלמעלאָכעס. כאָטש ער איז אַן אייביקער ביטערער אָרעמאַן, וויל ער דאָך, אַז זיינע זין זאָלן בלייבן נאָר תורה־לערנער, יראי שמים. און צו וואָס עס פירט דער באַלמעלאָכעשער שטאַנד, ווייס ער שוין. — —

אַוודאי פאַרמאָגט נישט ר׳ תנחום די האַרציקע געמיטלעכקייט, די פאָלקישע חכמה, די ברייטקייט און די מעלאַדישע צעזונגענקייט פון אַ טביה־געשטאַלט. אָבער שוין צוליב דער חסידישער עקשנות און זיין אייגנדיקן יידיש־חסידישן גאַנג, גייט ער אויף ווי דער פּראָטאָטיפּ פון יענעם ווונדערלעכן שיכט, וואָס האָט פאַרטיפט און פאַרביק געמאַכט אונדזער יידיש־פאָלקישן גאַנג און שטייגער. פון אָט דעם יידיש־חסידישן

שיכט זענען דאָך געקומען אַ סך פֿון אונדזערע היינטצייטיקע קינסטלער, שרייבער, וויסנשאַפֿטלער, וואָס טראָגן בירושה די אייגנשאַפֿטן פֿון התלהבֿות און איבערגעגעבנקייט.

דאָס בוך פֿירט אונדז אַריין אין די יידישע וואַרשעווער היימען, אין די חסידים־שטיבלעך, אין די מחלוקתן אַרום חסידישן דרך און חסידישע פֿירעכצן. און צו פֿאַרפֿיקסירן אָט דעם זעלטענעם יידישן אָפּשניט, צו דער־פֿילן אָט דעם עכטן טעם העלפֿט דאָ, אָן ספֿק, דער באַזונדערער נוסח, די אויטענטישקייט פֿון שמועס און דיאַלאָג און די בילדערישע שפּראַך און יחיאל האָפֿערס פּראָזעסטיל.

הערץ בערגנער

אין די סוף דרייסיקער יאָרן האָט הערץ בערגנער פאַרלאָזט פּוילן, וווּ זיין נאָמען האָט זיך שוין נישקשהדיק אָנגעזען צווישן די ייִנגערע ייִדישע פּראָזע־שרייבער. די בערגנער־ראַוויטש־משפחה איז געבענטשט מיט אַ זעלטענער פעיִקייט צו קאָנען איינלעבן און איינגלידערן זיך אין אַלע באַדינגונגען און ספערעס. איז ה. בערגנער גאָר גיך געוואָרן דער מיטגייער פון דעם נאָך וויניק אָפּגעשאַצטן דערציילער פּנחס גאָלדהאַר, און ביידע, פּנחס גאָלדהאַר און הערץ בערגנער האָבן געשאַפן די ייִדישע ליטעראַטור־פּאָזיציע אין דעם ווייטן מעלבורן, אויסטראַליע.

בערגנער האָט לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן אויף זיך. ס׳זענען געקומען זיינע ערשטע אויסטראַלישע נאָוועלן, די איבערלעבונגען פון אימיגראַנטן, זייער אַריינפּאַסן זיך אין דער נייער סביבה. ער האָט דערקענט און אַרויסגעבראַכט די נעכטיקע פּוילישע, גאַליצישע און רומענישע יונגע־לייט אויפן נייעם באָדן. בערגנער האָט דערזען און אויפגענומען נייע פאַרבן און טענער און אַן אַנדער נאַטור־שיינקייט, אָבער טיף אין אים אָטעמט און גליט די פּויליש־ייִדישקייט און זיין גאַליציש שטעטל רעדים. ס׳גייט אויף אין אים אַזוי רעאַל דאָס לעבן פון צווישן ביידע וועלט־מלחמות. ס׳איז זיינס, זיין דור, זיין שטאָם און זיינע מענטשן.

בערגנער האָט שטאַרק אויסגענומען מיט אַ ראָמאַן „צווישן הימל און וואַסער" — אַ ייִדיש שטעטל אויף אַ שיף, אַ ייִדישע קהילה, וואָס וויל זיך אָפּראַטעווען פונעם בייז, פונעם מבול און זיך דערשלאָגן צו אַ ברעג. נאָך ווייט פאַר דעם שפּעטער געשעענעם חורבן האָט בערגנער געאַנט און קינסטלעריש־אינטויִטיוו דערשפּירט דאָס גורלדיקע פון ייִדישן מענטש אויף פרעמדע, וואַגלענדיקע שיפן, וואָס זוכן ערגעץ אַ מקום מקלט.

אין זיין ראָמאַן „אַ שטאָט אין פּוילן" האָט ער ברייט און אויך פון דער טיף אַרויסגעבראַכט עטלעכע צענדליק יאָר ייִדיש לעבן: ייִדישער שטייגער,

בטחון, האָפענונג און גערעַנגל, אידעאַליזם און דערשלאָגנקייט, דערגרייכונ־גען און דורכפאַלן, דאָס אַלטע חסידות און דעם נייעם דור. פון ר׳ לייבוש ר׳ חיימלס בטחון ביז זיין אוראייניקל סרולס גלייבן „אין דער זאַך״ איז טאָקע אַ מהלך רב, און פול איז דער וועג מיט ווידעראַנאַנדן, אָבערביידע גלייבן מיטן זעלבן אויסדויער און עקשנות, און אין ביידע קוועלט די זעלבע גרייטקייט פאַר מסירת־נפש.

בערגנער שילדערט מיט אַ סך געדולד — מיר וואָלטן געזאָגט — שוין מיט צו פיל געדולד. ער לאָזט זיך אַריין אָפט מאָל אין איבעריקער פּרטימ־דיקייט אין דער שילדערונג פונעם שטעטלדיקן לעבן. ס׳איז דאָס שטעטל טיטשעב פון גאַליציע — אַ האַרציק יידיש שטעטל מיט אַלע נאַיווע חנען. טאָקע מיט אַזאַ נאַיוו פּראָווינציעלער פּאַסירונג הייבן זיך אָן די ערשטע קאַפּיטלען פונעם ראָמאַן. עפּעס איז דאָרט אַ גערודער אין דער גרויסער משפּחה פון ר׳ לייבוש. בכן, ר׳ לייבושס יינגסטער זון ר׳ אשר וויעליטשקער, דער קראָקעווער נגיד, טראַכט משדך צו זיין זיין זון מיט דעם טיטשעבער מיידל עטל און ער האָט לעת־עתה נישט אַנגעפרעגט ביי די ברידער זיינע. אמת, צווישן דעם חתן־בחור דאָוטשע און דער עטלען איז אַ תהום: באַזונ־דערע כאַראַקטערן און אַן אַנדער אופן פון אויפפירן זיך. אָבער די גאַנצע מעשה איז אַזוי תמימותדיק, אַז נישט אַנדערש ווי בערגנער האָט עס באַדאַרפט נייטיק, בכדי שפּעטער מיט מער בולטקייט אַרויספירן דאָס שטעטלשע לעבן און די שטעטלשע יוגנט אויף ברייטערע וועגן.

די צוועלף זין פון ר׳ לייבוש — די צוועלף שבטים, ווי שטאָט האָט זיי גערופן — מיט זייערע זין, טעכטער און אייניקלעך, איז אַ זעלטענע קאַנווע פאַר דער שילדערונג און פאַר דער אַנטוויקלונג פון ראָמאַן.

די צוועלף זין זענען אַלע שטעטלשע פאַרוואָרצלטע יידן, אַלע כמעט מיט די זעלבע „פאַרקאָפּטשעטע בערד״, מיט די זעלבע שטעטלשע פּרנסות, פרום־פאַרהאַוועטע, יראת־שמימדיקע יידן פון אַלט־דורותדיקן שטאַם. אָבער עפּעס ברעכט זיך שוין. די זין און די אייניקלעך זוכן און געפינען אויך שוין אַנדערע דרכים. זיי זעען דעם אַרום אָפענער און דרייסטער. זיי ווילן אַנדערע באַשעפטיקונגען.

אָבער ביי בערגנערן איז נישטאָ קיין בכוונהדיקע טענדענץ. זיין דער־

ציילונג איז נישט צוגעשפיצט און אָנגעצילט צו די יונגע און געוואָגטע. להיפוך, ער זעט אויך אָפּט מאָל זייער שוואַכקייט און זייער רעוואָלוציאָנערע אויפגעבלאָזנקייט. ער דערציילט עס אין לייכטן מוט. און מיט ליבע און טיפער פאַרשטענדעניש שילדערט ער אונדז ר׳ לייבוש ר׳ חיימלס, דעם האַרציקן בעל־מאמין און זיינע צוועלף שבטים, וואָס ווילן אויפהיטן זייער טאַטנס און אייגענע יידישקייט.

רעאַל און בילדעריש וויקלט בערגנער פונאַנדער דאָס לעבן פון אַ קלענערער פּראָווינצשטאָט צווישן טויזנטער יידישע שטעט אין פּוילן, זינט יענע טעג, ווען ס׳איז אונטערגעגאַנגען קירהס ממשלה, ביז פּוילנס איבערנעמען זיך מיט איר שכן פון מערב, איר שפּעטערדיקן אייגענעם פּאַרטיליקער.

טיטשעב איז געווען אַ מאָל אַ דאָרף, וואָס דער שררה האָט געהאַלטן גוט אין די הענט, און די יידישע אַרענדאַרס האָבן פאַר אים געטאַנצט דעם „בזויה״־טאַנץ. אָבער דאָס אַלץ איז געווען אין וויטן נעכטן. היינט... „איז דאָס גוט אַלע מאָל מער איינגעשרומפּן געוואָרן און דאָס שטעטל איז זיך צעוואָקסן. די פּאַראָבקעס, וואָס האָבן שוין אויך זייערע אייגענע פעלדער באַאַרבעט, האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט אַ מלאכה און געוואָרן מיט דער צייט גאַנצע מיעשטשאַנעס. די יידן האָבן שוין לאַנג געהאַט געקויפט אַ שטיק פעלד אויף אַ בית־עלמין און אַ גרויסן פּלאַץ, ווו זיי האָבן אויפגעבויט אַ בית־מדרש. מען האָט שוין אין גאַנצן נישט געדענקט מער אין די צייטן, בשעת דער אַרענדאַר ר׳ סראָלי האָט זיך געמוזט מיט די אַלע מאַנסבילן פון זיין הויזגעזינט אַוועקלאָזן אַלע שבת און יום־טוב אין דער שכנותדיקער שטאָט־אַריין, כדי צו דאַווענען מיט מנין...״

און אַ סרול פון אונדזער צייט, סראָלי דעם אַרענדאַרס אַן אורעניקל, גנבעט זיך פון יום־כפּורדיקן בית־מדרש, ער גייט מיט היגטער־וועגלעך צום וואָקזאַל, אָפּצוּוואַרטן דעם רעפּערענט, וואָס קומט פון דער גרויסער שטאָט האַלטן דעם „אַנטיקלעריקאַלן״ רעפעראַט. סרול איז אויך געוואָרן אַ שטריקדרייער ביי אַן אָרעמען גוייִשן בעל־מלאכה, בכדי שפּעטער צו קאָנען אַריינקומען אין דער גרויסער מעכאַנישער שטריקפאַבריק, ווו ער וועט פירן אַן „אַרבעט״. סרול האָט שוין פאַרזוכט דעם טעם פון אויס־

פאַרשונגגען און פון פוילישער תפיסה. אַ צווייטער אָפּשטאַם פון סראָלי דעם אַרענדאַר, ר׳ לייבושס אַן אייניקל, ברוך, האָט געפונען אַן אַנדער דרך, נישט ווייט פון שטאָט גרינדעט ער די חלוצישע הכשרה און גרייט זיך צו פאָרן קיין ארץ־ישראל...

ה. בערגנער שילדערט פּלאַסטיש און מיט עכטער איבערלעבונג דעם געראַנגל פון דער יידישער יוגנט אין די יאָרן צווישןביידע מלחמות, דאָס זוכן אַן אָנהאַלט און אַ לייזונג. חלומות זענען צערונען געוואָרן און גלויבנס זענען צעשטויבט געוואָרן. ראובן „פּאַלאַנטע״ און צאַלקע שניידער גלייבן באמונה שלימה אין דעם לעבן און אויפבוי דאָ. ברוך און די אַנדערע האָבן שוין אַלץ אויפגעגעבן און רופן אין זייער צוגעקליבענעם העברעיש זיך אומצוקערן אין דעם אייגענעם לאַנד. עס פעלן אויך נישט די „פּראָפעסיאָנע־לע אינטעליגענטן״, די יונגע אַדוואָקאַטלעך און דאָקטוירימלעך וואָס ווילן מאַכן אַ לעבן און פאַרגעסן אין אַלץ.

דער עלטערער און נייער דור, זייער מענטאַליטעט און מהות, דער געראַנגל צווישן די ביידע — איז דער רוקנביין פונעם ראָמאַן. בערגנער פירט אַריין אַ שלל פון פאַרביקע געשעענישן. אַ שפע גוט געשילדערטע טיפּן און אויך יידישן שטייגער פון עבר און פון אונדזער אָקערשטיקן לעבן.

דאָס זענען די באַלעגאָלעס, עם־הארצים און פריילעכע קבצנים מיט אָפּשיי פאַר לומדים, און יידן למדנים, וואָס זענען נעבעך געוואָרן יורדים אין דער פרנסה און אין אַנזען. גוט געשילדערט איז ר׳ קלמן פּאַסעסאַר, וואָס איז געוואָרן אויף דער עלטער אַ שדכן און געפירט דאָס שדכנות מיט אַזאַ שטעל און מיט אַזאַ חשיבות, ווי מי־יודע וואָס פאַר אַ וויכטיקע געשעפטן, אַזאַ איז אויך ר׳ עזריאל מערזעל דער „מאַדיאַר״, ווי די שטעטלשע יידן רופן אים. נאָך אַלע זיינע ספּעקולאַציעס און מסחרים און נאָך זיין אייביקן פּראָצעסירן זיך מיט די שותפים איז ער געבליבן אַ ייד אַ דלפון, בלויז די תקיפות זיינע פון די אַמאָליקע גלאַנציאָרן איז אים נאָך געבליבן. אַ צענ־טראַלע פיגור אינעם ראָמאַן איז עטל, וועלכע ירשנט פון איר טאַטן ר׳ עזריאל זיין חשיבות צו זיך אַליין און פון איר פאַרשטאָרבענער מאַמען — די צאַרט־קייט און חנעוודיקייט.

די אַלע טיפּן און געשטאַלטן און ועל־כולם — די ווונדערבאַרע צוועלף

שבטים, וואָס אַלע זענען געראָטן מיט זייערע „פּאַרקאָפּטשעטע בערד" איינער אינעם אַנדערן און וואָס יעדער פון זיי האָט עפּעס אַ באַזונדערע מאַנקאַליע — זענען אַרויסגעבראַכט פון טיפער וואָרהאַפטיקייט, מיטן וואַרעמען אָטעם פון אַ קינסטלער־דערציילער.

„דאָס הויז פון דזשייקאָב אייזיקס"

ס'איז דאָס פינפטע בוך פון הערץ בערגנער. דאָס ערשטע בוך זיינס „שטובן און גאַסן", בילדער און נאָוועלן פון יידישן לעבן אין פּוילן, איז דערשינען אין די דרייסיקער יאָרן. ער האָט דאַן געהערט צו די יונגע אויפגייענדיקע פּראָזאַיקער, וועלכע האָבן אין זייער שרייבן געזען אויך שליחות פון אַן אידעע — דאָס העלפן אויסגלייכן און אָנשטימען דעם געקריוודעטן און פאַריאַכטן. די אידעע איז, וואָס אַן אמת, נישט געווען ביי. אָבער יונג איז מען געווען און גלייביק אויך, האָט מען שטאַרק געגלייבט אין דער ווירקונג פון וואָרט, וואָס דאַרף אָנרעגן און סטימולירן צו אַ פריי, יושרדיק און דערהויבן לעבן.

בערגנער איז פון די דערציילער ביי וועמען אָט דער ניצוץ איז פאַרבליבן. ביי אים און אינעם געמיט פון זיינע העלדן. אינעם וויטלעכן אויסטראַליע, ווו ער איז שוין אַ תושב אַ סך יאָרן, זוכט ער אויס אין דעם אימיגראַנטישן געדיכטן ווירוואַר און אין דער גייסטיקער אויסגעהוילטקייט פון די איינגעזעסענע יידן מענטשן מיט בענקענדיקע נשמות, מענטשן, וואָס ביי זייער גאַנצער אויסערלעכער פּוסטקייט גלימערט אין זיי אַ וואַרעם האַרץ מיט דעם אייגנטימלעך יידישן אומעט, מיט נאַגנדיקע ספקות אין דעם אַרום. און הגם ס'איז פאַראַן, דאַכט זיך, ביי בערגנערן אַ באַזונדערע נטיה אַרויסצוברענגען די פּאָזיטיווע יידישע כאַראַקטערן, פאַרזעט ער אָבער בשום אופן נישט די ווירקלעכקייט, דאָס ממשותדיקע פון אָרטיקן יידישן לעבן; דאָס געיעג זיך אַרויפצואַרבעטן, רייך צו ווערן. און אַז מ'איז שוין אַ שטיקל נגיד, טאָ פאַר וואָס זאָל מען זיך אָפּזאָגן פון אַ ביסל כבוד? און נישט נאָר מ'זאָגט זיך נישט אָפּ, מען הייבט עס טאָקע אָן צו פאַרלאַנגען. און מ'פאַרלאַנגט עס אפילו ביי די נעכטיקע יוגנט־חברים, חברים נאָך פון

שטעטל, מיט וועמען מ׳איז אין איין צייט געקומען אין דער נייער מדינה, בפרט אַז אַ סך פון זיי זענען פאַרבליבן קבצנים און דאַרפן נאָך אָנקומען צו דער טובה פונעם גביר...

אין עטלעכע דערציילונגען באַרירט בערגנער עיקרדיקע, וויטאַלע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן און יידישן שטייגער אין אויסטראַליע. אַנדערע טראָגן דעם ריטעם און די אויסערלעכע ראַשיקייט פון נעכטיקער אימיגראַנטישקייט. פון אָט דער ספּערע זענען אַרויסגעבראַכט די נאָוועלן פונעם איצטיקן בוך, וואָס מיט דעם נאָמען פון דער ערשטער נאָוועלע: „דאָס הויז פון דזשייקאָב אייזיקס” האָט בערגנער טיטולירט די גאַנצע זאַמלונג. אוודאי האָט עס דער מחבר נישט געטאָן צופעליק. די ערשטע דערציילונג אינעם בוך איז אויך די איינציקע דערציילונג פון אַן איינגעזעסענער אַלטער משפחה ערגעץ אין אַן אויסטראַלישן פּראָווינץ־שטעטל. דזשייקאָב אייזיקס איז דער צווייטער דור פון אַן ענגלישן ייד, וואָס איז געקומען קיין אויסטראַליע און אויסגעבויט אין דעם מדברדיקן שטעטל הילענד נישט נאָר אַ דערפאָלגרייכן ביזנעס, אַ גרויס געשעפט, וואָס האָט באַדינט אַלע אַרומיקע פאַרמערס, נאָר האָט אויך אויסגעבויט אַ שול, אַ סינאַגאָגע, וואָס ער פלעגט יעדן שבת עפענען מיט אַזאַ שטעל און רחבות, כאָטש קיין מנין צום דאַווענען איז נישט געווען. „אין דער סינאַגאָגע איז ער געזעסן איינער אַליין... עטלעכע שעה איז ער דאָ געזעסן פאַרגליווערט, צוגעהאַלטן די אויגן און דעם טלית נישט אַראָפּגעלאָזט פון די אַקסלען. אין דמיון האָט ער געזען אַ פולע סינאַגאָגע מיט מתפללים און געהערט אפילו זייערע שטימען. אָבער אַז ער האָט אויפגעשלאָסן די אויגן האָט ער בלויז געזען דעם באַלעמער, לאַנגע און נאַקעט־קאַלטע שורות בענק, ווו עס האָט געיאָגט אַ ווינט. דורך די אויסגעהאַקטע קאָלירקע שייבעלעך, ווו עס זענען איינגעפּאַסט מגן־דודס, האָבן פאַרבלאָנדזשעטע פייגל און זייער געצוויטשעריי האָט אומעטיק און הויל אָפּגעקלונגען אין די פוסטע ווענט. מיסטער אייזיקס האָט ברייט אויפגעפּראַלט די טיר פון דער סינאַגאָגע, טאָמער וועט נאָך ווער פאַרבלאָנדזשען אין גאָטס הויז. ער האָט זייער געוואָלט אַריינבאַקומען דעם מיסטער רייז מיט זיין זון, די איינציקע יידן, „האָקערס”, וואָס האָבן דאָ אין דער געגנט אַרומגעוואָגלט און געווען שוין אין גאַנצן פאַרגוייִשט”.

הגם די דערציילונג פאַרמאָגט אַ סימבאָלישן אונטערטאָן, פאַלט אָבער אויס נאַטירלעך און איבערצייגנדיק דער שלוס פון דער דערציילונג. בערגנער פירט אַריין דעם אַלטן רייז מיט זיין זון אין דער סינאַגאָגע, וואָס צוליב דעם טאַטנס שוואַכקייט און זיקנה עפנט די סינאַגאָגע די איינציקע טאָכטער פון דער משפחה אייזיקס — איזו, אַ פאַרזעסן מיידל, וואָס האָט זיך אין דער יוגנט געליבט מיט דעם זון פון אַ נישט־יידישן שכן, זיך געגרייט אַנטלויפן מיט אים אין דער גרויסער שטאָט. אָט די איזו האָט נעבעך יאָרן געבענקט נאָך געזונטער, מענערישער ליבע. אָבער אין דעם אָפּגעלעגענעם שטעטל און ביי דעם טאַטנס שטרענגער, שטאַטלעכער אויפּ־געפּאַסטקייט האָט זי געפירט אַן עלנטן און אומעטיקן לעבן און ווען ס׳האָט זיך איר שוין געדאַכט, אַז זי האָט געפונען איר גליק אין אייבין, איז „נאָך יענער נאַכט אין גאָרטן איז ער אַוועקגעפאָרן און זינט דעמאָלט האָט זי פון אים ווייניק געהערט״. און אַז ס׳האָט פּאַסירט דאָס, וואָס ס׳דאַרף נישט פּאַסירן ביי אַזאַ אָנשטענדיקער טאָכטער, ווי פון דער פאַמיליע אייזיקס, פאַרטרויט זי דעם סוד צום יונגן רייז, דעם איינציקן יונגן תושב אין שטעטל, און זיין שטאַרקע ליבע צו איזו איז גובר דעם שניידיקן פאַרדרוס. און מיר פילן די פרייד פונעם אַלטן, די פרייד, וואָס אין הילענד וועט נישט אָפּגע־מעקט ווערן דער אייזיקס־שטאַם און די סינאַגאָגע וועט געעפנט ווערן פינקטלעך יעדן שבת...

אויך די צווייטע דערציילונג אינעם בוך, „קינגס קאָרנער״, האָט אַ סימ־באָלישן אויסלאַז, אפילו מיט אַ יידישלעכן מוסר־השכל. „קינגס קאָרנער״ הייסט דאָס געשעפט, וואָס געפינט זיך אין אַ ווינקל פון צוויי צענטראַלע גאַסן אין מעלבורן און געהערט צו מיסטער קינג, דודל בעל־עגלהס זון. דאָ איז אַן אַנדער סביבה און אַן אַנדער פירונג ווי ס׳איז אין דעם הויז פון „דזשייקאָב אייזיקס״. צוויי משפחות, צוויי וועלטן. אין הילענד: טאַטע און טאָכטער, און דאָ: טאַטע און זון, טיפע אונטערשיידן אין כאַראַקטער און באַציִונג, אין באַנעם און רעאַגירונג, אינעם אופן פון טראַכטן און אינעם אָרט לעבן. אין די דאָזיקע צוויי דערציילונגען קומט צום אויסדרוק די מענטאַליטעט און שטייגער פון די צוויי טיפּן יידן און יידישקייט אין אויסטראַליע.

יידן און יידישקייט איז אַ גרונטמאָטיוו אין כמעט אַלע דערציילונגען פונעם בוך. און הגם דער מאָטיוו איז שוין אַן אויסגעשריבענער, באַקומט עס אָבער אין די איצטיקע דערציילונגען בערגנערס אַ פרישן אָטעם און קאָליר. דעם אָטעם און כאַראַקטער פון דעם באָדן און פון דעם קלימאַט פון וואַנעט די נאָוועלן און דערציילונגען קומען אויף: יידיש לעבן אין אויס־טראַליע. דאָ פילן מיר די אינערלעכע וועלט פון די עלטערע, וואָס די קינדער האָבן זיי אַראָפּגעבראַכט אין דער ווייטער מדינה, זייער בענקשאַפט נאָכן אַמאָליקן לעבן, נאָך דער אַלטער שטעטלשער היים. דאָ זעען מיר די ניי־געקומענע אין זייער תשוקה צו זיין און גילטן ווי איינגעזעסענע בירגער, און די יוגנט, קינדער פון אימיגראַנטן, וואָס לעבן זיך אויס אין „דענסעס" און חלומען צו ווערן „מאַנופאַקטשורער" און שפּילן קריקעט.

אפילו וואָלפס דריי טעכטער, וואָס זענען געווען נישט לאַנג נאָך אין שטעטל, אין דער אַלטער היים, האַרציקע יידישע מיידלעך, זיי שטייט שוין נישט אָן דעם טאַטנס יחוס, לאָזן אים נישט גיין אַרבעטן צו יענעם, צו זיין אַלטן פאַך, רימעריי, און ווילן אים נאָר מאַכן פאַר אַ „מאַנופאַקטשורער". דאָס דאַרפן זיי נייטיק פאַר זייערע חתנים מיט זייערע פאַרענגלישטע, יחסנדיקע משפחות. נאָר וואָלף איז אַ היימישער ייד און אַ ייד וואָס וועט זיך נישט לאָזן אַרומפירן פון זיינע פאַרריסענע טעכטער. ער גייט דווקא אין יידישן פאַראיין, ס'חיות גייט אים אויס נאָך אַ יידישער פאַרשטעלונג, נאָך אַ געשמאַקן ליד. און ס'העלפט נישט דאָס פאָדערן פון זיינע טעכטער. „אַ שיינע מעשה, נו, — טענהט ער צו זיי — מיין גאַנץ לעבן האָב איך געווינט אויף מיין מייסטער איטשע רימער, וויל'ך נישט, אַז אויף די אַלטע יאָרן זאָל מען אויף מיר ווינען... כ'האָב שטענדיק געפירט שטרייקן ביי יענעם, דאַרף איך נישט, אַז מען זאָל ביי מיר איצט פירן שטרייקן..." אָט דער וווּלגאַרלעכער משפּחה־געראַנגל, וועלכן בערגנער פירט אַרויס מיט קאָנטיקער סאַטירע, איז כאַראַקטעריסטיש נישט נאָר פאַרן יידישן לעבן אין אויסטראַליע, נאָר איז, דאַכט זיך, טיפּיש היינט פאַר אַ סך יידישע ישובים אין די תפוצות.

אַ שטימונגפולע דערציילונג איז „אַ יידישער אַקטיאָר". ווייל איז, פאַרשטייט זיך, די גלאַנצצייט פון אַן אַקטיאָר. נאָר אומעטיק, ווייטיקלעך־

אומעטיק זענען די יאָרן, ווען ער דאַרף זיך דערנערן מיט דעם רום און גרויסקייט פון זיין עבר.

גדליה מייסטער איז נישט קיין אויסגעשפּילטער אַקטיאָר. אויסגעשפּילט איז נאָר זיין וועלט, אין וועלכער ער האָט געבראַכט אַ מאָל פריידן און געזאַנג און אַ שיינעם חלום. איצט איז עס אַלץ פאַרגאַנגען, ווי אַ חלום. נישטאָ מער די יידישע שטעטלעך, די האַרציקע בחורים און מיידלעך, וואָס פלעגן קלעפּן צו אים. די ערשטע צייט נאָך זיין קומען אין נייעם לאַנד האָט ער זיך גראָד צוגעכאַפּט צו דער בינע מיט אימפּעט, געגעבן קאָנצערטן, אויפגעפירט פאָרשטעלונגען מיט יונגע־לייט, וואָס האָבן קוים געקאָנט יידיש. ס'האָט זיך אים געדאַכט, ער פירט אויס אַ שליחות. אָבער דער עולם איז, ווייזט אויס, גיך מיד געוואָרן, פאַרלוירן דעם אינטערעס פאַר דעם אָפּגעראַטעוועטן פון דאָרטן, טאָ וועמער דאַרף איצט זיינע יידישע דעקלאַמאַציעס און רעציטאַציעס?

מיט אינערלעכער פיינקייט איז אַרויסגעבראַכט גדליה מייסטערס יינגסטער זון. הגם אַ דערצויגענער שוין אויף דער פרעמדער גויִשער גאַס, פילט ער אַזוי אייגנדיק־נאָענט זיין טאַטנס צער און די פריידיקע דערמאָנונגען פון זיין אַמאָל.

אַ שטיק פון יענעם יידישן אַמאָל איז אויך דאָ אין דער דערציילונג „צוויי גבורים", וואָס איז, אָן צווייפל, די בעסטע דערציילונג אינעם בוך. די דערציילונג אימפּאָנירט סיי מיט דער שיינער אידעע, סיי מיט די טרעפלעך אַרויסגעבראַכטע טיפּן, די צוויי חברים, וואָס איינער פון זיי איז אַוועק אין דער ווייטער מדינה און דער צווייטער, אַן אָפּגעציטערטער ווילנער, מיט וועמען אַלע מאַמעס אינעם שטעטל האָבן זיך געבענטשט, גייט דורך דעם היטלער־גהינום און קומט נאָך דעם צו זיין חבר קיין אויסטראַליע. פון די „צוויי גבורים" זינגט אַרויס אַזאַ תמימותדיקער, טיף מענטשלעכער געזאַנג.

נישט געראָטן זענען די צוויי דערציילונגען „די לעצטע" און „פון אָנהייב". ס'העלפט אַפילו נישט, וואָס דער העלד פון דער דערציילונג „פון אָנהייב" דערמאָנט אַ ביסל הן מיט זיין אויסזען, הן מיט זיין התנהגות אין אָפּאַטאָשוס דעמביקע, דאָרפישע יידן.

הערץ בערגנער כאַפּט גוט אויף אַ טעמע, ער צעאַרבעט עס גוט. פאַרמאָגט דערציילערישע וויזיע, אָבער פון זיינע דערציילונגען גייט אַ סך פאַרלאָרן צוליב זיין נאַכלעסיקן, צעשויבערטן סטיל. ס׳מאַכט דעם איינדרוק, אַז בערגנער לייגט נישט גענוג אַכט נישט אויף דעם סטיל און נישט אויף דער שפּראַך, במילא באַקומען זיך גאָר אָפט נעפּלדיקע בילדער, צופעליקע זאָגן און שפּראַכלעכע סתירות.

און ס׳איז א שאָד, ווייל אין תוך איז הערץ בערגנער אַ בעלעטריסט נישט נאָר מיט אַן אייגנדיקער טעמאַטיק, נאָר מיט אַן אייגענעם קול. מיר פילן עס נאָך שטאַרקער אַרויס אין זיין לעצט בוך דערציילונגען „ווו דער אמת שטייט איין״.

אַלט־ירושלים אין צייט פון נסיון

(א. ראובנים „ירושלים אין שאָטן פון שווערד״)

דער ראָמאַן „ירושלים אין שאָטן פון שווערד״ איז מקורותדיק מיט דער סביבה, מיט דער מיליע און צייט, פון וועלכער דער מחבר א. ראובני דערציילט און שילדערט. דאָס איז ירושלים אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. און די אייביקע ירושלים מיט איר בלוי־ראָזער פאַרב און מיט איר גרוי־געלער שטייניקייט, ווו יעדער שטיין דערציילט פון העראָישע און טראַגישע פאַרלויפענישן פון לאַנג פאַרגאַנגענע דורות און תקופות. אין דעם ראָמאַן ווערט געשילדערט, ווי אַזוי דער אַלטער יידישער יישוב האָט זיך אין דער עיר־הקודש געראַנגלט, געצאַפּלט און וועגעטירט אונטער דער ממשלה פון די טערקישע מאַכטהאָבער.

צו ערשט אָבער אַ פּאָר וויכטיקע פּרטים וועגן דעם מחבר א. ראובני. ער האָט דעביוטירט אין דער יידישער ליטעראַטור מיט לידער און דערציילונגען מיט העכער פופציק יאָר צוריק. מיט זיין קרעפטיקער דערציילערישקייט און מיט זיין קלאָרער עפּיש־בילדערישער שפּראַך האָט זיין טאַלאַנט שוין דעמאָלט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט. פאַר דעם היינטיקן דור יידיש־לייענער איז ער אָבער ווייניק באַקאַנט. זיין עיקר שרייבערישע טעטיקייט פאַר די לעצטע יאָרצענדליקער איז אין העברעיש. א. ראובני, אָדער אהרון שימשעלעוויטש, איז געבוירן אין פּאָלטאַווע אין יאָר 1886. פּאָלטאַווע האָט זיך קונה שם געווען מיט די פּערזענלעכקייטן, וועלכע זי האָט אַרויסגעגעבן. און ראובני איז טאַקע געווען אַ נאָענטער פריינד פון דעם גרויסן פּאָלטאַווער בער באָראָכאָוו, וואָס האָט געהאַט אויף אים אַ טיפע השפעה. נאָכן פאַראורטיילט ווערן אויף אייביקער פאַרשיקונג קיין סיביר, פאַרן באַהאַלטן געווער פון דעם יידישן זעלבשוץ אין זיין פאָטערס הויז, און נאָך אַ סך אַרומוואָגלענישן קומט ער אין 1910 קיין ארץ־ישראל. דאָ איז די היים און דער טרוים פון נאַציאָנאַלער אויפריכטונג און פון דער ציוניסטיש־פּיאָנערישער משפחה שימשעלעוויטש.

אַז מען וועט אַ מאָל שרייבן די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור־שאַפונג אין ארץ־ישראל, וועט די פּאָזיציע פון א. ראובני זיין גאָר אַ וויכטיקע. ער איז געווען פון די ערשטע וואָס האָבן די טעמע ארץ־ישראל אַריינגעפירט אין דער נייער יידישער פּראָזע. זיינע מאָטיוון פון יידישן לעבן, פון פּיאָנעריש־חלוצישן אויפטריט, זיינע דערציילונגען, בילדער און שטייגער־שילדערונגען פון עדות, שבטים אין ירושלים — די אַלע שאַפונגען זענען געווען מער ווי אַן אָנזאָג. זיי זענען געווען די גרונטשטיינער פאַר דער שפּעטערדיקער — ווען אויך אין אַ באַשיידענער מאָס און פאַרנעם — אויפקומענדיקער ארץ־ישראל־בעלעטריסטיק.

אַזוי איז זיין לידער־זאַמלונג „בערג און וויסטע״, די „אַ ירדן־מעשה״. באַזונדער איז צו דערמאָנען זיין פּרעכטיקע דערציילונג „אונטערן וואַנט״, וואָס איז דערשינען אין ירושלים אין בוכפאָרעם אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן. דאָס ווערק טראָגט אין זיך דעם אָטעם און די געוואַגטקייט פון זיינע געשילדערטע העלדן — יידישע שומרים אין די קאָלאָניעס פון גליל און שומרון. אָט די דערציילונג האָט בשעתו אַרויסגערופן אָנזען נישט נאָר מיט דעם נייעם אינהאַלט, וועלכן ראובני האָט אַזוי געטריי געשילדערט, נאָר אויך מיט דער פרישקייט און מיט דער טיף פּסיכאָלאָגישער געשטאַלטיקונג פון די טיפּן. עס הויערט דאָ צוזאַמען ליבע און צוגעבונדנקייט צום לאַנד, און אויך ספקות, וואָס באַאומרויִקן, וואָס שניידן זיך אַריין ווי זאַשוועך.

שוין דעמאָלט, אין זיינע ערשטע דערציילונגען, און אַזוי אויך איצט אין זיין ראָמאַן „ירושלים אין שאָטן פון שווערד״, איז ער נישט דער התלהבותדיק־סענטימענטאַלער באַזינגער און שילדערער פון דער חלוצישער אויפבוי־תקופה. ער ברענגט נאָר אַרויס די ווערטן פון די בויער, פון אונדזערע גרויסע, העראָישע פּאָלקישע אויפטוען. ווען ראובני האָט געשריבן זיין דערציילונג „אונטערן וואַנט״ האָט נאָך קיין אַנדער שרייבער נישט געהאַט אַרויסגעבראַכט מיט אַזאַ אָפנקייט און עפּישער קראַפט דאָס נעגאַטיווע, די פאַרביטערטקייט, די שאָטנזייטן.

אָט דער עלעמענט פון געטרייען שילדערן און דערציילן אויך דאָס נעגאַטיווע מאַכט דעם איצט דערשינענעם ראָמאַן נישט נאָר וואָרהאַפטיק, יידיש־ארץ־ישראלדיק, נאָר אויך אוניווערסאַל.

עס איז גוט וואָס דער ראָמאַן איז אַרויס איצט אין יידיש. ס׳איז דאָך פון אַ וועלט, פון אַ סביבה, ווו יידיש איז געווען דאָס לשון פונעם פאָלקס־מענטש. נאָך אַ לאַנגיאָריקער הפסקה זעען מיר דאָ ראובנין דעם גוטן דערציילער, זיין קערנדיקן יידישן לשון, מיט די אַלטפאָלקישע אויסדרוקן, וואָס באַקומט אַזוי פיל חן און פרישקייט אין זיין אַלט־ירושלים. וועגן ראובניס יידישע שאַפונגען באַמערקט טאַקע זיין ברודער יצחק בן־צבי, דער צווייטער נשיא ישראל, אין זיין הקדמה צום בוך:

„עס איז שוין די העכסטע צייט, אַז דער יידיש־לייענער זאָל האָבן אַ צוטריט צו די ווערק פון א. ראובני, און קודם־כל צו זיינע בעלעטריסטישע ווערק. אין זיינע פינף גרויסע ראָמאַנען און צענדליקער דערציילונגען ווערן געגעבן שטיקער יידיש לעבן פון צייטן, וואָס זענען שוין היינט אַ היסטאָרישע פאַרגאַנגענהייט. דער מחבר באַשרייבט געשעענישן און איבערלעבונגען, צו וועלכע ער איז געווען אַ שותף און אַ נאָענטער עדות. מיר לייענען דאָ פון רוסלאַנד און סיביר אין אָנהייב פון דעם איצטיקן יאָרהונדערט און פון אַמעריקע אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און מער פון אַלץ — פון ארץ־ישראל.

דער ראָמאַן „ירושלים אין שאָטן פון שווערד" מאָלט אויס אין ברייטע און טיף אַריינדרינגענדיקע בילדער די פיינפולע יאָרן וואָס ירושלים האָט איבערגעלעבט אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה"...

אַ גליווערנדיקע שטומפּיקייט האָט דעמאָלט געהאַנגען אין דער לופט און האָט געזייט פחד און אָפּהענטיקייט. אָבער אויפן פאָן פון אָט דעם אומעטיקן און דערדריקנדיקן לעבן גייט אויף דער פּייזאַזש פון דעם יידישן קיבוץ — אין אַלע זיינע פאַרבן און שאַטירונגען, אין אַלע זיינע טענער און קנייטשן. אמת, די פאַרבן זענען גרויע, וואָכעדיקע, טונקעלע; די טענער זענען ווייט נישט קיין האָפערדיקע. די מלחמה האָט אויסגעקרימט און באַשעדיקט אַלט פאַרוואָרצלטע ירושלימער שטאַמען. הונגער, נויט און ציללאָזיקייט האָבן אַריינגעטריבן, באַזונדערס דעם יינגערן דור, אין אַ פּוסטקייט און אַ סך זענען אַרויס לתרבות רעה. זיי האָבן פאַרוואָרפן גלויבן און אמונה און צו קיין סוף נישט דערגאַנגען; זיי האָבן נישט דער־פילט די נייע אידעען, וועלכע האָבן שוין געפלאַטערט אין די יידישע

קאַלאָניעס, אין די נייע שכונות פון ירושלים... ווייט זענען שוין די אייניק־לעך פון דעם דור, אויף וועלכן עס איז געגאַנגען דער אלטער שמש רב זלמן. אַט ווי עס שילדערט אים ראובני:

— „אַ־כאַ־כאַ!... — האָט אַ קרעכץ געטאָן רב זלמן אויפשטייענדיק פון שטול.

ער האָט געפילט, אַז די וועלט אַרום אים ווערט פוסט. דעם גאַנצן לעבן איז ער געגאַנגען מיט אַ באַשטימטן וועג. דרייסיק יאָר איז ער געווען שמש אין דער ישיבה „עץ הדעת" — פון זינט מען האָט זי אויסגעבויט און ביז פאַר זעקס יאָרן, ווען ער האָט גענומען שווער ווערן אויף די פיס. און ווען די ישיבה איז גרעסער געוואָרן און זיין עלטער איז אונטערגעוואַקסן, האָט ער אים אויך דאָרט אַריינגענומען פאַר אַ באַהעלפער און האָט אים פאַר־זאָרגט מיט אַ שטעלע אויף זיין גאַנץ לעבן. קיין למדן איז רב זלמן נישט געווען. זיין קאָפּ איז מער געלעגן אין דער באַלעבאַטישקייט פון דער ישיבה. אָבער כל ימיו האָבן אים אַלע געקענט פאַר אַ פרומען און אָרנטלעכן מענטשן. ר' יצחק לייב, דער רב וואָס האָט געבויט די ישיבה, האָט געהאַלטן פון אים אַ וועלט, קיין זאַך נישט געטאָן אָן זיין וויסן. און אַזוי איז ביסלעכ־ווייז אונטערגעקומען די עלטער, אַזוי פאַמעלעך און מיט אַזעלכע ווייכע טריט. ער האָט זיך זעלטן ווען דערמאָנט אַ קלער צו טאָן, אַז ער ווערט אַלט און אַז צוריקכאַפּן קען מען נישט. אַרום אים זענען געווען אַ סך אייגע־נע: ברידער און שוועסטער, זייערע קינדער און קינדסקינדער. און פון אים גופא, רב זלמנען, האָבן אויך אַרויסגעשפּראָצט זין און טעכטער. דערנאָך איז דער שטאָם צעקראָכן געוואָרן. די נאָענטע האָבן זיך דערוויטערט, אָדער גאָר אַוועק פון דער וועלט, און ער איז געבליבן ביי אַלטערן. דאָס איז געווען אַ שטאַרק ביימל, מיט טיפע וואָרצלען אין דער ערד — עס איז געווען אויף וואָס זיך אָנצולענען. און אַז דאָס ביימל איז געוואָרן אַ גרויסער בוים, וואָס האָט געגעבן שוץ דעם גאַנצן הויז — זענען „זיי" געקומען און אים אָפּגע־האַקט, מיטן וואָרצל אויסגעריסן. שטייט ער, רב זלמן, איינגעבויגן איבערן קבר פון זיין זון... און די אייניקלעך, און די שנור — וואָס דאַרפן זיי אים? אַן איבעריקן אָרט פאַרנעמט ער ביי זיי אין שטוב, אַן איבעריקן ביסן נעמט ער צו פון זייער מויל... אַלטער האָט אים גערדאַרפט... אָבער די — כאָטש

פלייש פון זיין פלייש — זיי פילן דאָס נישט... פרעמדע... אַלע פרעמדע!... סיידן נאָר אסתרקע? הא?״

די האַנדלונגען פון דעם ראָמאַן זענען בעיקר אַרום די אייניקלעך פון רב זלמנען, וואָס זעט צו ווי זיין וועלט פאַלט איין. ראובני שילדערט אויף אַ דראַסטישן און געוואַגטן אופן דאָס הפקרות און די פאַרטונקלטע וועגן אויף וועלכע די זין און טעכטער פון אַ דורותדיקער יראי־שמימדיקער ירושלימער משפחה האָבן זיך געלאָזט. לייזערקע, וואָס איז געווען אַ שטילער, פרומער און אָפּגעהיטענער בחור, איז נאָכן דעזערטירן פון די טערקישע קאַזאַרמעס געוואָרן אַ הפקר־יונג, וואָס לעבט פון פינצטערע, זינדיקע פּרנסות. חייקע, די שוואַרץ־חנוודיקע טאָכטער פון אַלט־ירושלים, איז פון דער דעגענערירטער סביבה געוואָרן אַריינגעשלעפּט אין פאַרהוילעטנישן פון ליבע־אַפּערעס מיט נישט־יידן און זי ווערט אַ מיטהעלפערין אין פאַרשפּרייטן פאַלש געלט. זיי זענען נישט די איינציקע. די מלחמה און די דחקות האָבן אויסגעקרימט, האָבן אַראָפּגעפירט פון דרך־הישר נישט ווייניק פון אָט די ירושלימער באַוווינער, קינדער פון דער אַלטשטאָט, וואָס האָבן אַלע יאָרן געלעבט אין צאַם און אין צוים...

אָבער ווי אַ סינאָנים פון יושר, פון מענטשלעכער גוטסקייט און ריינקייט, איז אסתרקע, דאָס דריטע אייניקל פון ר׳ זלמנען. נישט אַלץ איז אַוועק אין תהום. אסתרקע איז די יורשטע, דער המשך פון רב זלמנס אמונה און בטחון. איר ליבע צו דעם שכן מאיר פונק, דעם רוסישן בחור, וואָס טראָגט שוין אין זיך דעם הויך און די בשורה פון נייעם ארץ־ישראלדיקן לעבן — איז רירנדיק מיט איר תמימות און ערלעכקייט.

אין דער אַטמאָספער פון געפאַלנקייט און גייסטיקער אויסגעהוילטקייט לויכטן אויף אָט די דריי געשטאַלטן. ר׳ זלמן, דער שטרענגער אַלטער שמש וואָס קען מער נישט צוזען די וויסטע פּירונגען פון זיינע בני־בית און גייט אַוועק וווינען צו זיין פריינד ברוך דעם לאַטוטניק. מאיר פונק, דער שטאָלצער סטאָלער־אַרבעטער און אסתרקע... אָבער זייער גליק איז אָנגעפילט מיט פּיין. מאיר פונק דאַרף זיך שטעלן צום מיליטער, דאַרף אַוועק אין די חילות, צום טערק. נישט ער קען צוזויפשאַפן דאָס געלט זיך אויסצוקויפן, נישט ער וויל עס מער...

און איך דערלויב מיר צו ברענגען נאָך עטלעכע שורות פון ראובנים גוטער שילדערונג: „די פעלדער אונטן זענען געשלאָפן — אָדער ניין! זיי זענען נישט געשלאָפן; טונקל און געדיכט פאַרוואַקסן, האָבן זיי זיך געשושקעט באַהאַלטענערהייט און געלאַכט מיט אַ שטיל שאַרכנדיקן רויש־געלעכטער. די שטראַלן פון דער לבנה האָבן פאַריאָגט פון זיי דעם שלאָף. סודות זענען געלעגן באַהאַלטן צופוסן פון די שטענגלעך, זיי זענען געקראָכן אַרויף און פון קעפל צו קעפל, אַריבער איבערן גאַנצן פעלד. פונעם שויס פון דער רוענדיקער ערד איז אַרויס אַ וואַרעמער אָטעם — דער אָטעם פון פרילינג.

מאָרגן דאַרף ער זיך אויך צושטעלן. איצט איז שוין נישטאָ וואָס צו נאַרן זיך מיט פוסטע האָפענונגען. ער וועט זיין אַ סאָלדאַט און וועט אויך ליגן אין אַזעלכע נעכט ערגעץ אויף דער וואַך, אָדער גיין מיט אַ קאַראַוואַן קעמלען פון איין עק לאַנד צום אַנדערן. וואָס זשע אַזוינס איז דאָס דען אַזוי שלעכט?"

פאַראַן אין דעם ראָמאַן פלאַסטישע בילדער, קאַפּיטלעך, וואָס באַרייכערן און באַשיינען די יידיש־קינסטלערישע פּראָזע מיט סביבה און אימאַזש פון אומבאַרירטע שטחים, וואָס אַזוי ווייניק איז פון זיי דערציילט געוואָרן. די כוללים, די עסקנים און גבאים, די אינסטיטוציעס און קאָמיטעטן, דער גאַנצער געווימל פון אַלט־ירושלים און מאה־שערים... איינע פון די דראַמאַ־טישסטע סצענעס איז דאָס אַוועקגיין פון מאיר פונק. ער איז מיד, צעבראָכן, ער קען מער נישט צוזען דעם גרויל, די פאַרגוואַלדיקונגען פון מענטשלעכער ווערדע. ער איז אויסגעליידיקט און גלייכגילטיק צו אַלץ. דאָרט, אויפן בערגל אין מדבר, מאַכט ער אַ סוף צו זיין לעבן. פון דער ווייטנס קוקן צו און וואַרטן אַפּ דריי בלוטדאָרשטיקע שאַקאַלן.

„עס איז געווען שטיל, אָבער דער זכר פונעם שאַקאַלן־געוויין האָט פלוצלונג ווידער אָפּגעקלונגען אין זיין מוח. ,אַזוי ווי זיי וואָלטן געוווסט' — איז ביי אים דורכגעפלויגן אַ ליצנות־געדאַנק. ,פון וואַנען ווייסן זיי, די שאַקאַלן?'

ער לאַכט מיט אַ הויכן געלעכטער. אין מיטן דערינגען האָט זיך אַפּ זיין געלעכטער. וואָס איז דאָס? — מען זאָגט, אַז אין די לעצטע מינוטן פאַר

דעם גייט מען אַראָפּ פון זינען. אָבער איך בין דאָך נישט משוגע! ניין, איך בין נישט.

ער האָט זיך צוריק געלייגט אויפן זאַמד און אַריינגעקוקט דאָס פּנים אין די הענט. אין זיין האַרצן איז מער נישט געווען קיין מורא. ער האָט געזען דעם לאַגער, דעם המון סאָלדאַטן, וואָס זענען געווען ווי אַ סטאַדע בהמות. און די איינצלנע וואָס האָבן זיך נישט געקענט צופּאַסן זענען אומגעקומען. און ער אַליין איז געווען אַנדערש ווי די אַנדערע. פון דרויסן האָט ער זיך צוגעפּאַסט — ער האָט זיך צוגעפּאַסט צו דעם מדבר וואָס אַרום אים. דער מדבר איז אַריין אין זיין נשמה. אַלע קוואַלן פון לעבן זענען טרוקן געוואָרן.

פונק האָט זיך אַנידערגעזעצט און מיט ווילדע אויגן געקוקט אַרום זיך. זיין אָטעם איז געווען שווער, זיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט".

מאיר פונק, דער גבר, ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן און צוזען וואָס די טערקן טוען אָפּ און דאָס בייז פון די דייטשע אָפיצירן. האָט ער שוין אין דעם אַרויסגעפילט זייערע שפּעטערדיקע אכזריותן און רציחות?

אהרן ראובנים ראָמאַן איז אַ נייער און ווערטפולער ביישטייער צו דער שילדערונג פון דער תקופה און צו דער דערקענטעניש פונעם אַלטן ירושלימער יישוב אין צייט פון נסיון.

ישראל קאַפּלאַנס נוסח־ליטע

שוין דער נאָמען פונעם בוך — „שליאַך און אומוועג" — איז מער ווי אַן אָנדייט אויף דעם, וואָס עס ווערט דערציילט און געשילדערט אינעם בוך. ס'איז דער שטייגערישער אַמאָליקער שליאַך פונעם יידישן לעבן אין ליטע — און דער אומוועג. אָט דער אומוועג איז דאָך באַליגט מיט אַלע יסורים, וועלכע דער מחבר איז אַליין דורכגעגאַנגען, אַליין אויסגעטראָגן די בלוטיקסטע וואָר פון געטאָ און קאַצעט.

ישראל קאַפּלאַן געהערט צו די געציילטע שרייבערס פון דער פאַר־מלחמהדיקער שעפערישער יידישער ליטע, וואָס זענען לעבן געבליבן. ווי אַ דערציילער פון עכט ליטווישן קלימאַט איז ער, דאַכט זיך, דער איינציקער, וואָס איז אַרויס פון דעם גיהנום. ליטע, על־כל־פנים יידיש ליטע, איז, כידוע, נישט נאָר אַ געאָגראַפישע באַצייכענונג. ליטע איז נוסח. ליטע איז שטייגער און לעבנס־פאָרעם. נוסח ליטע, וואָס האָט זיך דורותדיק אויסגעפורעמט אין דעם פלאַכלאַנד ביים ניעמאַן און ביי דער ווילי‌ע האָט אָנגעשלאָגן מיט זיין אייגנדיקן, באַהאַרצטן ניגון איבער לענדער און יישובים, אַזש מעבר לים. אָט די ליטווישע יידישקייט, וואָס האָט געטראָגן אין זיך אַזוי פיל פאָלקס־טימלעכע חנעוודיקייט, אַזוי פיל תורה און חכמה איז אויך אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין די נייע עמיגראַציע־יישובים און געווען במשך פון אַ לאַנגער תקופה אַן אָפּהיטער פון אונדזער נאַציאָנאַל־קולטורעלן לעבן.

דאָס איז געווען אַמאָל. היינט איז עס בלויז אַ דערציילונג פון „געווען אַ מאָל", אָט פון דעם יידישן ניגונדיקן אַמאָל דערציילט ישראל קאַפּלאַן אין זיין בוך „שליאַך און אומוועג". אין דעם בוך, ווי אינעם רוב פּראָזעביכער, וואָס גייען אַרויס ביי אונדז אין דער נאָכמלחמה־תקופה, זענען פאַרטראָטן דריי טעמעס: די היים, וואָס איז פאַרלענדט געוואָרן, די מאוימדיקע מלחמה־יאָרן און דער אויפקום פון מדינת־ישראל.

אַ העלפט פון בוך פאַרנעמען די דערציילונגען פון יידישן עבר, די

דערציילונגען פון יידישן פאָלקסלעבן אין ליטע. פון איבער הונדערט זייטן אינעם בוך דערטראָגט זיך צו אונדז דער ווייגעשריי פון די „נאַקעטע מענטשן", די אַסירים פון לאַגער און קאַצעט. דאָ דערקענען מיר קאַפּלאַנס טאַלאַנט און פעיִקייט אַרויסצוברענגען, געשטאַלטיקן דעם כאַראַקטער פון מענטש אין די שווערסטע נסיונות און איבערלעבונגען. נישט דווקא די פּייניקונגען, די עינויים וואָס עס שטייען אויס די „נאַקעטע מענטשן" באַווירקן אונדז, נאָר גראָד די רעאַגירונגען און דער אויפפיר פון די מענטשן, זייער האַלטונג, זייער מענטשלעכע ווערדע. אויך דאָ, אין אַנבליק פון די מעשׂים תעתועים פון די דייטשן, פון די ווילדע בערנאַרדס און קראַוזעס, ווערן אויפגעהיט ביי די קרבנות יידיש־מענטשלעכע מידות. אַזאַ איז גבריאל און אַזאַ איז דאָקטאָר ראָזענבאַך און זיוו און אַפילו אין היילבאַכן, דעם אַמאָליקן אינדוסטריעלער און קאָמערצראַט, וואָס האָט אָפּגעטאָן כל דבר אסור, בכדי בו באַווייזן, אַז ער האָט נישט קיין שום שייכות מיט די „אָסט־יידן", — אפילו אין אים גייט אויף אַ פונק פון יידישן באַוווסטזיין נאָך דעם ווי ער דערקענט די גרויליקייטן, וועלכע „זיין" דייטשיש פאָלק האָט אויך אים צוגעטיילט.

אויפטרייסלענדיק זענען די שילדערונגען פון פּיין און גיהנום־יסורים אין לאַגער און אימהדיק זענען קאַפּלאַנס קאָשמאַרנע בילדער פון די פאַר־מוטשעטע יידן, וואָס שטייען ביזן האַלדז אין וואַסער, אין זומפּ און אונטער דער בייטש פון די אויפזעערס זינקען זיי און מאַכן ווענן פאַרן דייטשן מיליטער. אָט ווי עס שילדערט עס קאַפּלאַן אין עטלעכע שורות:

„נישטאָ אַרום קיין שטעל וואָס קאָן אָנקוויקן דאָס אויג... ביז וויטיק רעגט דאָס ריזלען פון וואַסער, אָט דאָס טייכל איינגעבעט צווישן באַגראָזטע ראַנדן, קוסטעס און קאַלירטע שטיינדעלעך — ווי עס כיכיקעט פאַרביסן און גאָרגלט מיט זייער בלוט"... נאָך שטאַרקער און קינסטלעריש בולטער איז קאַפּלאַנס שילדערונג פון דעם לאַגערמענטש, פון דער פאַרפּייניקטער מחנה יידן, זייערע איבערשמועסן, ווען די וואָך טרעט אָפּ אויף אַ וויל, זייערע מיינונגען און מחשבות, וויטיקן, האָפענונגען, דערוואַרטונגען. וואָס פאַר אַ טראַגישע, אויסטערלישע וואָר! אָט שטייען זיי פאַרחלשטע, צעשלאָגענע, פאַרהונגערטע. אַ סך פון די לאַגערניקעס האָבן אַליין צוגעזען ווי זייערע

באַנטסטע, זייערע פרויען און קינדער ווערן אָפּגעטראַנספּאָרטירט אין די וואַגאָנעס — דער אָרום איז פינצטער און תהומיק, קיינער ווייס נישט, וואָס עס קאָן זיין מיט אים אויף צו מאָרגנס — און דאָך לייכט אויף אַ פונק פון בטחון, פון האָפענונג. אפשר וועט מען נאָך איבערלעבן די רוצחים? און ס׳איז צו באַוווּנדערן דעם הומאַניטאַרן געפיל, די גרייטקייט צו העלפן איינער דעם צווייטן, אויפצוהאַלטן דעם צלם מענטש.

קאַפּלאַן האָט שאַרף געצייכנט די געשטאַלט פון די קאַפּאָס, פון די אויפזעערס און מייסטערס. אָט איז דער דייטש בערנאַרד, אַ קרימינעלער פאַרברעכער, וואָס איז אין לאַגער עולה לגדולה געוואָרן. אָט דער פאַרברע־כער, וואָס צייכנט זיך אויס מיט זיינע סאַדיסטישע פּייניקונגען, פון וועלכע די עלטסטע קוועלן גאָר אָן, איז אַ... לידער־שרייבער אויך. זיין מוזע גייט נישט פאַרלוירן אַפילו אין לאַגער. ער טרייבט די צום טויט פאַרמוטשעטע יידן נאַקעטערהייט דורכן קראָפּעווע־פעלד, זאָלן זיי זיך אַ ביסל אויסטשוכען... צו וויניק האָבן זיי געאַרבעט, האָט געזאָגט דער מייסטער, דאַרף מען אים וויזן ווי מען קאָן זיי „אויפמונטערן”. אַזאַ פּראָצעסיע דורך די קראָפּעווע־קוסטעס ענדיקט זיך מיט נישט וויניק טויטע יידן. אָבער בערנאַרד פאַרפאַסט אַ ליד וועגן אָט דער אימהדיקער פּראָצעסיע, וועגן די נאַקעטע יידן אין קראָפּעווע:

אין קראָפּעווע אינוואַזיע מאַך, דו ייד, —
בלוט דיינס און פּיין באַשיינט הערלעך מיין ליד!
ברען אין לייב, אין שטראָם דיר אַ טויט־באַד —
דיין גאַנץ לעבן איז מיט דייטשער גנאַד!

און אָט איז דער מייסטער קראַוזע. אַ דייטשער אַרבעטער, איינער פון טויזנטער דייטשע פאָלקסמענטשן. אַלע מערדערישע אינסטינקטן, וואָס ער האָט געירשנט פון דורות, לאָזן זיך אין אים וווילגיין אין דער צייט פון היטלערס בלוטיקער וואַקכאַנאַליע. און אַנטקעגן אַזעלכע דייטשן, שטייען די שוצלאָזע העפטלינגס. די יידן, וואָס האָבן מדור־דורות איינגעזאַפּט אין זיך צער, פּיין און יסורים, אָבער אויסגעשטראַלטע מיט מענטשלעכער גבורה,

מיט יידישן בטחון. אוודאי זעען מיר אויך אין די „באַקעטע מענטשן" יידן, וואָס האָבן זיך אויסגעגליטשט, וואָס די שוידערלעכע איבערלעבונגען האָבן זיי צעקנאָדערט און אויסגעהוילט פון אַלע יידישע און מענטשלעכע מידות. צי האָט עס אַנדערש געקאָנט זיין? אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר ישראל קאַפּלאַנס לאַגער־דערציילונגען זענען יענע געשטאַלטן, וואָס האָבן אויפגע־האַלטן אין זיך אויך דאָרטן דאָס מענטשלעכע פּנים. חיים־דוד תרשיש, גבריאל, יוסף גרויער, ברוך בליט. צי איז דען נישט חיים־דוד תרשיש, די אַ המשך־געשטאַלט פון נפתלין אין דער דערציילונג פון ליטווישער יידיש־קייט, דער העלד פון דער פּרעכטיקער דערציילונג „קרדום לחפור" און וועמען מיר טרעפן שפּעטער אין דער ירושלימער דערציילונג „נישט זיכער" אין דער געשטאַלט פון ר' מיכלען?

ציט זיך די קייט אַלט־פאַרוואָרצלטע יידישקייט פון טיפן און געשטאַלטן, וואָס טראָגן די נצח־ישראלדיקייט.

די דערציילונגען פון יידישן לעבן אין ליטע, וואָס קומען אַריין אינעם בוך, פירן אונדז אַוועק אין דער ווייטלעכער פאַרגאַנגענהייט ווען... „אין דער זעלבער צייט, וואָס דער באַרג האָט נאָך געזאַפּט אין זיך די פאַרחושטע טריט פון דעם לעצטן ערדישן טרוימער (אברהם מאַפּו — א. ל.) האָט אין דעם טאָל קעגן איבער, ביי דער נידער פון טייכן־צוזאַמענגאַס, זיך פאַרקליבן אַ מיטל־יאָריקער רבנישער ייד פון דעם שטעטל סאַלאַנט, אַ העק אין דער ליטווישער פּראָווינץ זשאַמעט. אין אַ האַלב איינגעזונקען שטיבל, נישט ווייט פון דער בריק דאָ, האָט ער געצומען גראָבן זיין געדאַנק אין די טיפענישן פון זיין נשמה, זיך גרונטעווען אין דעם אייגענעם איך, כדי צו דערהייבן דעם גייסט אין די הימלישע הייכן".

ר' ישראל סאַלאַנטער האָט נישט נאָר באַוויזן צו שאַפן די גרויסע ישיבה אין קאָוונע, נייערט פאַרלייגט די יסודות פון אַ באַזונדערער שיטה פון תורה־יידישקייט, די שיטה פון מוסר. אַ סך פון די תלמידי התלמידים פון ר' ישראל סאַלאַנטער פירט אַריין דער מחבר אין זיינע דערציילונגען.

איינע פון די אינטערעסאַנטסטע און גראַנטנסטע דערציילונגען, הן אין פּרט פון געשיכטלעכן קלימאַט, הן אין דער מאָדעלירונג פון די טיפּן, איז די

דערציילונג „קרדום לחפור". זי ברענגט פאַר אונדז אַ ברייטן סאָציאַלן שיכט פון ליטווישן יידנטום מיט אַלע זיינע שטייגערישע און פאָלקלאָרישע עכטקייטן און אויך דעם קאָנפליקט, וואָס קומט פאַר ביי דעם סלאָבאָדקער תלמיד, דעם שאַרפן למדן ר׳ נפתלי. נפתלי, דער העלד פון דער דערציילונג, האָט געמוזט — נאָך דעם ווי דער שווער איז אַראָפּ פון עשירות — אָננעמען אַ רבנות־שטעלע. שווער איז אים משלים צו זיין מיטן געדאַנק, אַז די תורה זאָל ווערן אַ מיטל צו פרנסה. אַ „קרדום לחפור". גאָר טשיקאַווע איז זיין געראַנגל, וועלכע פון די צוויי שטעלעס זאָל ער אָננעמען: צי ביי די פּליטן־יונגען, וווּ אַלץ איז פול מיט גשמיות, מיט עם־הארצות און וווּ מען וויל אים געבן אַ הויכע שׂכירות, אָדער ביי די פאַראָרעמטע אָבער באַשיידענע איידעלע וואַלדיידן? אַרום די אַ טאָטשעגדיקע ספקות פון ר׳ נפתלין בויט אויס דער מחבר אַ ווונדערלעכע עפּישע דערציילונג, וואָס גיט דעם פּייזאַזש און טיפּאַזש פון אַמאָליקער ליטווישער יידישקייט. עס שפּירט זיך די נאָענטקייט פונעם מחבר צו די דינסטע דינקייטן פון אָט דער מיליע. איז דאָך ער, קאַפּלאַן אַליין, אַ תלמיד פון דער ישיבה און אַ זון פון אַ וואָלאָזשינער רב, און זעט אויס, אַז זיינע שפּעטערדיקע וועלטלעכע לערעס און זיין אַקאַדע־מישע אויסבילדונג אַלס היסטאָריקער האָט נאָך אייפעריקער אים צוגעצייגנט צו דעם מקור פון לומדישער יידישקייט.

אָבער נישט אַלע דערציילונגען זענען פון אָט דער ספערע. קאַפּלאַן באַווייזט אַ סך בריהשקייט אין שילדערן טיפּן און פאַרלויפּענישן פון יידיש־ליטווישן פאָלקסלעבן. מיר זעען דעם אַלטן, צעבראָכענעם אַקטיאָר אַלעקסאַנדער פוקס אין דער דערציילונג „אָפּהילך", און אין דער דער־ציילונג „פאַרבן", — ווי די יידישע סטודענטן פּראָוון מיט אַלע קלימפּערלעך הלכות קאָרפּאָראַנטישקייט, נישט ערגער ווי זייערע נישט־יידישע קאָלעגן, אין דעם קעלערל פון דער קאָרפּאָראַציע „יודעאַ", נישט מער, עפּעס ווי דער מחבר וואָלט זיך עס נישט פאַרגונען אין גאַנצן זיך צו פירן עלעהיי די גויים. דאָ מוז דער „קאָרפּאָראַציע־אָנפירער", דער „סעניאָר" זעליק קאָראַבעלניק, דער סטודענט פון יורידישן פאַקולטעט, נאָך צוהעלפן זיין פאַראָרעמטער מאַמען אין איר פישהאַנדל אויפן מאַרק... טאַקע אַ קאָרפּאָ־ראַציע־אָנפירער, אָבער דאָך יידישלעך היימיש... די קאַפּיטלעך „מייסטער

און געזעל״ און די דערציילונג „אויפן שטעטלשן שליאַך״ דעקן אויף פלאַסטן פון המוניש יידיש־לעבן, באַגלייט מיט אַ קרעפּטיקער סאָציאַלער גאַמע. אין די נאַטור־שילדערונגען איז פאַראַן אַ נאַענטקייט צו א. מ. פוקס׳ פּראָזעסטיל, אַ שטייגער: „פּראָסט אָפּגעלאָזענע פלעקן, גרויע און קרענקלעכע, האָבן אַרויסגעשלאָגן פון איבער די שטאָטישע נאַקעטע מויערוועגט. אַ לינדער פרימאָרגן, צעגאָסן מיט הויפנס אָנהייב־פרילינגדיקער זון, האָט שטאַרק געהילכט מיט דומפּיקן געקנאַל פון וועגענער און אויטאָס איבער דעם בלאָטיקן פאַרהאַרטעוועטן שנייאייז. וואַרעמע דרום־ווינטן האָבן איבערן ליטווישן הימל געטריבן די וואָלקנס צוריק צום דערבייזקן באַלטישן ים״.

ס׳איז ליטע. ליטווישער גרוילעכער, מיט גבורה אָנגעלאָדענער טיפּאַזש.

אַ טעמע פאַר זיך איז ישראל קאַפּלאַנס סטיל, זאַצבוי און שפּראַך. מיט אייפער און עקשנות האַלט ער זיך אָן אין צוגעקליבענע לאָקאַליזמען, ער זוכט אויס ווערטער, אויסדרוקן, אידיאָמען פון געדעדטן ליטווישן יידיש, וואָס צו מאָל האָט עס אַ געקינסטלטן קלאַנג. אָבער די דערציילונגען אָטעמען מיטן קלימאַט און דער אַטמאָספער פון יידיש־ליטווישער סביבה, מיט די טיפּן וואָס זענען ווי געשאַפן געוואָרן אָדער צום תורה־לערנען אָדער צו געזונטער, ערדישער האָרעוואַניע. קומט נאָך צו צו דעם קאַפּלאַנס שטילער, פּיקחותדיקער לומדיש־בנעימותדיקער הומאָר, וואָס מאַכט די דערציילונגען באַטעמטער, נעענטער — —

רחמיאל פעלדמאַן

דאָס בוך דערציילונגען „שוואַרץ און ווייס" פון רחמיאל פעלדמאַן (וואָס דער ציקאָ־פאַרלאַג אין ניו־יאָרק האָט אַנומלט אַרויסגעגעבן) האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור אַ נייע טעמאַטיק און נייעם מאָטיוו — די טעמאַטיק פון „שוואַרץ" און „ווייס".

רחמיאל פעלדמאַנס טאַטע, אַ ליטווישער ייד, האָט אים אין זיין יונגן עלטער, מיט מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, געבראַכט קיין דרום־אַפריקע און אין זכרון זענען אים גוט פאַרבליבן די פּלאָגענישן פון די ערשטע יידישע עמיגראַנטן. קאָמפּליצירט זענען אין יענער צייט געווען די באַציונגען פון די אַנגעקומענע ענגלישע יידן און די יאַהודים פון דייטשלאַנד און האָלאַנד צו דער גרויער עמיגראַנטן־מאַסע פון די ליטווישע, רוסישע און פּוילישע יידן, וועלכע האָבן זיך באַמיט אויף אַן אייגענעם שטייגער אויפצובויען יידישקייט. אַ באַזונדער קאַפּיטל איז זייער אַריינלעבן זיך אין די געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע באַדינגונגען פון לאַנד. (דער בוריש־ענגלישער קריג האָט אַפילו אַרויסגעגעבן אייגענע יידישע מלחמה־העלדן). נאָר דערווייל איז מען געווען אַ „טרייער", אַ משרת, צי אַ שטיקל באַלעבאָס פון אַ קאַפּעריטע ביי אַ גאָלדגרוב, מען האָט געהאָרעוועט אַכצן שעה אַ מעת־לעת און געחלומט וועגן בעסערע צייטן...

רחמיאל פעלדמאַן שילדערט דאָס יידישע לעבן אין דרום־אַפריקע טאַקע פון יענע יאָרן, ווען עס איז אָנגעגאַנגען די יידישע עמיגראַציע, ער שילדערט די פאַרלוירנקייט און דעם געראַנגל פון די עמיגראַנטן.

אין דער פּיעסע „טרייערס" (הענדלער, הויזירער), וואָס באַשטייט פון דריי קורצע בילדער, האָט פעלדמאַן פאַרביק אַרויסגעבראַכט אַ שטיק יידיש עמיגראַנטיש לעבן, מיט אַ סך פאַרשטענדעניש פאַרן געמיט און די שטרעבונגען פון זיינע העלדן. דאָ זעט מען נישט נאָר די טוונגען און געדאַנקען פונעם עמיגראַנטן־דור, ווי ער נעמט אויף און פאַרדייעט דאָס נייע, נאָר

אויך שוין דעם ייִנגערן דור, די קינדער, וואָס געדענקען נאָך גוט די ליטווישע געבוירן־היים. ס'איז דאָ אויך פֿאַראַן אַן אייגענער, אַן „אָנקל מאָזעס", אַן אויפֿגעקומענער גביר, וואָס האָט נישט לאַנג צוריק געהייסן „זאַמקע קאָפּעריטניק". און איצט, אַן אויסגעפּוצטער, מיט אַ דיאַמענטענער שפּילקע אין שניפּס, מיט אַ שווערער גאָלדענער קייט און דיאַמענטענעם רינג אויפֿן פֿינגער, הייסט ער מיסטער ראַבינאָוויטש און רעדט קוים יידיש. אָט דער באַלייבטער גביר וויל פֿאַר אַ ווייב די יונגע טאָכטער פֿון עמיגראַנט משה־לייב און, פֿאַרשטייט זיך, אַז ער וועט די טאָכטער און די גאַנצע משפּחה באַגליקן...

מיט אַ יאָר זעכציק, זיבעציק צוריק האָבן די טאַטעס און זיידעס פֿון איצטיקן רייכן יידישן יישוב געמסחרט מיט אַלטוואַרג, געוווינט אין אַנגע־ברענטע בלעכענע צימערלעך. זיך געמאַטערט און געהאָפּט אויף בעסערס. זיי זענען געקומען אין נאָענטן באַריר מיט די אַלטע איינוווינער פֿונעם לאַנד, דערקענט זייער פּשטות און מענטשלעכקייט. פֿאַראַן אַפֿילו יידן, אַזאַ ווי עס איז ר' איטשע, וואָס נעמט אַריין צו זיך אין זיין חדרל אַן עלנטן „קאַפּערל", אַ פֿאַרלאָזענעם נעגער־ייִנגל, און היילט אים אויס פֿון אַ שווערער קראַנק־הייט... אַזוי אַרום וואַקסן אַרויס פֿון רחמיאל פֿעלדמאַנס דערציילונגען פֿון יידישן לעבן אין אַפֿריקע — בילדער פֿון נעגער־לעבן, פֿון די זולוס, סוואַזיס און באַסוטוס. רעאַליסטיש־בילדעריש ברענגט ער אַרויס מענטש און סביבה, טראַדיציע און מסורה, אַזוי פּשוט און איינפֿאַך — ווי פּשוט און איינפֿאַך און נישט פֿאַרהוילן עס איז דאָס לעבן פֿונעם שוואַרצהויטיקן מענטש.

שוין העכער הונדערט יאָר ווי די שוואַרצע אין דרום־אַפֿריקע האָבן פֿאַרלוירן פֿולשטענדיק זייער פֿרייהייט. די ווייסע מאַכטהאָבער יום־טובן יעדן יאָר דעם טאָג פֿון זייער דעראָבערן דאָס לאַנד און טראַכטן און פּלאַנירן, ווי אַזוי דאָס לעבן פֿון נעגער נאָך מער איינצוצוימען.

זענען כמעט אַלע דערציילונגען פֿון פֿעלדמאַנס „שוואַרץ און ווייס" אָנגעלאָדן מיט פּראָטעסט. דעקן אויף דרייסט און אָפֿן די גוואַלטטאַטן פֿון דער קליינער ווייסער מינדערהייט איבער דער מיליאָניקער מאַסע אומבאַ־האָלפֿענע אַפֿריקער. פֿעלדמאַן קען גוט די אָרטיקע פּראָבלעמען. ער פֿאַרמאָגט אַ געזונטע אינטויציע, ער דערציילט אין אַ קלאָרן סטיל און מאָלט בילדעריש און קאָנקרעטע סיטואַציעס און געשעענישן.

אמת, אָפּט מאָל דאַכט זיך, אַז די זאַכן זענען טענדענציעז און אָנגעצילט. אָט דער איינדרוק באַקומט זיך, מעגלעך, פון זיין זייער קאָנקרעטן און, צו מאָל, נאַטוראַליסטישן אופן פון שילדערן. עס פעלט אין זיי, צייטנווייז, דער אוממיטלבאַרער וואַרעמער הויך פונעם דערציילער. פעלדמאַנען, ווייזט אויס, אינטערעסירט מער דער פינאַל, וואָס לייזט זיך אויף, על־פי רוב, אין שטאַרקע אַקצענטן לטובת דעם גערודפטן נעגער־פאָלק.

די דערציילונגען רעגן אָבער אָן און פירן אַריין אין אַ סך אויסטערלישע, משונהדיקע פּראָבלעמען, וואָס די ווייסע דעמאָקראַטישע און פאַר פרייהייט קעמפנדיקע וועלט האָט אָנהויפּט פאַר די קאָלירטע מיטמענטשן.

„שוואַרץ און ווייס" זענען שטיקער לעבעדיקעווירקלעכקייט פון אַפריקאַנער שטייגער און טראַדיציעס, דאָס לעבן פון נעגער־שבטים אין ווייטע, פאַרוואָרפענע שטחים, נעגער מינען־אַרבעטער, גאָלדגרעבער, וועל־כע גייען אַוועק פון דער וועלט מיט צעלעכערטע קראַנקע לונגען, מיט הכנעה פאַר דער ברוטאַלקייט און אויסניצעריי פון די ווייסע באַלע־באַטים. פעלדמאַן ברענגט נישט אַרויס דווקא די פירער, די טוער און קעמפער פון די שוואַרצע. ער שילדערט דעם פשוטן מענטש, פויערים־זין און אַרבעטער, אלמנות פון יונג פאַרשטאָרבענע גאָלדגרעבער און דיאַמענטן־זוכער, פאַרוואָרלאָזטע קינדער... אַ פאָלק אין געראַנגל פאַר קיום.

כאַראַקטעריסטיש פאַר די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן אין דרום־אַפריקע איז די דערציילונג „דער ווייסער קאַפער". פאַראַן אויך ווייסע, וואָס ווערן פאַרפאָלגט און נישט אַ סך בעסער באַהאַנדלט ווי די אַפריקער. (אַזאַ איז אויך מאַריי, „אַן אָרעמער ווייסער, אַ זון פון אַן אָרעמען ווייסן".) אַזאַ איז דער ווייסער קאַפער, ווי מ׳רופט אים דאָרט. מ׳דערציילט וועגן אים: „...שוין לאַנגע יאָרן, ווי ער לעבט מיט אַ סוואַזי־פרוי און האָט מיט איר קינדער. ער האָט באַשמוצט דעם כבוד פון ענגלישמאַן אין דער גאַנצער געגנט. אַליין שטאַמט ער פון אַן אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע און פאַרמאָגט העכערע בילדונג. אָבער קיינער האָט מיט אים נישט קיין שום מגע ומשא... דאָס איז די „שוואַרצע שעפּס" פון דער קליינער משפחה ווייסע, וואָס איז צעשפּרייט איבערן סוואַזי־לאַנד"... מיר זעען דאָס טראַגישע לעבן פון אַ טרוימערישן ענגלענדער, וואָס האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ שוואַרצער פרוי.

פון זיינע פינף קינדער האָט ער ליב דעם ייִנגסטן — טאָמין. „...ער גייט לעצטנס נישט אַרויס פון מיינע געדאַנקען — דערציילט דער „ווייסער קאַפער". — אָט זע איך אים אַ דערוואַקסענעם. אָט זע איך אים אַ נאַקעטן און אַ נאַסן אין די אָדערן פון דער ערד, טיף אין די גאָלדמינעס פון „ראַנד". ער שטופּט אַן אייזערן וועגעלע פול מיט שטיינער, וואָס האָבן אין זיך דעם גאָלדאָדער. ער איז מיד און קען קוים אָפּכאַפּן דעם אָטעם. ס'קומט צו אַ ווייסער אויפזעער און בייזערט זיך אויף אים און באַפעלט אים צו אַרבעטן געשווינדער. טאָמי פאָלגט נישט. ער איז מיד און קראַנק, און באַלד דער־פילט ער דעם ווייסנס רימען אויף זיינע נאַקעטע פּלייצעס... אַן אַנדערש מאָל זע איך טאָמין אַלס ערדאַרבעטער און כ'וויס נישט פאַר וואָס, איך זע אים פאַר מיינע אויגן אַ פאַרבלוטיקטן, ער פאַלט פון אַ קויל פון אַ צעיושעטן באַלעבאָס. נאָר פיינלעכער פון אַלע בילדער, איז צו זען טאָמין אַ שטילן, געהאָרכזאַמען „קיטשן באָי", וואָס באַדינט אונטערטעניק, שקלאַפיש זיין ווייסע באַלעבאָסטע... לעצטנס דערגייען קלאַנגען פון די גרויסע שטעט, אַז ס'קומט פאַר אַ שטאַרקע באַוועגונג קעגן יאָך פון די ווייסע. נייע פאַרשטעלונגען האָבן באַהערשט מיין מוח. עפּעס ווי מיינע אַלטע חלומות וואָלטן צוריק געבוירן געוואָרן"...

צאַרט, מיט געפיל און פאַרשטענדעניש האָט רחמיאל פעלדמאַן געשיל־דערט דעם ווייסן קאַפער, אַרויסגעבראַכט זיינע איבערלעבונגען אין דער פאַרהאַסטער ווייסער סביבה און זיין געמיט־צושטאַנד, וואָס האָט אים גע־טריבן צו קרענקלעכער שיכרות. אָבער „פרייהייט אָדער טויט" אין דער צייט וועלכע פעלדמאַן באַשרייבט, איז נאָך אַלץ געבליבן, ווייזט אויס, אַ לאָזונג פון ווייניקע, פון בעלי־חלומות, רעוואָלוציאָנערן. אַז נישט, וואָלט דאָך רחמיאל פעלדמאַן, וואָס גאַרט אַזוי נאָך אַ פריי מענטשלעך לעבן פאַר די אַפריקער, נישט אַרויסגעברענגט אַזוי אָפט און בולט די אונטערטעניקייט, דעם גלייכגילט און הכנעה פון שוואַרצן מענטש, וואָס נעמט אויף יעדן גזר שיער נישט ווי אַ זאַך, וואָס קומט אים.

אַנדערש וואָלט דאָך זולו דזשעקסאָן נישט אויפגענומען אַזוי איינפאַך אַ פּסק־דין פון דריי יאָר תפיסה צוליב עפּעס אַ קאַפּריז פון אַ ווייסער פרוי, אין דער דערציילונג „דאָס געקעסטלטע רעקל", וואָס איז, אָן ספק, פון די

טיפּישסטע, ווי אַ מוסטער פון דער הערשנדיקער מאָראַל לגבי די שוואַרצע אין דרום־אַפריקע.

אָבער דאָס לעבן פון די שוואַרצע איז נישט נאָר אויסגעפּילט מיט שרעק און פּחד פאַר די ווייסע. זיי אַליין ווייסן, ווי צו יום־טובן זייערע יום־טובים און זיך פרייען מיט זייער פרייד. ביז גאָר אינטערעסאַנט שילדערט פעלדמאַן אַ חתונה אויף דעם קראַל. די עקזאָטישע, פרעמדע מנהגים זענען אַרויסגע־בראַכט מיט דער נאַטירלעכער תמימות פון פּרימיטיוון מענטש און זיין שטייגער. דאָס בילד איז פּלאַסטיש, חנעוודיק און פאַרביק. אַ שטייגער־שילדערונג פון זולו־פאָלק, געצייכנט פון אַ מענטש, וועמען עס איז נאָענט דאָס לעבן און די האָפענונגען פון אַ פאַרשטויסן, געטרודפּט פאָלק.

די טיפע קענטשאַפט פונעם לעבן פון די אַפריקער און זיין אינערלעכע באַציונג צו זייערע פּראָבלעמען און געראַנגלען האָבן אָנגערעגט פעלדמאַנען צו שאַפן זיינע קורצע, לעבעדיקע און אינטערעסאַנטע דערציילונגען.

*

רחמיאל פעלדמאַנען האָב איך געקענט אַ סך יאָרן. מיר פלעגן זיך באַגעגענען בעת זיינע באַזוכן אין לאַנד.

ס׳איז געווען אַ נחת־רוח צו שמועסן מיט אים. ער איז געווען אינטע־רעסאַנט און קולטורעל און פלעגט אָפט אויפבליצן מיט אָריגינעלע געדאַנקען. איז מיר ווייטיקלעך געווען אים צו זען מיט צוויי יאָר צוריק אין זיין היים, אין יאָהאַנעסבורג, אַ האַלב געליימטן, צוגעשמידטן צו אַ פּירשטול, אָבער וואַך און פול מיט אינטערעס צו אַל די יידישע פּראָבלעמען.

חברים, פריינד פלעגן אים באַזוכן, אים אַרומגערינגלט מיט וואַרעמער חברשאַפט. שטאַמלענדיק און מיט שטאַרקע פיזישע יסורים, וועלכע ער האָט געפּרוּווט באַהאַלטן, האָט ער אויפגעהאַלטן די טראַדיציאָנעלע זונטיק־צוזאַמענטרעפן ביי אים אין הויז און זיך באַטייליקט אין די שמועסן.

ער פלעגט אויפפלאַמען, ווען מ׳פלעגט ווידער אַ מאָל אַרויסברענגען די עוולות, וואָס עס געשעט די קאָלירטע באַוווינער פון זיין לאַנד, און בלב ונפש זיך אָננעמען זייער קריוודע. פון זיי, פון זייער לעבן און שטייגער האָט ער אונדז דערציילט. פאַר זיי האָט ער אַ לעבן לאַנג ממשותדיק געקעמפט.

רחמיאל פעלדמאַן איז געשטאָרבן אַלט זייענדיק זיבעציק יאָר.

ראָזע פּאַלאַטניקס דערציילונגען

ראָזע פּאַלאַטניק האָט שוין אַרויסגעגעבן פיר ביכער דערציילונגען, אָבער אַלע זענען זיי פון איין און דעם זעלבן אינהאַלט און כאַראַקטער: דאָס היימשטעטל אין פּוילן און דער אַמאָליקער יידישער עמיגראַנט אין דער דרום־אַמעריקאַנער מדינה — בראַזיל.

„קראָשניק — ריאָ" הייסט איר ערשטער בוך, און דאַכט זיך, אַז די ווייטערדיקע ביכער זענען נאָר וואַריאַנטן פון אָט דעם ערשטן בוך.

„קראָשניק — ריאָ" איז אפשר אַ צו וואָכעדיקער נאָמען פאַר אַ זאַמלונג דערציילונגען, אונטער אַזאַ נאָמען זענען מיר געוווינט צו לייענען רעפּאָר־טאַזשן. אָבער גראָד דער נאָמען איז כאַראַקטעריסטיש פאַר פּאַלאַטניקס אופן פון שרייבן. כאַראַקטעריסטיש פאַר איר פשטות, פאַר איר פּינקטלעכן אויסדרוק.

ריאָ איז די היים פון איר היינט, און דאָס שטעטעלע קראָשניק — די היים פון איר נעכטן. דאָס שטעטעלע מיט זיין אַמאָליקן דלות, מיט זיין גראָקייט, אָבער אויך מיט די צעבליטע סעדער און יוגנט־חלומות, פאַרנעמט אַזאַ אָרט, אַז עס פאַרטונקלט דאָס גרויסע ליכט, די פּאַלאַצן און די רחבות־דיקע גאַסן פון דער פרעכטיקער שטאָט ביים ים. קראָשניק און ריאָ זענען טיף אין איר געמיט. די פרישקייט און לעבעדיקייט פון איר שילדערן סיי די אַמאָליקע היים, סיי דאָס לעבן אין איר נייער היים מאַכן די דערציילונ־גען פאַרביק, אינטערעסאַנט און היימיש.

וואָס האָט מען זיך שוין נישט אָנדערציילט פון שטעטלשן לעבן? און דאָך אָטעמען די דערציילונגען מיט אַזאַ טעמיקער פרישקייט און די סצענעס ווערן אַזוי היימיש, ווי היימיש ס'ווערט אפילו דער פרעמדלעכער יידישער שטייגער אויפן דרום־אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

פון ביידע היימען, פון דער נייער און פון דער אַלטער, שילדערט ראָזע פּאַלאַטניק געשטאַלטן פון יידישן המון, דורותדיק פאַרוואָרצלטע יידן; נאָר

דער אומרו, וואָס הויערט שוין ביי די ייִנגערע, טרייבט זיי מיט אַ ווילדן אימפּעט צו דערשלאָגן זיך, אַרויפּצואַרבעטן זיך, איבערצויאָגן אין עשירות; און אַז מען ווערט רייך, הייבט מען זיך אָן יאָגן נאָך אַ ביסעלע אָנזען — און דער וועג איז אַ קרומער, אַ גליטשיקער און פירט צו אַזאַ אָפּגעפרעמדקייט, אַז טאַטע־מאַמע דערקענען שוין נישט די אייגענע קינדער.

אין דער דערציילונג „חשבון הנפש״ גייט דורך אַ שטיק יידיש לעבן. שלום־פינחס דעם שולקלאַפּערס זון, ער, וואָס האָט אָרגאַניזירט דעם ערשטן שטרייק אין שטעטל, געאַרבעט ביי שמואל לאַטיאַזש דעם דאַמסקע שניידער, האָט עס אויסגערופן צו זיינע קאָלעגן „סטאָפּ מאַשין, אינץ שטרייקט מען״... ווי אַ פונק אין אַ וואָגן שטרוי האָט עס אָנגעצונדן אַלע שוסטער־ און שניידער־יונגען... דאָס איז באַלד דערגאַנגען צו די „מעשענע קנעפּלעך״. זיי האָבן אַרומגערינגלט שלום־פינחסעס שטוב, און דער „אָנפירער״ האָט געמוזט מאַכן ויברח...

חברים האָבן נאָכגעשריגן: זאָלסט חלומען אונדזער חלום! קעמפן אונדזער קאַמף!...

און אַז שלום־פינחס איז געקומען קיין בראַזיל מיט אַ גרויסער קוטשמע האָר אויפן קאָפּ און מיט אַ סך רעוואָלוציאָנערע אידעען אין האַרצן, זענען די אידעען אויסגערונען און ער האָט גענומען דרייען דאָס גרויסע ראָד. איצט הייסט ער שוין נישט שלום־פינחס, ער הייסט פּעדראָ און זי, זיין קליינע חנהטשע, וואָס פלעגט זיך אין שטעטל נישט געבן קיין ריר אָן אַ בוך אונטערן אָרעם, הייסט שוין דאָנאַ אַניטאַ.

און אַז סעניאָר פּעדראָ האָט שוין געהאַט באַמעבלט און אויסגעשטייערט אַ האַלבע מדינה, האָבן אויפגעהערט צו עקסיסטירן מענטשן פאַר אים, אַלץ האָט זיך שוין געדרייט אַרום פאַבריקן, מאַשינען, קוימענס... געלט, געלט... דורכפאָרנדיק מיט זיין בלאָען קאַדעליאַק די ברייטע פּליאַזשעס, האָט ער נישט דערקענט מער די היימישע „קלאַפּערס״, נישט געדענקט מער די שוואַרצע אַרבעט, נישט געווען מער קיין שלום־פינחס, אויס... איצט איז מען שוין סעניאָר פּעדראָ...

דער אַפּאַריסטיש־פּשוטותדיקער נוסח פון ראָזע פּאַלאַטניק דערמאָנט אַ ביסל אין דעם נוסח פון אפרים קאַגאַנאָווסקיס סקיצן און בילדער פון די

וואַרשעווער הינטערגאַסן, און ווי מאָדנע ס׳זאָל נישט זיין, דערמאָנט אויך איר סטיל מיט זיין לייכט־שוועבנדיקן הומאָר אין דער געזונטער און יאָדערדיקער פּראָזע פון אייזיק ראַבאָי. פאַראַן דאָ עפּעס אַזאַ פאָלקיש־פּיקחותדיקע סאַטירע און אַזאַ פאַרוואָרצלטע ערדישקייט. און טאַקע פון די בײדע באַקומט זיך דער נאַראַטיווער יידיש־האַרציקער נוסח.

„מיין מאַמע (טענהט דאָנאַ אַניטאַ צו איר מאַן) האָט באַקומען דרשה־געשאַנק אַ מעשענעם מערזשער מיט אַ קופּערנעם בעקן. אויסגעפּוצטע אויף פּרייטיק־צונאַכט, זענען זיי געהאַנגען אויף דער וואַנט, ווו די ליכט, דער וויין, די חלות האָבן זיך געשפּיגלט מיט זייער שבתדיקן גלאַנץ און צוגעגעבן דער אָרעמער שטוב אַ יום־טובדיקע מנוחה... בעת דאָ ביי אונדז... אַלץ בלישטשעט: די מאַרמאָרנע ווענט, די קרישטאָלענע שויבן, דאָס גאָלד און זילבער, אָבער אַזאַ טויטער גלאַנץ, אַזוי פּוסט, אָן אַ נשמה, אָן דעם ביסל רוח פון היימישן שבת”...

וואָס שייך דער שבת־אידיליע פון אַמאָליקן שטעטל זענען דאָ ראָמאַנטישערע און שענערע ווי די, נאָך וועלכע דאָנאַ אַניטאַ בענקט. נאָר דאָנאַ אַניטאַ איז שוין נישט מער די זעלבע, און פּעדראָ איז שוין אויך נישט דער זעלבער, זיי רעדן שוין וועגן אָן אַנדער תכלית, וועגן דעם וואָס זיי האָבן געחלומט אַ מאָל. צו ערשט האָבן דאָס די קינדער ביי זיי אויפגעוועקט טאַקע דורך דעם, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעהויבן שדכנען צו גויִים. און נאָך דעם די מהומה אויף דער וועלט, אַז די ברידער זענען פאַרברענט און די שוועסטער און די משפּחה. איצט הייסט ער צוריק שלום־פּינחס און זי חנהטשע און „אַ נייער אויפגייענדיקער טאָג האָט גענומען מיניען אויף זייערע שויבן”...

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דער מאָמענט פון בענקעניש נאָך דער אַלטהיימישער יידישקייט איז פאַראַן כמעט אין ראַזע פּאַלאַטניקס אַלע דערציילונגען. פאַראַן דאָ אויך די אַלטע און אייביקע פּראָבלעם פון עלטערן און קינדער, ווי אין דער דערציילונג „אויף דערוויילט”. אויך דאָ גייט דורך דאָס גאַנצע לעבן פון ר׳ ישראל שמיד, וואָס האָט אָנגעהויבן, ווי ס׳רוב אימיגראַנטן אין יענעם לאַנד, מיט פּעדלעריי (דאָרט רופט מען עס „קלאַפּעריי”) און האָט זיך אַרויפגעאַרבעט אַ דאַנק זיינע פעיִקייטן אין מסחר צו איינעם פון די רייכסטע יידן אין שטאָט. נאָר זיין זון, פאַר וועמען ער

האָט זיך ממש מקריב געווען אַלע זיינע יאָרן (די מאַמע איז געשטאָרבן ביים געבוירן דעם איינציקן זון), לעאָן שמיד, פאַרטראַגט נישט דעם טאַטנס אַלטמאָדישע פירעכצן; עס איז אים שווער מיט אים אין געשעפט (דער טאַטע האָט אים אַריינגענומען, ווייל פון זיינע צוויי דאָקטאָראַטן האָט ער נאָך אַלץ נישט פאַרדינט צום לעבן), ער פאַרטראָגט נישט זיין באַנעמען זיך, בפרט צווישן זיינע געסט, די קריסטלעכע פריינד; עס איז אים דערווידער דעם טאַטנס פריילעכקייט, ווען ר׳ ישראל שמיד נעמט אַן איבעריקע כוסה. נאָר בכדי צו באַקומען פאַרן טאַטן אַ באַשעפטיקונג, בויט פאַר אים אויס דער זון אַ מאָדערנעם מושב־זקנים און מאַכט אים דאָרט „אויף דערווייל" פאַרן אָנפירער, פאַרן דירעקטאָר. אין דער דערציילונג זענען טרעפלעך אַרויסגעבראַכט די מחשבות און די רעאַגירונגען פון דעם אַלטן ישראל שמיד, ווי בכלל די קאָנפליקטן צווישן די צוויי דורות, דעם דור פון די געקומענע, די אימיגראַנטן, און דעם יונגן דור.

אַ פאַרביקע און פּלאַסטישע שילדערונג פון יידישן לעבן אין ריאָ איז די דערציילונג „א ו י ף ת נ א י ם". יאַנקעלע קצב, איצט סעניאָר זשאַקאָב, פראָוועט אַ תנאים פאַר זיין טאָכטער. אַלע עבודות־זרות האָט ער געדינט און אַלץ געטאָן, כדי צו דערגיין צו דעם שיינעם פּאַלאַסעט מיט די טייערסטע מעבל. געווען אַפילו אַ צייט „ווען ער האָט זיך באַוויזן אַן אויסגעסטראָיע־טער, אַ פאַרפומירטער אויף ,יענע׳ געסלעך אין חברשאַפט מיט ,יענע׳ לייט", איצט איז יאַנקעלע קצב אַן אינדוסטריעלער, אַ פאַבריקאַנט, און אַ שידוך פאַר זיין טאָכטער, וואָס איז „עפּעס אַ נישט־געשליפענע האַק", זוכט ער דווקא אין דעם קרייז „פון פרומע מענטשן, ערלעכע יידן, רבנים, דיינים...". ראָזע פּאַלאַטניק ברענגט אַרויס די גאַנצע סביבה פון סעניאָר זשאַקאָב, זיין גבירישן שטעל, און ביי זיין גאַנצער אויפגעקומענער בעל־גופישקייט ווערט ער סימפּאַטיש מיט זיין דרך־ארץ פאַר פרומקייט און לומדות.

מיט סימפּאַטיע און וואַרעמקייט איז אַרויסגעבראַכט „מ ע כ ל ג ו ל ם", וואָס אַזוי האָט מען אים געקענט פון שטעטל און אַזוי האָט מען אים גערופן אונטער די אויגן, ווען ער איז שוין געווען אַ נגיד און אַ באַלעבאָס פון גרויסע פאַבריקן. מעכל גולם איז אַ ווונדערלעכער פּאָלקסטיפּ. ער פאַרמאָגט

די גבורה און די פשטות און די אָרנטלעכקייט (אפילו, ווען ער האָט אין דער יוגנט געלקחנט) פון געזונטן האַרעפּאַשניק. פאַראַן ביי אים די יאָדערדיקייט פון שניאורס נח פאַנדרע. אָט דער מעכל האָט חתונה נישט מיט איינער פון די אויסגעפּוצטע טעכטער פון זיינע גבירישע פריינד, נאָר דווקא מיט דער „גרינער מויד״, דער פאַרעלטערטער חנה, וואָס האָט אָפּגעלעבט אַ לעבן אָן שבתים, אָן יום־טובים. די דאָזיקע דערציילונג פאַרמאָגט פיל קלאָריט און איז פאָלקסטימלעך־חנעוודיק.

„ט ר אָ פּ י ש ב ל ו ט״ זענען קורצע דערציילונגען פון דער נישט־יידישער סביבה אין בראַזיל. דערציילונגען פון יונגע, ליבע־באַגערנדיקע נעגערטעס, וואָס ווערן עקספּלואַטירט און זייער ליבע און הכנעה ווערט אויסגעניצט סיי פון די ווייסע, סיי פון די אייגענע, פון די שוואַרצע. די דאָזיקע דערציילונגען זענען אָנגעלאָדן מיט דער טראָפּישער אַטמאָספער און מיט דער גליִענדיקער זון פון יענעם לאַנד. אַן אויסגעצייכנטע שילדערונג אין דעם דאָזיקן ציקל איז די דערציילונג „הינט״ — אַ „ליבע־טראַגעדיע״ צווישן דעם אַלטן, געניטן הונט סענרעדאַ, אין וועלכן די גאַנצע געגנט הינטיכעס האָבן זיך געליבט, און דער יונגער הינטיכע פּיפּי, וועמענס באַלעבאָס קאָן נישט פאַרטראָגן אַזאַ אומגלייכע ליבע און הרגעט סענרעדאָן. אויך דאָ, אין דער הינטישער וועלט, וויל מען אויפהאַלטן ראַסן און קלאַסן...

אינטים און מיט אַ צאַרט־ווייבלעכער שטימונג זענען געשריבן די דערציילונגען „אויסגעלאָשן ס׳יום־כיפּור־ליכט״ און „שטילע נעכט״. די ערשטע — פון יידישן עלנט אין דער פרעמדער שטאָט, און די צווייטע — פון די אָנהייביאָרן אינעם צווייטן וועלטקריג.

מיר האָבן זיך דאָ אָפּגעשטעלט אויף די דערציילונגען פון בראַזיליאַנער לעבן און פון בראַזיליאַנער מיליע. טאַקע דערפאַר, וואָס זיי זענען טעמאַטיש ניי. הגם אין די דערציילונגען פון ראָזע פּאַלאַטניקס אַלטער היים קראַשניק האָט די דערציילערין געגעבן אַ שפע פון נייע פאַרבן און מערקווערדי־קע בילדער. אַזעלכע דערציילונגען ווי „רעוואָלוציאָנערן״, „אַ חזן מיט משוררים״, „דער ערשטער לאָמפּ״, „פּאָליטיקער״ ברענגען אַרויס אמתע יידישע פאָלקסטימלעכקייט, יידישן שטייגער, וואָס איז שוין געוואָרן היינט פאָלקלאָר.

שלמה בריינסקי
(אין זיין אָנדענק)

פון ווייטן בערגיקן לאַנד קאָלומביע איז געקומען אַ טרויעריקע ידיעה. ס'איז געשטאָרבן דער יידישער שרייבער שלמה בריינסקי. איינער פון די פּיאָנערן פון דער יידישער ליטעראַטור אין דרום־אַמעריקע. נישט קיין סך לייענער האָבן אים דאָ געקענט, און מעגלעך, אַז אַ סך הערן דאָ דעם נאָמען צום ערשטן מאָל. דאָס איז פאַרשטענדלעך, דאָס איז די מערכה פון אונדזער צעשפּרייטקייט. בפרט, אַז דער גורל, צי די באַדינגונגען פאַרוואָגלען אַזאַ שעפערישן מענטש ערגעץ ווייט, אין אַ פאַרוואָרפענעם יידישן יישוב. איך האָב אָט דעם אומעט זיינעם דייטלעך אַרויסגעפילט, בעת מיר האָבן זיך באַגעגנט אויף די תל־אביבער גאַסן מיט אַ יאָר דריי צוריק. הגם ער האָט וועגן דעם ווייניק גערעדט. ער האָט פאַר יעדן פּרייז געוואָלט אויסבייטן זיין דעראָבערטע רייכע היים אין באָגאָטאַ און לעבן מיטן לעבן פון ארץ־ישראל. ער האָט עקשנותדיק געוואָלט פאַרלאָזן זיין דערגרייכטע עקאָנאָמישע פּאָזיציע אין יענעם לאַנד און דאָ אָנהייבן פון דאָס ניי. ער פלעגט אַפילו רעדן ווייניק וועגן זיינע שרייבערישע אַספּיראַציעס, שרייבערישע פּלענער. ער האָט מער גערעדט וועגן די מעגלעכקייטן פון זיין היים דאָ, וועגן זיינע קינדער, אַ זון און אַ טאָכטער, אַ טאָכטער אַ כעמיקערין, וואָס וואָלט געבראַכט נוצן פאַרן נייעם לעבן אין לאַנד.

ס'איז געווען אַ טיפער פאַרדרוס צו זען, ווי נאָך אַלע זיינע באַמיונגען איז עס אים נישט געלונגען. עפּעס אַזוי פיל זייטיקע און צופעליקע סיבות האָבן זיך אַריינגעמישט, געשטערט. בריינסקי האָט דערפון ווייטיקדיק געליטן. שוין דאָס צווייטע מאָל, ווי ער דאַרף פאַרלאָזן דאָס לאַנד, צו וועלכן ער האָט יאָרן געשטרעבט. ער האָט מיט פאַרבענקטקייט גערעדט וועגן יענע טרוימערישע יאָרן, ווען ער איז געווען אין ארץ־ישראל, אין ניינצן זעקס און צוואַנציק און זיבן און צוואַנציק, און הגם ער האָט פאַר די צוויי יאָר קיין סך נחת נישט געהאַט, געווען מער אַרבעטסלאָז ווי געאַרבעט און געלעבט, ווי־

מ׳האָט געקענט לעבן פאַר דריי צענדליק פּיאַסטער אַ וואָך. איז אָבער דאָך געבליבן אַזאַ אָנגענעמער טעם פון יענעם ברעטער־שטיבל ביים ים־ברעג, פון די דיסקוסיעס אין יענע געשמאַקע תל־אביבער אָוונטן. מ׳האָט אַזוי ווייניק געדאַרפט פאַר התלהבות און דערהויבונג. — — —

ער איז געווען אַ זשעלעכאָווער. און זשעלעכאָוו איז, כידוע, אַ שם־דבר אין דער ליטעראַטור. אַ שטעטל איז עס געווען, ווי אַלע יידיש־פּוילישע שטעטלעך, מיט אָרעמע־לייט און מיט עטלעכע יידישע גבירים, מיט שטעל און מיט תקיפות. און מיט אַ יוגנט, וואָס נעמט אויף נייע תורות און נייע באַוועגונגען. און אַז עס קומען אויף פּאַרטייען און באַוועגונגען אין דער גרויסער שטאָט, שאַפן זיי זיך אויך אין זשעלעכאָוו, און אַז מ׳מאַכט שטרייקן אין דער גרויסער שטאָט, שטרייקט מען אויך ביי די היימישע שניידערס און שוסטערס.

זשעלעכאָוו האָט נאָך זוכה געווען שיער נישט צו ווערן אַ שטרעמונג אין דער נייער ליטעראַטור. פאַר „זשעלעכאָווער יידיש און זשעלעכאָווער נוסח״ האָט געקעמפט, כידוע, מיט פייער און עקשנות, איינער פון אונדזערע בעסטע און שענסטע יידישע פּראָזאַיקער, דער זשעלעכאָווער איטשע מאיר ווייסענבערג.

וועגן וואָס דערציילט אַ יונגער יידישער שרייבער, וואָס האָט זיך אַרויס־אַנטפּלעקט אינעם שטעטל אין די יאָרן פון נאָך יענער מלחמה? אַוודאי דערציילט ער פון דעם, וואָס אים איז נאָענט, וועגן גראַנגלען און טרוימען, וואָס זענען אים געווען אייגן. ער דערציילט פון זיין דור, וואָס איז רייף און צייטיק געוואָרן אין די יאָרן צווישןביידע וועלט־מלחמות. ער דערציילט פון יידישע היימען און יידישע זאָרגן און פון אַ יוגנט, וועמען עס האָט געמאַניעט די ווייטע וועלט.

דאָס שטעטל — איז די אייביקע טעמע אין דער יידישער שאַפונג. שלמה ברייננסקי ווייסט ווויל, אַז ס׳איז שוין אַן אויסגעשריבענע טעמע, אַז דער מאָטיוו ליגט שוין אַ מידער און אַן אויסגענאָגטער. אָבער ער איז צו ערלעך און אויפריכטיק ער זאָל קאָנען פאַרבייגיין און נישט שרייבן און נישט שילדערן פון דער אייגענער וואָר. מעגלעך, אַז אין זיינע דערציילונגען פון דער שטעטלשער מיליע איז נישטאָ קיין נייקייט, שלאָגט אָבער דאָך פון אָט

די דערציילונגען מיט פרישקייט און קוועליקער לעבעדיקייט. שפּירט מען אַרויס פון זיי אַ שרייבער מיט אַן אייגענעם קוק און באַנעם, וואָס ווייסט צו דערציילן פון מענטשלעכע שטימונגען, ליידן און געראַנגלען.

קלאָר, אַז פון אַ נייעם מאָטיוו און פון אַ נייער טעמאַטיק ווערט ברייניסקי באַוועלטיקט, ווען ער באַזעצט זיך אין דער קאָלומביאַנער הויפּטשטאָט באָגאָטאַ. דאָ דערזעט ער די היימישע יידן אַלס פּעדלער און קרעמער, מיט די באַקאַנטע אימיגראַנטישע השגות פון אַרויפאַרבעטן זיך. מיט די טיפּישע באַמיונגען זיך איינצולעבן אויף דער נייער ערד. פאַרשטייט זיך, אַז אויך דאָ פּירט אַרויס ברייניסקי אַ שלל פון טיפּן, הגם ער טיילט זיי, דאַכט זיך, צו סעלעקטיוו און צו שאַרף אין צוויי גרופּן. יידן מגושמדיקע, געלטגייציקע, פאַרטעמפּטע, וואָס האָבן נאָר אין זינען דעם חומר, וואָס זייער גאַנצער אידעאַל איז אַ פעט באַנקביכל. און יידן פאַרבענקטע, סענטימענטאַלע, וואָס ווילן זיך באַפרייען פון שטעטלשער בטלנות. מיט אַן אייביקער נאָגעניש אינעם האַרצן, אָבער פול און פאַרביק שילדערט ער דעם נייעם פּייזאַזש, די שטאָט ביי די ברעגעס פון באַרג, די כמורנע רעגנדיקע טעג ..."ווען די גרויע ברודיקע הימלען האַלטן אין איין פאַרגיסן טרערן אויפן שווערן גורל פון זיינע איינוווינער."

אַ טיפע ליבשאַפט צו די אָרעמע שפּאַנישע און אינדיאַניש־אַפּשטאַ־מיקע באַוווינער פון באָגאָטאַ פילט מען אַרויס פון ברייניסקיס נאָוועלן. ס'איז נישט נאָר מיטלייד צו ליידנדיקע. ס'איז דער שטילער פּראָטעסט פון אַ פיינפילנדיקן שרייבער, וואָס האָט דערזען אַ נייע ווירקלעכקייט אין אַ נישט־יידישער סביבה: זעט וויפל רשעות עס טראָגט די וועלט!

אָפט מאָל זענען עס בלויז בילדער פון פאַרפונדעוועטער גרויזאַמער אָרעמקייט, באַגלייט מיט דער אכזריות פון די, וואָס קענען זיך דערלויבן צו הערשן און באַצווינגען. אָפט מאָל זענען עס די זעלבע אוניווערסאַלע פּראָב־לעמען, וואָס וואַקסן אַרויס פון נויט, קראַנקייט און היימלאָזיקייט. און דאָ, אויף דער הייסער ערד פון קאָלומביע זענען זיי נאָך בולטער, שאַרפער, פולער.

שלמה ברייניסקי האָט מיט אַ סך געפיל און געניטקייט אַריינגעבראַכט דעם דרום־אַמעריקאַנער טיפּאַזש אין דער יידישער שאַפונג. ס'איז דער פאַרדינסט פון יונג־פאַרשטאָרבענעם שרייבער.

אַ. קאַרפּינאָוויטשעס ווילנע של מטה

דאַכט זיך, אַז קיין שום שטאָט, קיין יידישע קהילה האָט נישט אויסגעפורעמט אַזאַ אייגנדיקייט, האָט נישט באַאיינפלוסט מיט איר שטייגער און נוסח, ווי ווילנע. און געווירקט האָט ווילנע נישט נאָר אויף אירע אייגענע יידישע גאַסן און הויפן און אַרומיקע אייגענע יידישע שטעטלעך, נאָר אפילו ווייט אַוועק — — —

אַ ווילנער דערקענט מען צווישן טויזנטער. ער איז אי באַשיידן, פֿאָלקסטימלעך, אי עס שרייט אַראָפּ פון אים — און ער וויל טאָקע מען זאָל וויסן — איך בין אַ ווילנער! וואָרעם, ווו איז געווען אַזוי פיל יידיש לעבן, ווי אין ווילנע? ווילנע ציט דאָך איר יִחוּס פון דורות למדנים, תורה־לערנער, פון יידישע האָרעפּאַשניקעס און פון די ערשטע יידישע רעוואָלוציאָנערן... ביז די באַרימטע קולטור־שאַפער און די יונגע יידישע דיכטער און שרייבער.

וועגן אָט דער ווילנע, און גראָד נישט פון די מכובדים און למדנים, נייערט פון דער האַלבוועלט און אונטערוועלט — גנבים, פּאַסערס, ווילדע יונגען, כוח־גייערס, וואָס אויך זיי זענען געווען אַנדערשדיק לויט ווילנער שטייגער, — דערציילט אברהם קאַרפּינאָוויטש אין זיין בוך „ביים ווילנער דורכהויף“, איינער פון די גערעטנסטע פּראָזע־ביכער, וואָס זענען דערשינען פאַר דער לעצטער צייט. קאַרפּינאָוויטש האָט מיט אַ זעלטענער קענטשאַפט פון דער סביבה אויפגעמאָכט פאַר אונדז די ווילנער הינטערגאַסן און זאַווולקעס, ווו ס׳האָבן געוועלטיקט די מענטשן פון „ברודער־פאַראיין“, פון דער „גאָלדענער פּאָן“, מיט זייערע געטועכצן, השגות און פּרנסות, אויף וועלכע אויך זיי קרעכצן אַזוי יידישלעך היימיש — — — —

נישט נאָר די נישט געוויינטלעכע מיליע מיט אירע העלדן רופט אַרויס ביים לייענער דעם כאַראַקטעריסטישן רייץ, — פול מיט אַנציעוודיקן חן איז אויך די אייגנדיקע פאָרעם פון דערציילן, וואָס קאַרפּינאָוויטש האָט

געפונען פאַר זײַנע געטרײַע שילדערונגען. די נאַראַטיװע שילדערונגען און די שפּראַך פון זײַנע העלדן אָטעמען מיט דער שטימונג און װאָר פון אָט דער סביבה און טיפּאַזש.

װער זענען עס די מענטשן פון דער אונטערװעלט — געשטראָפּטע? אױסגעגליטשטע, פון גורל געטראָפענע? פאַרפירטע, נעבעך, אױף שלעכטע װעגן? לאו דװקא. דאָס איז זײער ביטערע פּרנסה. אַ פּרנסה, װאָס איז אױסגעשטעלט אױף נסיונות פון פרעמדע און אײגענע. אַזאַ איז די װעלט, און זי איז באַשערט צו געהערן צו די־אָ. די װעלט קאָן דאָך נישט באַשטײן פון גאָרע בונימאָװיטשעס און שאַליטס און װילנער אױבערשטן יִיחוס... אָבער, נישקשה, זײער יידיש האַרץ ציטערט אױף, װען ס׳געשעען עװלות, װען הײמישע כוליגאַנעס באַפאַלן יידישע יונגע־לײט. װער שטעלט זיך נאָך אַזױ אײַן, װי זײ, בעת אַ יידישער צרה?

דער מחבר ברענגט בריהדיק אַרױס אָט די אַנדער װילנע מיט אירע אײגענע מידות און באַזונדערן שטײגער, ער ברענגט אַרױס בילדעריש און טרעפלעך די הײמען און זאַװולקעס, די שענקען מיט זײערע אײנגײערס, די בילאַרדאָװוצעס, די געפאַלענע אינעם פאַך און די אױפגעקומענע, װאָס „טרײסלען אַ װעלט" מיט זײערע מאַרעװיכערשע פּלענער און „אױפטוען".

אברהם קאַרפּינאָװיטש איז נישט דער ערשטער, װאָס שילדערט אָט די מיליע און די „העלדן" פון אונטערװעלט. האָט דאָך שױן מיט יאָרן צוריק אפרים קאַגאַנאָװסקי דערציילט פון די װאַרשעװער הינטערגעסלעך. אָבער, דאַכט זיך, קאַרפּינאָװיטש דערגרונטעװעט זיך טיפער אינעם מהות און געמיט פון דער אונטערװעלט. און מיט אַן אױג װאָס איז װאַך, און מיט אַ קינסטלערישן חוש דערזעט ער אין זײ און פילט אַרױס דעם מ ע נ ט ש, װען אַפילו אַ פונק בלױז... אױך אין דער טרער פון אַ יידישער פרױ, װאָס בענקט נאָך אַ קינד, דװקא דאַן, װען זי באַהאַלט דאָס געקידנעפּטע ייִנגעלע, אַ זון פון דעם רײַכן לײבאָװיטש פון גאַרבאַרניע, פון װעמען מען דערװאַרט עס דאָס אױסלײזגעלט.

„אין אַמעריקע — טענהט כאַנע, אָט דער װאָס האָט צונױפגעשטעלט דעם גאַנצן פּלאַן — איז עס אַ קלײניקײט —— און מען שאַרט גאָלד, גאָלד שאַרט מען." אָבער זעליקן פּאַטופּיעט זיך עס נישט אין קאָפּ. פאַרכאַפּן

קינדער, פאַדערן אויסלייזגעלט? וואָס פאַר אַ געשעפט איז עס? — כאָטש זעליק בעל־טובה איז געווען אין אַ שווערער לאַגע, ס'האָט זיך עפּעס אַלץ אויסגעלאָזט... און קאַרפּינאָוויטש שילדערט אים אין זיין ביטערער דאַליע אַזוי:

„נאָכן לעצטן דורכפאַל מיטן געשמוגלטן טאַבאַק פון ליטע איז זעליק „בעל־טובה" געזעסן אַ לאַנגע צייט אָן אַרבעט. ס'איז נישט געווען פאַר וואָס זיך צו נעמען ווייטער. אַרקע „דער הונדערטער", דער אייביקער שונא, האָט אַלץ פאַרכאַפּט אין זיין האַנט און נישט צוגעלאָזט קיינעם פאַרדינען אַ גראָשן. ווו מ'זאָל זיך נישט געבן אַ דריי, זענען געווען זיינע מענטשן. אין בוינע האָט געקיניגט עלינקע „דער הויכער", אויפן האַלצמאַרק זענען די „וועווערקעס" געווען גאַנצע געגנערעלער... זעליק איז געזעסן אין זיין וווינונג און געקייט אַ וואָנצע. אַ מאָל האָט עס גאָר אַנדערש אויסגעזען. ס'איז געגנוג געווען זיינער אַ ברום, אַז גאַנץ בונימאָוויטשעס וועטקע זאָל אויפּציטערן; און איצט? אַד־און ווי צו אַלע שטאַרקע, אַז אַרקע מיט די בנים זענען געוואָרן באַלעבאַטים אויף ווילנע. נו, מילא, מסתמא וויל דאָך גאָט אַזוי. ווייל ווי קאָן עס זיין אַנדערש? אָבער אינעווייניק שרייט אַרויס פון אים די עוולה: ווייל ווען ער, זעליק, איז שוין געווען אַ כוח־גייער מיט אַ פירמע, האָט דאָך נאָך אַרקע געשלעפּט פון די קאָשיקעס אויפן זאַרעטשער פישמאַרק..."

ווועלן מיר זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף דעם כאַראַקטעריסטישן פּסי־כאָלאָגישן מאָמענט פון „מהותדיקער" געפאַלנקייט, וואָס קאַרפּינאָוויטש בינדט אים אַזוי גערעכטן. און אפשר דערפאַר טאַקע האָט זעליק בעל־טובה זיך געלאָזט איבעררעדן פון כאַנען און אַנגעהויבן צונויפּצושטוקעווען די קידנעפּונג? אָבער ווען אסתרקע, איצקע דעם געלנס ווייב, וועמען מען האָט אַנפאַרטרויט אויסצובאַהאַלטן דאָס קינד (און זי האָט אים געקאָרמעט מיט ייִכעלעך, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גביריש קינד) קען נישט צוזען דעם צער און באַגלייט אים צו טאַטע־מאַמע — דאַכט זיך, אַז דאָס גאַנצע בינטל, אַחוץ כאַנע דעם אַמעריקאַנער: שמעון דער איזוואָשטשיק און אלימלך דער חכם און זעליק בעל־טובה אָטעמען אָפּ פרייער — — — ווייל, ווייל ס'איז עפּעס נישט פאַר ווילנע, ווילנער אונטערוועלט האָט פאַרמאָגט איר אייגענעם

גאַנג: באַלעבאַטיש, נישט אויפּרייסן די אויגן... ס'איז דאָך עפּעס ווילנע!

אַזוי רייען זיך און קייטלען זיך אויך די אַנדערע דערציילונגען. און זיי פּאַרמאָגן ווערטיקע, בעלעטריסטישע עלעמענטן. קאַרפּינאָוויטש האָט אַרויסגעבראַכט און געשילדערט דעם דאָזיקן שטח פון אינעווייניק, ווו דער מענטש איז אַרויסגעוואַקסן אַן אויסגעבונדענער מיט זיין סביבה.

דער קרעפּטיקער, זאַפּטיקער און פאָלקסטימלעכער לשון פון די ווילנער געסלעך און זאַווולקעס לעבט דאָ אויף מיט אַלע קנייטשן און ריחות און גיט צו צו דער עכטקייט און טעמיקייט פון די דערציילונגען. און ועל כולם, קאַרפּינאָוויטשעס אייגנטימלעכער האַרציקער הומאָר, וואָס קומט אויף נאַטירלעך און אָרגאַניש פון די סיטואַציעס, פון די שמועסן און פון די געווימלען אויף די ווילנער הויפן, אויפן האַלצמאַרק און פישמאַרק. אָט ווי עס טענהט חנה־מערקע די פישערקע, נאָך דעם, ווי זי האָט זיך שוין אַ ביסל באַפריינדעט מיט רובינשטיינען, דעם פאָלקלאָריסט פון ייִוואָ, וואָס איז געקומען זוכן אויפן פישמאַרק... קללות: „— איר זאָלט וויסן זיין, פּאַניע רובינשטיין, אַז יעדע זאַך, וואָס צאַפּלט זיך, דאַרף אַ מאַלינע. אָט נעמט אַזאַ נאַריש פישל, ווי אַ פּלאָטקע. איז איידער זי הייבט אָן שפּילן, לאָזן אירע רויגן, ראַמט זי אָפּ מיטן עקל אַהער־אַהין, אַהין־אַהער, אַ שטיקל גרונט אין טייך, און שוין. זי האָט זיך איינגעשאַפּט אַ כודאַבע. הייגט ווער רעדט נאָך אַ מענטש? איינער אַליין איז אפילו נישט גוט אין באָד. ווער'ט איך רייבן די פּלייצע? אַזאַ קאָמפּענטש, ווי איר, קאָנט דאָך נעמען, איך ווייס, ווי זאָגט מען — אַ גראַפּינע מיט רעטעך... אָט, למשל, נעמט איסרקען דעם לאָבוק. אַזאַ... כ'וויל נישט אויסריידן פון מיין מויל"...

אונדז גייט נישט איצט אין דעם סיפּור־המעשה. כאָטש דער סיפּור־המעשה איז שיין, איז אָריגינעל און איז צום אָפּשלוס אויך סקוטשנע. חנה־מערקע, די יונגע אלמנה, די כוואַטסקע פישערקע, וואָס די אַלטע פישערקעס ציטערן פאַר איר בליק, פאַרליבט זיך לסוף אין רובינשטיינען, דעם הינקענדיקן אַלטן בחור, וואָס איז געקומען זוכן אויפן פישמאַרק פאָלקלאָר־מאַטעריאַל... מיר האָבן אָבער ציטירט דאָס אויבנדיקע, בכדי אילוסטרירן קאַרפּינאָוויטשעס אויפּטוערישן לשון און סטיל און דעם וואַרעמען, פאַר־טאַיעטן הומאָר, וואָס באַגלייט זיינע דערציילונגען פון ווילנע.

„ביים ווילנער דורכהויף" איז אַ באַזונדערע יידישע וועלט. פון דאָרט איז דאָך געקומען און שפּעטער פאַרצערט געוואָרן אין קלעמעניש און אין צער פון זיינע דורכפאַלן זובאַק דער אַקטיאָר. דאָרט איז אויך געווען „גראַף שטשאַוויע" — זוסקע דער פאַריקמאַכער, וואָס האָט בשום אופן נישט געוואָלט זיין עפּעס סתם אַ שערער. פון דאָרט איז דאָך סיאָמקע קאַגאַן, דער רעפּאָרטער פון „ווילנער טאָג", אַריין אין אַ מלחמה מיט „סאָפּיאַניקעס". „סיאָמקע האָט נישט געקאָנט צוזען די ליידן פון די מוידן אין די סאָפּיאַני־קער פריילעכע הייזלעך און באַשלאָסן זיך אָנצונעמען זייער קריוודע" (אין דער דערציילונג „לייקע די שוואַרצע"). „ביים ווילנער דורכהויף" טרעפן מיר וולאַדעקן, דעם היימישן שגץ, וואָס האָט גערעדט אַ ווילן ווילנער יידיש. און נאָטקע דער קאָטער, וואָס קומט שפּעטער ווי אַ טוריסט אין ישראל, און רחלע די הויף־דאַמע און גדאַלקע, וואָס איז געווען צעשרויפּט אויף חזנות. און עלינקע דער הויכער — — —

אויך זיי זענען דאָך אומגעקומען נאָר דערפאַר, ווייל זיי זענען געווען יידן.

אברהם קאַרפּינאָוויטש האָט זיי פאַראייביקט אין זיינע גוטע דערציילונגען פון „ביים ווילנער דורכהויף".

אהרן מגד

אהרן מגד איז זוכה געווען אין ישראל צו אָנזען און פּאָפּולאַריטעט הן ווי אַ דערציילער, הן ווי אַ פּיעסן־שרייבער. און ער איז טאַקע אַ פּראָדוקטיווער שרייבער. אָבער דאָס אַליין, פאַרשטייט זיך, וואָלט אים נאָך נישט אַוועקגעשטעלט אין דער ערשטער ריי פונעם יונגערן דור העברעישע פּראָזע־קינסטלער. פון זיין ערשטן בוך קיבוץ־דערציילונגען „רוח ימים״ ביז זיין אָריגינעלן בוך „הבריחה״ און ביז זיין פּיעסע „בראשית״, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן דורך דעם „הבימה״־טעאַטער — אַנטפּלעקט ער זיך אַלץ מער און מער ווי אַ טיפער קענער און שילדערער פון ישראל־דיקן לעבן און ניי־ישראלדיקן שטייגער. ער איז דורכגענומען מיט די אַלע אויפגאַנגען און דורכפאַלן, מיט אַלע פּראָבלעמען און קאָנפליקטן פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן און סאָציאַלן לעבן. ער שילדערט פאַר אונדז די שטאָט מיט אירע באַזונדערע פּראָבלעמען פון „ותיקים״, די אַלט־איינגעזעסענע, און נייע עולים, דאָס קיבוץ־לעבן פון היינט און פון אידישן פּיאָנערישן נעכטן, עולים־פּונקטן, קאָלאָניעס פון ניי־געקומענע מיט זייערע בענקשאַפטן און ווידעראַנאַנדן. ער ברענגט אַרויס געשטאַלטן און פּאַרלויפענישן, און דאָס נישט בלויז אין זייער אויסערלעכער געשטאַלטיקונג, נאָר מיט זייער גאַנצער גאַמע פון אינערלעכער וויברירונג, מיט דעם נשמה־ציטער פון מענטשלעכער פרייד און טרויער.

ס׳איז וויל באַקאַנט, אַז נישט לייכט איז פאַר דעם דערציילער צו שילדערן דאָס איצטיקע, דעם הווה, צו אַנטפּלעקן און שילדערן אָט דאָס, וואָס עס רינגלט אים אַרום — צו דערציילן פון דעם לעבן, וואָס מיר לעבן. ס׳איז נישט נאָר די געפאַר, אַז דאָס אַקטועלע קאָן מושפּע ווערן פון דעם צאַפּלדיקן רעפּאָרטאַזש־נוסח. מעגלעך, אַז בעלעטריסטישע שאַפונג דאַרף און מוז האָבן אָפּשטאַנד פון צייט. אָבער אהרן מגד האָט באַוויזן אין זיינע דערציילונגען און נאָוועלן פון אונדזער היינט, פון דער ישראלדיקער וואָרהאַפטיקייט, אויפ־

צוהיטן אַזאַ ווונדערלעך לויטערן דערציילערישן קלימאַט, אַזאַ אייגנדיקע דערציילערישע פאָרעם. אין זיין שילדערונג ווערן פאַרוואַנדלט און פאַרמירט די אָקערשטיקע געשעענישן אין קיבוץ, אויף די פעלדער פון גליל און נגב, צו די אויפטריטן אין אונדזער באַפרייונגס־קריג — די מענטשן פון שטאָט און דאָרף מיט זייערע געראַנגלען און השגות — אין שיינע, נאַראַטיווע קאַפּיטלען העברעיִשע פּראָזעקונסט.

מיט די אַ מעלות טיילט זיך אויס באַזונדערס זיין טשיקאַווער בוך „הבריחה" (אַנטרינונג). דאָ האָבן מיר דריי פאַרשידענע דערציילונגען: „מסע לניקרגוא", „מסע לארץ גומר" און די לעצטע און דריטע דערציילונג „הבריחה". אָט דאָס בוך מיט די דריי דערציילונגען איז, דאַכט זיך, דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע פאַר מגדס גאַנג און באַנעם, פאַר דעם אופן און דער פאָרעם פון זיין דערציילן. דאָ זעען מיר ווי ער נעמט אויף זאַכן און רעאַגירט אויף זיי, ווי אַזוי ער ברענגט אַרויס פּראָבלעמען, און בפירוש גורל־פּראָבלעמען פון ייד און מענטש און וועלט.

אַז מען לייענט די דערציילונגען אויבנאויפיק, קאָן זיך לכתחילה אויס־דאַכטן, אַז מגד שילדערט פאַר אונדז אויסטערלישע זעונגען און בילדער. מיר שטויסן זיך כסדר אָן אויף פאַנטאַסטישע, אויסגעחלומטע, אויסגעדאַכטע סיטואַציעס, אויף בילדער פון עפּעס אַ פרעמדער נישט־דאָיִקער וועלט, געשטאַלטן און סצענעס וואָס זענען טאַקע שיין און אַנלאַקנדיק, און פאַר־קערט, אָפט מאָל זענען זיי האַרב און גרויליק, אָבער ווי די אַלע וואָלטן נישט געהאַט קיין שייכות מיט אונדזער ממשותדיקן לעבעדיקן זיין. אויבנ־אויפיק קאָן זיך אויסדאַכטן, אַז דאָס זענען סאַמע זעונגען, טראַכטענישן און וויזיעס פון אַ דיכטער־דערציילער. אָבער ווי געזאָגט, איז עס טאַקע בלויז אויבנאויפיק. ווייל וואָס געשעעט דאָ? וואָס איז דאָס אַנדערשדיקע און אייגנ־אַרטיקע אין מגדס דערציילונגען?

פּרווון מיר באַטראַכטן די לעצטע דערציילונג „הבריחה" (אַנטרינונג), ווי עס הייסט אויך דאָס גאַנצע בוך. אַ שיף מיט העכער פינף הונדערט פּאַסאַ־זשירן לאָזט זיך אינעם אָפענעם ים. קיינער ווייסט אָבער נישט וווהין, וואָס איז דער ציל, און צי וועט מען זיך בכלל דערשלאָגן צו אַ ברעג... די אַלע ווייסן נאָר איינס, זיי זענען אַנטלאָפן פון אַ מבול, אַנטרונען פון אַל דאָס בייזע,

וואָס עס האָט זיך געגרייט אויף זיי, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויף זיי מיט שטורעם. „די הימלען זענען געווען שווער ווי בליי, אָנגעפילט מיט דונער, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועט אַלץ צוזאַמענברעכן. בליצן האָבן גע־קרייצט דעם רוים און פאַרטויבטע אָפּקלאַנגען האָבן זיך געטראָגן אין דער לופטן... מיט בהלה און מיט שרעק האָט מען אונדז געשטויסן, ווי פּי און רינדער, אַרויפצוגיין אויפן דעק פון שיף״ — מיט אָט די שורות הייבט זיך אָן די דערציילונג. און ווייטער ווערט פאַר אונדז קלאָר, וואָס עס באַדייט און וואָס עס סימבאָליזירט אָט דער שטורעם, די פאַרווירטקייט, צעמישעניש אויפן ברעג, די פּיינלעכע דערוואַרטונג אויפן מבול, וואָס קען זייען טויט און פאַרוויסטונג. ס׳ווערט קלאָר, וואָס עס באַדייט די שרעק פון די תושבים אויפן ברעג און די מאָדנע, צעפלאָנטערטע געפילן פון די פּאַסאַזשירן אויף דער שיף. יאָ, דאָס איז אונדזער גרויליקע, אָקערשטיקע פאַרגאַנגענהייט! דאָס איז די העראָישע און טראַגישע דראַמע פון העפלה... מגד גיט אָן אומפּאַסיק בילד פון טאָפּלטע געפילן פון די פּאַסאַזשירן. פון איין זייט איז פאַראַן די אויסדאַכטעניש, דער געפיל, אַז מען האָט זיך אָפּגעראַטעוועט פון דעם פּיין און יסורים, זיך אָפּגעראַטעוועט פון דער מלחמה. און פון דער צווייטער זייט, — צי וועט מען דען זיך דערשלאָגן און אָנקומען צו אַ רויִקן ברעג? און אויב יאָ, — צי האָט מען געמעגט פאַרלאָזן די היים? פאַרלאָזן נאָענטע און אייגענע, בכדי צו פאַרהיטן דאָס אייגענע לעבן. צי איז עס נישט פאַרראַט?

בילדער, סצענעס און געשטאַלטן וואָס זענען אונדז באַקאַנט פון יענע יאָרן, ווען שיפן און באַרזשעס האָבן געבלאָנקעט איבער ימען, בכדי צו אַנטלויפן, אַנטרינען פון אייראָפּע, די צעטראָגענע און צעפּלינדערטע אין בלוט און אין פייער. אהרן מגד ברענגט אַרויס אָט דעם ווירוואַר מיט זיין קרעפּטיקער און מאַלערישער פּעדער. געפאַר און שרעק און קראַנקייט און כסדרדיקער אויפציטער ביים דערהערן דעם ראַדיאָ־הילכער אויף דער שיף. אַזוי ווייט איז שוין דער מבול דערגאַנגען, אַזוי פיל האָט ער שוין אומגע־בראַכט — פאַרטיליקט היים און אייגענע.

פון אַן אַנדער אינהאַלט זענען די ערשטע צוויי דערציילונגען. און אויך זיי ברענגען אַרויס סיי די פּראָבלעמען פון אונדזער היינטצייטיקייט, סיי

אייביקע וועלטפּראָגן. „מסע לארץ גומר", אַ רייזע אין לאַנד גומר — אין וועלכן לאַנד? נו, דאָס איז דאָך בלויז אַ סינאָנים. ס'איז זיך לייכט אָנצו־שטויסן, אַז דאָס איז אַ רייזע אין איינע פון די פאָלקס־דעמאָקראַטישע מדינות אין אייראָפּע (ווי מגד איז, אגב, געווען אַ שליח צו אַ פעסטיוואַל). דאָרט, אינעם לאַנד גומר, קומט פאַר אַ קאָנגרעס פון גליק. יאָ, פון גליק. — און דער דעלעגאַט פון ארץ שור, וואָס קומט פון די ערשטע צום קאָנגרעס, ווערט דאָרט אויפגענומען מיט פריינדשאַפט און ליבשאַפט. ער געניסט פון אַזאַ גליקזעליקייט פון דער מאַכט און פון די איינוואוינער, אַז ס'איז גאָר אַזוינס נישט בנמצא. אַלע אויפנאַמעס, באַגעגענישן און באַזוכן זענען אָבער עפּעס טיפיש אָרגאַניזירט, מעכאַניזירט, אַזוי צוגעשניטן און אַריינגעפּאַסט. אַלץ יובלט און אַלע פרייען זיך; ס'איז דער קאָנגרעס פון גליק. נאָר גאָר אַ טיפע אַנטוישונג און וואָס פאַר אַ פאַרשידענע שוועריקייטן דערוואַרטן דעם זעלבן דעלעגאַט פון ארץ שור נאָך דעם ווי דער קאָנגרעס האָט זיך פאַרענדיקט. צוליב עפּעס אַ פאַרזען קומט אים נאָך אויס צו בלייבן עטלעכע טעג. זעט ער ווי פון דעם יום־טוב איז נישט געבליבן קיין שפּור. געבליבן זענען נאָר גרויע טעג, אָנגעכמורעטע מיט האַרבקייט; און באַאַמטע, די זעלבע באַאַמטע, נאָר פול מיט רשעות און ציניזם...

ווי אין דער דאָזיקער דערציילונג כאַראַקטעריזירט מגד אַ געזעלשאַפט־לעך־פּאָליטישן אַספּעקט, אַזוי קומט צום אויסדרוק אין דער ערשטער דערציילונג „מסע לניקרגוא" אַ מער יחידיש־אינטימער קאָנפליקט. אומרו און גלויבן, ייד און נישט־ייד אין זייער רעאַגירונג און באַציִונג צו מענטש־לעכע ווערטן און אמונות. די דערציילונג איז געשריבן מיט געוואַגטקייט און רייץ. און דערצו נאָך שפּירן מיר אַזוי בולט דעם פאַרביקן פּערסאָנאַזש, דעם שפּאַניער פּעדראָ גאָנזאַלעז קאַבאַליעראָ, דעם אויסגעצייכנט געשיל־דערטן טיפּ. ער טראָגט אַ פריינדשאַפט צו דעם ידישן יונגן־מאַן פון ישראל, אַ פריינדשאַפט, וואָס טליִעט אין אים יאָרן. און דאָס איז נאָר דערפאַר, וואָס יענער האָט פאַרטושט זיין יידישקייט בעת אַ צופעליקער טוריסטן־באַגעגע־ניש אין אַ קלויסטער פון אַן אַלטן שפּאַנישן שטעטל. ער גאָר, דער פרומער קאַטאָליק, האָט געוואָלט אין אים זען אַ שטאָלצן בכבודיקן ייד, וואָס פאַרטיידיקט זיין אמונה, זיין יידישקייט...

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט אהרן מגד פאַרעפנטלעכט אַ דערציילונג אונטערן נאָמען „יד ושם". אַן ארץ־ישראלדיקע דערציילונג, וואָס קאָן פאַר אונדז דינען ווי אַ מוסטער צו דערקענען מגדס שפּירונג און אויפפאַסונג פון יידישן גאַנג און גורל, פון אונדזער דאָ און אונדזער פאַרטיליקונג דאָרטן. די דערציילונג איז בשעתו געדרוקט געווען אין „די גאָלדענע קייט" (אין דער איבערזעצונג פון גיטל מייזיל). און לאָמיר עפּעס הערן פון דעם וויכוח, וואָס גייט דאָרט אָן וועגן אַ נאָמען פאַר אַ ניי־געבוירן קינד. דער זיידע וויל מיטן נאָמען פאַראייביקן זיין אומגעבראַכטן איניקל מענדעלע. טענהט דער אַלטער:

„— איך פאַרשטיי, אַז מענדעלע געפעלט אייך נישט. נישט קיין העברעיִ־שער נאָמען. טאָ זאָל זיין מנחם; מיט וואָס איז שלעכט מנחם? — קענטיק געווען, אַז ער באַהערשט זיך קוים.

— דאָס איז אַ נאָמען... — יהודה האָט געוווּסט, אַז קיין שום אויפקלע־רונג וועט דאָ נישט העלפן; ליגט דאָך צווישן זייערע באַגריפן אַ מרחק פון צוויי דורות — דאָס איז נישט קיין ישראלדיקער נאָמען... אַ גלותדיקער...

— אַ גלותדיקער — האָט דער זיידע איבערגעחזרט. עס האָט געברענט אין אים, אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן נישט אויסצובערעכן אין צאָרן. ער האָט געזאָגט שטיל: מיר אַלע קומען פון גלות, איך, דער טאַטע און די מאַמע רעיהס, דיין טאַטע און דיין מאַמע. מיר אַלע.

— דו מיינסט, הייסט עס, אַז דאָ איז שוין אַלץ אַזוי ניי — האָט ער געזאָגט — און אַלץ וואָס איז געווען דאָרט איז אַוועק און שוין נישטאָ מער. טויט. אָן שום המשך. און איר הייבט אָן אַלץ פון דאָס ניי?".

און דער וויכוח ווערט האַפטיקער און שאַרפער. שווער צו זאָגן, אויב אַן אַנדער העברעיִשער שרייבער, בפרט נאָך פון יינגערן דור, פונעם דור געבוירענע אין ארץ־ישראל, וואָלט געהאַט דעם מוט עס צו זאָגן, און זאָל זיין אַפילו דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ העלד, וועגן אונדזער פאַרשניטע־נעם לעבן, וועגן אונדזער המשך, ווי מגד דריקט עס אויס דורך זיין העלד, דעם זיידן זיסקינד:

„— דו הפקר־יונג, — האָט ער אויסגערופן מיט כעס — וואָס ווייסטו וועגן אונדזער לעבן דאָרט? וואָס ווייסטו, וועלכע מענטשן עס זענען

דאָרט געווען, וועלכע קהילות, וועלכע שטעט, וואָס פאַר אַ ל ע ב ן עס איז געווען דאָרט?"

אויך אין דעם פּרט פון פאַרשטיין און פאַרערן אונדזער יידישן לעבן, וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן, אונדזער גייסטיק לעבן, וואָס וועבט זיך און גייט ווייטער, האָט זיך פון דעם יינגערן דור שרייבער אין ישראל אַרויסגעהויבן אהרן מגד מיט זיין אַנדערשקייט, אויפריכטיקייט און נאַטירלעכקייט.

אהוד בן־עזר און זיין „המחצבה"

מיר רעדן אַזוי אָפט און הערן אָן אויפהער וועגן פּראָבלעמען פון קליטה, וועגן דער אַקלימאַטיזירונג, סיי דער עקאָנאָמישער און סיי דער גייסטיקער, פון נייע עולים און די נייטיקייט פון דער צונויפגיסונג און צונויפבינדונג פון די עדות אין אונדזער ישראלדיקן לעבן. מיר רעדן וועגן דעם און נעמען עס אויף מיט אַזאַ לייכטקייט, ווי עס וואָלט געווען בלויז אַ זאַך פון באַשטימונג און באַשלוס. מיר פאַרגעסן דערביי די טיפע סאָציאַלע איבעראַנדערשוונגען, די מהותדיקע און שטייגערישע, וואָס דער מענטש, אי ווי אַ יחיד, אי ווי אַן אַנגעהעריקער צו אַ קאָלעקטיוו, דאַרף דורכגיין. און דער איבערגאַנג איז ווייט נישט אַזאַ לייכטער; גאַנץ אָפט גייט עס דורך שווערע איבערבראָכן, קריזיסן, דעפּרעסיעס, ווייטיקן. אַ געראַנגל!...

איך בין זיך מודה און מתוודה, אַז נאָכן איבערלייענען דעם ראָמאַן פון אהוד בן־עזר „המחצבה" האָב איך דערשפּירט, אַז מיר ווייסן וועגן דעם, ווייזט אויס, זייער ווייניק. מיר קענען מער־ווייניקער דאָס לעבן פון די נייע עולים אין שטאָט און אין די נייע אַנטוויקלונגס־פּונקטן. מיר הערן וועגן די זאָרגן און באַמיונגען פון די ניי־געקומענע פאַר פּרנסה, אַרבעט, שיכון און קינדער־דערציִונג. אָבער מערסטנס, וואָס מיר ווייסן, איז עס וועגן עולים פון היימישע מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער. צי האָבן מיר אויך אַ ידיעה פון דעם וואָס עס קומט פאָר אין די עולים־דערפער, אין די נייע ערטער ווו עס האָבן זיך באַזעצט אונדזערע ברידער פון מאַראָקאָ און אַלזשיר, פון מצרים און סיריע? אין די לענדער ווו זיי זענען פריִער געזעסן האָבן זיי געהאַט זייער אייגענעם יידישן לעבנס־נוסח. אין ישראל שטויסן זיי זיך אָבער אָן גאָר אויף אַן אַנדערער, גאָר נייער סאָציאַל־עקאָנאָמישער וואָר. עס הייבט זיך אָן ביי זיי אַ שווערער געראַנגל פאַר צופּאַסן זיך צו אַ נייעם סדר און געזעלשאַפט־לעכן קלימאַט, וואָס פריִער אָדער שפּעטער ווערט ער אַריינגעבראַכט דורך די יִינגערע און פעיִקערע.

דער ראָמאַן „המחצבה״ איז געשריבן פון אהוד בן־עזר, אַ יונגן העברעיִשן שרייבער. ער איז אַ זון פון דער משפחה ראַב אין פּתח־תקוה, אַ משפּחה וואָס זיצט שוין זינט דריי דורות אין לאַנד. אהוד בן־עזר איז נאָך זייענדיק גאָר יונג שוין געווען אַ מדריך, אַן אינסטרוקטאָר און אַ לערער אין בייע עולים־פּונקטן. דאָס האָט אים, פאַרשטייט זיך, געגעבן די מעגלעכקייט צו דערזען דיווירקלעכקייט, ביז צו די סאַמע דינסטע ניואַנסן און וויברירונגען. דער מחבר שפּיגלט אָפּ אין דעם בוך דאָס לעבן אין דעם דאָרף, אַ באַווינטער פון מזרח־עדות, און אין דער סביבה, און דער עיקר אין דער שטיינהאַקעריי, די מחצבה, וואָס איז דער מקור פּרנסה פון די מענטשן דאָרט. זען און דערפילן איז טאַקע אַ גרויסע סגולה, אָבער נאָך נישט אַלץ. דער מחבר פון דעם ראָמאַן איז געבענטשט מיט אַ זעלטענער דערציילערישער קראַפט. ער האָט דעם מוט צו שילדערן אין אַ קאָנקרעטער און רעאַליסטישער אַנטפּלעקונג סיי די אָפענע געשעענישן און סיי די פאַרוויקלטע און פאַרבאָרגנסטע מענטשלעכע שוואַכקייטן.

וואָס ווערט געשילדערט און אַרויסגעבראַכט אין אָט דעם ראָמאַן? בעצם גאָר נישט קיין אומגעווייגלעכס און באַזונדערס. עס ווערט געשילדערט אַזוינס וואָס פּאַסירט און קאָן פּאַסירן אין יעדער שיכט פון אונדזער געזעלשאַפט. און דאָך ווערט מען צערודערט און אויפגעטרייסלט פון די בילדער, פון די געשטאַלטן און פון די קאָנפליקטן, פון די צווישן־מענטשלעכע באַציונגען. צי איז דאָס צוליב דער נאַטוראַליסטישער שילדערונג־פאָרעם? קלאָר, דער מחבר איז דאָ זיכער באַווירקט געוואָרן פון דער רויקייט, פון די פּרימיטיווע אינסטינקטן, פון די האַנדלונגען, וואָס ווייסן נישט פון קיין צוימונג און קאָנטראָל. מענטשן מיט דער כאַראַקטעריסטישער מזרח־נאַטור. דורות האָבן זיי איינגעזויגן אין זיך די אָריענטאַלישע הייס־בלוטיקייט, און די איבערגאַנגען ביי זיי פון חברשאַפט צו שׂינאה זענען שאַרף און ראַפּטומדיק.

צוויי עיקר־אַספּעקטן זענען פאַראַן אינעם בוך, אַן עקאָנאָמישער און אַ געזעלשאַפטלעכער. אָט די שטייען אין צענטער פון דער „המחצבה״ און אַרום זיי וויקלען זיך און קומען אַרויס די בלוטיקע פּערזענלעכע רייסערייען, די קאָנפליקטן, וואָס פאַרלויפן זיך אין דעם דאָרף, און מסתמא אין נאָך ענלעכע פּונקטן פון עולים.

אין דער שטיינהאַקעריי אַרבעטן דאָס רוב די באַוווינער פונעם דאָרף. באַקענען מיר זיך מיט אַ ריי פּשוטע, האָרעפּאַשנע אַרבעטס־מענטשן. הגם אין זייערע אַמאָליקע היימלענדער זענען זיי געווען מאַרקהענדלער און קרע־מער — און זיי דערמאָנען עס מיט אַזוי פיל פאַרבענקשאַפט — פּאַסן זיי זיך אָבער אַריין אין דער נייער ווירקלעכקייט פון אַרבעט און טראָגן דעם האָרעפּאַשנעם יאָך. אָבער די תאווה צו הערשן נורטעוועט ביי עטלעכע פון זיי, און מיט אַלע מיטלען און וועגן זענען זיי גרייט צו דערשלאָגן זיך צו אַ בעסערער פּאָזיציע. ווי גיך, און מיט וויפל כיטרעקייט, זיי ווייסן צו דינען די יעניקע, וואָס קאָנען זיי צוהעלפן אין דעם. זיי מאַנעוורירן ציניש מיט די מענטשן פון דאָרף גופא און ווייסן וויל, ווי אונטערצולעקן זיך און צושאַרן זיך צו די פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן.

ניסים לוי און משה דוד זענען די צוויי הויפּטהעלדן פון דעם ראָמאַן. די ביידע צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס זענען נישט נאָר קאָנטראַסטישע טיפּן, נאָר זיי זענען אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מיליע און דעם שטייגער־לעבן פון אַט דעם שבט פונעם יידישן פאָלק.

ניסים לוי איז קלוג, דורכגעטריבן און טויג זיך אויס. בעת ער איז געווען דער געהילף פון ראַבינאָוויטשן, דעם שטיינהאַקעריי־פאַרוואַלטער, וואָס גייט אַוועק אין פּענסיע, האָט ער געוווסט, ווי אים אַנטקעגנצוקומען, אים צו געפעלן, כאָטש הינטער זיינע אויגן האָט ער געהעצט קעגן אים און אויסגעלאַכט דעם אשכנזישן עובר־בטל. ניסים האָט זיינע אייגענע וועגן פון גלעטן און טעראָריזירן, פון דראָען און צוזאָגן. אוודאי ווייס ער, אויף זיין דרך, וואָס עס איז אַזוינס דעמאָקראַטיע. און ער זאָגט עס אַרויס מיט אַזוי פיל חשיבות. ער וואַרפט אָן אַן אימה אויף די אַרבעטער, כאָטש ער אָרדנט איין פאַר זיי רייכע סעודות מיט אַ סך אַראַק־משקה און מיט אַזעלכע צו־בייסנס, וואָס מען קריגט אפילו נישט אין די שענקען פון אַבו־סאַגין.

פאַר אים, פאַר ניסים לוי, זענען אַלע מיטלען כשר. ער ווייס ווי צו רעדן מיט די גדולים פון דער דירעקציע, וואָס זיצן אין שטאָט, און ער ווייס ווי צו זיין אַ גוטער פאַר די נעבעכדיקע, די אָפּגעשטאַנענע אינעם דאָרף... איז ווער דען דאַרף ווערן דער מנהל פון דער שטיינהאַקעריי און ווער דאַרף זיין דער מנהיג אין דאָרף, אויב נישט ער, ניסים לוי?

משה דוד שטייט אים ווי אַ דאָרן אין אויג. נו איז וואָס אַז ער האָט ביי אים צוגענומען זיין שיינע און יונגע ווייב, נאָך בעת משה דוד איז געווען אַ משרת ביי אים אין געשעפט, אין דער אַלטער היים?

אין אָט דעם משה דודן גליט אַן אייביקע שינאה צו ניסים לוי. נישט געקנוג וואָס ניסים האָט אים דערנידעריקט און פאַרפירט זיין ווייב, זוכט ער נאָך ווי צו פטור ווערן פון אים. און הגם ער האָט אַ היים, משה דוד, איז עס קיין היים נישט. די קינדער זענען אים פרעמד. ער בענקט נאָך ציפורהן. טאָ ווי זאָל ער שטילן זיין ווייטיקדיקע בענקשאַפט, אויב נישט זיך צו פאַרשיכורן אַלע נאַכט אין דעם שענק פון זיין גוטן פריינד מאָנטעלאָ?

מיט אַ סך רירנדיקייט און סובטעלקייט — אויפן פלאַך פון אָט דער מגושמדיקער, תאווהדיקער סביבה — שילדערט בן־עזר די באַגעגענישן פון ציפורהן און משה דודן. זיי טרעפן זיך אין אַ הינטערצימער פון מאָנטעלאָס שענק און אַרבעטן אויס אַ פּלאַן צו אַנטלויפן. ביידע ווייסן, אַז פון דעם וועט גאָרנישט זיין, און זיי מוזן ווייטער עסן די ביטערנישן פון זייער גורל. זענען כאָטש אָט די ווייניקע באַגעגענישן אַ טרייסט פאַר זיי.

שטאַרק ווירקן אין ראָמאַן עטלעכע אַרויסגעבראַכטע מאַסן־סצענעס. אַ באַזונדערן רושם מאַכט די חתונה אין דאָרף. אין דער רעכטער שמחה קומט אָן די ידיעה וועגן חדידוס זעכצן־יאָריקער טאָכטער. ניסים לוי האָט עס דאָס מיידל אָוועקגעפירט אין שטאָט, כדי זי זאָל זיך דאָרט לערנען פאַר אַ פקידה. און אָט אַ ידיעה, אַז ער האָט זי פאַרפירט! זיין פסק קריגט ניסים טאָקע דאָ באַלד פון דעם חתונה־עולם... אַזאַ סצענע און נאָך אַזעלכע אין דעם ראָמאַן ווייזן אונדז די גרעאָטענע מעגלעכקייטן פון דעם מחברס דערציילערישן טאַלאַנט.

דער יונגער שרייבער אהוד בן־עזר האָט אין זיין ראָמאַן „המחצבה״ קינסטלעריש באַלויכטן אַן אָפּשניט פון אונדזער היינטיקער, אָנגעגליטער ישראל־פּראָבלעמאַטיק.

זלמן שניאורס לעצט ווערק

ווי קיינער ווער האָט זלמן שניאור אָפּגעפּרעגט די טעזע, אַז דער דיכטער קאָן זיך אויסלעבן און זיך אַרויסשטראַלן בלויז אין איין שפּראַך. שניאור איז נישט נאָר דער עכטער און מייסטערישער שאַפער אין אונדזערעביידע לשונות, נאָר אין ביידע איז ער דערגאַנגען צו דאָס אייגנטימלעכע, צו דאָס טיפע און סודותדיקע פון דער וואָרטקונסט. קאָרבט זיך איין דאָס העברעיִשע ליד זיינס מיט דער גענויאַקייט, מיט דער שפּעדיקייט און מיט דעם פּאַטאָס פון אַלטפאָלקישער יִחוסדיקייט, ריזלט און שפּילט אויף זיין יידיש ליד מיט דער פרישקייט און חן, מיט יענער האַרציקער פאָלקס־טימלעכקייט, וואָס האָט זיך געשפּרייט איבער דעם אַמאָליקן יידיש־וואַלד פון ווייסרוסלאַנד און ליטע.

ווייסרוסלאַנד און ליטע. ווי ווייט איז שוין שניאור, אויסערלעך, געווען אַוועק פון יענער אַמאָליקער יידישער געדיכטעניש, אַוועק איבער לענדער און יִשובים און פאַרנומען נייע געזאַנגען, שטרעבונגען און אידעען פון מענטשן און סביבהס, נייע פּייזאַזשן און בילדער, מיט אַלוועלטישע מאָטיוון פון ליבע און געראַנגל, נאַטור און נויט, און די אייביק נאַגנדיקע שטימונג פון עלנט. מיט דער באַזונגענקייט פון נאַטור־רחבות און נאַטור־שיינקייט, קומט ער צוריק, שניאור, פון אַלע וועגן און שליאַכן צו אייגן־פאָלקישן מאָטיוו, צו דער בלענדיקייט פון סלאַוויש־יידישן ווינטער און צו די היימישע שוועלן, וואָס האָבן זיך געצויגן צו מאָהילעוו און שקלאָוו...

איז עס צוריק צו דער וויל־באַקאַנטער און „אויסגעשריבענער" שטעטל־טעמאַטיק? יאָ, עס איז גריילעך אונדזער גרונטמאָטיוו. עס איז יענער באָדן און מקור, וווּ פאַר יאָרהונדערטער האָט געדייעט און געבליט, זיך געראַנגלט און געבענקט יידיש לעבן, מיט דעם טרויער און מיט דער חדווה פון יידישן מענטש און יידישן כלל, מיט האָפענונגען און חלומות, וואָס האָבן אויסגעכאָוועט רעוואָלוציאָנערן און גבורים און דענקער; וואָס האָט

געשטאַלטיקט אידעען, וואָס האָט גערופן צו סאָציאַלן יושר און נאַציאָנאַל־פּאָלקישער חשיבות. וויסן מיר אויך די גרויסקייטן און די סומנעקייט און די קליינע השגות און די צעקרימטקייט פון שטעטל און פון שטעטלשן מענטש, ווי דאָס האָט געזען און געשילדערט דער רוב שרייבער פונעם ערשטן דור פון דער היינטצייטיקער העברעיִשער און יידישער ליטעראַטור.

איז געקומען שניאור — עטלעכע יאָר פריער, איידער דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין מזרח־אייראָפּע איז פאַרטיליקט געוואָרן — איז געקומען שניאור און פאַרכאַפּט דעם יידישן לייענער מיט זיין מעכטיקער שילדערונג און געשטאַלטיקונג „פון שקלאָווער יידן". עס איז דאָס געזאַנג, די עפּאָפּעע פון די קערנדיקע יידן, פון די תמימותדיקע האַרציקע שטעטלשע גבורים, וואָס נעמען זיך אָן די קריוודע פון כלל. אויפן ברייטן שטח פון זיין שילדערונג ווימלט דאָ אויך מיט טוכלע השגות און טוונגען פון קליינע פאַרשווינדלער, אויפגעקומענע גבירימלעך, און צביעות, און מסירה, און „פּאָניעשע" טעמפּקייט. און קעגן זיי — דער „בעל־עגלהשער צעך", וואָס היט אָפּ יושר און פאַכמענישן כבוד; דאָס איז די וועלט פון נח פּאַנדרע און די דראַמע פון יידישן לעבן אין יידנלאַנד צווישן דניעסטר און ניעמאַן, פון דניעפּער ביז דער ווייסל... און ווויליע, און ווילנע, וווּ שניאור האָט אין יידיש אַ מאָל געזונגען:

ווילנע, דו באַבעשי שטאָלצע,
מוטער און שטאָט אין ישראל.
דיין הייבל פאַרלאָטעט און גרוי,
ווו דער דאַך פון אַלטן בית־מדרש
האָט אויסגעזען רייכער, דערהויבענער
אין די אויגן פון דיינע מיזיניקלעך.
ווי באַגילדעטע קאָסקעס און הערבן
פון רונדע און שפּיציקע טורעמס.

דאָס לעצטע בוך שניאורס אין יידיש איז דאָס ערשטע בוך פון אַ ראָמאַנען־סעריע, וועלכע ער האָט פּלאַנירט. די ווייטערדיקע דריי ביכער

פון דער סעריע האָבן געדאַרפט הייסן: „אַ צאָן פאַר אַ צאָן", „צווישן גנבים" און „די קאַלטע שול", און דערציילן האָבן זיי משמעות געדאַרפט וועגן דעם העלד, מיט וועלכן שניאור רופט אָן דאָס ערשטע בוך: „דער ממזר". שניאור וויקלט נישט איין זיינע זאַכן אין זיידנס און סאַמעט, זיידנס איז זיידנס, און סאַמעט איז סאַמעט, אָבער קאָרטענע קאַפּאָטעס זענען געווען מער. און שניאורס וווּנדערלעכער פּראָזעסטיל צערטלט נישט סתם, ער רופט אָן די זאַכןביים נאָמען און ער ברענגט זיי מיט דער קראַפט פון זיין גע־בענטשטן טאַלאַנט און מיט זיין אייגענעם ראָמאַנען־נוסח, וואָס פאַרמאָגט אי קינסטלערישע, מענערישע גבורה, אי לאַשטשענדיקע ליריק און ווייכקייט.

נישט שייך פון שניאורס אַ פּראָזעווערק צו באַטראַכטן איין העלד, איין געשטאַלט. ווי אין זיינע פריערדיקע ווערק, „שקלאָווער יידן" צי „קיסר און רבי", אַזוי ברענגט אַרויס אויך דאָס איצטיקע בוך — „דער ממזר" — אַ גאַלעריע פון געשטאַלטן און טיפּן, אויפן פאָן פון געשעענישן, וואָס פלעכטן זיך אַריין איינס אין דאָס אַנדערע און שאַפן דאָס ברייטע פעלד פון דעם סיפּור־המעשה. איז עס דער סיפּור־המעשה פון משהקע דעם ממזר, וואָס שוין באַצייטנס דערפילט ער די קרומינקע שמייכעלעך, די שאַרפינקע קוקעלעך און די שטעכיקע זאָגעלעך. „אַ גבורה פון אַ ממזרל" — אָט אַזוי באַגלייט אים דער זאַווולעק שוין אין זיינע ערשטע קינדערשע יאָרן.

ווי יעדעס עכט גרויס ווערק, פאַרמאָגט אויך דער ראָמאַן באַהאַלטענע כוונות און, לאָמיר זאָגן, אידעיִשע טענדענצן. דורך דעם פּליסיקן, מחיהדיקן סטיל זיינעם, באַגלייט מיט אַזאַ אינערלעך פּקחותדיקן הומאָר, רייסט זיך דורך און רייצט דאָס געמיט די עוולה, וואָס איז שוין אַלט ווי די וועלט, וואָס עס באַגייען שטאַרקע קעגן שוואַכע, נגידים קעגן אָרעמע־לייט.

נאָר משהקע דער ממזר רעוואָלטירט, ער איז נאָך קיין גאַנצע ניין יאָר נישט אַלט, אָבער עס בונטעוועט שוין אין אים, ער פילט, אַז די וועלט איז קעגן אים. קעגן אים זענען נישט נאָר די חדר־ייִנגלעך פון הירשל דעם מלמד, קעגן אים איז דער גאַנצער „זאַווולעק", און דער זאַווולעק, ווי משהקע איז קיווע דעם לעקעך־מאַכערס „האָדולניק" — ווי מען רופט אים שוין איידעלער — האָט אויסגעזען אַזוי:

„פיר הייזער קעגן פיר הייזער צעגייען זיך ווי אַ „דלד", ביז די

שיטערע פלעקענער־צוימען פון די קרויטגאָרטנס. פיר הייזער קעגן פיר הייזער האָבן אָנגעכמורעט די שינדלדעכער, אָנגעהאָרנט די ציגלנע קוימענס, געשטעלט זיך דיבאָם „אויף די הינטערשטע פיס״ און צעבוקט זיך מיט צווי גאַנעקעס. איין גאַנעק, רעכטס, געהערט וויגדער דעם וואַלד־סוחרס הויז, דער צווייטער גאַנעק — לינקס — קיווע דעם לעקעך־מאַכער״.

פון אַט דעם גאַנעק קוקט משהקע אַרויס צו די פּלא פּלאים פון זיין וועלט. דאָס זענען: זיין שוואַכינקער חבר פון קעגנאיבער, דאַנקע, וואָס איז פאַריתומט געוואָרן אין דער זעלבער נאַכט, ווען ער איז געבוירן געוואָרן; „דער זינגענדיקער סטאָליאַר״, וואָס בענקט נאָך זיינע יונג־פאַרשטאָרבענע זין; „הענעך דעם פאַרבערס״ משונהדיקע מאַשינעריעס; „זלאַטע עירוב תבשילין״, וואָס שטריקט זאָקן פאַר אירע קינדער אין וויטן אַמעריקע, און רב קאַרפּל סופר. „מער ווי אַלע אַנדערע שכנים אינטערע־סירט משהקען דער יונגער „סופר״ — ... „אַ סוד הענגט איבער ר׳ קאַרפּלען, ווי אַ פאַרהאַנג, און אַלע אין זאַוווּלעק האָבן אַ ביסל מורא פאַר אים. די שכנים שושקען זיך אויף די פריזבעס, אַז דער סופר איז „אַ געכאַפּטער״... נאָר וואָס הייסט „אַ געכאַפּטער״? דאָס ווייסט משהקע בישט״.

טורעמען זיך אַזוי געשעענישן, קאָנפליקטן. אַט קומען ציגיינער אין שקלאָוו. די גרויסע וויסן שוין, מען דאַרף זיך בעיקר היטן פון גניבות. רוימט מען אַלץ אויף פון די הויפן, פון די פאַרקנס, אָבער ביי די קינדער פון זאַוווּלעק צעציינדן זיי די פאַנטאַזיע, אַזוי פיל שיינקייט, אַזוי פיל קונצן! נאָר אויך דאָ פאַלט משהקע דער קרבן. נאָך ווייניק וואָס די ציגיינער האָבן אַוועקגעכאַפּט ציפּקען, „באַרע די גרויסע אויגנס״ מיידעלע, וועגן וועלכער ער האָט געטראַכט, נישט אַנדערש, ווי ער וועט אַ מאָל חתונה האָבן מיט איר. ווייסט שוין קינד־און־קייט, אַז נאָר צוליב אים, צוליב זיין ציען זיך נאָך די ציגיינער, נאָך דעם מאַלפּעלע, האָט מען עס ציפּקען אַוועקגעגנבעט... דאָס איז דער שטויס צו אַ נייעם טונקל־גורלדיקן אָנהייב, אין וועלכן משהקע ממזר ווערט אַריינגעקאַלערט.

דאָס ווערק נעמט אויס מיט דער לייכטקייט און גראַציעזקייט פון שניאורס פּראָזעסטיל און גלייכצייטיק מיט דער פסיכאָלאָגישער פּאַרטי־

פונג. מיט אַ זשעדנעקייט לעבן מיר זיך איין אין די בילדער, מיט דעם שלל טיפן, מיט אײפּער לייענען מיר די יאָדערדיקע קאַפּיטלעך פון דעם ערשטן בוך פון שניאורס ברייט פּאַרמאָסטענער ראָמאַנען־סעריע.

עטלעכע יאָר פאַר זיין טויט האָט זלמן שניאור זיך ווידער געלאָזט אויפן ברייטן שליאַך פון זיין יידישער שאַפונג.

ג

שלמה ביקל
י. הירשהויט
מאַרק טורקאָוו
מיין געבוירן־שטאָט אין בילד
די דאָקומענטאַציע פון דער חורבן־תקופה
משה שרת
יוסף כרמל
אַ העראָיש קאַפּיטל

שלמה ביקלס „רומעניע“

שלמה ביקל איז הייגט צו טאָג איינער פון אונדזערע וויכטיקסטע עסייִסטן און איינער פון די אינטערעסאַנטסטע פּובליציסטן און ליטעראַטור־קריטיקער. דערצו איז ער נאָך אַ געבענטשטער זכרונות־שרייבער. פון די אַ דריי זשאַנערן באַשטייט זיין בוך „רומעניע“.

דאָס מזרח־אייראָפּעיִשע יידנטום האָט פאַרמאָגט אַן אײנערלעכע גאַנצקייט. ייִשוב מיט ייִשוב איז געווען פאַרבונדן און דאָך איז געווען אַן אַנדערשקייט פון ייִשוב ביז ייִשוב, נישט, חלילה, אַ מחיצה, נאָר אַן אַנדערש־קייט פון שטייגער, פון פאָלקס־טראַדיציע, פון פּירונגען, פון געזעלשאַפט־לעכער דיפערענציאַציע. ווער עס גלייבט אין גורל קאָן אפילו זאָגן, אַז עס איז געווען אַן אַנדערשקייט פון גורל און באַשערטקייט.

איז, ווייזט אויס, נישט באַשערט געווען דעם יאָדערדיקן, האַרעפּאַשנעם און פאַרוואָרצלטן יידישן ייִשוב אין דער אַמאָליקער רומעניע צו שפּילן אַזאַ ראָל און צו פאַרנעמען אַזאַ פּלאַץ אויף דער יידישער וועלטמאַפּע, ווי ס'האָט זיך געדאַכט, אַז עס קומט אים. און ס'האָט אים אפשר אויך געקומט.

ערשט נאָכן ערשטן וועלטקריג, ווען רומעניע איז געוואָרן אויסגע־ברייטערט מיט נייע שטחים, וועלכע האָבן פריִער געהערט צו עסטרייך־אונגאַרן און רוסלאַנד, איז אויך גרעסער געוואָרן די יידישע רומעניע. האָבן זיך גענומען דאָרט ווייזן נייע, פרישע און אפילו אַמביציעזע כוחות. טאַקע בעיקר אָט די נייע פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע כוחות האָבן געשטרעבט צו פאַרווירקלעכן דעם באַגער... און דער באַגער איז געווען — ווי עס זאָגט ביקל אין דעם אַריינפיר־וואָרט צו דעם בוך — „נאָך אַן אייגענעם באַלעמער אין רומעניע“, און דער ווילן צו „צעוויגן אונדזער אייגענעם שיינעם, טרויעריקן ניגון“, ווי דאָס האָט אין זיינס אַ ליד פּאָעטיש פאָרמולירט דער דיכטער יעקב שטערנבערג. אָט דער ווילן און די אַמביציע האָבן פאַראייניקט די אַלטע טוער פון דער פריערדיקער דורותדיקער

רומעניע מיט די פריש צוגעקומענע, וואָס האָבן פאַרמאָגט די מיושבדיקייט און באַזעסנקייט פון בעסאַראַביע און די באַוועגלעכקייט און לייכטקייט פון גאַליציע און עסטרייך.

ס׳איז געווען אַ גוטער, געראָטענער שידוך. ס׳איז דאָ געווען יִחוס און נדן, אַ יוסטע באַלעבאַטישקייט און בריהדיקע הענט. אָבער די פעלדער זענען געווען נאָך פאַרנאַכלעסיקטע און ס׳האָט זיך געפאָדערט אַ סך אָנשטרענגונג און מי ביז וואַנען מען זאָל קאָנען אַרויס אויפן גוטן שליאַך. אַז די וועלט, די יידישע וועלט, זאָל אָנערקענען די שעפערישקייט און די אויפטוען פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין רומעניע, איר ליטעראַטור און קולטור. שוין דער עצם געראַנגל און די כאַראַקטעריסטישע אַמביציעס אַרויסצופירן „דעם מיליאָניקן יידישן יִשוב פון פעריפעריע צו אייגענער צענטרישקייט, צו אַן אייגענער יידיש־געזעלשאַפטלעכער און יידיש־קולטורעלער צורה״ — אָט דער פאַרנעם האָט שוין געהאַט אין זיך די ווונדערלעכע העראָיִק און די וויטאַליטעט פון יידישן פאַלקסגעניוס.

שלמה ביקל איז אַליין אויך אַ צוגעקומענער אין רומעניע. ער איז אַ געבוירענער אין מזרח־גאַליציע. ערשט אין יאָר 1919 האָט ער זיך באַזעצט אין טשערנאָוויץ און שפּעטער אין בוקאַרעשט, ווו ער איז געוואָרן אַן אַדוואָקאַט. דאָ ווערט ער באַלד איינער פון די אַקטיווסטע בויער פון דער יידישער קולטור און ליטעראַטור. ס׳איז געווען אַן אויפבלי אויף אַלע שטחים. די יידישע רומעניע, באַטאָנט ער, „האָט אין דער קורצער צייט צווישן ביידע וועלט־מלחמות אפשר געמאַכט דעם סאַמע ערנסטן און אינטענסיווסטן אָנשטרענג פאַר די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר, אַראָפּצוזייגן פון אויס־לענדיש־אידעיִשע קעסט און צו פּרווון אויפשטעלן אַ יִשוב מיט אַן אייגן געזעלשאַפטלעך און שעפעריש פּנים״. און געשען איז עס דאָס רוב, ווען פונעם אַרום האָט געהויערט מיט אַנטיסעמיטיזם און מיט טעמפּער רעאַקציע.

עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז „רומעניע״ (איבער 400 זייטן), איז איינער פון ביקלס געראָטנסטע ביכער. נאָך מער, ס׳איז דאַכט זיך דאָס בעסטע און אַרומנעמיקסטע בוך אין יידיש וועגן דעם רומענישן יידנטום אין זיין מערקווערדיקער רענעסאַנס־עפּאָכע. רייך איז דאָס ווערק הן אין פּרט פון אינפאָרמאַציע, הן אין שילדערונג און באַטראַכטונג פון

דעם געשיכטלעכן גאַנג, און אזוי אויך אין מאָלן די געשטאַלטן פון יידישע שרייבער, פון אינטעלעקטועלע און פון די גייסטיקע פירער אין רומעניע אין די יאָרן פון ערשטן וועלטקריג, ביז אויפן שוועל פון יידישן חורבן אין מזרח־אייראָפּע.

ביקל פאַרמאָגט אַ נאַראַטיוון סטיל; ער איז דערציילעריש אפילו אין זיינע ליטעראַטור־קריטישע אַרבעטן. ער האָט אַ רייכע, בילדערישע שפּראַך, וואָס נערט זיך פון זיין אַמאָליקער וואַרעמער היים אין גאַליציע און איז געבענטשט מיט דער לויטערקייט און געשליפנקייט פון אונדזער מאָדערנעם יידיש. פאַרשאַפט עס ממש אַ באַזונדערן געַנוס דאָס לייענען די קאַפּיטלען, וואָס שילדערן גאָר אָפּט דעם פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן געראַנגל. מיר טרעפן דאָ אָפּגעפרעמדטע יידן און מיר דערשפּירן נישט ווייניק דעם ביטערן טעם פון טיפּישן רומענישן אַנטיסעמיטיזם, וועלכן עס האָבן צו מאָל געפלעגט אויך אינטעלעקטועלע און קינסטלער, ווי דער פּאָעט גאָגאַ, דער אינערן־מיניסטער פּראָפעסאָר קוזאַ, און דער יונגער טעאָרעטיקער פון דער אייזערנער גוואַרדיע פּראָפעסאָר יאָנעסקו און די אַלע זייערע נאָכפאָלגער.

פון דעם בוך ווערן מיר טאַקע געוואָר, וואָס דאָס יידישע רומעניע האָט געהאַט אויסצושטיין פּאָליטיש און עקאָנאָמיש פון די אַלע אַנטיסעמיטישע רעזשימען און קליקעס. אָבער דער גרויסער באַדייט און ווערט פון דעם בוך איז אין די געטרייע שילדערונגען און אָפּשאַצונגען פון די נאַציאָנאַלע אויפטועןפון רומענישן יידנטום. מיר באַקומען אַ בילד פון די פּרוּוון און פאַרמעסטן, פון די דורכפאַלן און אַנטווישונגען און, דער עיקר, פון דער וואַכזאַמקייט פון די טוער און פירער פון די יידן אין דעם לאַנד. ס׳איז די געשיכטע פון דער סאַמע רירעוודיקסטער און רעוואָלוציאָנערער תקופה אינעם רומענישן יידישן לעבן, און ביקל האָט מיטגעלעבט און מיטגעווירקט אין דער דאָזיקער תקופה. ער באַשרייבט טאַקע די אַלע פאַרלויפענישן מיט אַ קענטיקער מאָס בענקשאַפט, מיט אַ שמץ פון צעפּיבערטער שטימונג, אָבער דער אָפּשטאַנד און צוריקבליק דורך יאָרן דערמעגלעכט אָביעקטיוו צו באַטראַכטן און פאַרשעריש דורכצודרינגען סיי די פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן פאָרמירט דאָס יידישע לעבן אין רומעניע, סיי זייערע טאַטן און מיינונגען.

דאָס בוך האָט דריי אָפּטיילונגען און זיי הייסן: „קאַמף פאַר יידישע

רעכט", „אויף דער יידישער גאַס" און דער גרעסטער אָפּטייל — „יידישע שעפערישקייט". דאַרף נאָך דערמאָנט ווערן די ביבליאָגראַפיע צום סוף פון בוך, אַ רשימה פון זעכציק יידישע ביכער, דערשינענע אין רומעניע, וועלכע געפינען זיך ביים מחבר און שטעלן מיט זיך פאָר אַן אינטערעסאַנטע זאַמ־לונג פון יידישן וואָרט אין רומעניע.

ביקל דערציילט וועגן געשעענישן, וואָס זענען זיך בעיקר פאָרלאָפן פאַר העכער צוויי צענדליק יאָר, אין די יאָרן, ווען ער איז געווען אַ תושב אין רומעניע. מיר לייענען וועגן מענטשן, מיט וועלכע ער איז געקומען מער־ווייניקער אין באַרירונג, אָבער די געשיכטלעכע פאַקטן, וואָס ער ברענגט, ציען זיך אַ סך ווייטער און טיפער אין דער פאַרגאַנגענהייט. אָט שילדערט ער, אין דעם ערשטן קאַפּיטל, די פערזענלעכקייט און די סביבה פון ד"ר אדאָלף שטערן, וואָס איז געווען אַן אַדוואָקאַט און אַ שרייבער אין בוקאַרעשט אין דער צווייטער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט. אַן אייגנ־אַרטיקע געשטאַלט פון אַ פּראָמינענטן יידישן טוער וואָס האָט אין יאָר 1879 געהאַט דעם מוט צו פאָדערן ביים פּאַרלאַמענט אָפיציעלע בירגעררעכט פאַר יידן און האָט עס אויך דערגרייכט.

כמעט אַלע קאַפּיטלען אינעם בוך — די שילדערונג פון מענטשן און געשעענישן, קאָנפליקטן און פּראָבלעמען פון יענעם צייטאָפּשניט — וואַקסן אַרויס פון דער מיליע און פון דעם היסטאָרישן קלימאַט פון דער אַמאָליקער רומעניע, וואָס איז באַשטאַנען פון די צוויי פּראָווינצן: מאָלדאַ־וויע און וואַלאַכיע. דאָס איז די עפּאָפּעע פון יידישן קולטור־אויפשטייג אין דעם לאַנד, וואָס האָט אויסגעוויגט יידישן טעאַטער און דעם אויפגאַנג פון דער יידישער וואָרטשאַפונג אין רומעניע. ביקל פירט אונדז אַוועק צו די ערשטע, צו די פאָלקסדיכטער וועלוול זבאַרזשער, צו שמשון פערשט און זעליג באַרדיטשעווער, דעם „סיגעטער שלום־עליכם". און אַזוי, שטאַפּל צו שטאַפּל, דערגייט ביקל ביז צו די מאָדערנע דיכטער און דערציילער, ביז איציק מאַנגער און יעקב שטערנבערג, אליעזר שטיינבאַרג, יעקב גראָפּער, משה אַלטמאַן און יעקב פרידמאַן. זייער אַריינטריט אין דער יידישער ליטע־ראַטור האָט טאַקע בשעתו אָנגעוויעט מיט דעם רייץ פון יידישער אַלט־רומענישער מעלאַדישקייט.

עס קומען אויף פאַר אונדז פון דעם בוך די פּאָרטרעטן — און זיי זענען מער ווי פּאָרטרעטן — פון די באַוווּסטע יידיש־רומענישע פירער און פּאָלי־טיקער ווי ד״ר ווילהעלם פילדערמאַן, וועלכן ביקל רופט אָן „דער לואי־מאַרשאַל" פון רומעניע. און דאָ איז אויך זיין אייביקער אָפּאָנענט, דער ציוניסטישער טוער אברהם לייב זיסו, וועלכער איז נאָך זיין באַפרייונג פון תפיסה אין דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער רומעניע געקומען קיין ישראל. אָבער דאָ האָט ער שוין נישט זוכה געווען צו געניסן קיין סך פון דער פאַרערונג, וועלכע די אָפּשטאַמיקע פון רומעניע האָבן אים בשפע צוגע־טראָגן...

און אָט איז דער זינגער יאָזעף שמידט, דער זון פון דער ביטערסטער יידישער אָרעמקייט, וואָס האָט געמאַכט אַ וועלט־קאַריערע און אַזוי טראַגיש פאַרענדיקט צו 38 יאָר. מיר לייענען פון דעם רב הכולל פון בוקאַרעשט ד״ר יעקב יצחק נעמיראָווער און פון דעם פירער פון „בונד" ד״ר יעקב פּיסטינער און דעם פּאָעט און געלערנטן באַרבו לאַזאַרעאַנו, וועמענס פריערדיקער נאָמען איז געווען אברהמל לאַזאַראָוויטש, אַן אָפּשטאַמיקער פון דער יידישער געדיכטעניש אין באָטאָשאַן. ער איז געוואָרן רומעניעס אָנער־קענטסטער ליטעראַטור־ און קולטור־פאָרשער. אָבער איז דען מעגלעך אויסצורעכענען די אַלע, וועלכע ביקל ברענגט אַרויס און שילדערט אין זיין בוך? עס איז אַ גאַלעריע פון געשטאַלטן, וואָס האָבן געשאַפן יידישע נאַציאָ־נאַלע קולטור און ליטעראַטור, יידיש לעבן אין רומעניע.

שלמה ביקל האָט אָט די תקופה נישט נאָר רירנדיק און געטריי פאַראייביקט, ער האָט אויך מתקן געווען אַ בלויז, וואָס האָט זיך גאָר שטאַרק געפילט אין אונדזער היינטצייטיקער יידישער קולטור־געשיכטע.

פיאָנערן פון אַ גרויסער תקופה

(„יידישע נאַפט־מאַגנאַטן" פון י. הירשהויט)

ווער ווייסט עס נישט, וואָס פאַר אַ ראָל עס שפּילט היינט נאַפט אין עקאָנאָמישן לעבן פון לענדער און פעלקער? און נישט נאָר אין עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכן לעבן. נאַטור־אוצרות זענען מסוגל צו פאַרשאַפן פריינד און פיינד; זענען בכוח ברענגען צו איבערקערענישן און פּאָליטישע רעוואָ־לוציעס. די קלענסטע מדינות זענען זיי בכוח צו געבן אַנזען, אַזאַ מאַכט און קראַפט, וואָס אַן אָט דעם פליסיקן גאָלד וואָלטן זיי עס אין זייער שענסטן חלום נישט געזען.

נאַפט איז געוואָרן אַ דיקטאַטאָר. נאַפט צווינגט זיך צו רעכענען נישט נאָר מיט די אָפּגעשטאַנענסטע לענדער, דער אָ טייערער אַרטיקל צווינגט־אָן זיך צו רעכענען מיט די טונקעלע גלוסטעניש פון די פּרימיטיווע און כיטרע באַטאַבלען, הערשער און פירער. וואָס וואָלט, אַ שטייגער, די קעניגלעכע משפחה פון סאַודיע צי פון קווייט געווען אָן דעם גאָלד, וואָס פליסט פון איר ערד?

איז דען אַ חידוש, וואָס ס'איז פאַראַן אַזאַ גייעג נאָך נאַפט, אַזאַ באַגער צו געפינען נאַפט, — וואָס אויסער עשירות ברענגט עס אויך חשיבות אין דער וועלט פון פּאָליטיק און סטראַטעגיע?

מיר האָבן געוווסט פון דעם אַנטייל פון יידן אין דער נאַפט־אינדוסטריע אין אַמאָליקן גאַליציע, ווי אין באָריסלאַוו, אין דראָהאָביטש. מיר האָבן געוווסט פון דער פּיאָנערישער אַרבעט וואָס יידן האָבן דאָרט אַריינגעלייגט מיט זייער מי, עקשנות און פלייס. דער אָ בוי איז פריער אָנגעגאַנגען אין קיר"ה, עסטרייך, און נאָך דעם אונטער דער ממשלה פון פוילן, און שוין מיט באַגרענעצונגען, פאַרשטייט זיך. אָבער אַזאַ שילדערונג פון דער יידישער טעטיקייט, איר אויפקום, כאַראַקטער און אַנטוויקלונג, ווי דאָס גיט י. הירשהויט אין זיין ווערק „יידישע נאַפט־מאַגנאַטן", איז ממש אַן אַנט־

פלעקונג. י. הירשהויט דעקט דאָ אויף אַ נייעם געביט, אַ נייעם שטייגער און אימפּעט, אַ נייעם באָדן, „וואָס איז שטענדיק געווען איינגעהילט אין אַ דינעם רויכשלייער און ווו די לופט איז אָנגעפּולט געווען מיט שאַרפע ריחות פון ערדגאַז און פאַרברענטער שוועבל".

און דער באָדן האָט געלאָקט, געצויגן און געמאַניעט, דערהויבן און פאַרפירט. מענטשן זענען נתעשר געוואָרן און מענטשן זענען איבער נאַכט געוואָרן בדיל הדל. אַ שטענדיקער וועטגעיעג, אַ האַזאַרדשפּיל. אָט די סטיכיע האָט שוין לכתחילה געטראָגן אין זיך דער ניי־אַנטדעקטער ערד־אייל, וואָס אַ זון פון אַן אָרעמען חסידישן ייד, אַ זון פון אַ פאַרמאָרעוועטן ליכטציער האָט אויסגעפונען אונטער דער דורותדיקער טונקל־ברוינער קלעפּיקער בלאָטע פון באָריסלאַוו.

ס'איז ביז גאָר טשיקאַווע און ניי י. הירשהויטס שילדערונג פונעם „בראשית פון פליסנדיקן גאָלד". ס'איז אַ כמו־היסטאָרישער אַריינפיר צו דער עפּאָפּעע פון דער נאַפט־תקופה, פון די יידישע נאַפטמאַגנאַטן, די יידישע קאַשערניקעס און געוואַגטע גרובן־אַרבעטער. ס'איז דער בראשית פון דער גורלדיקער נאַפט־עפּאָכע אין אייראָפּע. אויפגעמאַכט האָט עס אין מיטן פון פאַריקן יאָרהונדערט דער חסידישער יונגער־מאַן אברהמלע שריינער אין אַ פאַרוויסטן, אָפּגעלעגענעם גאַליציאַנער דאָרף. „די באָריס־לאַווער בלאָטע, וואָס איז פאַר דורות געווען אַ קללה, איז במשך פון אַ גאָר קורצער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ברכה. אַ שטראָם פון גליקזוכער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין דעם פאַרוואָרפענעם דאָרף באָריסלאַוו. מ'האָט גענומען שעפּן דעם נאַפט פון זיינע רייכע קוואַלן".

ביז צו די יאָרן פונעם צווייטן וועלטקריג האָבן יידן געשפּילט אַ וויכ־טיקע ראָלע נישט נאָר אַרום די קוואַלן, נאָר טאַקע ביי די קוואַלן. געווען פאַכקענער, כעמיקער און הויך קוואַליפיצירטע נאַפטלייט. ס'האָבן נאָך געלעבט ביי דער נאַפט־אינדוסטרי די זין און אייניקלעך פון די דראָהאָ־ביטשער און באָריסלאַווער תושבים, וועלכע האָבן פאַרלייגט די ערשטע וואַקס־קאַשערעס, געשאַפן די ערשטע פּרימיטיווע נאַפט־אונטערנעמונגען, געקויפט די ערשטע טערענס. ווי אומעטום, זענען אויך דאָ די פרנסה־צוויגן

אַריבער בירושה. די קינדער האָבן די אונטערנעמונגען פונאַנדערגעאַרבעט, אויסגעברייטערט. עס זענען אויפגעקומען מאָדערנע ראַפּינעריעס, פאַבריקן. ביי אַנדערע האָט זיך דאָס מזל אַ דריי געטאָן פאַרקערט און ס׳איז זיך צעפאַלן דאָס פאַרמעגנס, געוואָרן פרוך און פראַך. ס׳זענען אויסגעטריקנט געוואָרן די פעלדער, וואָס זענען געבענטשט געוואָרן מיט אַזאַ קוועליקער און סכנהדיקער ברכה. אָבער דער באָדן האָט געהאַלטן לעבן זיך, געצויגן צו זיך. אַ קליינע צאָל יידן האָט אין די באָריסלאַווער נאַפט־ראַפּינעריעס נאָך געאַרבעט בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע. דאָס איז געווען אַ רעשטל יידן פון די טויזנטער און טויזנטער יידישע פאַכאַרבעטער אין דער נאַפט־אינדוסטרי. דאָרט האָט אויך געאַרבעט אַן אייניקל פון אברהם שריינער, וואָס האָט נאָך געדענקט זיין זיידן. דער אַנטדעקער פון נאַפט אין אייראָפּע איז געווען באַקאַנט ווי אַ פרומער ייד, מיט אַ גרויסער באָרד און פאות. די דייטשע וויסנשאַפטס־לייט האָבן אָבער אין פאַכצייטונג דערקלערט דעם אויסגעפינער פון נאַפט ווי אַ „פאָלקסדייטש מיטן נאָמען שריינער״. אַזאַ פאַלסיפיקאַט אין דעם ים פון דייטשן מאָרד און רציחה איז, אַ שטייגער, ווי אַנטדעקן אַ פּגם אויף דער זעג. און דאָך באַווירקט דער דאָזיקער אויטענטישער פאַקט, וועלכן ס׳ברענגט י. הירשהויט, מיט זיין טראַגישער סימבאָליק, ווי ס׳איז צעטראָטן געוואָרן דער שעפערישער אָנדענק פון יידישע פּיאָנערן אין אייראָפּע.

דאָס זענען געווען יידישע פאָלקסמענטשן, וואָס בסך־הכל מיט געצייל־טע יאָרן צוריק האָבן זיי געלעבט אַ שווער און איינטאָניק לעבן אינעם דאָרף, וואָס איז געווען „אַ דאָרף פונקט ווי אַלע אַנדערע דערפער פון יענעם צוריקגעשטאַנענעם קאַרפּאַטן־ווינקל. פאַראָרעמט און פאַרמרה־שחורהט, מיט איינגעהויקערטע הייזקעס און פאַרבלאָטיקטע וועגן״. פון יענעם קאַרפּאַטן־ווינקל פירט אַרויס י. הירשהויט וווּנדערבאַרע יידישע טיפּן. פון דאָרט שטאַמט משה גאַרטנבערג, דער אַמאָליקער מילכיונג און דער שפּעטערדיקער נאַפטקעניג. פון דאָרט קומט די האַרציקע יידישלעכע און אידעלע נאַטיליע, וואָס ביי איר גאַנצער עשירות איז זי פאַרבליבן די באַשיידענע פרוי מיט שטענדיקער זאָרג פאַר די שטעטלשע אָרעמע־לייט. דאָרט אינעם דאָרף דערקענען מיר משהס טאַטן, דעם שענקער, וואָס איז

נעבעך געבליבן אָן פּרנסה. ס'איז דער טיפּאַזש פון אַ פאַרוואָרצלטער סביבה, אַן אומעטיקע סביבה מיט זאָרגן און געראַנגלען פאַר פּרנסה.

י. הירשהויט ווייזט אונדז די נאַפּטמענטשן, די נאַפּט־עשירים, נישט נאָר אין זייער אומרויִקן גײַעג נאָך נײַע טערענען, אין זייער אומברחמנות־דיקן ווילן אומצוברענגען אַלץ וואָס שטייט זיי אין וועג. ער ווייזט אונדז און שילדערט אונדז זייער קינדהייט, זייער סביבה, די אַמאָליקע היים. מאַכט דעם ווערק טעמיקער און דערציילעריש פאַרטיפטער. שפּעטער גייען די העלדן שוין אַריין אין דעם קאָפּשווינדלדיקן האַזאַרד פון אַקציעס, פעל־דער, נאַפט, באַגלייט מיט פאַרשיכורטע נצחונות, מיט דער הילף פון געדונגענע אונטערפירער, אונטערשמירער, מוסרים, „טשינאָווניקעס" און שלעגער, דאָך גיט אָבער אָפט אַן אָטעם פון זיי אָט יענע פאַלקסטימלעכקייט, די יידישע חנעוודיקייט, וואָס זיי האָבן איינגעזאַפּט אין דער היימישער טאַטע־מאַמע שטוב.

אינעם בוך באַקענען מיר זיך מיט אַ מערקווערדיקער וועלט. אַ מערק־ווערדיקער און אייגנאַרטיקער עולם, אַ שלל פון טיפּן און געשטאַלטן; מענטשן מיט קעגנזאַצלעכע כאַראַקטערן און באַנעמונגען. אָבער כמעט אַלעמען פאַראייניקט איין ווילן און באַגער — נאַפט. ווי אַ געניטער קענער פון דעם שטח, פון דער ספּערע, שילדערט הירשהויט די אַלע עלעמענטן, מאָטיוון און מאָמענטן, וואָס האָבן געבילדעט און אַרויפגעאַרבעט דעם מעכטיקן אינדוסטרי־געביט — באָריסלאַוו.

שוועַר אָפּצוטיילן דעם געשיכטלעכן אמת, די פאַקטן, אויף וועלכע י. הירשהויט האָט אויפגעבויט זיין ווערק, פון די דערציילעריש־וויזיאָנערישע עלעמענטן, וועלכע ער האָט איינגעגלידערט. זענען אפילו פאַראַן טייל מאָל נעפּלדיקע שורות און שטויביקע זאַצן, איז אָבער דאָס גאַנצע ווערק האַר־מאָניש און צונויפגעוואָקסן. דאָ פילט מען אַרויס דעם אָטעם פון צייט, פון באָדן און פון טיפער וואַרהאַפטיקייט.

דאָ, ביי „די יידישע נאַפּט־מאַגנאַטן", שפּירן מיר דעם אומבייט פון תקופות. צוזאַמען מיט פאָליטישע מאַכינאַציעס פון די תקיפים, וואָס האַלטן דעם גאַנצן ראַיאָן אין האַנט, גייט אויף אויך דער געזונטער, נאַטירלעכער דראַנג צו פאָלקישער זעלבשטענדיקייט, נאַציאָנאַלע דערוואַכונג. ס'ווערט

פֿאַמעלעך, אָבער בהדרגהדיק צעטרייסלט די מאַכט, וואָס עס האָט אויפֿגעשטעלט אינעם נאַפּטראַיאָן יאַנקל גאַרשטיין מיט דער הילף פֿון נאָך אַזעלכע תקיפֿים ווי ער, דערצו אָבער אויך מיט דער הילף פֿון די פּוילישע און פֿאַרקויפֿטע רעגירונגס־באַאַמטע. שטייגעריש קומט דאָ אויך צום אויסדרוק די פֿאַרביטערונג פֿון די טויזנטער און טויזנטער אַרויסגעשטויסענע יידישע אַרבעטער, בעלי־מלאכות, וואָס די נייע פֿאַבריקן מיט יידישע באַלעבאַטים האָבן נישט געוואָלט זיי מער אָננעמען.

אין דער לופֿט פֿילט זיך שוין צוזאַמען מיט דעם רוף צום אייגנדיקן נאַציאָנאַלן לעבן אויך דער פֿרייהייטסרוף. איינציייטיק האָבן זיי זיך צונויפֿגעטראָפֿן, זיך געטראָגן פֿון דער ווייט און האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויך אויף יענעם גינסטיקן באָדן אין גאַליציע.

וווּנדערלעך זענען די קאַפּיטלען פֿון באַריסלאַווער אויפֿקום, די גלענצנדיקע שילדערונגען פֿון דער יידישער מיליע, פֿון יידישן כלל — יידישע משפּחות, האַרעפּאַשניקעס און נאַפּט־עשירים. אָנגעזאַפּטע מיט יידישער ווירקלעכקייט זענען אויך די קאַפּיטלען פֿון געזעלשאַפֿטלעכן און פּאָליטישן רענעסאַנס פֿון אָנהייב היינטיקן יאָרהונדערט, ווי ס׳ברענגט זיי י. הירשהויט.

דאָס ווערק „יידישע נאַפּט־מאַגנאַטן״ איז, אַחוץ זיין רייכן טעמאַטישן שטאָף, געשריבן מיט אַזוי פֿיל שווונג, פֿאַרבעם און אינערלעכער דינאַמיק. ס׳וואָלט אָן ספֿק פֿאַראינטערעסירט אויך דעם לייענער אין אַנדערע שפּראַכן. אָבער צום אַלעם ערשטן וואָלט דאָס בוך נייטיק געווען צו איבערזעצן אין העברעיש. דער הי געבוירענער און הי דערצויגענער וואָלט דערקענט אַ גרויסן און וויכטיקן געביט וואָס יידן האָבן געשאַפֿן און אַנטוויקלט.

אַ היסטאָריש בוך

(מאַרק טורקאָוס „די לעצטע פון אַ גרויסן דור")

די ביכער־סעריע „דאָס פוילישע יידנטום", וואָס דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון די פוילישע יידן אין אַרגענטינע האָט אַרויסגעגעבן, האָט זיך אָנגעהויבן מיט מאַרק טורקאָוס אַ באַשרייבונג פון אַ ניצול־געוואָרענער פרוי, וואָס האָט נאָך דער באַפרייונג זיך דערשלאָגן קיין אַרגענטינע און דאָרט דערציילט וועגן איר יסורים־וועג בעת די היטלער־יאָרן. פון אָט דעם ערשטן בוך „מלכה אָושיאַני דערציילט..." ביז דעם איינציקאַרטיקן בוך „די לעצטע פון אַ גרויסן דור", אויך פון מאַרק טורקאָוו, האָט דער פאַרלאַג געבראַכט נישט נאָר די בלעטער פון פיין און יסורים פון יידישן פאָלק אין איראָפּע, זכרונות און שילדערונגען פון דער תקופה פון לעצטן חורבן — נאָר אויך ווערק פון יידישע שרייבער־קדושים, וועמענס שאַפונגען ס׳זענען פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט זיי, און ביכער, וואָס דערציילן וועגן יענע יאָרן, ווען דער מעכטיקער יידישער יישוב אין פוילן האָט געלעבט, געהאָפט און זיך געראַנגלט אין די הונדערטער און הונדערטער שטעט און שטעטלעך...

צווישן דעם ערשטן בוך פון מאַרק טורקאָוו און זיין לעצטן, מיט וועלכן ס׳ווערט אָפּגעשלאָסן די הונדערט ביכער פון פאַרלאַג, ליגט אַן אוצר פון יידישן וויסן, מחשבה און געמיט, אַ לעבן, וואָס גייט אויף מיט פרייד פון באַשאַף און ווערט ווי פאַרטרונקען אין טיפער עצבות פונעם היינט, אין דער טראַגיק פון דער לעצטער תקופה.

„די לעצטע פון אַ גרויסן דור" זענען מאָנאָגראַפיעס וועגן יידישע משפחות אין דער שטאָט וואַרשע. משפחות מיט אַן אייגענעם לעבנסאַרט און לעבנס־שטייגער. ווי ביי יעדן פאָלק, האָבן זיך אויך ביי יידן אַרויסגעהויבן משפחה־דינאַסטיעס, וועלכע האָבן אין משך פון דורות אָפּגעצייכנט זייער השפעה אויפן געזעלשאַפטלעכן, עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכן, רעלי־

גיעזן און גייסטיקן לעבן פון פאָלק. פון די עלטסטע צייטן אין אונדזער געשיכטע ביזן היינטיקן טאָג זענען מיר דאָך עדות, ווי קראַפט און מאַכט גייט איבער בירושה; ווי אָט די ירושה ווערט אַ מאָל פאַרטיפט און אויסגעברייטערט, אָדער זי ווערט גאָר פאַרפלאַכט און צעטרענצלט, און דאָס דעראָבערטע פון דורות ווערט ממש אַש און שטויב. דאָס איז שוין אַ באַקאַנטער שטייגער־פּראָבלעם. נישט אומזיסט זענען די פּראָצעסן און אומוואַנדלונגען פון משפחות אַזוי אָפט אויסגענוצט געוואָרן ווי אַ גוטער בעלעטריסטישער שטאָף אין דער וועלט־ליטעראַטור און אין דער ליטעראַטור ביי יידן.

מאַרק טורקאָווס באַשרייבונגען פון די רייכע, השפעהפולע און צווישן זיי אַסימילירטע פאַמיליעס פון דער אַמאָליקער גרעסטער יידישער קהילה אין איראָפּע איז אַ שטיק געשיכטע פון אַ באַדייטנדיקן קלאַס אינעם פּוילישן יידנטום. אַ קלאַס, וואָס האָט אין משך פון עטלעכע דורות געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אינעם יידישן לעבן, געווען אָנזעעוודיק מיט זיין גבירישאַפט, מיט זיין געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט און מיט זיינע אַסימילאַטאָרישע אַמביציעס. און הגם דער דראַנג צו אַסימילאַציע און דער ווילן זיך אָפּצופרעמדן איז געווען ביי די לעצטע פון די וואַוועלבערגס, ווי ביי די זין פון די אייגערס, איז דאָך פאַראַן אַ קענטיקער אונטערשיד צווישן זיי אינעם כאַראַקטער און אופן, אינעם באַנעם און אויפפירונג.

טורקאָוו שילדערט דעם אָפּשטאַם, דעם אויפשטייג, די אַנטוויקלונג און דעם אויסלאָז און פונאַנדערפאַל פון די דאָזיקע נאָטאַבלע משפחות. טורקאָוו אַליין איז אַ זון פון אַן איינגעזעסענער וואַרשעווער פאַמיליע, קען ער נישט נאָר גרינטלעך די געשיכטע פון וואַרשעווער יידישן יישוב, נאָר מען שפּירט אַרויס זיין אינערלעכן אָפּשיי, דעם אומעט און אומרו, וואָס יווירט אין אים ביים באַשרייבן „די לעצטע פון אַ גרויסן דור”. אָבער — להיפוך צו דעם, ווי ס'קאָן זיך דאַכטן — גראָד דורך דעם וואַרעם־סוביעקטיוון טאָן, וואָס באַגלייט די באַשרייבונגען, גייען־אויף בולטער און ברייטער דאָס בילד, די צייט, די באַדינגונגען און עס ווערט נישט געמינערט זייער געשיכטלעכער ווערט.

טורקאָוו האָט דעם רוב פון די משפּחה־מיטגלידער געקענט פון דער

באָענט, געקומען מיט זיי אין באַרירונג, ווי אַ צייטונגס־מענטש און עסקן, בפרט בעת זיינע לעצטע יאָרן אין וואַרשע. אין יענע יאָרן איז די אַמאָליקע אַסימילאַטאָרישע פעסטונג שוין געלעגן אַ צעטרייסלטע. די נאַצי־תורות האָבן זיך גערן אָנגענומען אין לאַנד פון דער ווייסל און די אידעען פון די יידן־פּאַליאַקן און „פּאַליאַקן פון משהס גלויבן" האָבן זיך געוואַלגערט צעטראָטענע און צעשטויבטע. טורקאָוו שילדערט בילדעריש, ווי אַזוי די נייע ווירקלעכקייט האָט געווירקט אויפן אַרט דענקען פון דעם לעצטן הייפל אַסימילאַטאָרן אין וואַרשע. אַזוי דערציילט ער בהרחבה וועגן דער משפחה אייגער, וועגן די וואַוועלבערגס, וועגן די בערגמאַנס — זין און אייניקלעך פון יידן־גבירים, וואָס זייער רייכקייט האָט זיי געפירט צו פאַרפרעמדונג, וואָס זייער נגידישאַפט האָט זיי דערוויטערט פון שטאַם. זיי, וואָס האָבן אַזוי געגלייבט אין דער נייטיקייט און אינעם כוח פון אַסימילאַציע, האָבן זיך מיט אַ מאָל דערזען אויסגעהוילטע און אָפּגענאַרטע, אפילו פון זייערע באַענטע פוילישע פריינד.

איינע פון די אינטערעסאַנטסטע מאָנאָגראַפיעס איז די מאָנאָגראַפיע וועגן דער פאַמיליע אייגער, וועמענס שטאַמפאָטער ס'איז געווען דער באַרימטער פויזנער רב ר' עקיבא אייגער.

טורקאָוו שילדערט די הויפּטמיטגלידער פון דער משפחה, זייער גאַנג און אויפשטייג, זייערע אויפטוען און דערגרייכונגען, זייערע אַמביציעס און קאָמפּלעקסן. בהדרגהדיק דערפירט ער ביז די לעצטע פון דעם אייגער־צווייג, מיט וועמען ער איז אין אַ טראַגישער און גורלדיקער צייט געקומען אין פערזענלעכן קאָנטאַקט. מיט עמאָציאָנעלער שפּאַנונג דערציילט טורקאָוו וועגן די לעצטע וואַרשעווער אייגערס, וועגן דער מוטער דיאַנאַ, וועלכע ווערט אַריינגעצויגן אין יידיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, קומט אויף יידישע פאַרזאַמלונגען, ווידמעט זיך יידישע הילפאַרבעט און דערפילט אַליין אַזוי טראַגיש דעם סוף, ווען איר זונדל קאַזשימיעזש, אַן אוראייניקל פון גרויסן רב, שמדט זיך, נאָך זייענדיק אַ שילער, בכדי זיך צו פילן באַקוועמער צווישן זיינע קריסטלעכע חברים. אויך די אַנדערע צוויי קינדער פון באַלעסלאַוו און דיאַנאַ אייגער האָבן זיך געשמדט, דער עלטערער זון, וואָס האָט געשריבן פוילישע לידער און עסייען און זיך גערופן סטעפאַן

נאַפּיערסקי און די טאָכטער מאַרילאַ, וועלכע האָט יאָרן זיך אָפּגעוואָלגערט אין די שווערע פּוילישע תּפיסות פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט.

איין מאָל — דערציילט טורקאָוו — קומענדיק צו אַ זיצונג, האָט אים פּרוי אייגער איבערגעגעבן בסוד־סודות, „אַז עס איז געקומען צו איר אין וווינונג אַ פּוילישער אַרבעטער, עפּעס אַ פּרימיטיווער יונג מיט ביינער, ווי זי האָט עס געזאָגט, און געבראַכט אַ בריוול פון איר טאָכטער, וואָס האָט זיך דאָן, לויט אַ געריכטס־אורטייל, געפונען אין דער פּרויען־תּפיסה אין בידגאָשטש, און ער האָט דערקלערט, אַז מאַריאַ האָט מיט אים חתונה געהאַט און ביי דער „שוויגער" געפאָדערט געלט, אַ גרעסערע סומע, אויפן חשבון פון דער ירושה, וואָס עס קומט דער טאָכטער... — וואָס זאָגט איר צו דעם איידעם פון ר׳ עקיבא אייגערס אוראייניקל?... — האָט זי געפרעגט מיט וויטיק און סאַרקאַזם".

צוזאַמען מיט פּרוי אייגער האָט זיך דערנענטערט צו די פּראָבלעמען פון יידישן כּלל איר פּלימעניק אַנטאָני אייגער, ער איז געווען פריער אין גאַנצן פאַרפּויליטשט און זיך אָפּגעגעבן בלויז מיט זיינע ענינים, ווי אַ דערפאָלגרייכער כעמיקער. אַנטאָני אייגער האָט זיך אויסגעלערנט יידיש, געוואָרן אַ מיטגליד פון דער יידישער אַגענץ, באַזוכט עטלעכע מאָל ארץ־ישראל און געפּלאַנט אויסצובויען גרעסערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין לאַנד. ער איז געווען מסתּמא דער איינציקער און לעצטער פונעם אייגער־שטאַם, וואָס האָט באַזוכט די פּויזנער שול און איז געזעסן אויף דער שטול, אויף וועלכער ס'איז מיט דורות צוריק געזעסן זיין גרויסער זיידע ר׳ עקיבא.

פון די אייניקלעך און אוראייניקלעך פון די אייגערס, וועלכע האָבן געלעבט אין וואַרשע, איז פאַרבליבן נאָר דער יינגסטער, קאַזשימיעזש. אויך ער האָט דערפילט דעם ביטערן טעם פון פאַרפאָלגונג און נע ונד. אין די אָנהייב מלחמה־יאָרן איז ער געווען אויף אַ שיף צוזאַמען מיט אַנדערע פיר צענדליק פאַרצווייפלטע פּליטים, וועמען קיין איינע פון די דרום־אַמעריקאַנער מלוכות האָט נישט געוואָלט אַריינלאָזן. טורקאָוו גיט איבער וועגן די באַמיונגען, וואָס די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט געמאַכט, כּדי צו העלפן די אומגליקלעכע פּליטים פון דער שיף „דער עק פון דער גוטער האָפענונג" און אויך וועגן זיינע פּערזענלעכע באַמיונגען לטובת דעם

יונגן אייגער. עטלעכע יאָר שפּעטער האָט שוין אייגער די אַלע באַמיונגען נישט געדאַרפט. ער האָט שוין נישט נייטיק געהאַט זיך צו פאַררופן אויף דעם ייִחוס פון זיין משפחה און פון זיין גרויסן זיידן ר׳ עקיבא. להיפּוך, אָט דער ייִחוס וואָלט זיכער אין זיין נייער סביבה, אין אַ יעזוּיטן־קלויסטער אין באָגאָטאָ, געווען פאַר אים אַ שטער...

ס׳איז ביז גאָר טשיקאַווע, ווי אַזוי די אַסימילאַנטן האָבן געבויט אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס, שפּיטעלער און שולן, פאַרשטייט זיך, אין גייסט און כאַראַקטער פון זייערע אידעען. אָבער אַזעלכע פילאַנטראָפּן און געזעלשאַפטלעכע טוער, ווי די וואַווערלבערגס און די בערגמאַנס, האָבן דאָך געטאָן קאָנסטרוקטיווע און וויכטיקע אַרבעטן אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. ביז היינט טראָגט אַ „ייקאָ״־קאָלאָניע אין אַרגענטינע דעם נאָמען „וואָוועלבערג״ — ער האָט פינאַנסירט די ערשטע קאָלאָניסטן.

מיט אַ סך וואַרעמקייט דערציילט מאַרק טורקאָוו די געשיכטע פון די יידישע משפחות דאַווידזאָן און שערעשעווסקי, וועמענס אָנזען ס׳איז געווען גרויס סיי אויפן עקאָנאָמישן געביט, סיי אין פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון יידן אין פּוילן. וועלכער ייד האָט עס נישט געוווּסט וועגן דער שערעשעווסקי־באַנק און וועגן סענאַטאָר דאַווידזאָן? ווער האָט עס נישט געהערט פון דעם מערקווערדיקן עסקן און אויגן־דאָקטער נח דאַווידזאָן?

טורקאָוו ברענגט אַרויס כאַראַקטעריסטישע פּרטים און פּאַסירונגען פון זייער לעבן. טייל קאַפּיטלען, די שילדערונגען פון די מענטשן, זייערע טווּנגען און די ספערן, אין וועלכע זיי האָבן פאַרקערט, לייענען זיך ווי גוטע דערציילונגען, הגם ס׳איז גאָר קיין ספק נישט, אַז אין זיי איז אָפּגעהיט דער געשיכטלעכער אמת.

טורקאָוו האָט מיט זיינע מאָנאָגראַפיעס אָפּגעראַטעוועט פון פאַרגעסנ־קייט אַ שיכט מענטשן, וועמענס גורל ס׳איז געווען — דער גורל פון פּוילישן יידנטום. מיט דעם בוך איז ער אויך אויסן געווען זיינס אַ געזעלשאַפטלעכע כּוונה, דהיינו: אַז די רייכע יידן אויף דעם נייעם קאָנטינענט, די יידישע משפּחה־דינאַסטיעס, וואָס ווערן דאָרט איצט אויפגעשטעלט, זאָלן אַרויסציען פון די געבראַכטע „עפּיזאָדן און פאַקטן — דעם מוסר־השכל פאַר אונדזער היינטיקן יידישן לעבן...״

מיין געבוירן־שטאָט אין בילד

די אינטענסיווע און שאַפערישע ביאַליסטאָקער יידן האָבן מיט אַ ממשותדיקער טאַט פאַראייביקט דעם אָנדענק פון זייער היימשטאָט. זיי האָבן אויפגעבויט דעם יישוב קרית־ביאַליסטאָק, ווו ס׳האָבן זיך באַזעצט די בני־ביאַליסטאָק, אָפּגעראַטעוועטע, ניצול־געוואָרענע פון לאַגערן, פון געטאָס און פאַרשיקונג, און הגם שוין איינגעגלידערטע אינעם עול און יאָך פון ישראל־דיקן לעבן, היטן זיי אויף אין זייער געדעכעניש דעם גייסט און שטייגער פון זייער אַמאָליקער היימשטאָט.

ס׳איז איינס פון די אייגנאַרטיקסטע מאָנומענטן, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן לזכר אַן אומגעקומענער יידישער שטאָט. אָבער דאָ ווילן מיר באַהאַנ־דלען אַן אַנדער ווערק, וואָס אַ יחיד האָט אויפגעשטעלט צום אָנדענק פון דער זעלבער אומגעקומענער יידישער קהילה, אַ מצבה פון אַן אַנדער כאַראַקטער.

אין אונדזער טראַגישער און ברייט־צעוואַקסענער חורבן־ליטעראַטור זענען פאַראַן עטלעכע וויכטיקע ווערק, וואָס ברענגען אַרויס דאָס געטאָ־לעבן, דעם געראַנגל פאַרן לעבן און דעם אומקום פון ביאַליסטאָקער יידנטום. די „געזעלשאַפט פאַר געשיכטע פון ביאַליסטאָק" אין ניו־יאָרק (איינער פון אירע גרינדער און הויפּט־מיטאַרבעטער איז געווען דער פאַרשטאָרבענער געלערנטער ד"ר הערמאַן פראַנק) האָט זיך פאַרמאָסטן אויף ברייטע אַרבעטן און האָט אַרויסגעגעבן דעם צוויי־בענדיקן „פנקס ביאַליסטאָק" (דער פאָרשער און מלומד א. ש. הערשבערג האָט ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה דעם כתב־יד איבערגעשיקט קיין אַמעריקע). אָבער אַן עמאָציאָנעלן איינדרוק מאַכט דאָס ווערק, וואָס דוד סאָהן האָט אַנומלט אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק. דאָס איז אַ בילדער־אַלבאָם פון ביאַליסטאָק. ס׳איז אַ זאַמלונג, וואָס ברענגט אַרויס שטיקער געשיכטע, אויפגאַנג און אַנטוויקלונג, שטייגער און רעגיאָנעלע שילדערונג און דעם מאוימדיקן אומקום פון איינער פון די יידישסטע שטעט אין פוילן.

ביאַליסטאָק איז באַקאַנט געווען נישט נאָר מיט איר אינדוסטרי, וואָס יידן האָבן דאָרט געשאַפן און געראַטן אַנטוויקלט. ביאַליסטאָקער געוואַנטן האָבן דערגרייכט צו די ווייטסטע, פאַרוואָרפנסטע מערק. ביאַליסטאָק האָט זיך אויך קונה שם געווען מיט איר אַרבעטער־באַוועגונג, מיט איר נאַציאָנאַלער יוגנט, מיט אירע יאַדערדיקע האָרעפאַשנע יידן. די צווייט־גרעסטע שטאָט אין פוילן פון טעקסטיל־אויסאַרבעטונג איז געווען אַ לעבעדיקער, שאַפערישער צענטער פון געזעלשאַפטלעכער, פּאָליטישער און קולטורעלער אַקטיוויטעט. דאָ האָט אַ מאָל ר׳ שמואל מאָהליווער, דער ביאַליסטאָקער שטאָט־רב, אויסגעקריסטאַליזירט דעם רעליגיעזן ציוניזם, געפירט זיין ברייט־פאַרצווייגטע אַרבעט, ווירקנדיק מיט זיין וואָרט אין יענע אָנהייב־יאָרן פון אַקטיוון ציוניזם. און ד״ר יוסף חזנאָוויטש, דער מערקווערדיקער פאָלקסדאָקטאָר און שטאָלצער ייד האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער ירושלימער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק. אין ביאַליסטאָק האָט נחום צמח, דער גרינדער און ערשטער רעזשיסער פון „הבימה״ געשאַפן דעם קערן פונעם העברעישן נאַציאָנאַלן טעאַטער, און ד״ר זאַמענהאָף, דער אויגן־דאָקטאָר פון די ביאַליסטאָקער יידן, האָט דאָ געאַרבעט אויף זיין עספּעראַנטאָ־שפּראַך. אין די אַלייען פון אַלטן ביאַליסטאָקער וואַלד האָבן אָסיפ דימאָוו און זוסמאַן סעגאַלאָוויטש אויסגעחלומט זייערע ערשטע שאַפונגען. דאָ איז מאיר וואַלאַך, דער שפּעטער באַרימטער מאַקסים ליטווינאָוו איבער די ביאַלסטאָקער פּיאַסקעס געלאָפן אין חדר אַריין. און דער באַגאַבטער מאָלער בן־ציון ראַבינאָוויטש (בען) האָט דאָ געמאָלן די פאָלקסטימלעכקייטן און יידישקייט פון שולהויף און די האָרעפאַשנע יידן פון די כאַנאַיקעס.

ביאַליסטאָק געהערט נישט צו די עלטערע קהילות אין פוילן, ביאַליסטאָק, אַ „סמכוה לטיקטין״, איז נאָך געווען, כידוע, סוף זיבעצנטן יאָרהונדערט אַ דאָרף, אַ פּריציש דאָרף, און טאָקע דער פּריץ בראַניצקי, וואָס האָט געשטרעבט צו ווערן קעניג פון פוילן און איז עס נישט געוואָרן, האָט אויפגענומען יידן באהבה. האָבן יידן געמאַכט פון דאָרף אַ שטעטל און דאָס שטעטל פונאַנדערגעבויט אין משך פון געציילטע דורות צו איינס פון די שעפערישסטע און לעבעדיקסטע קהילות אין גלות־פוילן און רוסלאַנד.

די יאָרן פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דער צאַרישער מאַכט זענען געווען אויך דער אָנהייב פון אַ נייער יידישער קולטור־אַנטוויקלונג. האָבן אַקטיוויזירט און אָנגעשטימט די ביאַליסטאָקער וועבער און שפּוליאַרקעס, די פּאַפּיראָסן־מאַכער און גאַרבערס, די מוליאַרעס און בלעכערס צו נייע הצטרכותן און פרישע אידעען. ביאַליסטאָקער יידישע אַרבעטער פון כאַנאַיקעס און סוראַזער גאַס האָבן פאַרצייכנט אַ וווּנדערבאַרן קאַפּיטל פון גבורה, פון געוואַגטקייט און מסירת־נפש אין דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

זיבעציק פּראָצענט באַוווינער פון שטאָט זענען כמעט תמיד געווען יידן. דער פּוילישער נאַציאָנאַליסטיש־שאָוויניסטישער רעזשים ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט געפּרוּווט מיט אַלע מיטלען ענדערן דעם דאָזיקן באַשטאַנד. מ׳האָט צוגעשריבן דערפער ווי שטאָטישע קוואַרטאַלן, געבראַכט פּאָליאַקן פון דער פּרעמד, פון פּויזן און שלעזיען. ס׳האָט געטראָפן דעם יידישן מענטש, דעם סוחר און קרעמער. מ׳האָט געוואָלט בגוואַלד פאַרפּוילישן די שטאָט. ביאַליסטאָק איז אָבער געבליבן אַ יידישע שטאָט. יידיש אויסערלעך און מיט יידיש און יידישקייט אינערלעך.

אַ קאָנסטרוקטיווער לעבן איז אפילו אָנגעגאַנגען אין געטאָ. ס׳האָט זיך געדאַכט, און מ׳האָט זיך איינגערעדט, אַז די טעקסטיל־אויסאַרבעטונגען, מיט וואָס דאָס רוב יידן זענען געווען באַשעפטיקט אינעם געטאָ, וועלן אָפּראַטעווען. אָבער האַרט פאַרן סוף האָבן ביאַליסטאָקער יידן געוווּסט אויך צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד און צוגעשטעלט אויך טויט די מערדער.

אָט די אַלע תקופות, עטאַפּן און עפּאָכעס ברענגט דער אייגנאַרטיקער בילדער־אַלבאָם. איבער דריי הונדערט יאָר יידיש לעבן און יידיש שאַפן וויקלט זיך פונאַנדער אין דער זאַמלונג. צוועלף הונדערט בילדער ברענגען אַרויס די דריי רובריקעס, אין וועלכע דער אַלבאָם איז איינגעטיילט: „אַנטשטייונג און אויפבוי“, „חורבן און אומקום“ און „ביאַליסטאָקער יידן אין דער וועלט“ (וועלטבאַרימטע ביאַליסטאָקער פּערזענלעכקייטן). עס איז געבראַכט אין בילד די געשיכטע פון אַ יידישער קהילה אין אַלע אירע פאַזן, איר אויפגיי און אַנטוויקלונג, געראַנגל פאַר קיום. בילדער פון דעם עלנט און טרויער פון מלחמה, אַנטיסעמיטישע איבערפאַלן און נאַציאָנאַלער

אויפגאַנג, בילדער, וואָס ווייזן דעם עקאָנאָמישן אויפבלי, בילדער פול מיט מי און אָפּפער, אויפגעבויטע אינסטיטוציעס, שולן, פילאַנטראָפּישע אַנ־שטאַלטן, קולטור־הייזער, טעאַטערס און כאָרן, ביבליאָטעקן (די באַרימטע ביאַליסטאָקער שלום־עליכם־ביבליאָטעק מיט איבער פופציק טויזנט ביכער און פרעכטיקן שטודירזאַל) און בילדער פון שרייבער, קינסטלער און כלל־טוער. און אַזוי רייען זיך די בילדער און ברענגען אַרויס אַזוי פּלאַסטיש דעם לעבן פון דער דינאַמישער אינדוסטרי־שטאָט. און די לעצטע בילדער, וואָס דערציילן אונדז פון פּיין, פון געטאָ, פון אַקציעס און פאַרשיקונג. בילדער פון אימה און טיפסטן מענטשלעכן עלנט.

דוד סאָהן, דער רעדאַקטאָר פון „ביאַליסטאָקער שטימע" אין אַמעריקע און איינער פון די גרינדער און פירער פון דער אַמעריקאַנער לאַנדס־מאַנשאַפט, האָט אין משך פון דריי צענדליק יאָר צונויפגעזאַמלט אָט דעם אוצר פון דער אילוסטרירטער געשיכטע.

ער האָט מיט אַ סך באַגאַבונג, מיט קולטור און פאַרשטענדעניש פאַר זיין בפירוש היסטאָרישער אויפגאַבע געזאַמלט, קאָלעקציאָנירט, געסדרט און פאַרצייכנט און נישט מיד געוואָרן צו זוכן און נאָכצוזוכן. דער אַלבאָם איז נישט נאָר אַ פּראָדוקט פון אַ טיפן געפיל און בענקעניש צו דער היימשטאָט מיט אירע טויזנטער יידן. עס איז קודם־כל אַן אויפטו פון אַ קולטורמענטש מיט אַ טיפן באַגער און מיט געשמאַק פאַר אייגנאַרטיקער שעפערישקייט.

בלעטערט מען דעם אַלבאָם און מען ווערט פאַרכאַפּט פון דער שפע, פון דער פאַרביקייט, פון דער פרעציזקייט און פינקטלעכקייט. פאָטאָגראַפיעס פון דער גרויער וואָכעדיקייט און פאָטאָגראַפיעס פון היימישן יום־טוב. און אין אַלע און אומעטום זענען אָנגעגעבן נעמען, דאַטעס, כאַראַקטעריסטיקעס. מען מאַכט דורך פון דאָס ביי די אַלע געשעענישן, ס'אָטעמט אויף מיט אייגנ־טימלעכן שטייגער און האַרציקער יידישער פאָלקסטימלעכקייט.

דוד סאָהן האָט נישט געהאַט פאַר זיך קיין מוסטערן פון אַזעלכע ווערק. דער אַלבאָם איז אַ חד־במינו און ווייזט אונדז, אגב, נאָך אַ מאָל, וואָס גראָד יחידים קאָנען אויפטאָן ביי קאָנצענטרירטער, עקשנותדיקער אַרבעט.

ס'איז אַ ווערק נישט נאָר פון ביאַליסטאָקער עבר. דאָ באַגעגענען זיך

אויך יענע, וואָס זענען אַוועק, פאַרלאָזן ביאַליסטאָק מיט אַ סך יאָרן צוריק און אַזעלכע וועלכע האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט קורץ פאַרן מבול און לעבן און שאַפן אין מדינת ישראל, אין דרום־אַפריקע, אין אַרגענטינע. דאָ טרעפן מיר ביאַליסטאָקער ווי די ערשטע בויער פון פתח־תקוה און עפולה, פון חדרה, אין די ייקא־קאָלאָניעס פון מאָזעסוויל, אין ווייטן אויסטראַליע און ווי די גרינדער פון דעם טעקסטיל־שטעטל וויזשאַ־לינטש אין אַרגענטינע. ביאַליסטאָקער זייד־פאַבריקאַנטן אין פעטערסאָן און די טוער פון די אַמאָליקע אַרבעטער־בירזשעס, די טוער פון די ערשטע יידישע אַרבעטער־פאַרטייען אין ביאַליסטאָק, פון „בונד" און פועלי־ציון און „פאַראייניקטע".

נאָר איבער אַלץ שרייט אַריבער געטאָ, פּיין, דער מאַרש קיין מאַידאַנעק. — — —

דער אַרבעטזאַמער און קולטורעלער דוד סאָהן ע"ה האָט נאָענט געמאַכט פאַרגאַנגענע דורות, דערנענטערט תקופות און געשעענישן, אַרויסגעבראַכט אין זיין בילדער־אַלבאָם מענטשן און טאַטן, און ס'האָט זיך באַקומען אַ וווּנדערלעכע, פּלאַסטישע מאָנאָגראַפיע פון אַ שטאָט.

די דאָקומענטאַציע פון דער חורבן־תקופה

עס איז אַ הייליקע שליחות, וואָס ס׳דערפילן די צענדליקער און צענדליקער לאַנדסמאַנשאַפטן, די פשוטע יידישע פאָלקסמענטשן, אָפּשטאַ־מיקע פון שטעט און שטעטלעך, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט אַזאַ עקשנות, אַרויסצוגעבן יזכור־ספרים אין אָנדענק פון זייער אומגעבראַכטער היים. דער דאָזיקער וווּנדערלעכער ספּאָנטאַנישקייט פון די האַרציקע יידישע מענטשן אין זייער ווילן צו פאַראייביקן אין אַ ספר זייער פאַרשניטענע היים, וואָלטן די, וואָס זענען באַרופן דערצו, באַדאַרפט העלפן, אַז אָט די יזכור־ביכער זאָלן בילדן דעם יסוד פון דער היינטצייטיקער רעגיאָנעלער געשיכטע פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום.

מיר ווילן דאָ איצט פאַרצייכענען אַ צאָל ווערק פון דאָקומענטאַרן כאַראַקטער.

פאַר דער לעצטער צייט זענען דערשינען — באַזונדערס ביי אונדז אין לאַנד — אַ ריי וויכטיקע ביכער — זאַמלונגען פון דאָקומענטן פון דער נאַצי־צייט, באַשרייבונגען פון יידישן געראַנגל, שילדערונגען פון קאַצעט און געטאָ, דערציילונגען און זכרונות פון אָפּגעראַטעוועטע פון גיהנום. וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף עטלעכע ווערק, וואָס פאַרדינען אַ באַזונדערע אויפ־מערקזאַמקייט. כאָטש מיר ווייסן אַלע, אַז יעדעס בוך און יעדע באַשרייבונג פון דער חורבן־תקופה טראָגט אין זיך היסטאָרישע חשיבות.

אַ בוך פון היסטאָרישן ווערט, הגם נישט פון דער נאַצי־צייט, איז די זאַמלונג פאָרשאַרבעטן „מחקרים לתולדות יהודי לובלין״ פון דער אומגע־קומענער היסטאָריקערין בעלאַ מאַנדלסבערג־שילדקרויט, אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע פריינד. בעלאַ מאַנדלסבערג־שילדקרויט האָט געהערט צו דעם קרייז יונגע היסטאָריקער אין וואַרשע, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דער לינקער „פּועלי־ציון״. אין דעם אינפאָרמאַטיוון און נאַראַטיוון אַריינפיר צו דעם בוך

דערציילט באריכות ד״ר רפאל מאַהלער וועגן דעם אויפקום און טעטיקייט פון אָט דעם קרייז, וואָס האָט טאַקע געהייסן — „יונגער היסטאָריקער״, און צוזאַמען מיט דער כאַראַקטעריסטיק פון בעלאַ מאַנדלסבערג־שילדקרויט באַקומען מיר אויך אַ ריי וויכטיקע פּרטים וועגן דער טעטיקייט פונעם קרייז, וואָס — ווי ד״ר מאַהלער זאָגט — „איז געווען אַן אייגנציקאַרטיקער נישט נאָר ביי יידן, נאָר ביי פעלקער בכלל, ווייל ספּעציפישע גורמים פון צייט און באַדינגונגען האָבן אים געשאַפן און אים געשטויסן צו שאַפן״... פון דעם אַריינפיר דערוויסן מיר זיך אויך וועגן די העכער צוואַנציק אומגעבראַכטע יונגע געלערנטע, מיטגלידער פון דעם קרייז, און פון זייערע וויכטיקע שטודיעס, איבער וועלכע זיי האָבן געאַרבעט יאָרן לאַנג. די מאַנוסקריפּטן זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן אין בלוטיקן געווירבל, געטיילט דעם גורל פון זייערע מחברים.

בעלאַ מאַנדלסבערג־שילדקרויט איז געווען אַ טאָכטער פון אַ יִחוסדיקער חסידישער משפּחה אין לובלין. און איר האָט טאַקע באַזונדערס פאַראינטערעסירט די יידישע געשיכטע פון אָט דער אַלט־דורותדיקער יידישער שטאָט. אַ סך פון אירע פאַרשאַרבעטן זענען פאַרלוירן געגאַנגען, מ׳האָט אויך נישט אָפּגעפונען איר גרויסע מאָנאָגראַפיע וועגן דער יידישער לובלין. נחמן בלומענטאַל — אַ נאָענטער פריינד פון דער היסטאָריקערין, וועלכער איז פאַר דער מלחמה געווען אַ לערער אין דער זעלבער מיטלשול, ווו בעלאַ מאַנדלסבערג־שילדקרויט האָט געגעבן לעקציעס פון געשיכטע — דערציילט אין זיין אָפּשאַצונג „בעלאַ, ווי איך האָב זי געקאַנט״ (נ. בלומענטאַל האָט אויך צוגעגרייט דעם בוך צום דרוק) וועגן דעם טאָגבוך, וואָס זי האָט געפירט אין לובלינער געטאָ, פאַרשרייבנדיק יעדן טאָג די געשעענישן און איבערלעבונגען. דעם טאָגבוך האָט בעלאַ מאַנדלסבערג־שילדקרויט איבערגעגעבן אַ קריסטלעכן שכן צו באַהאַלטן. אָבער אַלע באַמיונגען אָפּצוגעפינען דעם טאָגבוך זענען געבליבן פּרוכטלאָז.

דאָס בוך באַשטייט פון צוויי טיילן. דער ערשטער טייל באַקענט אונדז מיט דער געשטאַלט בעלאַ מאַנדלסבערג־שילדקרויט. אינעם צווייטן טייל קומען אַריין היסטאָרישע עסייען און פאַרשאַרבעטן פון דער היסטאָריקערין, וואָס זענען געווען פאַרעפנטלעכט אין פאַרשידענע צייטשריפטן עטלעכע

יאָר פאַרן קריג. צווישן זיי: „לקורות היהודים במחצית הראשונה של המאה השבע עשרה", „לובלין היהודית לפנים..." און אַנדערע אָפּהאַנדלונגען, בעיקר וועגן דער שטאָטלעכער באַציִונג צו דער יידישער קהילה און יידישע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען. דאָס איז בלויז אַ קליינער טייל פון די היסטאָרישע פאַרשאַרבעטן, וואָס זי האָט אויפגעשריבן. אָבער אפילו פון דעם קליי־נעם טייל, וואָס עס איז געבראַכט אינעם בוך, קענטיקט זיך אַרויס די פלייסיקע פאַרשערין מיט טיפער קענטשאַפט און ערודיציע. און אָט די אַרבעטן וועלן, אָן צווייפל, זיין אַ חשיבותדיקער בייטראָג צו דער היסטאָריאָ־גראַפיע פון יידישן לעבן אין פוילן.

מיר האָבן דערמאָנט, אַז דער געטאָ־טאָגבוך פון דער יונגער היסטאָ־ריקערין איז נישט אָפּגעפונען געוואָרן. ווילן מיר דאָ דערציילן וועגן אַ טאָג־בוך, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך „עם עובד" און „יד ושם". דאָס איז אַ דראַמאַטיש בוך נישט נאָר אין זיין אינהאַלט, נאָר דראַמאַטיש איז אויך דער פאַרלויף, ווי אַזוי דאָס בוך איז געקומען צום דרוק. אויף אָט דעם „מגילת יסורין", דעם „יומן גיטו ורשה", קען מען אָן גוזמא זאָגן, אַז ס'איז די מגילה פון גרויל און פיין פון וואַרשעווער געטאָ.

געווען איז דער מחבר פון טאָגבוך, חיים אהרן קאַפּלאַן, אַ שול־אייגנטימער. במשך יאָרן האָט ער געפירט זיין פריוואַטע פיר־אָדער זעקס־קלאַסיקע שול.

אין וואַרשעווער ציוניסטישע און תרבות־קרייזן איז ער געווען באַקאַנט ווי אַ פּעדאַגאָג מיט אַן אייגענעם דרך און מיט זיינע געטרייע ציוניסטישע טווּנגען. שוין מיט יאָרן צוריק זענען דערשינען עטלעכע ביכער זיינע, בעיקר וועגן חינוך־פּראָבלעמען, און עסייען וועגן העברעיִשע שרייבער און וועגן העברעיִשער ליטעראַטור. דעם טאָגבוך, וועלכן ער רופט אָן: „ידיד נפשי, עמיתי ורעי" (מיין נשמה־פריינד און חבר), האָט ער אָנגעהויבן פירן נאָך אין יאָר 1936. די סאַמע נאָענטסטע פון זיין משפחה האָבן אפילו דערפון נישט געוווּסט. אָבער גאָר אַן אַנדער באַדייט באַקומט דער טאָגבוך פון ח. א. קאַפּלאַן, פון יענעם צעצאַפּלטן, פינצטערן טאָג אָן, ווען זיינע פאַרצייכענונגען הייסן שוין נישט מער „מגילת חיי", נאָר „מגילת יסורין". די פאַרצייכענונגען

אין טאָגבוך הייבן זיך אָן דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939 מיט דער שורה: „הבריון הגרמני העיז" (דער דייטשער כוליגאַן האָט געוואַגט). און דער טאָגבוך ענדיקט זיך דעם 4טן אויגוסט 1942 מיט די ווערטער: „אם יבוא קצי — יומני מה יהא עליו!" (אויב עס וועט קומען מיין סוף — וואָס וועט זיין מיט מיין טאָגבוך).

אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פון ד"ר עמנואל רינגעלבלום דערציילט, אַז רינגעלבלום האָט געמאַכט באַמיִונגען אַרויסצובאַקומען פון ח. א. קאַפּלאַנען דעם טאָגבוך פאַר דעם געטאָ־אַרכיוו. אָבער דער מחבר האָט בשום אופן נישט געוואָלט מיט אים זיך שיידן. איצט, אַז מען לייענט אָט די בלעטער, זענען פאַרשטענדלעך געוואָרן די סיבות.

זיין שרייבן דעם טאָגבוך האָט קאַפּלאַן באַטראַכט ווי אַ מיסיע. טאָ ווי קען ער עס וועמען איבערגעבן, אָנפאַרטרויען?

מיר ווייסן, דאַכט זיך, נישט ווייניק פון די גרויליקע געטאָ־יאָרן. האָבן מיר דאָך שוין היינט באַשרייבונגען, גבית־עדות פון כמעט אַלע אָפּשניטן פון וואַרשעווער געטאָ, אין דעם אויך דעם העלדישן יידישן אויפשטאַנד אין די טעג פון אַפּריל 1943. אָבער פון ח. א. קאַפּלאַנס „מגילת יסורין" קומען אויף פאַר אונדז, מיט געשיכטלעכער גענויקייט, נישט נאָר די פיזישע געראַנגלען, די אַטמאָספער פון יידישער פאַרלוירנקייט, פון פּיין און דער־דריקטקייט טאָג ביי טאָג, די מעשים תעתועים פון די מערדער. מיר זעען אויך דעם אינערלעכן מהות און די גייסטיקע רעאַגירונגען פון געטאָ־ייד, פון יידישן קאָלעקטיוו. — — —

אָט שרייבט ער אין דער פאַרצייכענונג פון 1טן אויגוסט 1942, עטלעכע טעג פאַר דעם ווי דער טאָגבוך ווערט פאַרענדיקט: „ווען אפילו אונדזערע כוחות וואָלטן געווען פון שטיין, וואָלטן מיר ביי די לעבנס־באַדינגונגען אויך נישט געקענט מערערע טעג אויסהאַלטן. פון דעם הונגער, פון די צרות און יסורים זענען מיר אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז די פיס ברעכן זיך אונטער און דער גוף איז געוואָרן אַ הויפן ביינער. די גרויס פונעם אומגליק פאַר־שטאַרקט אין אונדז דעם ווילן און כוח צו ראַטעווען דאָס לעבן, אָבער ס'איז ווי די מאָמענטאַלע כוח־שטייגערונג ביי אַ מסוכן קראַנקן אין מינוטן פון סכנה, באַלד נאָך דעם טרעט אַריין אַ שוידערלעכע שוואַכקייט... נעכטן זענען

געקומען די ס.ס.־באַנדיטן צוצוהעלפן דער יידישער פּאָליציי... ווייל איז דעם, וואָס האָט עס נישט צוגעזען״...

דער היסטאָריקער בערל מאַרק, וואָס איז געוועזן דירעקטאָר פון היס־טאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע, גיט אַ ברייטן אַריינפיר צו קאַפּלאַנס טאָג־בוך. אין זיין אַרבעט באַקענט ער אונדז מיט אַ ריי טאָגביכער פון געטאָ און לאַגער און ער כאַראַקטעריזירט דעם טאָגבוך פון ח. א. קאַפּלאַן, ווי איינעם פון די וויכטיקסטע דאָקומענטן פון וואַרשעווער געטאָ.

פון דער „מגילת יסורין״ גייט אויף דער גאַנצער טראַגישער פּייזאַזש פון אויפהאַלטן ביי די בלוטיקע באַדינגונגען דעם צלם מענטש, די האָפענונגען אויף דער פרייער וועלט, וואָס וועט קומען צו הילף, כאָטש די אכזריותדיקע ווירקלעכקייט לאָזט שוין אויף גאָרנישט מער צו האָפן.

פּראָפ. אברהם יצחק כ״ץ, ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט, עפנט דאָס בוך „מגילת יסורין״ מיט אַ לענגערער אָפּהאַנדלונג וועגן דעם מחבר און וועגן די פּאַרלויפעניש פון ברענגען דעם כתב־יד צום דרוק (אָפּגעראַטע־וועט געוואָרן דורך וולאַדיסלאַוו וויציק, וואָס האָט געהאָלפן יידן אין די מלחמה־יאָרן).

און אָט איז אַ טאָגבוך, געשריבן פון אַ זעכצן־יאָריקן בחורל, „דאָס יינגל משה״, דער טאָגבוך פון משה פלינקער (אַרויסגעגעבן פון „יד ושם״, צוזאַמען מיטן י. ל. פרץ־פאַרלאַג). איז פאַראַן עפּעס געמיינשאַפטלעכעס אין די אָ טאָגביכער, וואָס איינער איז געשריבן געוואָרן אין געטאָ וואַרשע און דער צווייטער אין אַ באַהעלטעניש אין בריסעל דורך אַ רעליגיעז געשטימטן יינגל? יאָ, ס׳איז פאַראַן.

מיט פינף יאָר צוריק איז דערשינען דאָס בוך „הנער משה״ אין העברעיש, אין דער שפּראַך, אין וועלכער משה פלינקער האָט זיין טאָגבוך געפירט. איצט איז אַרויס דאָס בוך אין יידיש אין דער איבערזעצונג פון יחיאל האָפער. אין דער הקדמה צו דעם טאָגבוך פון משה פלינקער ווערט דערציילט: ...„ביכער, מלבושים און דריי העפטן — די דאָזיקע דריי זאַכן האָבן די טעכטער פון דער משפחה פלינקער געפונען, ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט פון דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דעם הויזקעלער אין בריסעל, סקאַרבעק,

גאַס קאַלאָנעל פּיקאַר 1, וווּ די משפּחה האָט געוווינט אײדער זי איז אַרעס־טירט געוואָרן. די דאָזיקע העפטן האָבן אַנטהאַלטן די פאַרצייכענונגען, וואָס ער, זייער ברודער, האָט אַרויפגעבראַכט אויפן פּאַפּיר, ווען ער פלעגט פּראַווען התבודדות אין זיין צימער און פלעגט זיך אויסבאַהאַלטן פון אַ פרעמד אויג".

ווייסן מיר דאָך, ווי נעכטיקע קינדער זענען אין אַנבליק פון די פּחדים און דורכגעגאַנגענע יסורים געוואָרן רייפע, דערוואַקסענע מענטשן, מיט פאַרטיפטע מחשבות וועגן גורל פון מענטש, ייד און וועלט. אַזוי איז דאָס אויך געשען מיט דעם זעכצן־יאָריקן משה פלינקער, וואָס בינדט אויס אין זיינע פאַרצייכענונגען די געשעענישן פון אַרום מיט זיין אינערלעכער גייסטיקער שפּירונג — די שפּירונג פון אַ רעליגיעזן יוגנטלעכן וואָס שטייט אַ צערודערטער קעגן רשעות און גרויל.

אין אַ טאָג פון חודש שבט פאַרשרייבט משה פלינקער נאָך דעם, ווי צו וועמען די מאַמע האָט אים צוגעשיקט האָט ער שוין נישט געטראָפן: „פון דער קליינער פרייד, וואָס איך האָב געהאַט, גייענדיק צו אים (צום שמש פון דער שול, וואָס איז שוין מער נישט געווען — א. ל.) איז גאַרנישט פאַרבליבן. קלאָג און טרויער האָבן פאַרפולט דעם אָרט פון פרייד. גייענדיק אַהער האָב איך געהאַט באַשלאָסן צו גיין זומער שפּאַצירן אינעם וועלדל, וואָס געפינט זיך אין דער נאָענט פון אונדזער שטוב. אָבער ווען איך בין צוריק אַהיים־געקומען, האָב איך מבטל געמאַכט אַלע שפּאַצירן און אַלע זאַכן, וועלכע איך האָב אין זינען געהאַט צו טאָן דעם קומענדיקן זומער. איך האָב שוין פון גאָרנישט געוואָלט קיין הנאה האָבן.

צו בלייבן טרויעריק גאַנצע טעג און איבערבלייבן אַ גאַנצן זומער אין שטוב, דאָס האָב איך געוואָלט. אַפילו דאָס קלענסטע פאַרגעניגן וועל איך נישט אָנטאָן מיין גוף. נאָר צו זוכן מעגלעכקייטן, ווי אַזוי זיך אַליין צו פּייניקן — דאָס וועל איך זוכן. מיט מיין גאַנצן גוף און מיט מיין גאַנצער נשמה וויל איך זיין פאַרבונדן מיט מיין פאָלק און מיט זיין ביטערן גורל. אַן אומגליק וועט קומען אויף אים, זאָל עס אויך קומען אויף מיר. אַ זון צו מיין פאָלק וויל איך זיין. איך ווייס נישט מיט וואָס איך וועל קאָנען פאַר־טרייבן אַפילו די קלענסטע פרייד פון מיין האַרץ, אָבער איך וועל שוין געפינען מיטלען דערצו".

„דאָס טאָגבוך — באַמערקט דב סדן אין זיין אַריינפיר־וואָרט — לאָזט זיך אָפּשאַצן פון כמה אַספּעקטן. עס איז דאָך אַן אויסטערליש דאָקומענט פון אַ יינגל, וואָס זיין משפחה שטאַמט פון מזרח־אייראָפּע, אָבער ער אַליין איז שוין אויסגעוואַקסן אין מערב־אייראָפּע, און אין דער איינזאַמקייט פון זיין באַהעלטעניש לעבט ער דורך מיט שאַרפער אינטויציע דעם גורל פון די יידישע פאָלקסמאַסן. ווי וויט די דאָזיקע אינטויציע גרייכט, לערנען מיר אָפּ פון יענע שטעלן אין זיינע ווערטער, וווּ ער אַנטפּלעקט, וואָס עס איז נאָך דעמאָלט געווען פאַרהוילן פון עלטערע פון אים".

אָט דאָס וווּנדערלעכע יינגל האָט נאָר געדאַגהט, ווי אַזוי וועט ער, אַן אָפּגעריסענער פון זיין פאָלק און לעבנדיק אויסער אים, ווי אַזוי וועט ער אַנטוויקלען און אויפהאַלטן אין זיך די מדרגות און גוטע מידות, אַז ער זאָל ווערט זיין די ליבשאַפט צו זיין גאָט און זיין פאָלק...

אַ סך פון אָט דעם נסיון פון קינדער און יוגנטלעכע אין לאַדזשער געטאָ דערציילט אונדז רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק אין איר בוך „אין זיכערע הענט" (פאַרלאַג „חיפה", ביי דער אָפּטיילונג פון יידישן שרייבער־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישראל). ס'איז אַ בוך דערציילונגען, אָבער מיר נעמען אים אַריין אין דער אָפּהאַנדלונג מחמת זיין דאָקומענטאַרן און כראָניקאַלן ווערט.

„אין זיכערע הענט" איז דער נאָמען פון איינער פון די אַכצן דערציילונגען, וואָס זענען דאָ אינעם בוך. און געוויס נישט על־פּי צופאַל האָט די מחברין מיט דעם נאָמען אָנגערופן דאָס גאַנצע בוך. „אין זיכערע הענט" איז איינע פון די כאַראַקטעריסטישע דערציילונגען פון די רעטונגס־פּרווון פון יידישע משפחות. דער סיפור־המעשה איז אַזאַ: די מאַמע וויל אָפּראַטעווען איר איינציק טעכטערל. שווער איז די צעשיידונג, אָבער ס'איז גובר דער געדאַנק, אַז אפשר, אפשר וועט מירעלע, זייענדיק אויסבאַהאַלטן ביי דער קריסטלעכער פאַמיליע, איבערלעבן און אָפּגעראַטעוועט ווערן. דאָס קינד וויל נישט אַוועק פון דער מאַמען. אָבער אויך זי, מירעלע, פילט דאָס לויערנדיקע, פילט נאָך אפשר שאַרפער ווי די דערוואַקסענע... זי גייט אַוועק צו דער גוייִשער פאַמיליע וואַרעק. פאַרן אַוועקגיין גיט איבער פרוי־

זעליגמאַן איר קליין טעכטערל אַ ביכעלע מיט אַדרעסן און זאָגט איר אָן, אַז שפּעטער, ווען אַלץ וועט שוין גוט זיין, זאָל זי צוגיין צו אָט די מענטשן און זאָגן: די מאַמע האָט געבעטן אָפּגעבן דאָס שנירל פּערל, צוריקגעבן די בראָש, דעם בריליאַנטענעם רינג. אָבער די קריסטלעכע פרוי, וועלכע האָט געזאָלט זיין מירעלעס באַשיצערין, די כלומרשטע פריינד פון דער יידישער משפּחה, האָט זיך באַמיט, אַז מירעלע זאָל זיך נישט דערוואַרטן אויף דעם שפּעטער, ווען זי וועט זיך שוין נישט דאַרפן מער באַהאַלטן אין דעם שראַנק מיט אָנגערויבטן האָב־און־גוטס.

באַלד אין די ערשטע טעג האָט די קריסטלעכע באַשיצערין, זוכנדיק אין מירעלעס קליידער, אָפּגעפונען דאָס ביכעלע מיט די אַדרעסן. איז פאַר וואָס זאָל זי נישט אָפּנעמען דאָס גאָלד און דעם שנירל פּערל — אַ ירושה פון אַ דורותדיק יידישער משפּחה — פאַר וואָס זאָל זי דאָס נישט אָפּנעמען טאַקע באַלד?

די קריסטין באַגלייט דאָס קינד צו די „אַדרעסן". צו אַלע אַדרעסן. ———
נאָך דעם פירט זי איר צו ביז צו דעם הויף פון דער געסטאַפּאָ...

אַוודאי ווייסן מיר, אַז עס זענען געווען אַנדערע האַנדלונגען פון קריסטלעכע מענטשן; ביי נישט ווייניק האָבן יידן געפונען שוץ, אָבער די דערציילונג „אין זיכערע הענט", וואָס האָט אין זיך דאָקומענטאַרע וואָר־האַפטיקייט — טראָגט די באַשולדיקונג קעגן נישט־יידישע שכנים אין דער אָקופּאַציע־צייט.

מיר זעען דאָ מענטשן פון אַלע קלאַסן און שיכטן, אויך אַזעלכע, וואָס זענען שוין ווייט געווען פון יידישער גורל־געמיינשאַפט. דאָס געטאָ האָט זיי אַלעמען אויסגעגלייכט, געבראַכט זיי צו איין פּיינפולן, ליידנדיקן קאָלעקטיוו. באַזונדערס ניי אין דער דאָזיקער פּאַנאָראַמע פון גרויל און טראַגיק זענען די יידן פון דייטשלאַנד און עסטרייך, יידן וואָס זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין דעם געטאָ פון דער אַמאָליקער צוויט־גרעסטער קהילה אין אייראָפּע.

אַלע טראָגן איצט דעם זעלבן גורל, טראָגן אויס דעם פּיין און די עינויים און דערזעען די שלאַנג, וואָס האָט זיך פאַר זייערע אויגן אויסגע־האָדעוועט — די שלאַנג פון אייראָפּע.

רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק שטאַמט פון לאָדזש. זי איז דורכגע־

גאַנגען דעם יסורים־וועג פון געטאָ און לאַגער. זי איז נישט נאָר די באַשרייבערין, נאָר אַליין דער עדות. די דערציילונגען זענען דעריבער מער אַן אויסדרוק פון עכטער, אויטענטישער וואָר, און ווי אַזעלכע דאַרפן מיר זיי אויפנעמען.

„און די זון האָט געשיינט" — אַזוי הייסט דאָס בוך פון בערטאַ פערדערבער־זאַלץ (דערשינען אין פאַרלאַג „המנורה"). דאָס זענען איבער־לעבונגען אָדער, ווי די מחברין רופט עס אַליין — אַ כראָניק. אַ כראָניק פון איינער פון דער שארית הפליטה. אַן אָפּגעראַטעוועטע פון בערגען־בעלזן. זי איז דורכגעגאַנגען אַלע וועגן פון אומקום, אַלע פּיינען און יסורים. אָט די אַלע גרוילן שילדערט זי מיט פּשטות, און די אומבאַהאָלפנקייט פון איר דערציילן מאַכט נאָך טיפער און בולטער די דערקענטעניש פון באַצישן גיהנום, קאַרבט נאָך שטאַרקער איין די אַלע איבערלעבענישן, ווייל ס'אָטעמט איבער זיי דער פיבער פון יענע יסורימדיקע טעג.

די מחברין שרייבט: „אין אַ געוויסן זונטיק האָב איך אונטערגעהערט, ווי מיין פאַרזאָרגער זאָגט צו דעם נאַיִוון גוטן פויער: — נו, צייט דיך באַפרייען פון דעם עול; איך מיין נישט איר צו טאָן קיין שלעכטס, נאָר מיר בײדע וועלן פאַר איר מאַכן אַ באַהעלטעניש. אין דעם גרויסן וואַלד זענען דאָ ריזיקע גריבער פון וועלף, וועלן מיר אַזאַ גרוב באַדעקן מיט ברעטער און גראָזן און זי דאָרט האַלטן, פון צייט צו צייט צוטראָגן עפּעס עסן: די מלחמה וועט דאָך לאַנג נישט דויערן.

דער אַנדערער פויער האָט זיך אָבער אָנגערופן: — וואָס רעדסטו, די וועלף וועלן דאָך זי באַלד אין דער ערשטער נאַכט אויפעסן. זיין קראַנק ווייב האָט אָנגעהויבן וויינען, אַנידערגעקניט און זיך געצלמט. ענדלעך האָבן זיי שוין אַלע איינגעשטימט און אָפּגעמאַכט צו גיין און אויסזוכן אַזאַ פּלאַץ. איך האָב מיך שוין געזען אין דעם לייבנגרוב. דאָס לעבן איז במילא ביי מיר גאָרנישט ווערט געווען. דאַן האָבן זיי באַשלאָסן, אַז זונטיק, אויפן וועג צו דער קירכע, וועלן זיי גיין דורך דעם וואַלדוועג און זען וואָס זיי קאָנען טאָן. איך האָב אָבער געהאַט אָפּגעמאַכט, אַז אין דער לעצטער מינוט וועל איך לויפן צו דער פּאָליציי און זאָלן זיי מיך דערשיסן"...

איך האָב ציטירט דעם קורצן אויפשווידערנדיקן עפּיזאָד פונעם בוך, בכדי צו ווייזן דעם פּיינוועג, וועלכן בערטאַ פּערדערבער־זאַלץ איז דורכ־געגאַנגען, און דעם רויִקן נוסח פון איר דערציילן. עס בעט זיך אָבער צו באַמערקן, ערשטנס, אַז דער פּאַרזאָרגער, וועלכן זי דערמאָנט, דער וואָס האָט פּאַרגעלייגט איר צו באַהאַלטן אינעם וואַלפּגרוב, איז געווען אַ דאָרפ־מענטש, מיט וועלכן מען האָט געהאַט אָפּגערעדט און צוגעגרייט פון פריִער („מיר האָבן געהאַט אַ פּאַרזיכערונג פון אַ פּויער אין אַ דאָרף, אַז ער וועט אונדז אויסבאַהאַלטן, דערפאַר האָבן מיר אים אָוועקגעגעבן אַלץ, צירונג און ווערט־זאַכן”), צווייטנס, דעם גרוב האָבן זיי געדאַרפט אויסזוכן גייענדיק צוריק פונעם קלויסטער, פון דער זונטיקדיקער תּפילה...

אין די קרוב 300 זייטן פונעם בוך זענען קאָנצענטרירט אַלע געשפּענסטן פון די מלחמה־יאָרן: געטאָס, לאַגערן, קרעמאַטאָריעס, פּאַרלענדונג. הגם די שרייבערין בערטאַ פּערדערבער דערציילט וועגן אירע פּערזענלעכע איבערלעבונגען, האָבן מיר דאָ סיי די ערטער, סיי די סביבה, וואָס זי האָט געזען, באַאָבאַכטעט און מיט טאַלאַנט פּאַרצייכנט.

אַ באַזונדער וווּנדערלעך און הערצ־יִש קאַפּיטל אינעם בוך איז די רעטונג פון יידישע קינדער. ווי אויסטערליש זענען געווען די וועגן, צופאַלן און גילגולים דורך וועלכע עס זענען אויסבאַהאַלטן געוואָרן, אָפּגעראַטעוועט און אָפּגעהיט אַ צאָל יידישע קינדער — אַ שארית הפּליטה פון דעם איבער אַ מיליאָן אומגעקומענע יידישע קינדער. איז עס ביי דער מחברין אַ שטיקל טרייסט אין איר דערדריקטקייט: „איך ווייס, אַז איך בין זיכער פון די גליקלעכסטע, ביי וועמען די השגחה האָט עפּעס יאָ איבערגעלאָזט נאָך דער נאַצישער פּאַרטיליקונג”.

בערטאַ פּערדערבער־זאַלץ איז באַפרייט געוואָרן אין בערגען־בעלזן.

צום אָנדענק פון געהייליקטע יידישע פאָלקסמענטשן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די מאָנומענטאַלע בילדער־זאַמלונג „אומקום און אויפקום פון בערגען־בעלזן”. און אויב בילדער רעדן, — רעדן דאָ נישט די בילדער, נאָר זיי שרייען אַרויס מיט דעם בלוטיקסטן ווייגעשריי. דאָס זענען בילדער, וואָס דערציילן אויס אַלע עטאַפּן און שטחים פון אומקום. בילדער פון שמאַכטנ־

דיקע, גוססדיקע, צעשאָסענע מענטשן, וואָס האַלטן אויף דעם צלם מענטש, און מענטשן אין פאַריאושטן גלייכגילט.

אין דער בילדער־זאַמלונג, אין אָט דעם איינציקאַרטיקן אַלבום, ווערט נישט נאָר פאַרפיקסירט דער אומקום, נאָר אויך די אויפלעבונג, די טעג פון באַפרייונג, דער אויפקום פון די האַלעוועשקעס, די שארית הפליטה פון די אָפּגעראַטעוועטע אויפן ראַנד פון גיהנום. אָט קוקן אַראָפּ צו אונדז די בילדער פון די אָפּגעראַטעוועטע מיט די בליקן פון פאַרווירטקייט, פּחד, איינזאַמקייט. און ווי זאָגט דאָרט אַ צושריפט צו אַ בילד: „ווונדן אויפן געזיכט, אָבער נאָך בלוטיקער זענען די ווונדן אין האַרצן"...

און מיט די ווונדן אין האַרצן האָט מען אָנגעהויבן אויפוואַכן. בערגען־בעלזן האָט צוגעשריבן אַ קאַפּיטל פון יידישער העראָיִק, אַ קאַפּיטל פון יידיש־נאַציאָנאַלער אײַפעריקייט, אויפצולעבן, אויפצוקומען. שאַפן אַ יש פון די טרוקענע ביינער.

אין דעם פאָרוואָרט שרייבט ד"ר י. ראַבינזאָן: „די גורלדיקע פראַגע פונעם נביא יחזקאל — ,צי וועלן די דאָזיקע ביינער ווען עס איז אויפ־לעבן' — האָט דאָ באַקומען אַ קאַטעגאָרישן פּאָזיטיוון ענטפער: פון אַ הייפל טרוקענע ביינער, כמעט אָן לעבן, איז אויפגעשטאַנען אַ יידישע קהילה, און די הילפלאָזע קרבנות פון דעם שרעקלעכן טעראָר־רעזשים זענען געוואָרן די טרעגער פון אַ באַנייטן יידישן לעבן אין דער תקופה נאָך דעם חורבן. זיי האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין געראַנגל, צו לייזן אַלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט דער אויפלעבונג פון די טרוקענע ביינער, בתוכם דעם קאַמף פאַר דער יידישער מדינה, אין וועלכער אָט דער יידישער קיבוץ, צוזאַמען מיט זיינע חברים פון דער גאַנצער שארית הפליטה, איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן".

רעדאַגירט דאָס בילדערבוך האָט שמעיה בלאָך, וועלכער האָט, אָן ספק, אַריינגעלייגט אַ סך מי און איבערגעבנקייט ביים אָפּקלייבן די בילדער, פאָרמולירן די צושריפטן (אָפט מאָל צו פּאַטעטיש), אָבער אַ ביסל מער אָפּגעהיטנקייט און, בעיקר, ווען דאָס בילדערבוך וואָלט נישט געווען אַזוי רעשיק לוקסוסיעז אין זיין אויסערלעכקייט, — וואָלט עס, אָן ספק, געטראָגן מער נוסח און געמיט פון שארית הפליטה, פון יידישן חורבן.

צוזאַמען מיט דעם בילדערבוך איז אויך דערשינען אַן אינטערעסאַנטע אויסגאַבע פון בערגען־בעלזנער יוגנט. אַ זאַמלונג דערציילונגען, לידער, באַטראַכטונגען, אַרטיקלען פון קינדער, געבוירענע אין בערגען־בעלזן נאָך דער באַפרייונג. היינט זענען זיי שוין תלמידים פון העכערע קלאַסן, אַנדערע זענען שוין סטודענטן אין הויכשולן — יוגנטלעכע פון די אַמעריקעס, פון קאַנאַדע און בעיקר פון ישראל.

לייענענדיק אָט דעם „יוגנט־זשורנאַל", געדרוקט אין דריי שפּראַכן, העברעיש, יידיש און ענגליש, קען מען אַרויסדרינגען, אַז די האַרבע און מאַטערנדיקע פּראָבלעם, ווי צו באַקענען און איינפּלאַנצן ביי דער יוגנט די אַספּעקטן פון דער אומקום־דראַמע, קען טאַקע צו מאָל אויך געלייזט ווערן דורך אָט דעם טייל יוגנטלעכע, וואָס זענען אַליין אַזוי אָרגאַניש פאַרבונדן:

„מיר, וואָס רופן זיך די קינדער פון בעלזן, האַלטן, אַז מיר זענען אַ טייל פון בעלזן, מיר האָבן אפשר נישט איבערגעלעבט די גרוילן פון חורבן, נאָר מיר קענען און פילן די גרויסע טראַגעדיע. מיר האָבן פּרובירט לערנען פון דעם, כדי מיר זאָלן קענען העלפן אונדזערע עלטערן אין זייערע באַמיונגען, צו מאַכן דער וועלט נישט פאַרגעסן".

כאַראַקטעריסטיש איז דאָס ליד פון דער פופצן־יעריקער אביבה בערלינסקי — אַ „טאָכטער" פון בערגען־בעלזן. דאָס ליד האָט נישט נאָר דעם געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזיין, נאָר פאַרמאָגט אויך דיכטערישן אָטעם:

מאַמע, דו ליגסט אויפן דיל אַן מענטשלעכע געפילן.
ס'איז קאַלט ווו דו ליגסט. דו הערסט אַ געוויין,
דו זעעסט אַ קינד. דו זעסט אַ סך קינדער.
דו נעמסט דאָס קינד און זאָגסט צו אים:

„אין צוויי וואָכן אַרום וועסטו האָבן ברויט".
דאָס קינד וויינט. ער קוקט אויף דיינע גאָלדענע האָר,
די האָר פון צאַרטע מלאכים. ער שטאַרט מיט גרויסע,
קיילעכדיקע אויגן און שלינגט איין דיינע טרערן —
ווייל אין טייך פליסן מתים, קרבנות פון דער פעסט.

מיר ווילן צום סוף דערמאָנען דריי וויכטיקע ווערק, וואָס ברייטערן אויס די חורבן־דאָקומענטאַציע, ווי די גרויסע זאַמלונג דאָקומענטן „המרי והמרד בגיטו ורשה" (איבער 500 זייטן) מיט אַריינפירן, אויפקלערונגען, אינדעקסן און מאַפּעס, צונויפגעשטעלט פון נחמן בלומענטאַל און יוסף קערמיש. דאָס בוך פון מיכאַל מולכו און יוסף נחמה „שואת יהדות יוון" (270 זז'), אַן אויספירלעכע שטודיע וועגן גריכישן יידנטום (וואָס האָט פאַר דער מלחמה געציילט 80 טויזנט נפשות. פון זיי זענען 62 טויזנט פאַרשיקט געוואָרן אין קאַצעטן און טויטלאַגערן). ס'איז דאָס ערשטע בוך, וואָס שילדערט פאַר אונדז דעם אומקום פון אָט דער זעלטענער עדה. און דאָס בוך פון תיאודור לביא „יהדות רומניה במאבק על הצלתה" — די אַלע ביכער האָט אַרויסגעגעבן „יד ושם".

נישט געקוקט אויף די אַלע באַמיונגען, מוזן מיר נאָך מער טאָן, די אומקום־תקופה זאָל קומען צום אויסדרוק אין אונדזער דאָקומענטאַציע־ליטעראַטור.

אַזיע געזען פון אַ ישראלדיקן שטאַטסמאַן

אין משה שרתס טאָגבוך פון זיינע נסיעות איבער דער ווייטער וועלט, „משוט באסיה״, איז אייגנאַרטיק און קאָלירפול אויסגעבונדן און פאַרפלאָכטן פייזאַזש און שטייגער, מינהגים און טראַדיציעס, ווי אייגנאַרטיק און קאָליר־פול עס איז די פּראָבלעמאַטיק פון די פעלקער און לענדער, וועלכע שרת האָט באַזוכט.

די נסיעה קיין אַזיע איז געווען אין שליחות פון דער ישראל־רעגירונג, און איר ציל — פאַרשטאַרקן דאָרט אין עטלעכע לענדער די באַציִונגען מיט ישראל און אויך אָנקניפּן נייע פאַרבינדונגען מיט לענדער, וואָס האָבן זיך באַפרייט פון קאָלאָניאַלן יאָך און זענען במשך די לעצטע יאָרן געוואָרן זעלבשטענדיק. האָט די נסיעה אַרומגענומען בורמא און די פיליפּינען, יאַפּאַן, סינגאַפּור, מאַלאַיאַ, ציילאָן, טאַילאַנד, לאַאָס און קאַמבאָדיע, אויך אינדיע און האָנגקאָנג. שרת האָט באַזוכט פעלקער און לענדער מיט אַלטע קולטורן און מיט נייע שטרעבונגען, מיט פירעכצן פון קדמונים און מיט השפּעות פון היינטיקער מערב־ציוויליזאַציע. ער האָט געזען שבטים און עדות, וואָס פאַרנעמען זיך נאָך מיט געצנדינעריי, און מחנות וואָס קעמפן אין די דזשונגלעס און אין די פאַרהוילענישן פאַר אַ קאָמוניסטישער אָרדע־נונג... סתירות און פאַראַדאָקסן זענען אפשר אומעטום נאַטירלעך, והראיה: זיי זענען דאָ. אָבער צו אַזעלכע קעגנזאַצן אין שטייגער און געזעלשאַפטלעכן באַנעם, ווי ס׳איז בנמצא אין אָט דעם גרויסן, מעכטיקן וועלטטייל, קאָן נאָר, דאַכט זיך, דערפירן די פאַנאַטישקייט, די מיסטעריע און דער דורותדיקער פרימיטיוו, אין וועלכן אָט די פעלקער פון אַזיע האָבן געלעבט במשך יאָרהונדערטער.

צו אָט די פעלקער, צו זייערע פירער, האָט שרת געבראַכט זיין גרויסע שליחות: באַקענען זיי מיט די שטרעבונגען און אויפגאַבן פון מדינת־ישראל און פון יידישן פאָלק. ווייל וויפל מיר ווייסן וועגן זיי, ווייסן זיי פון אונדז

נאָך ווייניקער. און מיר מיינען דאָ נישט די גרויע פּאַרהאַרעוועטע מאַסן, וואָס מיליאָנען פון זיי לעבן נאָך מיט די השגות און געוווינהייטן פון זייערע ווייטע עלטער־זיידעס. מיר מיינען דאָ דווקא די פירער פון לענדער, פון באַוועגונגען און פּאַרטייען, אויך פאַר די מערסטע פון זיי איז דער אויפקום פון אונדזער מדינה, די תשוקה צו ארץ־ישראל און דאָס לעבן אין ישראל אַ פּאַרמאַכט בוך.

שרת האָט פאַר זיי אויפגעראָלט די מגילה פון אונדזער העראָיזם און גבורה, די יסורים און ליידן פון פאָלק אין יאָרהונדערטער פון צעשפּרייט־קייט, וואָס איז באַגלייט געווען מיט דער גאַרונג נאָך אייגענער היים. ער האָט זיי דערציילט פון די געראַנגלען און סכנות, וואָס אונדזער מדינה האָט אויסצושטיין, און פון דורך מי אויפגעאַנגענע באַגרינטע שטחים, וואָס מוזן באַוואַכט ווערן. — — — אָפט מאָל האָט ער טאַקע, דער שליח, געדאַרפט אָנהייבן פון סאַמע ערשטן פסוק, פון בראשית, מחמת פאַר גאָר אַ סך פון די אינטעלעקטועלע פון אַזיע איז אפילו דער תנ״ך כמעט אַן אומבאַקאַנט ווערק. דער באַזוך אין אַזיע איז אויסגעפאַלן גראָד אין די טעג זייער הייסע און געשפּאַנטע — אין די טעג פון דער סיני־אַקציע. האָט משה שרת געדאַרפט קלאָר מאַכן און פּאַרטיידיקן אונדזערע פאָדערונגען — צווישן קרייזן און פּאַרטיי־פירער און סאָציאַליסטישע טוער, צו וועמען די רייד און די טענות פון די אַראַבישע מושלים זענען פריִער, און אפשר אויך נעענטער דערגאַנגען...

איז עס געווען אַ ביז גאָר שווערע אויפגאַבע פונעם דיפּלאָמאַטישן שליח. דאָ האָט זיך געפאָדערט נישט נאָר בקיאות אין די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען. עס האָט זיך געפאָדערט ערודיציע, אַ באַזונדערע טיפע קענט־שאַפט פון די געזעלשאַפטלעכע ווידעראַנאַנדן אין די לענדער, פון די גרופּן און פּאַרטייען, וואָס זענען אַזוי ראַשיק אויפגעקומען אין וויטן מזרח. דאָ האָט זיך אויך געפאָדערט יענער אוממיטלבאַרער מענטשלעכער טאַן, טאַקט און געפיל און אינערלעכער פּערזענלעכער צויבער, וואָס איז ביכולת איינ־צוברעכן צוימען, צעוואַרפן מחיצות און געווינען אָנהענגער — אפילו צווישן נעכטיקע פיינד.

אויף צענדליקער פאַרזאַמלונגען, אויף אויפנאַמעס ביי פירער, הערשער

און מיניסטאָרן האָט שרת געבראַכט דאָס וואָרט פון ישראל; ער האָט איינגעשטעלט קאָנטאַקטן, אינפאָרמירט, איבערצייגט. נישט אַלע מאָל איז ער געווען צופרידן פונעם אויסגאַנג, נישט אַלע מאָל איז ער געווען צופרידן פון זיך אַליין... און נישט שטענדיק זענען געווען די רעזולטאַטן ווי ער האָט דערוואַרט. אָבער גאָר אָפט — מער ווי ס'איז געווען צו דערוואַרטן. געוויינלעך איז די שליחות אויסגעפאַלן לייכטער ביי די באַגעגענישן מיט פּערזענלעכקייטן, וואָס ער האָט געקענט פון פריער, אָדער מיט אַזעלכע וואָס האָבן באַזוכט דאָס לאַנד, האָבן געהערט פון די פּאַרמעסטן און אויפטועך אין ישראל. צווישן די איז געווען דער בורמענישער פּרעמיער־מיניסטער או־נו און די מענטשן אַרום אים, ווי דער סאָציאַליסטישער פירער או־טאָנט און אַנדערע. אַ באַזונדערע טשיקאַווע פּערזענלעכקייט, מיט וועמען שרת האָט געהאַט לענגערע שמועסן, איז דער פּרעמיער פון קאַמבאָדיע, דער פּרינץ סיהאַנוק, וועלכער פאַרמאָגט אין זיך סיי פון אַ מאָדערנעם סאָציאַליסט און סיי פון אַ קדמון, אַ מיסטיקער.

די שילדערונגען אין די „וואַנדערונגען איבער אַזיע" זענען געשריבן מיט עלעגאַנץ און מיט אַזאַ ליריש־דערציילערישן חן. אָבער דער עיקר שפּירט זיך אַרויס דער דערציילער אַליין, זיין שלימותדיקע פּערזענלעכקייט. די כאַראַקטעריסטישע, געראָטענע און קאָלירפולע שילדערונגען פון ווייט־מזרחדיקן פּייזאַזש, ווי די עקזאָטישע דענקמאָלן, געבעט־הייזער און פאַנטאַסטישע פּאַלאַצן, וואָס דערמאָנען אין די מעשהלעך פון „טויזנט און איין נאַכט", ברענגט שרת אַרויס אין קורצע, דינע שטריכן אָבער מיט בונטער, בילדערישער קראַפט. גאָר בריהש האָט ער קאָמפּאָנירט די באַשרייבונג פון זיינע צוזאַמענטרעפן, פּאָליטישע אַרגומענטאַציעס, — אַריינפלעכטנדיק אין זיי אינטימע שילדערונגען, פון וועלכע עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז דער שטייגער און פאָלקלאָר פון יענער גרויסער, ווייטער און אַזוי אומבאַקאַנטער וועלט.

צווישן די מיליאָנען פעלקער פון אַזיע געפינען זיך אויך יידן, אַרום און אַרום אַ וועלכע פינף און צוואַנציק טויזנט. פאַראַן דאָרט דורותדיק פאַרוואָרצלטע, איינגעזעסענע משפחות. נאָר אינעם רוב זענען עס יידן פאַרוואָגלטע, אַנטרונענע פון בייז, זיי ווייסן אַזוי ווייניק דעם טעם פון פרייד

און יום־טוב. האָט דער באַזוך פון שרתן צערודערט זייערע געמיטער, געמאַכט זיי אומרויִק, דערמאָנט, אַז עפּעס געהערן זיי דאָך צו אַ שטאַם, צו אַ פֿאָלק...

האָט דאָך שרתס דיפּלאָמאַטישע שליחות געטראָגן אין זיך דירעקט און אומדירעקט גאָר אַ סך שליחותן. און דאָס בוך אַליין „משוט באסיה" טראָגט אין זיך די שליחות פון באַקענען אונדז מיט די פעלקער און לענדער פון דרום־מזרח אַזיע.

יוסף כרמל וועגן יידן אויפן ווייטן מזרח

אלוף י. כרמל, דער געוו. מיליטערישער אַדיוטאַנט פון מלוכה־פּרעזידענט, איז, נאַטירלעך, שוין לויט זיין אַמט, וועלכן ער האָט פאַרנומען, אַ רעפּרעזענ־טאַטיווער ישראל־שליח צו יידן און צו יידישע קהילות אין דער וועלט. און ער האָט שוין טאַקע דורכגעפירט מיט הצלחה עטלעכע אַזעלכע שליחותן. און פון איינער אַזאַ שליחות אויפן ווייטן מזרח און אין אינדיע דערציילט ער אין זיין בוך, וואָס איז פריִער דערשינען אין העברעיִש און נאָך דעם אין יידיש (אין י.ל. פּרץ־פאַרלאַג) אונטערן נאָמען „אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער״.

די צעזייטקייט און צעשפּרייטקייט פון יידיש־פאָלק האָט, דאַכט זיך, אויך געשאַפן אַ רייזע־ליטעראַטור, וואָס קיין שום פאָלק פאַרמאָגט נישט. אין אונדזער רייכער ליטעראַטור זענען פאַראַן באַשרייבונגען און שילדע־רונגען פון „מסעות״, וואָס זענען כמעט אַ זעלטנקייט מיט זייער אייפעריקן אַנטדעקן פאַרוואָרפענע ברידער...

ס׳איז פאַר יעדן איינעם אינטערעסאַנט צו לייענען די באַשרייבונגען פון ווייטע און עקזאָטישע לענדער, צו באַקאָנען זיך מיטן שטייגער־לעבן אין אינדיע און יאַפּאַן, הגם דער מהלך האָט זיך אַזוי פאַרקלענערט און מ׳קאָן שוין מער נישט איבערלעבן די דראַמאַטישע געשעענישן, צי סכנות בעת די חדשים לאַנגע רייזעס פון די אַמאָליקע רייזנדער־שרייבערס, אָבער אָט די וועלט איז נאָך אַלץ פאַר אונדז אַ ווייטע, אַ פרעמדע און אָפּט מאָל אַ נישט־פאַרשטענדלעכע.

יוסף כרמל ברענגט אַרויס דאָס לעבן פון די קליינע יידישע קיבוצים אויפן פאָן פון די גרויסע לענדער מיט זייערע פיל־מיליאָניקע באַפעלקע־רונגען. ער שיילט אויס דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע און טיפּישע פון זייערע מינהגים, טראַדיציעס און לעבנס־שטייגער. דער מחבר פאַרנעמט זיך נישט צו ברייט — ער פירט אונדז נישט אַוועק אין טונקעלע לאַבירינטן,

ווו אָפּט מאָל קאָן דער מחבר צוזאַמען מיטן לייענער פאַרפאַלן ווערן, נאָר ער נעמט אונדז מיט אויף אַ שפּאַציר איבער יענע עקזאָטישע גאַסן, סקווערן און הייזער, און דווקא ביי אָט דעם שפּאַציר ווערט מען גאָר אָפּט עמאָציאָנירט און פאַרכאַפּט. אָט זענען די גאַסן פון באָמביי, און כרמל דערציילט וועגן די טויזנטער פּליטים פון פּאַקיסטאַן, וואָס זיי וואַלגערן זיך אויף די גאַסן, ליגנדיק אויף די שטיינער אָנמעכטיקע און גלייכגילטיקע. „עס איז אויפשוידערנדיק צו זען ווי אַזוי מענטשן ווערן געבוירן און שטאַרבן אויף די גאַסן. די קינדער זענען אַזוי מאָגער, אַז זיי קאָנען נישט איינשטייען אויף זייערע דינינקע פּיסעלעך. אויף יעדן טראָט באַגעגנט מען אינוואַלידן. נאָרמאַלע און אומנאָרמאַלע געשלעכטלעכע באַציִונגען קומען פאָר אין גאַס ביים ליכטיקן טאָג און פאַר אַלעמען אין די אויגן. דער עלנט, די שענדונג פון מענטשלעכן פּרצוף שטעלן אונטער אַ פראַגצייכן די סופּער־יאָריטעט פונעם מענטש איבער דער בהמה".

און אַז אַ פרעמדער באַזוכער פרעגט מיט פאַרוווּנדערונג אָרטיקע אינ־טעליגענטע און בכבודיקע תושבים: „היתכן, ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך?" — ענטפערן זיי, אַז דאָס איז שוין דער שטייגער פון די פּליטים; זיי זענען צו בעסערס נישט צוגעוווינט, זיי האָבן קיין מאָל נישט געוווּסט פון שלאָפן אין שטוב און עסן נאָרמאַלע שפּייז.

און דאָ רעדט זיך נישט בלויז וועגן די איבער זעקס מיליאָן פּליטים — אין נישט קיין סך בעסערע באַדינגונגען לעבן אויך אַנדערע מיליאָנען געבוירענע אין אינדיע, אַ לאַנד וואָס איז געבענטשט מיט פרוכטבאַרער ערד און וואַסער. אָט די גרויסע און רייכע אינדיע קאָן זיך קיין עצה נישט געבן, איז אומבאַהאָלפן ביים פאַרבעסערן דעם סאָציאַלן מעמד פון איר ריזיקער באַפעלקערונג.

גאָר אַנדערש איז די לאַגע פון די יידישע יִשובים דאָרט, הגם אויך צווישן זיי פעלן נישט קיין אָרעמע־לייט. אָבער דורותדיקע טראַדיציע פון קעגנזייטיקער הילף און זאָרג הערשט ביזן היינטיקן טאָג אין אָט די קליינע יידישע יִשובים אויפן ווייטן מזרח.

די ערשטע קהילות אין אינדיע, דערציילט יוסף כרמל — לויטן בוך פון דוד שלמה ששון, „דברי ימי היהודים בבגדד" — זענען געגרינדעט געוואָרן

דורך די יידן פון באַגדאַד, זיי זענען געקומען צוליב מסחר און האָבן זיך דאָרט באַזעצט. די „בני ישראל" אין באָמביי האָבן נישט קיין שום געשריי־בענע מקורות פון טראַדיציע, אָבער לויט זייערע מינדלעכע דערציילונגען געפינען זיי זיך שוין אין אינדיע טויזנטער יאָרן. די אָנגעהעריקע צו דער גרויסער קהילה אין באָמביי רעדן און שרייבן אין דער מאַרעטישער שפּראַך, אין וועלכער זיי האָבן אויך געשאַפן זייער אייגענע רעליגיעזע און וועלטלעכע ליטעראַטור. זייערע דרוקערייען האָבן אַרויסגעלאָזן ביכער מיט תפילות און הגדות אויף העברעיִש און מאַרעטיש. זייער אַלטע שול מיטן נאָמען „שער השמים" איז אויפגעבויט געוואָרן דורך שמואל יחזקאל אין יאָר 1796 אויף דער סעמועל־גאַס אין באָמביי. דער ערשטער ייד פון באַגדאַד, וואָס האָט זיך באַזעצט אין באָמביי, איז געווען סלימן בן־יעקב סלימן — — —

און צו דעם סלימן בן־יעקב סלימן זענען שפּעטער צוגעקומען הונדערטער איינוואַנדערער, צווישן זיי דער באַרימט־געוואָרענער דוד ששון, וועמענס השפעה און רייכקייט ברייטערט זיך אויס און גייט אַריבער מדור לדור. און אָט די ששון־משפחה און אַנדערע יידישע משפחות, וואָס זענען געווען לכתחילה אַ מיעוט שבמיעוט, האָבן אויפגעהאַלטן און קאָנטינויִרט יידישן גייסט און אַלטפּאָלקישן שטייגער. גרויס איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג די השפעה פון די ספרדישע משפחות ששון און מנשה און מאיר, וועלכע האָבן אין דעם פאַרביקן ים פון פעלקער, עדות, ראַסן און מינהגים אויפן וויטן מזרח אויפגעהאַלטן און ממשיך געווען יידישקייט, יידישע מסורה און צוגעבונדנקייט צו ארץ־ישראל.

יוסף כרמל האָט אויף זיינע נסיעות, צוזאַמענטרעפן אַרויסגעפילט די דאָזיקע נשמה־פאַרבינדונג מיט ישראל. צי דאָס איז געווען בעת די פאַרזאַמלונגען און באַגעגענישן מיט די קהילה־מיטגלידער, צי אויף פּייערונגען מיט קינדער, צי אין פּריוואַטע הייזער. אַלע האָבן געוואָלט וויסן וואָס מער וועגן ישראל. כדאַי דאָ צו דערמאָנען אַ רירנדיקן עפּיזאָד אין ראַנגון, די הויפּטשטאָט פון בורמאַ. אַן עפּיזאָד, וואָס איז געווען, ווי דער מחבר דערציילט, זיין שטאַרקסטע איבערלעבונג אין יענער שטאָט: „מען האָט מיך געבעטן באַזוכן אַן אַלטיטשקע, וועלכע ליגט קראַנק און

אירע טעג זענען געציילטע. אַ נאַקעטער צימער, אָן מעבל. אין אַ צעבראָכן בעט ליגט די אַלטע. זי בעט מיך נעמען איר באַשטייערונג פאַר ישראל, היינטיקס יאָר איז איר געלונגען עס צו פאַרטאָפּלען. איר איינציקער ווונטש — מען זאָל זי ברענגען צו קבורה אין ישראל...״ „מיין גאַנץ לעבן — האָט זי געזאָגט — „האָב איך געטאָן וואָס איך האָב געקאָנט פאַר ישראל, איצטער, בעת איך האַלט שוין ביים סוף, נעמט צו מיינע אָפּשפּאָרונגען, ישראל נייטיקט זיך אין זיי״... און דער מחבר גיט צו, „די פרוי האָט געשענקט דער מדינה נישט איר ביסל אָרעמקייט, נאָר איר גרויס עשירות — דאָס האַרץ און נשמה״.

אַזעלכע און ענלעכע אויסדרוקן פון שטילער און טיפער בענקשאַפט צו ישראל האָט דער שליח אָנגעטראָפן אין אַ ריי שטעט און דערפער פון ווייטן מזרח.

אַ סך פאַרשטענדעניש פאַר די פּראָבלעמען און פראַגן פון ישראל האָט ער געפונען צווישן די נישט־יידישע פּראָגרעסיווע פירער און אינטע־לעקטועלע, וועלכע האָבן, כידוע, די זעלבע שוועריקייטן און פּראָבלעמען אין די לענדער, וואָס האָבן זיך באַפרייט פון קאָלאָניאַלן יאָך און דאַרפן איצט פאָרמירן זייער זעלבשטענדיקע מלוכה־לעבן. מיט אַ סך וואַרעמקייט האָט דעם ישראל־שליח אויך אויפגענומען דער דעמאָלטיקער פּרעמיער פון סינגאַפּור, דער ייד דוד מאַרשאַל, הגם ער איז שטאַרק פאַרנומען ביי זיין אַמט־אַקטיוויטעט, גיט ער זיך נישט וויניק אָפּ אויך מיט יידישע ענינים. די מוטער מאַרשאַלס איז געשטאָרבן אין ירושלים און זיין פאָטער אין אויסטראַליע.

אַוודאי קאָן מען אויך דאָ געפינען אויסטערלישקייטן און מאָדנע התנהגותן. אָבער דאָס קאָנען זיך נאָר פאַרגינען יידן־מיליאָנערן. יוסף כרמל האָט זיך געטראָפן אין האָנגקאָנג מיט די צוויי ברידער כדורי — האַריס און לאָרענס — צוויי מיליאָנערן, וואָס זענען טעטיק לטובת ישראל. אָבער זיי האָבן „נאָך״ אַ משונהדיקן „האָבי״: לערנען כינעזער האָדוווען חזירים... זיי האָבן פאַר דעם צוועק אויסגעבויט אַ ספּעציעלע עקספּערימענטאַלע סטאַציע. און ס׳גייט זיי אין לעבן, אַז כינעזער זאָלן האָדווען חזירים. אַלס אויסדרוק פון דאַנק פאַר דעם חזירים־צוכט האָט זיי די ענגלישע קעניגין

דערהויבן צום ראַנג פון „אָפיציר פון דער בריטישער אימפּעריע״.

פון דעם גאַנצן געווירבל פון ראַסן, פעלקער, עדות און שבֿטים טיילט זיך אויס די יידישע באַפעלקערונג, דער יידישער מענטש, דער דורותדיקער ספרדישער ייד, וואָס איז געקומען אַהין מיט יאָרהונדערטער צוריק, צי דער ייד פון מזרח־אייראָפּע, וואָס איז געקומען צווישן ביידע וועלט־מלחמות פון דייטשלאַנד, פון פּוילן, מיט זיין געמיט, מיט זיין טרויער און פרייד, מיט זיינע באַגערן און בענקשאַפטן.

יוסף כּרמל שילדערט דעם ייד און דאָס יידישע לעבן אַזוי, ווי ער האָט עס געזען און געפילט אין טיילאַנד, אין בורמאַ, אין סינגאַפּור אויף די פיליפּינען, אין האָנגקאָנג, אין יאַפּאַן און בעיקר אין אינדיע. ער שילדערט עס מיט אַ סך חן און הומאָר. דאָס בוך איז פאַרזען מיט אַן אַריינפיר־וואָרט פון פּרעזידענט יצחק בן־צבי און אַן אַרבעט פון לעאָ בערנשטיין וועגן די קהילות אויפן ווייטן מזרח.

אַ העראָיש קאַפּיטל

(„חלוצים אין פּוילן")

מען האָט נאָך ביז איצט נישט אָפּגעשאַצט אין דער מאָס, ווי זיי פאַרדינען, די דריי בענדער פון דער אַנטאָלאָגיע „חלוצים אין פּוילן". אָט די בענדער (דער ערשטער איז דערשינען אין 1960 און דער דריטער און לעצטער באַנד איז אַרויס אין 1962) שטעלן פאָר מיט זיך אַ מאָנומענטאַל ווערק וועגן דער אייגנאַרטיקער און איינציקאַרטיקער באַוועגונג אין יידישן פאָלק. אַ באַוועגונג פון פּיאָנערישן און מסירת־נפשדיקן אויפבוי אין ארץ־ישראל, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין די יידישע תפוצות ווי אַ רעזולטאַט פון די נאַציאָנאַלע יוירונגען.

די וואָרצלען פון חלוצישן געדאַנק שטעקן נאָך העט טיף. פאַר די יאָרן 1917—1918, ווען אין פאַרשידענע לענדער, באַזונדערס אין רוסלאַנד, אין פוילן און אויך אין אַמעריקע האָבן זיך גענומען אויסשיילן און אויספאָרמירן גרופּעס און „החלוץ"־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך גענומען צוגרייטן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל און פאַרבינדן זייער גורל מיט קאָלעקטיווער אויפבוי־אַרבעט פאַרן לאַנד.

היינט, ווען אונדזער לעבן אין לאַנד האָט אָנגענומען מער אַלגעמיינע פאָרמען, באַנעמען מיר מער נישט ווי געהעריק דאָס אַלץ, וואָס דער חלוציזם איז געווען און געשאַפן, און וואָס פאַר אַ ראָל ער האָט געשפּילט אויף אַלע שטחים פון אונדזער ווירטשאַפטלעכן, סאָציאַלן, גייסטיקן און נאַציאָנאַלן אויפקום.

וואָס איז געווען דער מהות פון חלוציזם ? די וויכטיקייט און גרויסקייט פון דער חלוצישער באַוועגונג ?

אין דעם אַריינפיר צו דעם ערשטן באַנד ווייזט ריכטיק אָן לייב שפּיזמאַן :

„די חלוצישע באַוועגונג איז איינע פון די אייגנאַרטיקסטע באַוועגונגען אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע. זי פאַראייניקט אין זיך סאָציאַלן און

נאַציאָנאַלן מאַקסימאַליזם און אַ רעוואָלוציאָנערע איבערשאַצונג פון ווערטן און באַגריפן. זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דער קליינגעדיקער פּראַזע — וואָס איז געווען אַזאַ אָפטער גאַסט ביי כמעט אַלע יידישע ריכטונגען — און דערפאַר באַטאָנט די „הגשמה עצמית", די זעלבסט־פאַרווירקלעכונג, אָנהייבן ביי זיך אַליין... דער חלוציזם האָט איינגעשפּאַנט די אוטאָפּיע אין וואָגן פון רעאַליטעט; ער האָט זיך געריסן צו די הימלען פון וויזיע און זיך גלייכצייטיק נישט אָפּגעריסן פון דער גרויער, טאָג־טעגלעכערווירקלעכקייט. ס'וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז קיין שום כוח אין יידישן לעבן האָט נישט אַזוי רעוואָלוציאָניזירט די יידישע פּסיכיק, דאָס יידישע שטעטל, דעם כאַראַקטער און לעבנס־שטייגער פון דער יידישער יוגנט, ווי ס'האָט עס געטאָן די חלוצישע באַוועגונג.

יוסף טרומפּעלדאָר, איינער פון די ליכטיקסטע געשטאַלטן אין אונדזער גייסטער געשיכטע און דער מורה־דרך פון חלוצישן דור, האָט אין זיין טאָג־בוך געשריבן מיט איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק: „מיר וועלן אַרבעטן אין דער שטיל, אָן טומל, כדי אונדזער לעבעדיקע געזונטע אידעע זאָל נישט געטייט ווערן דורך קלינגענדיקע ווערטער". און אין זיינעם אַ בריוו צו צבי שאַץ, בערך פון דער זעלבער צייט, רעדט ער וועגן דער נייטיקייט פון אַ גרויסער פּראָפּאַגאַנדע, „אָבער נישט פון ווערטער, נאָר פון מעשים, און פון מעשים וואָס זאָלן קלאָר זיין פאַר יעדן איינעם..."

אָט דער גלייבן אין פּראָפּאַגאַנדע פון מעשים איז געווען דער סימן מובהק פון דער באַוועגונג און האָט געשפּייזט דעם חלוצישן רענעסאַנס. דער „החלוץ" האָט אָנגעהויבן זיך אָרגאַניזירן ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ס'איז געווען אָן אָנהייב און גלייכצייטיק אַ המשך. דאָס איז געווען אַ התחלה פון אַ ברייטער מאַסן־באַוועגונג. די מענטשן האָבן גענומען פאַר־זעצן דעם וועג פון די יחידים און גרופּעס, וואָס האָבן אין די פריערדיקע עליות פאַרזייט די קערנער פון חלוצישער טאַט און חלוצישן געדאַנק אויפן באָדן פון ארץ־ישראל. די דריטע עליה, למשל, האָט שוין געהאַט פאַר זיך די גייסטיקע הויכפּונקטן און עטיש־מאָראַלישע מוסטערן פון דער צווייטער עליה. געווען גוט באַוווסט דער הערויִזם פון „בר־גיורא" און „השומר", די ערשטע בלאָנדזשענישן און דערגרייכונגען פון געמיינשאַפטלעכקייט, פון

קיבוצישן גאַנג און קאָאָפּעראַציע אויף פאַרשידענע געביטן פון דער יונגער אויפקומענדיקער אַרבעטס־געזעלשאַפט אין לאַנד, די ערשטע נצחונות און קאַמפן — קעגן אַרום און קעגן זיך אַליין — אויף די געביטן פון קולטור און לעבנס־שטייגער.

כוואַליע נאָך כוואַליע האָבן זיך אַריינגעריסן אין לאַנד די שטראָמען חלוצים פון פאַרשידענע לענדער אין די יאָרן 1918—1940. און צווישן זיי האָבן פאַרנומען אַ צענטראַלן פּלאַץ די חלוצים פון פּוילן. פּוילן מיט איר אַוואַנגאַרד פון נאַציאָנאַל אידעישער יוגנט האָט געבילדעט דעם וויכטיקסטן אַקס פון דער חלוצישער באַוועגונג.

די דריי בענדער פון דער אַנטאָלאָגיע (צונויפגעשטעלט און רעדאַגירט פון לייב שפּיזמאַן און אַרויסגעגעבן פון דעם „פּאַרש־אינסטיטוט פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג״ אין ניו־יאָרק) זענען געווידמעט אַט דער זעלטענער און העראָישער אַקטיוויטעט פון „חלוצים אין פּוילן״. אין אַט די בענדער קומען אַריין אַ שלל פון דאָקומענטן, אָפּהאַנדלונגען, באַטראַכ־טונגען, פּאַמפלעטן, פּראָטאָקאָלן, אַרטיקלען, לידער, שילדערונגען און רעפּאָרטאַזשן. ס׳איז ממש צו באַוווּנדערן די עקשנות און דעם געדולד, און אוודאי די קענטשאַפט אין די מקורות, פון דעם צונויפשטעלער און רעדאַק־טאָר. במשך פון יאָרן האָט ער אויסגעשטודירט, אָפּגעקליבן און אויסגעסדרט אַט דעם ריזיקן מאַטעריאַל, וואָס הייבט זיך אָן אין די ערשטע טעג פונעם אויפקומענדיקן אָרגאַניזירטן חלוציזם מיט די באַשלוסן און „פּרינציפּן־דערקלערונגען״ אין ניו־יאָרק, יאַנואַר 1917, און אין כאַרקאָוו און פּעטראָגראַד. דער דריטער באַנד ענדיקט זיך מיט די בריוו־שריפטן פון די געפאַלענע אין אונדזער אומאָפּהענגיקייט־קריג. ס׳קומט די צוואה פון דעם איין און צוואַנציק יאָריקן נועם גראָסמאַן, געפאַלן ביי עטרות דעם 4טן מערץ 1948. עס קומען דאָ אויך די לידער פון ה. לייוויק „צווי זילבערנע בעכער״ און נתן אַלטערמאַנס „די זילבערנע טאַץ״ (אין דער איבערזעצונג פון א. סוצקעווער), ווו ער זאָגט:

און דאָס לאַנד וועט באַרוט זיין, ס׳וועט צונטערע שקיעה
איבער גרענעצן רויכיקע,

אברהם ליס

טונקלען, אַנטרינען.
און אַ פאָלק וועט מיט האַרץ וואָס צעשניטן אין קריעה,
נאָר אָן אַטעמדיקס...
אויפשטיין דעם נס צו באַזינגען.

אָט דער נס פון אויפקום ווערט אָנזעעוודיק און מיט פאַרנעם אַרויסגע־בראַכט אין דעם לעצטן אָפּטייל פון דעם דריטן בוך פון דער אַנטאָלאָגיע: „קאַמף פאַר דער יידישער מדינה" און אין אָפּטייל „בריחה און העפלה". דער לעצטער באַנד, וואָס האָט קאַרגע 500 זייטן, איז אין גאַנצן געווידמעט די אַקטיוויטעט פון חלוצים אין דער ביטערסטער פינצטערער נאַצי־תקופה, אין דער צייט פון צווייטן וועלטקריג. לייב שפּיזמאַן פּרוּווט מיט די מאַ־טעריאַלן, געזאַמלטע פון פאַרשידענע מקורות, פאַרענטפערן די פראַגע, „פאַר וואָס די פאַלן פון אַקטיוון ווידערשטאַנד און קאַמף פון די יידן קעגן די נאַצים זענען געווען אַזוי פאַרהעלטנישמעסיק זעלטן און ווייניק". אָבער דאָ און דאָרט, און באַזונדער אין די אָפּטיילן „יידישע פאַרטיזאַנער" און „יידישע בריגאַדע און פאַראַשוטיסטן" טרעט דווקא אויף די יידישע קאַמף־גרייטקייט און יידישע גבורה. גאָר שטאַרקער, ווען זי קומט פנים אל פנים מיט דער צילבאַוווסטער אויפגאַבע פאַר עליה — געראַנגל פאַר זעלבשטענ־דיקייט און קאַמף פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער, מענטשלעכער און יידישער ווערדע.

פאַר די לעצטע יאָרן זענען דערשינען אַ ריי ווערטפולע דאָקומענטאַרע און געשיכטלעכע ווערק, וואָס ברענגען אַרויס נישט נאָר די יידישע ליידן, די אָפּהענטיקייט און די יסורים פון יידישן פאָלק בימי החורבן. אין די ווערק דאָמינירט דווקא די באַטאָנונג פון יידישקייט, פון אומפאַרגלייכ־לעכע אַקטן פון פאַרטיידיקונג און גבורה. אַזאַ איז די זאַמלונג „מול האויב הנאצי". אויך די צוויי גרויסע בענדער „ספר הפרטיזנים היהודים", און ביכער פון יחידים, קעמפער און פאַרטיזאַנער אין פאַרשידענע איינהייטן...

דער דריטער באַנד „חלוצים אין פוילן" איז אַ רינג אין דער קייט שילדע־רונגען פון יידישער הערא:יק, פון געוואַגטקייט, וואָס יידישע יוגנטלעכע, דער דור דערצויגענע אין חלוצישן גייסט און חלוצישער אידע:שקייט האָט

געטראָגן און אַרויסגעבראַכט אין קאַמף מיט די נאַציס. ברייט איז באַשריבן דער קאַמף מיט דער מאַנדאַטמאַכט פאַר אַ פרייער איינוואַנדערונג און דער געראַנגל פאַר יידישער אומאָפּהענגיקייט, פאַר דער מדינה.

פון די הונדערטער געבראַכטע אויסצוגן אינעם בוך זעען מיר דעם נאַציאָנאַלן איבערוף צווישן דאָ און דאָרטן... דערציילן מיכל און צבי ראַיאַק: ...„ביי דער באַשיידענער גלובאָקער יוגנט האָט זיך אין קאַמף מיטן שונא אַנטפּלעקט אַ קוואַל פון גבורה. זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן צו פאַרניכטן דעם דייטשן גאַרניזאָן אין גלובאָק און באַפרייען די יידן פון דעם דאָרטיקן געטאָ. אָנהייב אויגוסט 1943 האָט די פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע „סוואָראָוו" באַשלאָסן צו באַפרייען די גלובאָקער יידן. דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד דוד פינצאָוו האָט אַרויסגעשיקט קיין גלובאָק די פּאַרטיזאַנער ברוך צימער און מאָטקע לעדערמאַן, צוצוגרייטן אין געטאָ די יוגנט צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן די דייטשן און פּאָליציי, אין דעם מאָמענט ווען דער פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד וועט באַפאַלן דעם דייטשן גאַרניזאָן אין גלובאָק. מאָטקע לעדערמאַן איז פאַרבליבן אין גלובאָקער געטאָ, כדי צו העלפן די יוגנט צו אָרגאַניזירן דעם אויפשטאַנד. צום אומגליק איז אָבער דער פּלאַן נישט אויסגעפירט געוואָרן, ווייל די דייטשן האָבן מסתמא דערשפירט די באַוועגונג אין גלובאָק און באַשלאָסן צו פאַרשנעלערן דעם סוף פון די דאָרטיקע יידן. אָבער בעת דער ליקווידאַציע האָט אַ טייל, מיט געווער אין די הענט, זיך דורכגעריסן דורכן פייער און אַוועק אין וואַלד, ווו זיי האָבן נקמה גענומען אין שונא".

און אַזוי שרייבט דאָ שושנה בנארי, וועלכע איז אין עלטער פון אַכצן יאָר געפאַלן ווי אַ פלמ"ח־קעמפערין ביים באַגלייטן אַן אויטאָ־קאַראַוואַן צום הר־הצופים. שושנה בנארי שרייבט צו אַ ברודער, אַן אַרעסטירטן אין „רפיח":

„בעת עס קומט מיר אין האַנט אַריין אַ בוך וואָס האָט אַ שייכות צו יידן — געשיכטע, אַ תנ"ך אָדער אַ בוך פון דער ליטעראַטור פון אונדזערע טעג — זע איך אַ לאַנגע קייט פון ליידן, פון נישט־מענטשלעכע ליידן. אויך אַ מענטש מיט דער אַנטוויקלטסטער פאַנטאַזיע, ווען ער וואָלט עס נישט געלייענט ממש מיט זיינע אייגענע אויגן, ווען ער וואָלט זיך נישט צונויפ־

געטראָפֿן מיט מענטשן וואָס זענען געבליבן ווי אַ שריד ופּליט — מיט מענטשן, וואָס דער אָנמערק פֿון זייערע ליידן איז טיף איינגעקריצט אין זייער פּנים — אפֿילו אַזאַ מענטש וואָלט נישט געקענט גלייבן, אַז דאָס אַלץ איז באמת פֿאָרגעקומען. אָבער מיר וועלן נישט דערלאָזן, אַז דער געשריי פֿון די פּליטים פֿון אונדזער פֿאָלק זאָל אין די ציפֿערן־לאַגערן פֿאַרלוירן גיין, אָדער אַז די יידן זאָלן אויסגיין פֿון הונגער אין דער פֿאַשיסטישער אייראָפּע. זאָלסט וויסן זיין, אַז נישט אומזיסט ביסטו פֿאַרשפּאַרט. דו ביסט פֿאַרשפּאַרט געוואָרן — צוליב דער מלחמה פֿאַר עלעמענטאַרסטער פֿרייהייט, וואָס איז נייטיק יעטוועדן מענטשן, פֿאַר דעם געראַנגל פֿאַר אַ שוצווינקל פֿאַר דיינעטוועגן און פֿאַר דיינע געוּרודפטע ברידער. שרעק זיך נישט, בכן, פֿאַר שטרויכל־שטיינער אויפֿן וועג. קוק פֿאָרויס".

און חנה סענעש, די העלדישע ארץ־ישראלדיקע פּאַראַשוטיסטין, אין אירס אַ ליד:

אין קריג, אין שריפֿה, אין צעכוואַליעטן פֿלאַם,
צווישן בלוט־צעשטורעמטן ים,
צינד איך מיין לאַמטערן דעם קליינעם,
צו זוכן אַ מענטש — כאָטש איינעם.

אויף די זייטן פֿון דער אַנטאָלאָגיע „חלוצים אין פּוילן" טרעפֿן מיר די מענטשן וואָס האָבן אויפֿגעריסן דאַמבעס און פֿייער־צוימען — און געהייליקט דעם צלם מענטש און ייד.

די דריי בענדער פֿון דער אַנטאָלאָגיע זענען אַ ווערטיקער בייטראָג צו דער דערקענטעניש פֿון דעם דערהויבנדיקן חלוצישן גאַנג. פֿון אונדזער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג. און איז במילא אַ וויכטיקער צושטייער צו דער הייניטיקער יידישער געשיכטע.

ד

חיים ווייצמאַן
חיים אַרלאָזאָראָוו
יעקב פאַט
ב. ריווקין
מ. גראָס־צימערמאַן
יוסף העפטמאַן
מ. צאַנין
צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין ישראל
ש. האַרענדאָרף
אפרים שרייער
יוסף חזנאָוויטש
פאָלקלאָר און פאָלקלאָריסטן
יהויכין סטוטשעווסקי
חכמה פון יידישן קוואַל
עמיל זאָלאַ
ד. ב. מאַלקין
יידיש אין ישראל

חיים ווייצמאַן

(אַ מאָנאָגראַפֿיע וועגן זיין לעבן און שאַפן)

דאָס בוך פון אריה בוסתן „חיים ווייצמאַן, זיין לעבן און ווערק" איז אַ וויכטיקער און נייטיקער אויפטו. אָבער די עיקר־באַדייטונג פון דעם דאָזיקן בוך איז, וואָס דעם מחבר איז געלונגען אויפצוּוויקלען די וואונדערלעכע עפּאָפּעע — דאָס לעבן און שאַפן פון איינעם פון די גרעסטע געשטאַלטן אין דער הײַנטצייטיקער יידישער געשיכטע, וואָס איז אָנגעלאָדן אי מיט אַקטן פון רשעות, אי מיט דערהויבנדיקע מאָמענטן.

אין די איבער פיר הונדערט פופציק זייטן פונעם בוך ווערט אַרויס־געבראַכט ווייצמאַנס לעבן, זיין קינדהייט און יוגנט אין מאָטעלע און פינסק — די סביבה און דער גייסטיקער קלימאַט פון זיין געבוירן־אָרט. און דאָס בוך דערגייט ביז צום טאָג פון זיין פּטירה (9טער נאָוועמבער 1952), אין זיין הויז, אין רחובות — אין הויז פון דעם ערשטן נשיא פון מדינת־ישראל.

אריה בוסתן באַנוגנט זיך נישט בלויז מיטן באַשרייבן פּרטים פון חיים ווייצמאַנס לעבן, מיטן שילדערן זיין פּאָליטישע פּירערשאַפט, זיין וויסנ־שאַפטלעכע אַקטיוויטעט און זיין אומאויפהערלעכן נאַציאָנאַלן קאַמף. די דאָזיקע מאָמענטן און עטאַפּן פון זיין לעבן ווערן געשילדערט אויפן פאָן פון דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכער קאָנסטעלאַציע אין דער יידישער און נישט־יידישער וועלט. אַזאַ פאַרנעם איז טיילווייז די מעלה פונעם בוך, אָבער אין אַ געוויסער מאָס אויך זיין חסרון. באַזונדערס שפּירט זיך זיך עס אין די סאַמע ערשטע קאַפּיטלעך. דער מחבר פאַרנעמט זיך דאָ מיט איבעריקער טירחה, צו שילדערן און פאַרפיקסירן דעם יידישן פאָלקסלעבן אין די שטעט און שטעטלעך פון מזרח־אייראָפּע. אַ טעמע, מיט וועלכער די יידישע ליטעראַטור איז בשפע אָנגעהויפט און צו וועלכער בוסתן איז נישט בכוח עפּעס צוצוגעבן. אָבער אָט דער, אין פלוג קליינער פּגם איז ווייט נישט קיין שטער צו דערקענען דורך דעם ווערק די גרויסקייט און דעם העראָישן, דערנערדיקן און כישופדיקן לעבנסוועג פון דעם מאַן, וואָס האָט

במשך יאָרצענדליקער אויסגעטראָגן די גרעסטע נאַציאָנאַלע שליחות — פאַר דעם אויפבוי און אויפקום פון אונדזער זעלבשטענדיקייט, פון אונדזער מדינה.

חיים ווייצמאַן איז דאָך געווען פון די גאונותדיקע פאָלקספירער, וואָס צוזאַמען מיט דער גליקלעכער וויזיע זענען זיי אויך באַשאָנקען מיט חריפות און מיט אַ טאַלאַנט צו רויִקער באַטראַכטונג און האַנדלונג, וואָס ווייס ווי צו פאַרמירן עמאָציע, באַגער און איינשפּאַנען עס אין דער ראַם פון קאַלטער אָפּשאַצונג, כדי נישט איבערשטרייטן, נאָר פירן צו ריכטיקע קאָנסטרוק־טיווע באַשלוסן. ווייל די אחריות קעגן די יעניקע, וואָס האָבן אים באַשטימט און אויסגעוויילט איז גרויס. דאָס פאָלק האָט דאָך אים, און נאָר אים אָנגע־טרויט די גורלדיקע אויפגאַבע!

חיים ווייצמאַן איז פון זיין יוגנט אָן אימפּולסיוו, אַגרעסיוו אין וויכוחים מיט קעגנער. אין זיינע סטודענטן־יאָרן איז ער שלאָגפאַרטיק און היציק אין פאַרמעסט קעגן די רעוואָלוציאָנערע פירער, יידן און נישט־יידן. ער קאָן אָבער אויך זיין קאָרעקט ביז גאָר אין זיינע עפנטלעכע אויפטריטן, אין זיינע אַרויס־זאָגונגען, אין זיינע ווענדונגען. פון איין זייט, שמידט זיך אין אים די שאַרפע און גלייִקע ציון־שטרעבונג, פון דער אנדער זייט, דער טיפער אחריות־געפיל, וואָס רופט צו ישוב־הדעת, צו רעאַלער מחשבה, צו וואָרהאַפטיקער פּיאָנערישער טוונג. אין יאָר 1921, פיר יאָר נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע (וואָס איז געווען אַ פּראָדוקט פון זיין אומדערמידלעכער, פאַרצווייגטער פּאָליטישער אַרבעט), איז אין דער ציוניסטישער טעטיקייט אָנגעלאָפן אַ שאַרפער קריזיס. גיט דעמאָלט ווייצמאַן אַ זאָג, אין סאַמע מיט פון אַ צע־היצטער אַטמאָספער: „נישט קיין דעקרעט שאַפט אַ מדינה, נאָר די כוחות פון פאָלק אינעם גאַנג פון דורות. ווען די מלוכות פון דער וועלט וואָלטן אונדז געגעבן אַ לאַנד, וואָלט עס געווען בלויז אַ מתנה פון ווערטער. ווען אָבער דאָס יידישע פאָלק עולה זיין און בויען ארץ־ישראל, וועט די יידישע מדינה זיין אַ ווירקלעכקייט, אַ פאַקט".

דאָס איז געווען ווייצמאַנס שטענדיקער דעוויז, זיין אני־מאמין. דאָס איז געווען זיין תמידיקע פאָדערונג צו די ציוניסטישע פירער און טוער. ביי דער מיינונג האָט ער זיך געהאַלטן סיי אין צייט פון אויסגעלייטערטקייט —

ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז די ענגלישע רעגירונג און די מאַנדאַט־מושלים אין לאַנד וועלן מקיים זיין זייער צוזאָג וועגן „גרינדן אַ נאַציאָנאַלע היים פאַרן יידישן פאָלק״, סיי ווען די ציוניסטישע פירערשאַפט איז געשטאַנען — און זייער אָפּט — ביים ראַנד פון אָפּגרונט. עס איז געווען ווייצמאַנס מאָנונג: נישט פאַרלאָזן זיך אויף קיינעם, נאָר בויען מיט די אייגענע כוחות, זיך פאַר־מעסטן אָן אויפהער און אויפזאַמלען מענטשן, מיטלען און געלט. פאַר־האַנדלונגען מיט די ענגלישע לאָרדן, מיניסטאָרן און באַאַמטע — אַוודאי איז עס וויכטיק, איז ער דאָך מיט זיי געבונדן און האָט צוטרוי צום ענגלישן פאָלק, אָבער דער עמק און דער גליל און די נייע קיבוצים וועלן נישט געבויט ווערן דורך דעם. דאָ מוז אַרויסגעבראַכט ווערן יידישער כוח, יידיש וויסן. און ווו זענען די יידישע גבירים? ווי שווער עס קומט אָן זיי צו באַוועגן, צו שטיצן אָט די פאַרווירקלעכונג פון דורותדיקן גאולה־חלום!...

צו די בעסטע פראַגמענטן אינעם בוך געהערן די, אין וועלכע דער מחבר פירט אויך אַריין אויטענטישן, דאָקומענטאַרן מאַטעריאַל. די איבער־דערציילטע שמועסן און די ביז גאָר אינטערעסאַנטע ציטירטע שטעלן פון בריוו און דאָקומענטן מאַכן נישט נאָר ווערטיקער די מאָנאָגראַפיע, נאָר זענען משפיע, זעט אויס, אויפן מחבר, צו אַ מער אָרגאַניזירטער און פּינקט־לעכער שפּראַך און פאַרגאַנצטער פאָרעם. לייענען זיך טאַקע אַ ריי קאַפּיט־לעך ווי אַ נאַראַטיווער היסטאָרישער ראָמאַן, ווו דער איינציקער העלד איז דער העלד פון אַ ווונדערלעכן עפּאָס.

די קאַפּיטלעך דערציילן אויך פון די טראַגישע צייטן, וועלכע חיים ווייצמאַן מאַכט דורך, ווען די הילף קומט נישט, ווי זי וואָלט באַדאַרפט קומען. ער ווערט דערדריקט אונטער דער לאַסט פון די פּאָליטישע מאַכי־נאַציעס, וואָס די מושלים אין לאָנדאָן טרייבן אויפן יידישן חשבון. און די קריטיק אין דער אייגענער מחנה!.. מען פאַרערט אים, מען קוקט אַרויף צו אים, ווי צו דעם נאַטירלעכן ממשיך פון דעם גאולה־חוזה הערצל. עס הערן זיך אָבער אויך גאָר ביטערע טענות. שניידיק זענען די באַשולדיקונגען קעגן אים: אַז ער גיט נאָך די ענגלענדער, אַז ער גלייבט צו פיל אין זייערע צוזאָגן, אַז ער לאָזט זיך פאַרוויקלען אין אַ נעץ פון ליגנס — און דערווייל ווערט די לאַגע ערגער. האָבן די קריטיקער געליאַרעמט; די אַראַבער ווערן

אַנגרייפערישער, זייער שׂנאה וואַקסט; איבערפאַלן, פּאָגראָמען; מען ברענגט אום יידישע פראַצע און יידיש האָב־און־גוטס; מען ברענגט אום הונדערטער זין, די בעסטע פון יידישן פאָלק.

ווייצמאַן איז דערשלאָגן. עס זעט אויס, ווי אַלץ וואָלט געווען קעגן דעם גרויסן ווערק, וועלכן ער האָט אָפּגעגעבן זיין גאַנץ לעבן. צוליב זיין ציוניסטישער אַרבעט האָט ער פאַרנאַכלעסיקט זיין משפחה, זיין פאָרשעריש־וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט און צו וועלכער ער קערט זיך תמיד אום מיט אייפער אין זיין זוכן טרייסט און דערמוטיקונג. אָבער די קריטיק לאָזט אים נישט אָפּ, און עס קומען אויף ספקות: הייסט עס, אַז מען קאָן גאָר נישט גלייבן די, וואָס האָבן געגאָלטן פאַר פריינד...

אָט ווי די נשמה־צושטאַנדן ווערן געשילדערט אינעם בוך:

„...אויב אַזוי זשע, אויב מען דאַרף זיך אויסהיטן פון איבערגעטריי־בענער אמונה אין מענטשנס האַרץ און זיינע חסדים, איז וואָס מכוח מיין גלייבן אין ענגלאַנד? — פרעגט זיך ווייצמאַן. ער טראַכט אַריין אין דער אמונה זיינער, ער אַנאַליזירט זי אין פאַרשידענע ריכטונגען. ער קען פאַרשטיין די ענגלענדער, וואָס שרעקן זיך פאַר די יידן, וועלכע קומען קיין ארץ־ישראל. פאַר די ענגלענדער זענען אָט די יידן נישט קיין מערב־מענטשן און נישט קיין איינגעבוירענע. די חלוצים פון פוילן און רוסלאַנד וועקן באַאומרויִקנדיקע אַסאָציאַציעס ביים ענגלישן באַאַמטן. די אָ טיכטיקע און ענער־גישע יידן זענען פאַר דעם דורכשניטלעכן ענגלענדער אַן אומפאַרשטענדלעכע דערשיינונג.

פון דער צווייטער זייט, איז אָבער פאַראַן אַ צווייטע ענגלאַנד. עס איז דאָ אַן ענגליש פאָלק, וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם גייסט פון תנ״ך און וואָס וויל אויפריכטיק די יידישע אויסלייזונג. איז דען נישט געווען די לאָזונג פון לאָרד סעסיל ,יודעאַ פאַר די דזשוס׳? האָט אים דען לאָיד דזשאָרדזש נישט געזאָגט בעת דער מלחמה, אַז דער מאַרש פון ענגלישן מיליטער אין הייליקן לאַנד אינטערעסירט אים, צווישן אַנדערן, צוליב די תנ״כישע נעמען, וואָס עס וועקן זיך אויף אין זיין זכרון? אַוודאי, האָט אויך אַ פראַקטישן ציל, ארץ־ישראל זאָל זיין באַזעצט מיט אַזאַ געטרייער באַפעל־קערונג, ווי די יידישע, וואָרעם צו וויכטיק און פילבאַר איז אָט דער סטראַ־

טעגישער פונקט. אָבער דער ערשטער אימפּולס ביי אָט דעם צווייטן ענגלאַנד איז געווען אַ הומאַניטאַרער, אַן אויסדרוק פון נשמה־איידלקייט".

אַזוי גייט אַן אין ווייצמאַנען דער אינערלעכער געראַנגל, דער נשמה־געראַנגל, ווען עס לאָזן זיך אַראָפּ די געדיכטע כמאַרעס אויפן ארץ־ישראל־דיקן פּאָליטישן האָריזאָנט. ער פירט אַ פאַרעקשנטן קאַמף מיט די, וואָס ווילן אָפּווישן די התחייבותן לגבי דעם יידישן פאָלק און פאַרלייקענען דאָס רעכט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. ער פירט דעם קאַמף קעגן די אַלע רעאַקציאָנערע כוחות, וואָס זענען אויפגעשטאַנען. ער פּאָלעמיזירט שאַרף מיט די אומצאָליקע אויספאַרשער און קאָמיסיעס, וואָס הערן נישט אויף, אַפילו ווען דאָס יידישע פאָלק אין מזרח־אייראָפּע גייט שוין אָפּ אין בלוט. טויזנטער אַנטרונענע קלאַפּן אין די טויערן פון ארץ־ישראל — און די ענגלענדער האַלטן זיך ביי זייעריקן!

ווייצמאַן איז צעבראָכן, אַנטוישט, דערנידעריקט. אָבער ער גיט נישט נאָך.

און אָט זענען די טעג פון באַלד נאָך דער מלחמה. פונעם יידישן פאָלק זענען געבליבן צעבלוטיקטע, פאַריתומטע רעשטלעך.

וועגן יענע שווערע טעג דערציילט בוסתן:

„ווייצמאַן נעמט אָפּ גרוסן סיי וועגן כוח און סיי וועגן אומגעדולד, וואָס ברויזן אין פאָלק, אין מינכען, אויף אַ געגנטלעכן צוזאַמענפאָר פון פּליטים, ווערט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז די בלוי־ווייסע פאָן איז זייער פאָן, אַז זייערע אויגן זענען געווענדעט צו ארץ־ישראל. אַכציק שליחים פון פאַרשיידענע לאַגערן גיבן צו וויסן דער וועלט, אַז נאָר אַן אייגן לאַנד וועט קענען פאַרהיילן זייערע ווונדן.

אָבער די טויערן פון ארץ־ישראל זענען נאָך אַלץ געשלאָסן".

אריה בוסתן, דער מחבר פונעם בוך, האָט אויף אַ געראָטענעם אופן צונויפגעקליבן דעם דאָקומענטאַרן־געשיכטלעכן מאַטעריאַל און אים איינגעפורעמט אין אַ דערציילערישער קאַנווע. ער האָט די היסטאָרישע פאַקטן און געשעענישן צוגעטראָגן אין אַזאַ בעלעטריסטישער, דערציילערישער פאָרעם, אַז זיי קריצן זיך טאַקע איין אָפּט מאָל שטאַרקער און ווירקנדיקער, ווי דאָקומענטאַריש אַרויסגעבראַכטע פאַסירונגען און פאַרלויפענישן.

געפינען זיך אינעם בוך אַזעלכע בילדערישע שילדערונגען:

„ערנסט בעווין זיצט בהרחבהדיק אין זיין מיניסטאָרן־פאָטעל. סאָראָ מגושמדיקער גוף, סאָראָ בליק אונטער די דיקע ברילן־גלעזער, און די הענט זיינע — ווי זיי וואָלטן צו פאַרצוקן באַשאַפן געוואָרן. ווייצמאַן האָט שוין געזען פאַרשידענע מענטשן אויף אָט דעם שטול פון 1914 ביז איצט. אָבער ווי קומט דער מענטש דאָ, ווי קומט ער אַהער? — און דאָס איז די צאָל סערטיפיקאַטן פאַר נייע עולים, וואָס די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט האָט אַרויסגעגעבן?

ווייצמאַן ווערט אויפגעטרייסלט, דערהערנדיק די נישטיקע צאָל. ער רופט אויס: ס׳קען נישט זיין! — וואָס הייסט, עס קען נישט זיין? — חזרט בעווין איבער צאָרנדיק און שפּאָטיש. אפשר ווילט איר אונדז דיקטירן, וואָס מיר האָבן צו טאָן? וויפל אַריינפאַר־דערלויבענישן מיר האָבן צו געבן?

דעם מיניסטערס אויגן שפּריצן מיט פייער. אַ גרינער רוגז־גלאַנץ גיסט זיך אויס אויף זיין פּנים. ער בייגט זיך איבער איבערן שרייבטיש, דער־נענטערט זיין קאָפּ צו ווייצמאַנען, אַזש מען פילט דעם אָטעם פון זיין מויל. — — — אויב איר ווילט מיט אונדז פירן אַ מלחמה, זענען מיר גרייט"...

אַז מען לייענט עס היינט, ווען אָט די געראַנגלען, ווען דעם סטיכישן קאַמף פונעם פאָלק, די בלוט־צאַפּלענישן פון די יידישע טוער, פון ווייצמאַנען, דעם טרעגער און פאַרווירקלעכער פון גאולה־טרוים, אַז מען לייענט און מען פאַרטיפט זיך אין די פּרקים דאַכט זיך, אַז מיט לאַנגע, לאַנגע צייטן צוריק איז דאָס פאַרלאָפן — אין אויפקום פון אונדזער לעבן, אין דער מדינה זענען די אַלע ביטערע פאַרלויפענישן בלאַסער, שוואַכער געוואָרן.

אָבער אַ פאָלק דאַרף קענען זיין געשיכטע — און געדענקען.

פון דעם בוך „חיים ווייצמאַן, זיין לעבן און ווערק" דערקענען מיר די גרויסע, ווונדערלעכע פּערזענלעכקייט, „וואָס האָט געפירט דאָס פאָלק דורך וויסטעניש און מאַרטירעריי, דורך ווילדע רדיפות און פאַרלאָרענע האָפע־נונגען".

און צום סוף פון זיין לעבן איז חיים ווייצמאַן דערהויבן געוואָרן און מיט טריומף אַרויף אויף דעם כסא הנשיאות פון זיין אויסגעטרוימטער מדינה — דער ערשטער נשיא פון מדינת־ישראל.

חיים אַרלאָזאָראָוו

עס גלייבט זיך קוים, אַז אַ וויכטיקע שאַפונג פון אַ מענטש קאָן ווערן פאַרגעסן; איבערהויפט די טוונגען און שאַפונגען פון אַזאַ פּערזענלעכ־קייט, ווי חיים אַרלאָזאָראָוו. עס איז אמת, אַז אין ים פון אונדזער לעבן און אינעם געווירבל פון דער צייט ווערן אַ סך מעשׂים פאַרטראָגן. אָבער ערגעץ ווו און ערגעץ ווען קומען זיי ווידער אויף מיט זייער אייגנדיקייט און פרישקייט. נאָך מער, זיי לעבן אויך איצט אין אונדזער מ י ט און באַאיינפלוסן דעם ישׂראלדיקן גאַנג. ווייניק־ווייניק זענען אָבער מסוגל, צו קאָנען זיך פאַרטראַכטן אויף דערשיינונגען און אָנווייזן, אַז דאָס האָט דאָך טאַקע פאַרויסגעזען אַרלאָזאָראָוו, אַז צו אַזאַ געדאַנק איז ער טאַקע געקומען, און דאָס געבוי איז געווען זיין מיינונג...

די יידישע נאַציאָנאַלע מחשבה האָט פאַר די לעצטע יאָרצענדליקער זוכה געווען צו צוויי פענאָמענאַלע געשטאַלטן: בער באָראָכאָוו און חיים אַרלאָזאָראָוו. ביידע זענען פאַרשניטן געוואָרן יונגערהייט; בער באָראָכאָוו האָט נאָר געלעבט 36 יאָר, און חיים אַרלאָזאָראָוו — 34. אָבער ביידע האָבן אין זייער קורצן לעבן באַרייכערט דעם יידישן געדאַנק, דעם גייסטיקן לעבן און נאַציאָנאַלן וויסן מיט אַן אָריגינעלן מאָטיוו און צילבאַוווסטער אידעע.

דאָס חיים אַרלאָזאָראָוו־בוך — אַן אויסוואַל פון זיינע שריפטן און קאַפּיטלען פון זיין לעבן — גיט פאַר אונדז ווידער אַ מעגלעכקייט צו אויפנעמען און פאַרשטיין די מעכטיקע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט אייגנאַר־טיק געטראָגן אין זיך די טרוימען און חלומות פון יידישן נאַציאָנאַלן אויפקום און זיך באַמיט צו פאַרווירקלעכן זיי מיט ממשותדיקע טאַטן און מעשׂים.

אַרלאָזאָראָוו איז געווען אַ דענקער פון אייגענעם באַנעם און פאַרנעם. און הגם ער האָט אָפּט געבראַכט מחשבות און געדאַנקען וואָס האָבן שוין ערגעץ ווו געהויערט, זענען זיי תמיד געווען ניי מיט זייער אויסטייטש. ניי זענען זיי אויך געווען מיט זייער פּרעציזקייט און מיט דעם אָטעם — אַ טיף

יידישער אָטעם, מיט וועלכן ער איז בכוח געווען אָנצופילן זיין געדאַנקען־אויסדרוק. ביי זיין פאַרשידנאַרטיקייט און ביי דער שפע פון די געביטן, אויף וועלכע ער איז געווען טעטיק, האָט ער אָבער פאַרמאָגט איין אידעע און נאָר צו איר געצילט — צו דער אידעע פון נאַציאָנאַלן און סאָציאַליסטישן לעבן אין ארץ־ישראל...

„אויך דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן און די ווירטשאַפטלעכע פּאָליטיק — זאָגט ער אין איין שטעל — איז פול מיט אידעען און ווערט געפירט לויט אידעען. אונדזערע פאָדערונגען קומען אויף נאַטירלעך און פון דער נויט־ווענדיקייט פון דער אידעע פון אַרבעט. ווער ס'האָט אַ מאָל געפּרוּווט אויפ־נעמען אין דער גאַנצער טיף אָט דעם פּראָבלעם, וועט פאַרשטיין די זאַך. נאָך מער, ער וועט עס אויפנעמען ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט: אין אַן אָרט, ווו אַלץ לעבט אין באַוועגונג, אין אַ פלאַץ, ווו אַלע אַרבעטן — איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם — דאָרט מוז דער סאָציאַליזם במילא פאַר־ווירקלעכט ווערן, און אָט דער גייסט איז דער עיקר".

און ווי אמתדיק זענען זיינע געדאַנקען און זיינע מסקנות, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט נאָך מיט יאָרצענדליקער צוריק אין זיין עסיי „הסוציאליזם העממי של היהודים": „דער גלות וועט קיין מאָל נישט קאָנען ברענגען צו ראַדיקאַלער באַנייונג פון יידישן פאָלק און צו דער ענדערונג פון זיין עקאָנאָמישן, גייסטיקן און פּאָליטישן לעבן. דאָס פעלן פון אַ לאַנדווירט־שאַפטלעכער באַזע מאַכט שוין באַלד פון אָנהייב אוממעגלעך דעם אויפבוי פון אַ נאָרמאַלער ווירטשאַפט. נישט האָבנדיק קיין אייגן לאַנד, איז נישט מעגלעך קיין גאַנצקייט פון פאָלק, דעריבער איז אויך נישט מעגלעך קיין אייגנדיקע אַנטוויקלונג און קיין פאָלקס־באַנייונג אין די גלות־לענדער".

אַרלאָזאָראָוו איז געווען אַ מענטש מיט אַ נטיה צו ליטעראַטור, צו פּאָעזיע און צעפליגלטער שיינקייט. (אויך אין דעם פרט איז ביי אים פאַראַן אַ נאָענטקייט צו באָראָכאָוון). האָט ער אָבער פאַרמאָגט די קלאָרקייט און דאָס געמיט פאַר רעאַלע טוונגען, פאַר די גרויע פּראָבלעמען פון עקאָנאָמיק און ווירטשאַפט און סאָציאַלן קאַמף. ער איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג, אין פּאָליטישן, ציוניסטישן געראַנגל, אין דער פאַרטיידיקונג פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן. ער האָט אָבער די דאָזיקע

ספּערע אויך אַ סך אויסגעברייטערט און פּאַרטיפט, באַרייכערט מיט זיין וויסן און מחשבה. דאָס קאָן מען זען פון זיינע עסייען און שטודיעס, וואָס זענען אויך אַריין אין דעם איצטיקן בוך, ווי „קלאַסן־קאַמף אין דער ארץ־ישראלדיקער ווירקלעכקייט", „דער לעבנס־סטאַנדאַרט אין לאַנד", „פּאָלקס־סאָציאַליזם ביי יידן", אָדער זיינע טיפּזיניקע פאַרשאַרבעטן איבער „פּעטער קראָפּאָטקין" און „צו דער געשיכטע פון דער קלאַסן־לערע", „ניו־יאָרק און ירושלים" און זיינע רעפעראַטן, וואָס זענען געווען מייסטערווערק פון פאָרעם און אינהאַלט.

ער האָט פאַרמאָגט טיפן בטחון און גלויבן אין ד ע ם, וואָס ער האָט געדינט און געשאַפן. אפילו אין די קריטישסטע טעג, וואָס ער און די באַוועגונג האָבן דורכגעמאַכט, איז ער נישט איינגעבראָכן געוואָרן, נאָר פאַרקערט, שטענדיק געווען געשפּאַנט מיט נייער גבורה און פרישן קוועליקן ווילן. אפשר קומט עס אויך פון דער ליבשאַפט צום לאַנד, וואָס ער האָט אין זיך געטראָגן. וועגן דעם לייענען מיר בעיקר אין זיינע בריוו צו די נאָענטע, אַזוינע ווונדערלעך פּשוטע בריוו, געשריבן אין אַזאַ לויטערן און וואַרעם־לירישן טאָן. שרייבט אַרלאָזאָראָוו צו זיין מאַמען אין ניינצן הונדערט איין און צוואַנציק: „דאָס לאַנד איז אַ צויבערלאַנד. דער וואָס האָט איינגעזאַפּט זיין לופט און אַרויפגעקוקט צו זיינע הימלען, וועט שוין מוזן אַהער צוריקקומען. עס איז מעגלעך, אַז אין מזרח בכלל ליגט אַזאַ פאַרבאָרגענע קראַפט. אויב אַזוי, קומט נאָך אין ארץ־ישראל צו, צו דעם דאָזיקן צויבער, אַ ספּעציעלער ווונדערלעכער צוגאָב. אַלע וואָס האָבן דאָס לאַנד פאַרלאָזן, אָדער קלייבן זיך עס צו פאַרלאָזן, וועלן אַהער פריער אָדער שפּעטער צוריקקומען.."

אין דייטשלאַנד דערצויגן, האָט ער פאַרמאָגט די נשמה פון אַ דורותדיקן ייד און דעם טאַקט און דאָס געדולד און די קולטור פון אַ מערב־מענטש. אָט דער דאָזיקער צונויפבונד האָט אויסגעפורעמט די פאַרביקע און רייכע געשטאַלט — אַרלאָזאָראָוו.

די עסייען, אַרטיקלען און די בריוו, וואָס קומען אַריין אין אַרלאָזאָראָווס ווערק, דאַרף מען לייענען און לערנען. זיי פאַרמאָגן שיינקייט פון אויסדרוק און סטיל און די פרישקייט פון גייסטיקן שאַפן, וואָס רעגט תמיד אָן צו טראַכטן...

פון גרויס באַטייט אין דער זאַמלונג זענען די זכרונות, געשריבן וועגן אַרלאָזאָראָוון מיט דער וואַרעמקייט און בענקשאַפט פון נאָענטע. ביז גאָר זענען אינטערעסאַנט די פּאַרצייכענונגען פון די שוועסטער וועגן אַרלאָזאָראָווס קינדער־יאָרן אין דער אוקראַאינישער שטאָט ראָמני און שפּעטער אין דייטשלאַנד. וועגן זיינע יוגנט־יאָרן שרייבט ראָבערט שטערנאַו, און אַן אַרומנעמיקע און טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיק איז דאָ פון משה שרת, אַרלאָזאָראָווס נאָענטסטער מיטאַרבעטער. און גאָר שטאַרק בעט זיך צו דערמאָנען די אינטימע און האַרציקע שילדערונג, וואָס שיילט אויס אַזוי בולט די אַרלאָזאָראָוו־געשטאַלט, געשריבן פון זיין פרוי סימאַ אַרלאָזאָראָוו. זי שרייבט וועגן איין יאָרצענדליק, וואָס איז דער לעצטער צענדליק פון זיין שעפערישן לעבן...

יעקב פּאַטס „שמועסן מיט שרייבער אין ישראל"

יעקב פּאַטס „שמועסן מיט יידישע שרייבער" — יידישע שרייבער אין אַמעריקע — איז געוואָרן אַ „בעסט סעלער", לויט די היינטיקע השגות. די שמועסן האָבן טאַקע אויסגענומען מיט זייער פרישקייט און נאַראַטיווקייט, מיט דעם ספּעציפישן אינהאַלט: דאָ האָבן זיך צונויפגעגאָסן ביאָגראַפישע פּרטים און שאַפערישער אויסטייטש, די אינטימע שטובּיקע אַטמאָספער און די דערקענטעניש פון דער שרייבערישער פּערזענלעכקייט און פון שרייבע־רישן גורל. פון די שמועסן מיט די יידישע שרייבער אין אַמעריקע האָבן זיך אויסגעשיילט פּאַרלויפּעדישן און קרייצפּונקטן, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם יחיד, ווי דעם כללישן גאַנג פון דער יידישער וואָרטשאַפונג אין אַמעריקע.

צי איז עס אויך געלונגען יעקב פּאַטן אין דעם צווייטן, ווייטערדיקן באַנד: „שמועסן מיט שרייבער אין ישראל"?

נאָר לאָמיר צו ערשט זען, וואָס האָט אָנגערעגט דעם מחבר צו פירן זיינע שמועסן מיט די שרייבער אין ישראל. זאָגט ער וועגן דעם אין זיין אַריינפיר צום בוך:

„נאָך דעם, ווי איך האָב געהאַט פאַרענדיקט מיט פינף יאָר צוריק מיינע „שמועסן מיט יידישע שרייבער" אין אַמעריקע, האָב איך געוווּסט און געפילט, אַז איך האָב דערציילט מער וועגן איין זייט פון דער מטבע — וועגן די שרייבער אויף יידיש אין אַמעריקע. מען מוז דאָך אָבער זען אויך די צווייטע זייט פון דער מטבע — די העברעיִשע שרייבער אין ישראל. זיי מוזן דאָך זיין אַזוי אַנדערש: אַנדערש די מדינה, זייער סביבה פון יידן פון אַלע שבטים, לשונות און שטייגערס, אַנדערש זענען דאָך זייערע פּראָבלעמען, זייער שפּראַך־אינסטרומענט, וואָס זיי האָבן געדאַרפט און דאַרפן נאָך באַהערשן דורך ראַנגלעניש".

און נאָך וכדומה אַזעלכע פראַגן האָט זיך געשטעלט יעקב פּאַט פאַר אַ ציל צו פאַרענטפערן. איז עס אָבער אָפּט אַרויס לעבלעך, מעכאַניש,

נישטאָ אין זיי, אָפּט מאָל, די גאַנצקייט און האַרמאָנישקייט פון זיינע אָריגינעלע שמועסן פון זיין פריערדיקן באַנד, נאָר זיי ווירקן זיך אויס — דאָ און דאָרט — ווי אינטערוויוען.

עס איז גאָר קיין ספק נישט, יעקב פּאַט איז נישט נאָר אַ געניטער און בריהדיקער שרייבער, זיינע עסייען און אַרטיקלען — וועגן וואָס ער זאָל נישט שרייבן — פאַרמאָגן תמיד אַזאַ אָנגענעמע טוּקייט, זיין עמאָציאָנעל־קייט קומט שטענדיק פון אַן עכטער נשמהדיקער שטימונג. פּאַט איז גראָד אַ מייסטער אין שאַפן אַטמאָספער, אין אויסבויען אַ ברייטע שרייבערישע ראָם מיט געמיט, מיט פּאָעטישער ווייכקייט. איז אויך אין די שמועסן מיט די שרייבער אין ישראל פאַראַן אַ סך פון בעלעטריסטישן אָטעם, פון עסייִסטיש־דערציילערישן נוסח. פאַראַן דערצו גוטע אינפאָרמאַציע און טשיקאַווע פּרטים וועגן די שרייבער, די געשטאַלטן פון זיין בוך.

אָבער דווקא דאָס אָפּט מאָל לכתחילהדיקע ווילן זוכן און דערגרונטעווען זיך צו זייער אַנדערשקייט, צו דעם באַנעם און צו דער באַציִונג פון העברעיִשן שרייבער צו די פּראָבלעמען פון פאָלק ישראל, צום יידישן לעבן אין גלות, צו די פראַגן פון יידיש און יידישער קולטור — און אָט די פראַגן האָט פּאַט געווענדעט צו אַלעמען, אַפילו צו אַזעלכע, וואָס האָבן וועגן דעם פריער נישט געטראַכט און ווייסן נישט דעם באַדייט דערפון — אָט די טענדענצן מאַכן נישט נאָר, צו מאָל, בלאָס און אַנעמיש דעם גאַנג פון די שמועסן, נאָר מאַכן אויך אָרעמער דעם שמועס. נישט ווילנדיק באַקומט זיך דער איינדרוק — אפילו ווען בלויז אויסערלעך — אַז פּאַט האָט זיך ביי זיינע געשטאַלטן, די העברעיִשע שרייבער, רחמימדיק געבעטן: האָט איינזעעניש פאַר יידיש, זייט גוטגיניק צו יידישער קולטור און צו די יידן אין די תפוצות.

אמת, סיי דער נשיא יצחק בן־צבי, סיי ש״י עגנון און אברהם שלאָנסקי, און אוודאי דב סדן, האָבן אים, מער־ווייניקער, באַפרידיקט, און אורי צבי גרינבערג האָט אים געזאָגט, אַז „יידיש מאַמע־לשון האָט געלעבט אין יידישן פלייש און בלוט״ און דער יידישער שרייבער „דאַרף זיין אַ כלי־נגינה, וואָס אירע סטרונעס זענען געשפּאַנט צום באַנעם און באַדאַרף פון יידישן פאָלק״. און אינעם שמועס מיט דעם ייִנגערן, דערפאָלגרייכן בעלעטריסט משה שמיר

דערפילט פּאַט „זיין וויטקייט פון דער יידישער ליטעראַטור, ווי די יידישע און העברעיִשע ליטעראַטורן וואָלטן געווען צווי וויטע לענדער, וואָס ליגן איבער ימען”.

„איך קען אַזוי וויניק די יידישע ליטעראַטור — זאָגט שמיר — איך קען זי נישט לייענען אין אָריגינאַל. איך קען נישט קיין יידיש. איך האָב קיין מאָל נישט געלערנט קיין יידיש.” פּילט פּאַט אַרויס און ער גיט צו צו שמירס שטימונג: „דאָס פאַרדריסט אים אָבער. ער זעט איצט, אַז עס איז געווען אַ גרויסער פעלער. אַזוי האָט נישט געדאַרפט זיין. מען מוז קענען יידיש”.

נו, איז עס טאַקע אַ ווילער זאַג, צי אפילו אַ ווונטש פון אַ מאָדערנעם און פּראָגרעסיוו־דענקענדיקן העברעיִשן שרייבער. גאָר מיר אַלע ווייסן — און אוודאי האָט געוווסט פּאַט, אַז די אַלע יחידישע אַרויסזאָגונגען, בפרט ווען זיי קומען בעת אַן אינטימען שמועס מיט אַ שרייבער, אַ גאַסט פון אַמעריקע, האָבן נישט קיין צו טיפע געזעלשאַפטלעכע דעקונג... און זיי בלייבן אין דער אַטמאָספער פון אַ שמועס אונטער פיר אויגן...

במשך פון צען פולע וואָכן האָט יעקב פּאַט געפירט די שמועסן מיט העברעיִשע שרייבער, ער איז געווען ביי זיי אין די היימען, זיי דערקענט פון דער נאָענט, זייערע בני־בית, זייער אַרט לעבן, באַדינגונגען פון שאַפן און, בעיקר, געוואָלט אַרויסאַנטפּלעקן זייער גייסטיקע וועלט, זייערע מחשבות און געפילן. זיי האָבן אים אָפט מאָל געהאָלפן פאַרשטיין זייערע שאַפונגען, זייערע מאָטיוון און אידעען, איז מען תמיד אַוועק וויט צוריק, צו דער אַלטער היים, צו אַמאָליקע היימישע גאַסן און סביבהס. דאָס פלעגט פּאַט אַזוי קערעווען, מ׳זאָל אַריינפאָרן צוריק, און ער האָט זיך איבערגעשפּאַצירט מיט די העברעיִשע שרייבער דורך יאָרן און תקופות און פאַרלויפענישן.

אָט איז ער מיט דב סדנען אין די געסלעך פון בראָד און סטאַרע־בראָד, און מיט אברהם קריבן אין סלאָבאָדקער און טעלזשער ישיבהס און בעת די רעוואָלוציאָנערע יאָרן אין רוסלאַנד, ווען קריב האָט עקשנותדיק געשריבן העברעיִשע שירים. און דאָ פירט אַוועק פּאַט דעם אַלטן העברעיִשן שרייבער משה סטאַווסקי צוריק אין זיין שטעטל אַנטאָפּאָל און צו די יאָרן פון זיין ליטעראַרישן אָנהייב אין וואַרשע, ווען פון זיין דערציילונג „לבן הארמי”

האָבן געוווּסט קינד־און־קייט. און שמשון מעלצער, וואָס איז די לעצטע יאָרן אַ תּושב אויפן הר־הכּרמל, וואַנדערט אַוועק מיט זיין גאַסט, מיט פּאַטן, צו זיינע קינדער־יאָרן אין דעם שטעטל טלוסט, ווו דער בעל־שם־טוב איז נתגלה געוואָרן, און ער דערציילט אים פּלאַי־פּלאָים פון זיין רומעניש־גאַליצישער משפּחה, וועלכע ער קען און וויס פון זיבן דורות צוריק...

קומט אַזוי אויף פּאָלקסשטייגער און פּאַרגאַנגען יידיש לעבן פון אוקראַינע און גאַליציע און רוסלאַנד און פּוילן, דער שטאָם פון די העברעיִשע שרייבער אין ישראל. פּאַט דערציילט עס איבער מיט אַ סך חן, מיט זיין אייגנאַרטיקער וואַרעמקייט און ער דרינגט דערפון מחשבות און ירושה־בונדן און מאַכט אויספירן לגבי דעם, מיט וועמען ער פירט דעם שמועס.

און אָפט גיט פּאַט אַ פיינעם אַריינפיר, אַ געלונגען בילד, אַ פּייזאַזש־שילדערונג פון היכטערשטאָטישע גאַסן אין ירושלים און חיפה. ער שילדערט מיט מאָס און גראַציעזקייט דעם אויסזען פון זיינע „געשטאַלטן", זייערע מיטמענטשן, זייערע שטובן און אַרבעט־צימערן, און אָפט, ווי דרך־אגבדיק, איז ער מפרש אַן אַרויסגעבראַכטן געדאַנק, אַ מחשבה־שפּליטער, וואָס האָט זיך ווו אָפּגעזעצט און רופט זיך איבער מיטן היינט. און אַזוי, דרך־אגבדיק, מאָלט ער זיינע מיטשמועסער. אָט איז, אַ שטייגער, ש"י עגנון, וועמענס קאַפּיטל עס איז פון די געלונגענסטע אינעם בוך:

„אַן עלטער, אַ פריינדלעך, אַ באַשיידן דאַר פּנים. אַ פּאָר איינגעגראָבענע פאַרטראַכטע אויגן, אַ ביסל אַ געבויגענע געשטאַלט פון אַ תּלמיד־חכם אין אַ וואָכעדיקן בגד. ער האָט מיך גוט אָנגעקוקט, אַ וואָרט אַהער, אַ וואָרט אַהין, און אָט זיצן מיר שוין ביי זיין טיש, אין זיין אַרבעט־צימער, וואָס איז אַרומגעשטעלט מיט ווענט ספרים. זאָגט עגנון: ווען צוויי יידן באַגעגענען זיך אין ארץ־ישראל, איינער פון ניו־יאָרק און דער צווייטער פון ירושלים, דאַרפן זיי מאַכן אַ לחיים. די וואַנט פון פרעמדקייט רוקט זיך אָפּ".

דאַכט זיך, אַז פּאַט האָט אין ערגעץ נישט געפילט קיין פרעמדקייט, מ'האָט גוט אויפגענומען דעם גאַסט, דעם יידישן שרייבער פון ניו־יאָרק. מ'האָט זיך אַפילו אָפּט אַראָפּגערעדט פון האַרצן, מען האָט אויפגעמאַכט פאַרבאָרגענע געפילן און שטימונגען, געלאָזט זיך דערקענען. נאָך מער, אַ דאַנק דעם גאַסט, איז גאָר אויפגעגאַנגען אַזאַ בענקשאַפט צום אַמאָל. צו

די ראָמאַנטישע אייגענע אָנהייבן, צו די שאַפונגען פון די אָנהייב־יאָרן. געוועזן דאָ אַ געלעגנהייט, ביי דעם שמועס, איבערצונישטערן פאַרלויפעניישן און פאַסירונגען, געראַנגלען, וויכוחים, האָפענונגען און אַנטוישונגען — אַ זאַך, וואָס מ׳טוט נישט יעדן טאָג.

מיט פופצן העברעיִשע שרייבער האָט יעקב פאַט געפירט שמועסן. לאָמיר זיי דאָ אויסרעכענען לויטן סדר, ווי זיי קומען אַריין אינעם בוך: י. ד. בערקאָוויטש, לאה גאָלדבערג, אורי צבי גרינבערג, חיים הזז, יצחק בן־צבי, שמשון מעלצער, יעקב כהן, דב סדן, משה סטאַווסקי, ש״י עגנון, ש. צמח, ר׳ בנימין, אברהם שלאָנסקי, משה שמיר.

אין דעם בוך זענען נאָך פאַראַן צוויי שמועסן מיט יידישע שרייבער, מיט אברהם סוצקעווער און מיט י. פאַפּיערניקאָוו.

אין סך־הכל זענען יעקב פאַטס שמועסן מיט העברעיִשע שרייבער אין ישראל אַ וויכטיקער צושטייער צו דער דערקענטעניש פון העברעיִשן וואָרטשאַפער, פון העברעיִשן דיכטער און דערציילער אין ישראל, וועלכע דער יידישער לייענער קען נישט צו פיל.

ב. ריווקין — דער יוצא־דופנדיקער קריטיקער

„ב. ריווקין, זיין לעבן און שאַפן" איז אַן אָריגינעל בוך וועגן אַן אייגנאַרטיקן קריטיקער, וואָס האָט דריי צענדליק יאָר באַגלייט און אַרויסגעהויבן די יידישע שאַפונג מיט אַזוי פיל גלויבן און ליבע, אַז ער איז געוואָרן, ווי דער דיכטער א. לוצקי זאָגט: „אַ שרייבערישער אָלימפּיק!.. מיט דער פּען אַ קריץ — אַ בליץ".

ב. ריווקין איז געשטאָרבן אין יאָר 1945, אין סאַמע מיט פון זיין אַרבעט. ביי זיינע צוויי און זעכציק יאָר האָט ער אויפגעשריבן הונדערטער און הונדערטער עסייען און ליטעראַטור־קריטישע אַרבעטן. אָבער ער האָט נישט זוכה געווען, אַז זיינע אַרבעטן זאָלן דערשיינען אין בוכפאָרעם. ערשט נאָך זיין טויט זענען דערשינען אין בוכפאָרעם זיינע ווערק, און דאָס — אַ דאַנק דער מסירת־נפש פון זיין פרוי, דער דיכטערין מינאַ באָרדאָ־ריווקין, וועלכע האָט מיט דער הילף פון פריינד און פון אַ „ריווקין בוך־קאָמיטעט" אַרויסגעגעבן זיבן בענדער פון זיינע אַרבעטן און דאָס בוך פון „זיין לעבן און שאַפן".

ס'איז אַ רייך בוך, אַ שפע פון געדאַנקען און באַטראַכטונגען זענען אין אים אַרויסגעבראַכט. פאַראַן שוין אַ היפשע ליטעראַטור, אַזוי ביי די אומות־העולם און אַזוי אויך אין יידיש און העברעיש, וועגן דער ראָל, וועגן דער באַדייטונג און וועגן דער אויפגאַבע פון קריטיק. פאַרשטייט זיך, אויך אויף דעם געביט זענען פאַראַן פאַרשידענע צוגאַנגען און מיינונגען, וואָס שייך דעם צוועק פון קריטיק. אָבער וואָסער מיינונג מ'זאָל נישט פאַרטרעטן, צי די קריטיק דאַרף זיין אַן אַנאַליטישע, אַן אָפּשאַצערישע, אַ דערציערישע, אַ באַגלייטנדיקע, צי אַ סינטעטישע — זענען אַלע צדדים מסכים, אַז די ליטעראַטור־קריטיק איז אַ זעלבשטענדיק־שאַפערישער געביט, און איר ראָל און אויפגאַבע איז אין־לשער פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ נאַציאָנאַלער ליטעראַטור.

ב. ריווקין איז געווען אַ מפרש, אַ קריטיקער־אויסטייטשער און נאָך מער אַן אַריינטייטשער. זיין אַריינטייטשן איז געווען מיט פאַרנעם און טיפֿקייט, אָבער אַריינגעטייטשט האָט ער על־פּי רוב זיינע אייגענע שטימונגען און געדאַנקען. אָפט מאָל איז אַ ווערק, וואָס ער האָט באַהאַנדלט, געווען בלויז דער חומר, מיט וועלכן ער האָט אויסגעקנאָטן זיינע וויזיעס און מחשבות. ער האָט פון דער יידישער ליטעראַטור פאַרלאַנגט אַ סך, אַ סך מער ווי דאָס, צו וואָס אַ ליטעראַטור איז באַרופן. ער האָט מיט דער ליטעראַטור געוואָלט דעקן טעריטאָריע. „כמו־טעריטאָריע״ דאַרף זיין די יידישע ליטעראַטור. די ליטעראַטור, לויט אים, דאַרף אויך אַריינבלאָזן דעם גלויבן אינעם היינטצייטיקן ייד און אָנהויכן אים מיט אַ נייעם רעליגיעזן געפיל.

ווי פאַראַדאָקסאַל עס זאָל נישט זיין, איז עס שיין. און אַפילו ווען אַזעלכע ווונטשן און אידעען — וועלכע זענען גרונטמאָטיוון אין זיינע עסייען — זענען תמימותדיק, זענען זיי דאָך ניי און דערהויבנדיק.

ב. ריווקין איז נישט געווען קיין לייכטער שרייבער. ער איז נישט געווען קיין קריטיקער, וואָס העלפט אויסקלאָרן. ער איז אַליין געווען צו קאָמפּליצירט און אָפט מאָל צו פיל באַהערשט פון ווידעראַנאַנדיקע געדאַנקען, אַז ער זאָל מסוגל זיין צו צעגלידערן אַ ווערק מיט רויִקייט און ניכטערקייט. אים איז נישט געגאַנגען אין אַנאַליזירן און אָפּשאַצן, נאָר אין קירעווען אַ ליטעראַטור און אָנווייזן די שליחות, וואָס דער גורל האָט אויף איר אַרויפגעלייגט.

אין ב. ריווקינס שרייבן שפּירט מען זיין אומרו, זיין הייסן אָטעם, זיינע שטימונגען, באַגערן און חלומות. מאַרק אַלעראַז (איינער פון זיין היפּשער צאָל פּסעוודאָנימען) האָט דאָך געשריבן אַזעלכע לאָקנדיקע ספּיריטואַליסטישע אָפּהאַנדלונגען און אַזעלכע טשיקאַווע שמועסן וועגן חלומות. און ער האָט פּותר געווען חלומות. און אַ טעאַטער־מומחה איז ריווקין אויך געווען. פאַרמאָגן זיינע אַרבעטן שיינקייט און סתירות און האַרציקע באַוויטעט און מחשבה און געדאַנק־פּליטערלעך.

אַ באַזונדערע וואַרעמע באַציִונג האָט ער געהאַט פאַר יונגע שרייבער, פאַר אָנפאַנגער. מינאַ באָרדאָ־ריווקין, וואָס מאָלט דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן

פון ריווקינען און זיין אופן פון אַרבעטן, דערציילט: „אַ יונגן שרייבער האָט ריווקין קיין מאָל נישט אַרונטערגעריסן. אָפט מאָל פלעג איך טראַכטן אַז ריווקין איז נישט גערעכט: פאַר וואָס נישט זאָגן, אַז דער אָדער יענער שרייבער טויג נישט? איך פלעג עס אויך זאָגן ריווקינען. ער פלעגט שמייכלען און ענטפערן — אַ דאַנק דיר. אַ גרויסער אויפטו! איך זוך ביי אים אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן, איך זאָל אים קענען אַ שטויס טאָן, אַ טראָג טאָן אין אַ געוויסער ריכטונג". ווי כאַראַקטעריסטיש, אַז ריווקינס באַגער איז — נישט בלויז צו העלפן אַ וויניק דערפאַרענעם שרייבער ביים בייקומען טעכניש־שרייבערישע שוועריקייטן, נאָר אים אויך „אַ טראָג טאָן אין אַ געוויסער ריכטונג". ווייל ביי אים איז דאָס שרייבן — נעמען אַן אויפגאַבע אין אַ גרויסער, קאָלעקטיווער שליחות.

דאָס איז געווען ריווקינס גרויסע דערציערישע מעלה. אָבער נישט אַלע מאָל איז עס רעכט געווען: „דו פאַרשטייסט — פלעגט ער טענהן צו זיין פרוי — איך נעם זיינע קליינע געדאַנקען און באַאַרבעט זיי, מאַך זיי גרויס, ווייז אים, ווי מ'קען פון קליינע געדאַנקען מאַכן גרויסע". דאָס איז געווען זיין גוט־געמיינטע עובדה, אָבער נישט תמיד קיין געלונגענע. קליינע געדאַנקען לאָזן זיך נישט אַלע מאָל אַנטוויקלען צו גרויסע.

ב. ריווקין איז געווען אַ שריפטשטעלער פון אַ באַזונדערער ספּערע. איז נישט קיין וווּנדער, וואָס די עסייען און אָפּהאַנדלונגען וועגן אים און וועגן זיינע שאַפונגען זענען פאַרשידנאַרטיקע אין זייער אָפּשאַצונג. און ס'האָט גוט געטאָן די צונויפשטעלערין פון בוך, וואָס זי האָט אַריינגענומען אויך די אַרבעטן, וווּ די מחברים האָבן אויסצוזעצן קעגן ריווקינס גאַנג אין דער ליטעראַטור און קעגן זיין באַנעם פון דער יידישער שאַפונג. דאָס גיט צו גאַנצקייט און אייגנאַרטיקייט דעם בוך און לאָזט אונדז דערקענען טיפער און בולטער די ב. ריווקין־געשטאַלט.

אַ גוט געשריבענער עסיי איז נחמן מייזילס „ב. ריווקין — דער קריטיקער, דער ענטוזיאַסט", וווּ ער גיט אויך אַ קורצע באַטראַכטונג וועגן דעם אויפגאַנג און דער אַנטוויקלונג פון יידישער קריטיק. ס'איז זיכער אמת, ווען ער זאָגט: „די יידישע קריטיק איז לכתחילה געווען הינטערשטעליק אין דער יידישער ליטעראַטור־וועלט. זי איז נישט געווען די פּירזאָגערין,

נאָר — די נאָכזאָגעריך, און דעריבער איז זי נישט פאַרויסגעגאַנגען, נאָר נאָכגעגאַנגען נאָך דער יידישער ליטעראַטור״.

טרעפלעך און אַרומנעמענדיק איז די אַרבעט פון דעם טאַלאַנטפולן און סאָלידן דיכטער און קריטיקער א. טאַבאַטשניק. ער ברענגט אַרויס סיי די ווערטן פון ריווקינס שאַפונג, סיי זיינע פאַרנפעלטע און הויך־שטייגנדיקע אידעען. פון זיינע געלונגענע און גוט באַטראַכטע מיינונגען ווילט זיך כאָטש עטלעכע ציטירן: „איבערלייענענדיק ריווקינס אַן אַרטיקל וועגן אַ בוך, וויל מען נישט אַזוי לייענען דאָס בוך ווי ריווקינען נאָך אַ מאָל״. עקזאַקט און קלאָר זאָגט ער וועגן ריווקינס גלייבן אין כוח פון דער יידישער ליטעראַטור: „קיין שום קריטיקער אָדער ליטעראַטור־און קונסט־טעאָרעטיקער, האָט ווען צוגעטיילט דער קונסט און דער ליטעראַטור אַזאַ גרויסע, אַזאַ אָטעם־פאַר־כאַפנדיקע ראָל״. און ווייטער: „ריווקינס גייסטיקע קרובהשאַפט מיט די שעפער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, דאָס געמיינשאַפטלעכע, וואָס ער האָט מיט זיי געהאַט, האָט סוף־כל־סוף געפירט דערצו, אַז ער זאָל אָנהייבן באַטראַכטן דעם קריטיקער נישט ווי אַ שאַצער פון ווערטן, און נישט ווי אַ מיטשאַפער, נאָר ווי אַן אויבער־און איבער־שאַפער, וואָס קאָן געבן „אָר־גאַניזאַטאָרישע הילף״.

אויסזעצונגען קעגן ריווקינס געדאַנקען וועגן „ליטעראַטור־פאַרוואַל־טונג״ און „אָרגאַניזאַטאָרישע הילף״ האָט אויך ש. ניגער, וואָס איז אין יסוד געווען אַ קריטיקער פון אַן אַנדער מהות און פאַרנעם.

אינעם בוך קומען אַריין אַרבעטן, עסייען, אָפּהאַנדלונגען און אויך לידער פון איבער דרייסיק שרייבער, דיכטער און קריטיקער: ה. לייוויק און א. לעיעלעס, אַבאַ גאָרדין און דער אַנאַרכיסט רודאָלף ראָקער (דער דייטש, וואָס האָט געשריבן אַ גלאַנצפולן יידיש), מלך ראַוויטש און אברהם רע־געלסאָן, ד״ר א. מוקדוני און ד״ר שלמה ביקל, יעקב גלאַטשטיין און שלמה סיימאָן, אברהם רייזען, מנחם באָריישאָ, י. י. סיגאַל.

צום סוף פונעם בוך קומט אַ ביבליאָגראַפיע פונעם פלייסיקן און איבער־געגעבענעם ביבליאָגראַף יעפים ישורון, ווו ער פאַרצייכנט ב. ריווקינס אַר־

טיקלען אין צייטונגען און זשורנאַלן און אַרטיקלען, קריטיק און באַמער־קונגען וועגן ב. ריבקין און זיין שאַפן.

„ב. ריווקין — זיין לעבן און שאַפן" איז אַן אינטערעסאַנט בוך. צוזאַמען מיט ריווקינס בענדער עסייען און קריטיק איבער דער יידישער ליטעראַטור וועט ער פאַרנעמען אַ באַזונדער אָרט, ווי ס׳קומט אַזאַ אייגנאַרטיקן און טיף גלייביקן שרייבער.

מ. גראָס־צימערמאַנס עסייען

עסייען וועגן ליטעראַטור זענען ביים לייענער — בפרט אין אונדזער היינטיקער צייט — עפּעס נישט קיין אָנלאָקנדיקער ענין. אַז ווייסן וויס ער אַ סך (דער לייענער) און דאָס וואָס ער וויס נישט, איז פאַר אים אויך נישט קיין אומגליק. און בכלל, אין אונדזער ספּעציאַליזירטער און מאַטאַריזירטער געזעלשאַפט, וואָס זשע באַדאַרף נאָך דער לייענער — אַזאַ, וואָס לייענט שוין יאָ שיינע ליטעראַטור: אַ ראָמאַן, אַ דערציילונג, אַ מאָל אַ ליד אויך — זיך אָפּגעבן מיט עקסקורסיעס פון מומחים אין דער וועלט פון יצירה און קולטור?

טאָ פאַר וועמען זשע שרייבט דער עסייִסט, דער קריטיקער? אין דער ערשטער ריי, מסתמא, פאַרן שאַפער, פאַרן שרייבער. און אויב עס איז אַזוי, מיין איך, פאַרלירט דער לייענער אַ סך...

מחמת אַזעלכע עסייען ווי מ. גראָס־צימערמאַנס „אינטימער ווידער־אַנאַנד" פאַרשאַפן אונדז אַ גייסטיקן געַנוס, זענען מסוגל אויסצוברייטערן און פאַרטיפן די גייסטיקע גאַמע פונעם יידישן לייענער. מיט אַ זעלטענער קענטשאַפט פון אַלע אונדזערע יחידישע און קאָלעקטיווע פאַרלויפּענישן — „אין דעם געקראַך פון דער מענטשהייטס לוחות, עטישע, סאָציאַלע, עסטעטי־שע, וואָס ברעכן זיך זייט זיי געדענקען, אַז זייער בראַכוואָרג האָט אַזש דערגרייכט שלימות" — ברענגט ער אַרויס אין זיינע אָפּהאַנדלונגען מיט זיין שפּראַך־בריהשקייט און מייסטערישן סטיל געוואָגטע מיינונגען, עומקתדיקע געדאַנקען, וויברירנדיקע שטימונגען, אַרומנעמיקע באַטראַכטונגען וועגן די ווערטן, די שאַפונגען און שאַפער, וועגן די פראַגן און פּראָבלעמען פון אונדזער קולטור און ליטעראַטור, וואָס אין ליכט פון אונדזער טראַגישן נעכטן — וואָלט אונדזער גאַנצער נאַציאָנאַלער הערא:שער אָנשטרענג אָן זיי קיין קיום נישט געהאַט.

ס׳וועט זיכער נישט זיין קיין נייעס, ווען מיר וועלן באַטאָנען, אַז שוין אין דעם נאָמען פון בוך — „אינטימער ווידעראַנאַנד״ — ליגט דער כאַראַקטעריסטישער מיין און נוסח הן פון גראָס־צימערמאַנס עסייִסטי־שער פאָרמאַציע, פון זיין גערדאַנקען־גאַנג, הן פון זיין אייגנדיקן שרייב־נוסח. אין פלוג קען זיך אויסדוכטן, אַז אין אָט דער פאָרעם איז פאַראַן אַ שמץ שבשמץ פון מאַניער. אַ באַוווסטזיניקע איפכה מסתבראדיקייט, כאַראַקטעריס־טיש פאַר זיינע פעליעטאָנען, וואָס ער שרייבט אין יידיש און העברעיִש. אָבער דווקא אין אָט דער פולער צונויפזאַמלונג פון די עסייען דערשפּירן מיר און דערקענען מיר נאָך מער און בולטער גראָס־צימערמאַנס אָריגינעלן שרייבערישן באַנעם, וואָס איז אי אָנגעלאָדן מיט זיכערקייט, אי דורכגעווייקט פון ספקות. יידישע פאָלקסטימלעכע האַרציקייט און סאַרקאַזם, לומדישער קרעכץ און לייכטער הומאָר, ליבשאַפט פאַר דיכטונג און קונסט און שאַרף־שפּיזלדיקער אַריינזאָג. אמונה און גלויבן — און אַ וועלט פון סקעפּטיציזם. אַן איבערנעמען זיך מיט אונדזער נאַציאָנאַלער ירושה און אַ דיגינקער אויסלאַך פון אונדזער קליינשטעטלדיקן שטייגער... און איבער דעם אַלץ — די טיפע ערודיציע און אַזאַ פקחותדיקע און לויטערע ביגונדיקייט, וואָס האָט אויפגעזונגען אין דער וואַרעמער, גוטער היימישקייט פון גאַליציאַנער יידישקייט און געפּרוווט געוואָרן שפּעטער אין די וועלטישע שרייבערישע אכסניאס אין ווין און בערלין פון יענע גוטע יאָרן — ביז ארץ־ישראל, ווו ס׳האָט, אגב, ווי ער זאָגט אין זיין עסיי וועגן יידיש: „זיך אָנגעקליבן דערווייל לעבעדיקע אוצרות — יידיש. רוי און ראַפינירט פון דער גאַס און פון דער דיכטונג״.

צוויי און דרייסיק אַרבעטן האָט דאָס בוך. אַוודאי איז שוין נישט ווייניק געשריבן געוואָרן וועגן די דיכטער און פּראָזאַיִקער, ווי לייוויק און מאַנגער און משה לייב האַלפּערין, חיים גראַדע און אברהם סוצקעווער, אָפּאַטאָשו און אפרים אויערבאַך און אליעזר שטיינבאַרג און ש״י עגנון און אַנדערע פּאָרמירער און מייסטער פון אונדזער היינטצייטיקער ליטעראַטור. אָבער גראָס־צימערמאַנס אָפּהאַנדלונגען ברענגען עפּעס נייס. בעיקר ברענגען זיי זיינע אייגענע שטימונגען, באַטראַכטונגען, געדאַנקען — די באַהאַנדלטע

שאַפער און שאַפונגען דינען אים נאָר ווי אַ מעדיום, פונאַנדערצואַרבעטן און באַלייכטן זיינע עסייִסטישע מחשבות.

ס׳איז דער „אינטימער ווידעראַנאַנד״, ווו די עצבות רופט זיך איבער מיט דער פרייד פון באַשאַף. ווו דער טרויער פון נעכטן איז פאַרוועבט אין אונדזער היינט. אַ ווידעראַנאַנד, וואָס קען דווקא אָנרעגן צו גייסטיקער און קולטורעלער שלימותדיקייט.

יוסף העפטמאַן

„עם ואדם״, פאָלק און מענטש, — ווי טיפּיש און כאַראַקטעריסטיש ס׳איז דער נאָמען פון דער זאַמלונג שריפטן פאַר העפטמאַנס גייסטיקן און געזעלשאַפטלעכן באַנעם. פאָלק, אין זיין אייגנאַרטיקער גאַנצקייט; מענטש, אין זיין אינערלעכער פּיבערדיקער שלימות. דאָס איז דער לייטמאָטיוו אין זיינע מערסטע עסייען, אַרטיקלען און פעליעטאָנען. דער מענטש פאַר זיך איז דאָך אַ וועלט אַ גאַנצע.

יוסף העפטמאַן האָט איבער פיר צענדליק יאָר געווירקט מיט זיין פען אינעם מאַסן־לעבן. זיין עיקר־אָנהייב וואָרצלט אין דער „הצפירה״, — זינט טויזנט ניין הונדערט צען — אין דער מחיצה פון דוד פרישמאַן און נחום סאָקאָלאָוו, די צוויי גרויסע יידיש־העברעיִשע שריפטשטעלער. טאַקע אין אָט דער באַרימטער „הצפירה״ האָט ער מיט זיינע ניי־אייגנדיקע פעליעטאָנען געעפנט דעם וועג פאַר אַ קאָנקרעטן און זאַכלעכן טאָן אין דער העברעיִשער פּרעסע, וואָס האָט שוין אין יענער צייט זיך גענומען באַפרייען פון דעם משכיליש־מליצהדיקן נוסח. אַזוי, דורך יאָרצענדליקער, האָט ער געטראָגן זיין וואָרט און מחשבה, ווי איינער פון די אָנגעזעענע פּובליציסטן און פעליעטאָניסטן, פריִער אין אַמאָליקן פוילן און נאָך דעם אין ארץ־ישראל און מדינת ישראל — ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

העפטמאַנס אַרטיקלען און פעליעטאָנען האָבן תמיד פאַרמאָגט פיינקייט, קולטור און זאַכלעכקייט. זיי זענען קיין מאָל נישט געווען קיין טרוקענע פּובליציסטיק. ער איז געווען היינטיק, אַקטועל. אָבער אפילו שרייבנדיק איבער די קאָנקרעטע און אַקטועלע טאָגפּראָבלעמען האָט ער אַריינגעבראַכט אין זיינע אַרבעטן אַ לירישע מעלאָדישקייט. און אפילו ווען ער ברענגט צום אויסדרוק זיינע אָפּטימיסטישע מיינונגען — און אַזעלכע מיינונגען האָט ער גאַנץ אָפט געהאַט — פאַרמאָגן זיינע אַרטיקלען און עסייען אַזאַ פאַרבענקטן אומעט, אַן אומעט פון טיף יידישן געמיט.

און אפשר איז עס דער אומעט, וואָס אַנטפּלעקט זיך בלויז צו דיכטער? אַזאַ שעפערישע עצבות, וואָס פירט צו פּאַרטיפונג און דערקענטעניש? מ׳זאָגט, אַז אין העפטמאַנען האָט זיך אָפט געראַנגלט דער דיכטער מיטן פּובליציסט, דער מענטש פון געמיט מיטן גצזעלשאַפטלעכן טוער. העפטמאַן האָט טאַקע פון זיין יוגנט אָן, און דורך אַלע יאָרן, געשריבן אויך לידער. אין אָט דער איצטיקער זאַמלונג קומט טאַקע אַריין אַ סעריע אָפּגעקליבענע לידער, „מנגינות בין ערביים״, פּאַרנאַכטיקע מעלאָדיעס. לידער אינטימע, און לידער פון היימלאַנד, און נאַציאָנאַלע געזאַנגען. אָבער ס׳איז זיכער נישט וואָר, אַז דער דיכטער אין אים האָט זיך אויסגעטיילט אָדער אָפּגעטיילט פונעם עסייִסט און פּעליעטאָניסט. קענטיק איז, אַז דער דיכטערישער עלעמענט האָט באַאיינפלוסט און באַווירקט דעם פּובליציסט. און דערפּאַר טאַקע אַזאַ פיין־לירישער טאָן.

העפטמאַן איז געווען אַ געטרייער תלמיד פון נחום סאָקאָלאָוו, איינער פון די גרעסטע אין דער העברעיִשער זשורנאַליסטיק און איר באַנייער. מעגלעך, אַז פון אים האָט ער עס געלערנט ווי צו דערהייבן און צו פּאַר־שענערן דעם אויסדרוק און אויסזען פון פּובליציסטישן וואָרט.

וועלכער ייד אין פּוילן, און דערנאָך אין ישראל, האָט נישט געלייענט און הנאה געהאַט פון העפטמאַנס אַרטיקלען און פּעליעטאָנען? ברייט באַקאַנט זענען געווען זיינע שאַפונגען, וואָס פלעגן דערשיינען אונטערן פּענ־נאָמען עמנואל. געלייענט האָבן זיי קעגנער, אַזוי גוט ווי אייגענע. אין די גרוי־סע און איינפלוסרייכע צייטונגען, ווו העפטמאַן האָט מיטגעאַרבעט, איז ער מיט זיין וואָרט און מחשבה געקומען צו אַלע שיכטן און קלאַסן פון פאָלק. און זיין וואָרט האָט אַזוי לעבעדיק און העפטיק גערופן צו פּאַרנעמען דעם געדאַנק פון יידישער זעלבשטענדיקייט און דעם געדאַנק פון ציון. אָט די גרויסע יידישע צייטונגען האָבן דאָך באַשיינט די שבתדיקע טישן פון טויזנ־טער היימען, און מיט העפטמאַנס אַ זאַג, אַ וואָרטשפּיל האָבן זיך דאָך יידן אַרומגעטראָגן ווי מיט אַן אבן־טוב, עס דערציילט און איבערדערציילט.

פון דער איצטיקער זאַמלונג „עם ואדם״ דערקענען מיר נאָך אַ מאָל העפטמאַנען. מיר זעען, וואָס ער איז געווען און וואָס ער האָט בייגעטראָגן פאַר דער יידישער און העברעיִשער עסייִסטיק. ער האָט זיך אַריינגעלעבט

אין אַלע פּראָבלעמען פון אונדזער לעבן. אַ מייסטער איז ער אין אויפנעמען געשעענישן, אין דערקאָנען און אויפנעמען מענטשן, שאַפער און פירער. לעבעדיק זענען זיינע איינדרוקן פון באַזוכן און רייזעס, טיף איז זיין מקורות־דיקער צוגאַנג צו די אַלט־נייע פּראָבלעמען „לאַנד, פאָלק און וועלט". און זיין פּרעכטיקע און אָריגינעלע סעריע עסייען „דער יחיד און די געזעלשאַפט אין ישראל". מיט וויפל שיינקייט, בילדערישקייט און פּקחות ער האָט אַרויסגעבראַכט און פּאָפּולאַריזירט זיינע געדאַנקען און מיינונגען וועגן תוך־פראַגן, וועגן די עצם־פראַגן פון פאָלק און מענטש און ייד. דער אויפקום פון דער מדינה, דער חלום פון פאָלק און יידישן יחיד איז מחייב צו פּאַרטיפּונג, צו נייע באַנעמונגען און אָפּשאַצונגען, צו אָפּהיטן נאָך מער דעם כבוד פון פאָלק און פון יידישן מענטש. „ס'איז אַ נייע תקופה פאַרן כבוד פון ישראל" — שרייבט העפטמאַן אין איינעם פון זיינע עסייען. „ס'איז די נייע יידישע ראָמאַנטיק, וואָס פאַרבייט די ראָמאַנטיק פון פּרצן און וועלכע דאַרף ברענגען כבוד און ווערדע פאַרן פאָלק. די העלדן, וואָס ווערן געשילדערט אין פּרצעס „דריי מתנות", אָדער אברהמלע באָס, צי נחמקע פון זבאַראַזש און סאַטיע פישער — אָט די אַלע שטילע און שווייגנדיקע העלדן, וואָס זענען גרייט תמיד אָפּצוגעבן זייער לעבן אויף קידוש־השם און פאַר אהבת ישראל, האָבן זיך איצט אַרויסאַנטפּלעקט אין זייער אַקטיווער העלדישקייט. זיי גיבן אָפּ זייער לעבן פאַר אַ טייערן פּרייז. די העלדן פון ניצנים און נגבה, כפר־עציון און רמת־רחל, און נאָך און נאָך, זענען נישט מער קיין באַהאַלטענע צדיקים, נייערט צדיקים מיט גרויסע דערהויבענע נשמות, זיי אָפּפערן זיך מיט שטילקייט, אָבער ווי אָפענע קעמפער און גיבורים. זיי זענען אַזוי ראַשיק און העלדיש אויפגעקומען פון די טיפענישן פון אונדזער פאָלקסלעבן".

אַ שפע פון געדאַנקען, מיינונגען, בילדער, רעפלעקסיעס און דיכטערישע שטימונגען געפינען זיך אין דער זאַמלונג „עם ואדם". העפטמאַן איז געווען אַ מענטש מיט גרויס וויסן. פאַר אים זענען געווען אָפן אַ סך באַהאַלטענע קוואַלן. ער האָט געקענט ליטעראַטור און פילאָזאָפיע, טעאַטער און מוזיק, אַלט־העברעיִשע ליטעראַטור און די מאָדערנסטע אויפטוען אין דער וועלט־ליטעראַטור. קענטיקט זיך טאַקע אַרויס אין אַלע זיינע אַרבעטן זיין ערודיציע און זיין פילן זיך ווי אַן אייגענער אין אַ סך געביטן.

פאַר זיינע לעצטע צוויי צענדליק יאָר איז ער געווען אויסגעקאָכט אין אַלע פּראָבלעמען און געשעענישן אין לאַנד. הן ווי אַ פּובליציסט און רעדאַק־טאָר, הן ווי אַן אָנפירנדיקער מענטש אין זיין פּאַרטיי „אַלגעמיינע ציוניסטן״. אָבער ביי דער גאַנצער איבערגעגעבנקייט און געטריישאַפט צו די אידעען און שטרעבונגען פון זיין באַוועגונג איז קודם־כל געקומען צום אויסדרוק זיין אייגנדיקער באַנעם פון זאַכן און געשעענישן, זיין פּערזענלעכע רעאַגירונג. און זיין רעאַגירונג איז תמיד געווען אויפריכטיק, עכט און מקורותדיק.

אַ סך פון זיין צייט האָט העפטמאַן אָפּגעגעבן פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, באַזונדערס ביים אָרגאַניזירן און אויפבויען די אָרגאַניזאַציע פון די העברעיִשע זשורנאַליסטן. ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן האָט ער געזאָרגט פאַר דעם אויפבוי פון זשורנאַליסטן־הויז — דעם „בית־סוקולוב״, אויפן נאָמען פון זיין רבין און פריינד.

„עם ואדם״ איז אַ פּרעכטיקע זאַמלונג אַרבעטן פון אַ זעלטענעם יידישן שעפערישן מענטש. אייזיק רעמבאַס ביאָגראַפישער אַריינפיר גיט צו אַ סך צום דערקאָנען די פּערזענלעכקייט פון יוסף העפטמאַן.

מ. צאַנינס אַקטועלע עסייען

„אויף די וועגן פון יידישן גורל" איז אַ טרעפלעכער טיטל פאַר די פיר עסייען, וועלכע מ. צאַנין האָט געשריבן אין פאַרשידענע צייטן און זיי אַרויס־געגעבן איצט אין בוכפאָרעם.

אין די עסייען ווערן באַהאַנדלט נאַציאָנאַלע פראַגן און קולטור־פּראָבלע־מען אין גאַנג פון יאָרהונדערטער, אויף די שליאַכן און שטחים פון יידישער וואַנדערונג און יידישן לעבן, די גורל־פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק; די הויכפּונקטן, ווי די זיגזאַגן און ווידעראַנאַנדן; די דערגרייכונגען, ווי די דורכפאַלן און איינגעשרומפּטקייטן פון יידישע עדות און שבטים.

אָבער נישט בלויז דאָס אַרויסברענגען די געשיכטלעכע פּראָצעסן איז דער עיקר־ציל פון די עסייען — כאָטש זיי ווירקן זיך אויס מיט זייער לעבעדיקער און אינטערעסאַנטער שילדערונג, מיט די טרעפלעך אַרויסגע־בראַכטע פאַקטן פון ווייטן עבר, אין זייערע הערא‌ָישע און טראַגישע פאַר־לויפעונישן — דער עיקר־מיין פון מחבר איז צו באַווייזן, אַז די שטחים פון אונדזער היינטיקן לעבן — די שטחים פון גייסט און קולטור — זענען אַ המשך פון אַל די שעפערישע אויפטוען, פון די קאָמפּליצירטקייטן און גע־טראַפנקייטן פון יידישן פאָלק אין זיין לאַנגער גלות־געשיכטע.

ס'איז ווויל באַקאַנט, און מ. צאַנין באַטאָנט עס, אַז „יעדע עדה האָט אירע פאָרמען, איר באַזונדערע מענטאַליטעט, איר גאַנץ באַזונדערע פאַר־גאַנגענהייט, מיט וועלכע זי איז שטאָלץ און מיט וועלכע זי טיילט זיך אויס סוביעקטיוו פון אַנדערע עדהס". אָבער די אויספירן, וועלכע מ. צאַנין מאַכט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מעגלעכער צונויפגיסונג, מיט דער פאַרווירק־לעכונג פון דער מיזוג־עדות־אידעע אין מדינת ישראל, זענען מער אַ רעזול־טאַט פון זיין עמאָציאָנעלער קאָנצעפּציע, ווי פון די פאַקטישע פּראָצעסן און איבערוואַנדלונגען, וועלכע קומען דאָ פאָר און וועלכע וועלן זיך נאָך אַנטשיידנדיקער אויסקענטיקן אין דער צוקונפט.

די פּראָבלעמען, וואָס ווערן באַהאַנדלט אין בוך זענען אפשר נישט ניי. אָבער מ. צאַנין האָט, אָן ספק, אַריינגעבראַכט אַ פרישע באַלייכטונג און אַ נייעם געוואַגטן צוגאַנג צו אַ ריי היסטאָרישע פאַקטן, וועלכע האָבן באַאיינפלוסט אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן. ער האָט אָנגעווענדט אַן אַנאַליטישן אויסטייטש, אַ דענקענדיקע עסייִסטישע אינטערפּרעטאַציע מיט אויסדריקלעכע אַקצענטן פון אַ יידישן שרייבער, וואָס האָט געלעבט און געאָטעמט מיט דער שעפערישער, מאָדערנער יידישער קולטור אין מזרח־אייראָפּע.

אָפט מאָל איבערראַשט דער מחבר מיט זיין קענטשאַפט פון די מקורות און זיין געניטשאַפט אין די קלענסטע פּרטים פון יידישער היסטאָריאָזאָפיע. אויך אָט די פּרטים הייבט ער אַרויס, שפּאַנט זיי איין אין דער אידעע פון וועלטלעכער יידישער היינטיקייט, וואָס דאַרף אויפגיין און גערייען מיט אַלע געירשנטע ווערטן און געהאַרבטע גוטסן אויפן באָדן פון מדינת ישראל.

די פיר עסייען, וואָס קומען אַריין אינעם בוך: „די פּירטויזנט־יעריקע יידישע מלחמה", „די גענעזע פון אַ קולטור־דראַמע", „מיגראַציע און מיזוג גלויות" און „דאָס לשון יידיש" קענען אין פלוג זיך אויסדוכטן ווי באַזונדערע, אויסגעטיילטע טעמעס און פּראָבלעמען. אָבער אַז מען לייענט איבער דאָס בוך זעט מען די אינערלעכע שייכותדיקייט, די באַענטקייט און געבונדנקייט פון איין פּראָבלעם מיטן צווייטן, פון איין אַספּעקט מיטן אַנדערן, אַז די קולטור־דראַמע האָט אַ קרובהשן צוזאַמענהאַנג מיט מיזוג גלויות און אַז די פראַגע פון לשון יידיש וואַקסט אַרויס ביים נאָכפאָלגן די שפּאַנונגען און זיגזאַגן פון דער עפּאָפּעע, פון דער דראַמאַטישער פּירטויזנט־יעריקער מלחמה — — —

לגבי אַ צאָל אינטערפּרעטאַציעס און מיינונגען פון מחבר קען מען גרייטער מחולק זיין. באַזונדערס כלפּי דער באַהאַנדלונג פון פּראָבלעם „מיגראַציע און מיזוג גלויות", וועלכן, לויט זיין איינשטעלונג, ס'איז גאָרנישט מעגלעך צו לייזן. מ. צאַנין ווייזט אָן לכאורה גאַנץ ריכטיק, אַז „יעדער דומפּינג אין דער ריכטונג פון מיזוג גלויות אָן צו באַזייטיקן די סאָציאַלע און בילדונגסשוועריקייטן וועט גאָרנישט פּאָזיטיווס דערגרייכן, אויסער ווייטערדיקע רייצונגען". אָבער צי קענען מיר דען אָפּשאַצן די יווירונגען, די נאַטירלעכע לעקונגען אין דער ריכטונג ? די איבעראַנדערשונגען, וואָס קומען איצט פאָר

אין ישראלדיקן לעבן? צי זענען מיר דען תופס, וויפל שפּיצן און פּאַרשפּיצט־קייטן עס זענען אָפּגעטעמפּט געוואָרן אויף דעם שטח פון מיזוג עדות, איבער־הויפּט נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה?

אפילו ווען עס לאָזן זיך אָפּפרעגן אַ צאָל אויסטייטשן און מסקנות, זענען אָבער די עסייען ווערטיק שוין מיטן אַרויסהייבן די נאַציאָנאַלע לעבנספראַגן, וואָס הויערן ביים יידישן שרייבער, ביים יידישן גייסטמענטש.

מ. צאַנין האָט אויף אַ צוגעשפּיצטן, אָבער עלעגאַנטן אופן אַרויסגע־בראַכט פּראָבלעמען, וואָס זענען דער ציפּור הנפש פון אונדזער קולטור, פון אונדזער היינטצייטיקייט.

צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין ישראל

אַ מאָדנע מערכה האָט געהאַט די יידישע טעאַטער־פאָרשונג.

יידיש טעאַטער, וואָס איז געווען אַזוי פּאָפּולער און באַליבט ביי די ברייטסטע פאָלקסמאַסן און ביי דער יידישער אינטעליגענץ; טעאַטער, וואָס האָט באַווירקט אַ מאָל אַלע שיכטן און קלאַסן פון פאָלק — האָט דווקא דער צווייג פון יידישער פאָלקסקולטור נישט זוכה געווען צו אַ גענויער פאָרשונג און ס'איז נישט אַרויסגעבראַכט געוואָרן די געשיכטע פון טעאַטער אינעם פולן היקף.

מען דאַרף, פאַרשטייט זיך, נישט פאַרזען די באַדייטנדיקע אַרבעטן און שטודיעס וועגן דעם גאַנג און דער אַנטוויקלונג פון יידישן טעאַטער. אָבער אַן אַרומנעמיקע, סינטעטישע געשיכטע פונעם יידישן טעאַטער אויף אַלע זיינע שטחים, אין אַלע זיינע אומוואַנדלונגען, איז נאָך ביז היינט נישטאָ.

וואָלט אַזאַ געשיכטע געווען, וואָלט מען מסתמא אויך נישט פאַרזען דעם קליינעם אָבער מערקווערדיקן קאַפּיטל פון יידיש טעאַטער אין ארץ־ישראל.

פאַר אַ סך וועט עס זיכער זיין אַ נייעס צו הערן, אַז יידיש טעאַטער איז שוין אין ארץ־ישראל געשפּילט געוואָרן אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט. און דאָ רעדט זיך נישט פון די חנוכה־ און פּורים־פאָרשטעלונגען פון ישיבה־בחורים אין אַלט־ירושלים צי אין חברון. (דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך). געמיינט איז דאָ אַ טרופּע ממש, וואָס האָט געשפּילט יידיש טעאַטער לויטן נוסח און אויפן שטייגער, ווי מ'האָט אין יענער צייט געשפּילט טעאַטער אין די גרויסע מאַסן־צענטערס.

קודם־כל לאָמיר זיך באַקענען מיט עטלעכע פּרטים וואָס עס גיט איבער דער ביבליאָגראַף און זאַמלער ש. ערנסט אין דעם ערשטן און, אגב, איינציקן באַנד „אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע", וואָס איז דערשינען אין יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, ווילנע, 1930. ווערט דאָרט דערציילט:

„פרווון צו שפּילן אין יידיש זענען אין ארץ־ישׂראל געמאַכט געוואָרן נישט נאָר מיטן אָנקומען פון די אַמעריקאַנער לעגיאָנען (געמיינט דעם יידישן לעגיאָן, וואָס האָט אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה סטאַנציאָנירט אין ארץ־ישׂראל אין עטלעכע פונקטן) און ווו די סאָלדאַטן האָבן געשאַפן אַן אַנסאַמבל און געשפּילט אין יידיש. פּרווון צו שפּילן יידיש טעאַטער אין ארץ־ישׂראל זענען שוין געמאַכט געוואָרן מיט יאָרן פריער, ביים אויפפירן אַן אָריגינעלע פּיעסע פון הירש לייב גאָרדאָן".

מיר זענען נוטה אָנצונעמען, אַז דער ערשטער פּרווו פון אַן אָרגאַניזירטן, הייגטצייטיקן טעאַטער פאַרצושטעלן אין יידיש אין ארץ־ישׂראל איז געמאַכט געוואָרן אין יאָר 1909. און געווען איז דאָס אין יפו, וואָס איז אין יענער צייט געווען אַ זאַמלפּונקט און ווינאָרט פון יידישע אַרבעטער און פון נייע עולים.

און די מעשה איז געווען אַזאַ. אַ גרופּע אַקטיאָרן איז געקומען באַזוכן דאָס לאַנד און איז פאַרבליבן דאָ אַן מיטלען צוריקצופאָרן. און כדי צונויפצושאַפן די נייטיקע רייזע־הוצאות האָבן זיי באַשלאָסן צו געבן אייניקע פאָרשטעלונגען. אין ירושלים האָבן זיי אָבער נישט געהאַט קיין גאָר גרויס פּובליקום. געווען איז עס זומערצייט, ווען די מער פאַרמעגלעכע מענטשן, וואָס קאָנען קומען אין באַטראַכט ווי באַזוכער פון טעאַטער, זענען געווען אַוועקגעפאָרן קיין יפו זיך באָדן אין ים. האָבן דעריבער די אַקטיאָרן באַשלאָסן נאָכפאָרן דעם עולם און פאָרשטעלן אין יפו.

מ׳האָט געדונגען אַ גרויסן זאַל אין אַ האָטעל ביים ברעג ים, און דאָרט האָבן זיי געשפּילט.

צוליב מורא אַז די העברעער, און צווישן זיי די קנאותדיקע, זאָלן נישט שטערן די פאָרשטעלונגען, האָבן די אַרטיסטן איינגעלאַדן דעם יפוער קאַימאַקאַם (ס׳הייסט, דעם ראש פון דער שטאָט) בייצוזיין אויף די פאָרשטעלונגען... און אַזוי זענען בשלום דורכגעגאַנגען גאָלדפאַדענס „שולמית" און טשיריקאָווס „די יידן". דער זאַל איז אויףביידע פאָרשטעלונגען געווען איבערפולט און די הכנסה איז געווען אַ גאַנץ גרויסע.

אויב אָבער די טרופּע האָט זיך פאַרהיט פון די העברעיִסטן דורך איינלאַדן דעם קאַימאַקאַם, האָט זי זיך אָבער דערוואָרבן אַ פיינד פון אַן

אַנדער צד. דאָס איז דער פיינד, וואָס איז אַזוי באַקאַנט פון דער עלטערלע־כער צייט. דערמאָנט ווערט ער אָפט אין פאַרשידענע תקופות און אין פאַר־שידענע לענדער מיט זיין קאַמף קעגן פאַרוויילונג ביי יידן און קעגן טעאַטער. דאָס זענען די רבנים און כלי־קודש.

זיך דערוווּסט, אַז אַ סך פון די ירושלימער יידן באַזוכן גאָר טעאַטער, האָבן די רבנים פון ירושלים און יפו אַרויסגעלאָזט אַ קול־קורא, וואָס פאַר־ווערט צו באַזוכן די פאָרשטעלונגען. און דער אויפרוף האָט אויך געווירקט אויפן קאַימאַקאָם. ער האָט אויפגעהערט צו קומען צו די פאָרשטעלונגען.

דאָס איז שוין געווען ווי אַ סיגנאַל צו די קנאים פון העברעיִשן לאַגער, וואָס האָבן דעם גאַנצן ענין שטאַרק אויסגענוצט אויף זייער שטייגער.

די אַקטיאָרן האָבן געמוזט אויפהערן די פאָרשטעלונגען, הגם אויף פולע רייזע־הוצאות האָבן זיי נאָך נישט געהאַט...

און מיינט נישט, אַז דאָס איז נאָר אַ טשיקאַווע מעשה מיט אַקטיאָרן, וואָס זוכן רייזע־הוצאות, און באַווירצט מיט דער פּריקרעקייט פון אַ טער־קישן קאַימאַקאָם. יעדער קלענסטער פּרט, לערנט אונדז די געשיכטע, האָט זיין באַדייטונג נישט נאָר באַלד צום מאָמענט, נאָר גאַנץ אָפט אויך אין דער וויטערדיקער אַנטוויקלונג. אַ צען יאָר שפּעטער, ווי איך האָב שוין דער־מאָנט, האָבן די סאָלדאַטן פון יידישן לעגיאָן אויפגעפירט מיט גרויס דערפאָלג פאָרשטעלונגען אין יידיש. אָבער שוין אויך אַ יאָר נאָך דעם ערשטן פּרווו, אין יאָר ניינצן הונדערט צען, האָבן זיך צונויפגענומען יידישע בעלי־מלאכות אין יפו און געשפּילט יידיש טעאַטער, און אפילו יעקב גאָרדינס פּיעסן.

אין דעם זעלבן באַנד „אַרכיוו פון יידישן טעאַטער און דראַמע" ווערן געבראַכט אויסצוגן פון דער דעמאָלטיקער פּרעסע אין לאַנד. שרייבט די העברעיִשע טאָגצייטונג פון ירושלים „החרות" (אגב, דאָ רעדט זיך פון יאָר 1910) ...„כפי הנראה הז'ארגון ביפו קונה לו זכות אזרח על הבמה. הפעם הרביעית במשך זמן קצר כזה בעונת החורף זהו אצבע הזמן! הלא? סימן הוא כי ישנם לו לז'ארגון מעריצים שנותנים לו דחיפה. והקהל נענה, כי במקום שיש הצעה יש דרישה. זהו כלל גדול". און ווייטער: „באמת חרמות, איסורים, גדופים ונזופים — מה יועילו כל אלה הם רק פלגיאט.

ובעת שמצד אחד הזרגוניסטים רואים פעולות ומעשים, — מצד השני חסידי העברית אין כחם אלא בפיהם..."

לאָמיר אָבער נישט מיינען, אַז דאָס איז געווען די אַלגעמיינע באַציִונג אין יענער צייט. דאָס איז געווען די שטים און שטימונג פון פאַראיינצלטע חסידים פון יידיש, וואָס האָבן אין העברעיִש אויסגעדריקט זייער בענקשאַפט נאָך אַ יידיש וואָרט און נאָך אַ יידיש ליד.

די שפּעטערדיקע פאָרשטעלונגען פון די סאָלדאַטן־אַקטיאָרן פון יידישן לעגיאָן האָבן אַרויסגערופן אַ כוואַליע פון פּראָטעסטן און שאַרפע אַנגריי־פערישע בריוו אין דעם דעמאָלטיקן איינפלוסרייכן „הפועל־הצעיר". אין כמעט אַלע בריוו און אָפּרופן הערט זיך די אויפפאָדערנדיקע פראַגע „מה גרם לאותה השתיקה מצד הקהל העברי ביחס להצגות הז'רגוניות בגדודים?"... „אנשי הגדוד — שרייבט איינער — צריכים להבין כי הצגותיהם הללו לא רק מעליבים כי הם גם מכאיבים אותנו..."

איך האָב מיך אָפּגעשטעלט אַ ביסל מער אויף די דאָזיקע פאַרלוי־פעניש, וואָס איז שוין היינט געשיכטע. איך האָב אָבער בפירוש נישט אויסגעשעפּט דעם גאַנצן פּרק פון די אָנהייבן און די געראַנגלען פון יידישן טעאַטער אין ארץ־ישראל.

און זאָל דאָ נישט פאַרשטאַנען ווערן, אַז אָט די אָנהייבן האָבן געהאַט אַ דירעקטן איינפלוס און זענען געווען די פאָרמירער פון דער איצטיקער יידישער טעאַטער־טעטיקייט אין ישראל.

אַזוי גוט אפשר ווי די מוסר־ספרימלעך און אַנדערע יידישע חיבורימ־לעך, וואָס זענען דערשינען אין אַלט־ירושלים צי אין צפת, האָבן נישט געהאַט קיין השפעה אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער וואָרטשאַפונג אין ארץ־ישראל, אַזוי האָבן דאָ יענע טעאַטער־פאַרשטעלונגען פון מיט פופציק און זעכציק יאָר צוריק נישט געהאַט קיין אויסווירקונג אויף המשך. בפרט, אַז דאָ לאָזט זיך נישט רעדן וועגן קיין המשך, ווען אַ ביסל שפּעטער איז געוואָרן אַ ריס, ריס און נישט המשך...

אָבער אַז מיר רעדן אין אונדזערע היינטיקע טעג וועגן יידישן טעאַטער אין ישראל, ווו איצט שפּילן אָוונט ביי אָוונט עטלעכע יידישע טעאַטערס, קענען מיר נישט פאַרבייגיין אָן צו דערמאָנען אַן אַנדער אינטערעסאַנטן פּרווו,

צו שפּילן יידיש טעאַטער אין ארץ־ישראל. און נענטער איז דער דאָזיקער פּרווו נישט נאָר אין צייט, נאָר אין זיין געמיט, און בעיקר אין זיין פּיאָנע־רישן אָנזאָג וועגן בעסערן טעאַטער. פון דעם פּרווו קאָנען מיר און דאַרפן יאָ עפּעס לערנען. מיר קאָנען דאָ זען, אַ שטייגער, די איבערגעגעבנקייט און די וואַכזאַמקייט פון ליבהאָבער, וואָס פון אַזעלכע איז נישט איין מאָל אויפ־געקומען גוטער פּראָפעסיאָנעלער קינסטלערישער טעאַטער.

אין דער ליטעראַרישער שריפט „אָנהויב", וואָס איז דערשינען אין ירושלים מיט פערציק יאָר צוריק (און וואָס איז, אגב, געווען די ערשטע קאָלעקטיווע ליטעראַרישע שריפט אין ארץ־ישראל), לייענען מיר אַזאַ נאָטיץ: „דער דראַמאַטישער קרייז „אונדזער ווינקל" אין חיפה האָט אויפ־געפירט צום פינפטן מאָל שלום־עליכמס „דאָס גרויסע געווינס". די חברים פון קרייז זענען באַשאָנקען געוואָרן מיט בלומען און מיט האַרציקע אַפּלאָ־דיסמענטן. מיט דער מאַטעריעלער הילף פון די אַרבעטער־באַזוכער און בפרט פון די באַנאַרבעטער זענען געמאַכט געוואָרן נייע פולקאָמע דעקאָ־ראַציעס, פאַרברייטערט און פאַרשענערט די סצענע מיט איר „טעכניק", און עס פעלט נאָר מער פּלאַץ פאַרן פּובליקום, דער הויף איז צו קליין און דער עולם וואַקסט".

„אונדזער ווינקל" — זאָגט זיך דאָרט ווייטער — האָט נישט ביז היינט קיין גוטן רעזשיסער און דאָס באַשווערט די אַרבעט און שטערט די אַנטוויקלונג פון קרייז... אָבער די חברים פון „אונדזער ווינקל" האָפן, אַז מיט דער צייט וועט אויך די מניעה אָפּגעשאַפט ווערן".

און אַז מיר מאַכן דעם מינדסטן פאַרגלייך פון דער מערכה פון יידישן טעאַטער היינט מיט דעם נישט ווייטן נעכטן, ווערט אי הייטער, אי אומעטיק.

איך וואָלט געוואָלט בפירוש פאַרמיידן צו באַהאַנדלען וועגן דער לאַגע אין וועלכער דאָס יידישע וואָרט, און במילא די יידישע שאַפונג, האָט זיך דאָ ביז אַנומלט געפונען אין ארץ־ישראל. נישט דאָ וויל איך באַרירן די באַדינגונגען, ביי וועלכע מ'האָט געטאָן קולטור־אַרבעט פאַר אַ סך יאָרן.

אָבער יידישע שרייבער האָבן דאָ געטאָן אַ פּיאָנערישע אַרבעט. יידישע דיכטער און פּראָזאַיקער זענען געקומען אין לאַנד, זיך דאָ באַזעצט און אויפגענומען דאָס נייע לעבן, דעם פּייזאַזש און טיפּאַזש פון לאַנד, די

גערײַנגלעגן און אידעען פֿון ארץ־ישׂראלדיקן אַרבעטס־מענטש, דערציילט וועגן זײַנע ליידן און פֿריידן, מיטגעלעבט מיט זײַן וואָך און יום־טובֿ. נאָר יידישע אַקטיאָרן, פּראָפֿעסיאָנעלע יידישע אַקטיאָרן, זענען ליידער אין ארץ־ישׂראל כּמעט נישט געקומען. און אפֿשר איז עס געווען מיט רעכט. די לאַגע פֿון טעאַטער־שעפֿערישקייט איז אַן אַנדערע. טעאַטער דאַרף צושויער, עולמס, דאַרף דעם לעבעדיקן קאָנסומענט, און ס׳איז געווען, אַז ווען עס האָבן אין די יאָרן פֿון פֿאַרן צווייטן וועלטקריג, קורץ פֿאַר דער היטלער־מלחמה, באַזוכט דאָס לאַנד עטלעכע יידישע אויסגערופֿענע אַקטיאָרן, האָבן זיי זיך אויס־געדרייט מיטן רוקן צו יידיש.

אַזוי איז געווען מיט מאָריס שוואַרץ, וואָס האָט געפּרוּווט אויפֿטרעטן אין העברעיִש און אויפֿגעפֿירט אין אהל־טעאַטער „יאָשע קאַלב״. און אַזוי האָט אויך געהאַנדלט דער טייערער אַקטיאָר אברהם מאָרעווסקי, וואָס האָט געוואָלט, נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אײנעם לאַנד פֿון תּנ״ך לייענען אויף זײַן העברעיִש קאַפּיטלעך פֿון איובֿ און משלי...

נאָך דעם אויפֿקום פֿון דער מדינה זענען צוזאַמען מיט דער גרויסער עליה אין לאַנד געקומען אויך אַקטיאָרן פֿון יידישע טעאַטערס. עס האָבן זיך דאָ באַוויזן יידישע אַקטיאָרן פֿון פּוילן און רומעניע, מענטשן וואָס זענען די מלחמה־יאָרן דורכגעגאַנגען דורך אַלע פּײַן און וואַגלוועגן.

זיי האָבן מיטגעבראַכט הן די מעלות, הן די חסרונות, וואָס דאָס גע־וויינלעכע יידישע טעאַטער אין מזרח־אייראָפּע האָט פֿאַרמאָגט. אָבער חוץ אַלץ האָבן זיי געטראָגן אין זיך און מיטגעבראַכט טיפֿע ליבע און איבערגע־געבנקייט צו דער טעאַטער־עבֿודה. ליבע און איבערגעגעבנקייט צו אַ קולטור־מיסיע איז, כּידוע, אַ גרויסע זאַך. ס׳גורט אַן מיט געדולד און העלפֿט אויך אויסצוטראָגן שוועריקייטן און מיכשולים. און קיין שוועריקייטן און מיכשולים האָבן נישט געפֿעלט. עס איז נישט געווען קיין אײנהייטלעכער צוגעקליבענער טעאַטער־אַנסאַמבל. ס׳האָט געפֿעלט אויף די מינימאַלסטע אויסגאַבן. אָבער שטאַרקער ווילן איז געווען — ווי ס׳איז טיפּיש פֿאַר אַקטיאָרן, און דערצו יידישע אַקטיאָרן, וואָס זענען דורכגעגאַנגען נישט ווייניק פֿײַערן פֿון אונדזער תּקופֿה.

אין מדינת ישׂראל זענען אויפֿגעקומען און זיך געשאַפֿן טעאַטער־טרופּעס,

אַנסאַמבלען. מ׳האָט דאָ אָנגעהויבן פֿאָרן איבער דער פּראָווינץ, אָט ווי אין אַמאָליקע גוטע צייטן אין מזרח־אייראָפּע.

פון די אַלע אויפגעקומענע און טעטיקע טעאַטערס האָט דער דעמאָל־טיקער „גאָלדפאַדען־טעאַטער״ אַרויסגערופן צוטרוי. מ׳האָט געקענט לייגן האָפענונג אויף זיין אַנטוויקלונג.

די „רעזידענץ״ פון דעם גאָלדפאַדען־טעאַטער איז געווען אין דזשעבע־ליאַ, אַ שכונה אין עק יפו. די פאָרשטעלונגען זענען געגעבן געוואָרן ביי די באַשיידנסטע באַדינגונגען. מ׳האָט געלעבט פון פּרוטות. אָבער מ׳האָט אויפ־געפירט ערלעך און אָרנטלעך — טאַקע אין דעם אַלטן נוסח — פיעסן סיי פון פאָלקסטימלעכן רעפּערטואַר און פיעסן היינטיקע. פאָרשטעלונגען אויפ־געפירט ריין און מיט חן. אַ שטראַל ליכט איז געווען אָט דער טעאַטער פון צווישן די אַלע וואַלוועלע אָפּערעטע־טעאַטערס וואָס האָבן דאָ געשפּילט די אויסגעשפּילטע מעלאָדראַמעס. און דעמאָלט טאַקע האָבן זיך ביי אונדז באַוויזן גאָר באַקאַנטע פּראָפעסיאָנעלע יידישע אַקטיאָרן. ס׳איז געקומען יעקב מאַנסדאָרף, מיט זיין אומרו און וואַרעמקייט. און ס׳איז געקומען זיגמונט טורקאָוו זיך צו באַזעצן. און דזשיגאַן און שומאַכער. און ס׳זענען געקומען יעקב ווייסליץ און יוסף בולאָוו, רחל האָלצער און הערץ גראָסבאַרד — אויף גאַסט־אויפטריטן אין ישראל.

איז געווען אַ גרונט צו מיינען, אַז דאָס יידישע טעאַטער אין לאַנד הייבט אָן גיין באַרג־אַרויף. דער יידישער גוטער טעאַטער איז דאָך געוואָרן אַזוי פאַרוויסט אין דער וועלט. פון איין זייט האָט ער געליטן מיט דער פאַרלענדונג פון יידישן לעבן אין אייראָפּע, און פון דער אַנדערער זייט, — צוליב דער אַסימילאַציע אין די אַמעריקאַנער לענדער. איצט איז געווען אַ יסוד צו גלייבן אַז דאָס יידישע טעאַטער וועט געפינען אַ תיקון אין מדינת־ישראל.

נישט פאַרגעסן דאַרף מען, אַז אין ישראל געפינט זיך דאָך אַ דאַנקבאַרער און אויך — טאַקע בעיקר — אַ יונגערער יידישער טעאַטער־עולם. און דער עולם אין טעאַטער, ווייסן מיר, איז אַן אינטעגראַלער טייל פון דער פאָרשטעלונג. ער איז נישט נאָר דער קאָנסומענט, נישט נאָר דער אויפנעמער. דער עולם באַטייליקט זיך ממש אין דעם טעאַטער־ספּעקטאַקל און גיט אָפּט מאָל די ראַם און די אַטמאָספער פאַר דער פאָרשטעלונג.

צום טיפן באַדויערן זענען כמעט אַלע פּרווון דורכגעפאַלן. אוודאי זענען געווען סיבות דערביי. און איינע פון די סיבות איז די פאַרוואָרצלטע גאַסט־ראָליאָרן־סיסטעם. דער יידישער טעאַטער און דער יידישער טעאַטער־עולם האָט זיך צו דעם צוגעוווינט.

דער טאַלאַנטפולער יעקב מאַנסדאָרף, דער געטרייער יידישער אַקטיאָר און רעזשיסער, האָט געפּרווט שאַפן אַן אַנסאַמבל פון יידישע אַקטיאָרן. האָט ער גענומען שפּילן העברעיש און איז באַלד מיט די ערשטע פאָרשטעלונגען דורכגעפאַלן...

דאָס „גאָלדפאַדען־טעאַטער" האָט אָנגעהאַלטן שיינע עטלעכע יאָר. האָט אויפגעפירט מיט הצלחה עטלעכע גוטע פּיעסן און אַ ביז גאָר געלונגענעם פּרץ־מאָנטאַזש (די „דריי גאָלדענע רינגען" אין דוד ליכטס אינסצעניזאַציע). דער טעאַטער האָט זיך אָבער געראַנגלט מיט מאַטעריעלע נויטן, זיך פונאַנדערגעפאַלן און נאָך דעם פון דאָס ניי זיך אַקטיוויזירט. און ביי אַלע אָנשטרענגונגען פון די איבערגעבליבענע אַקטיאָרן איז דעם אַנסאַמבל נישט געלונגען צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן, און דאָס טעאַטער איז זיך צעפאַלן.

אַז ס'איז פאַראַן אין ישראל פּלאַץ פאַר אַ גוטן, ערנסטן און קינסטלערישן טעאַטער, אַז ס'איז פאַראַן די נויטווענדיקייט פאַר אַזאַ טעאַטער — וואָלטן מיר געקאָנט ברענגען טויזנט און איין ראיה. אוודאי האָט דער באַזוכער אין יידישן טעאַטער הנאה פון חיי־שעה, פון מעלאָדראַמאַטישער פאַרווייַלונג. ער זוכט אַ געוויין און אַ קיצלדיק געלעכטער. אָבער דער זעלבער באַזוכער קאָן, אָן ספק, אויפנעמען אַן ערנסטע און גוטע פאָרשטעלונג. דאָס איז אַלץ גערעדט, אַז דאָס יידישע טעאַטער זאָל דאָ ווערן געפירט אויפן ריכטיקן וועג.

דווקא דאָס וואָס דעם יידישן טעאַטער אין ישראל קומט אויס צו לעבן און שאַפן אין דער נאָענט פון די דערפאַרענע קולטורעלע און פאַרוואָרצלטע העברעישע טעאַטערס — קאָן דאָס דווקא זיין לברכה.

קלאָר, אַז דער וועג צו אַ גוטן יידישן טעאַטער אין ישראל איז נישט קיין לייכטער. ס'איז אָבער מער ווי רעכט, זיך צו דערמאָנען די ערלעכע פּרווון פון אַמאָליקן יידישן טעאַטער דאָ אין לאַנד, צו די פּיאָנערישע פּרווון פון חיפהר „אונדזער ווינקל".

ס׳איז דאַכט זיך די פּאַסיקסטע געלעגנהייט דערצו. דער יידישער עולם איז איצט רייפער און פּאַרטיפּטער. דאַרף מען דעם סענטימענט פּאַרוואַנדלען אין אַ געזעלשאַפטלעכן קערן. מיר זאָגן נישט, אַז דאָס דאַרף געמאַכט ווערן מיט אַ מאָל, אַז דער איבערגאַנג דאַרף גיין מיטן עקסטרעמען וועג. בהדרגה, אָבער צילבאַוווסט. מיר מוזן געווינען דעם עולם פּאַר אַן ערנסטער פּאָרשטעלונג, פּאַר אַן ערנסטן טעאַטער. דאָס דאַרף זיין דער ווילן פון די, וואָס די פראַגע פון יידיש טעאַטער אין ישראל אינטערעסירט זיי. דאָס דאַרף זיין לטובת אונדזער קולטורעלן המשך אין לאַנד און לזכר דעם פּאַרווישטן יידישן טעאַטער אין דער וועלט.

ש. האַרענדאָרפס פאַרביקע „טעאַטער־קאַראַוואַנען"

געווען אַ מאָל יידישע שפּילער, אַקטיאָרן און קלעזמאָרים, וועלכע האָבן געבראַכט פרייד און געזאַנג, אַ שיינעם חלום און געמאַכט יום־טוב אין דער וואָכן אין פאַרחושכטע יידישע שטעטלעך.

דאָס זענען געווען די שטעטלעך פון אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיי, זיבנבורגן און יוגאָסלאַוויע, וועגן וועלכע ס׳דערציילט האַרענדאָרף אין זיין בוך „טעאַטער־קאַראַוואַנען". יידן האָבן דאָרט געוווסט פון פּורים־שפּילער, פון אַ בדחן, וואָס איז משמח אויף אַ חתונה, פון ישיבה־בחורים, וואָס פאַרשטעלן זיך און זינגען „היינט איז פּורים, מאָרגן איז אויס". ר׳ אשר זעליק ווייס און ר׳ „קלמן פּורים" האָבן אין מונקאַטש געמאַכט „די גרענדע" איין מאָל אין יאָר, נאָר אַז נשים און דערוואַקסענע מענטשן זאָלן זיך פאַרשטעלן און מאַכן פאַרשטעלונגען אין פּשוטע וואָכנטעג — צו דעם זענען זיי נאָך נישט געווען געוווינט. דאָס איז נאָך געווען שווער צו באַנעמען פאַר די יאָדערדיקע פאַרגרעבטע יידן פון סלאָוואַקיי און קאַרפּאַטאָרוס.

זיין אמתער נאָמען איז שמואל יעקב האַרענדאָרף און ער שטאַמט פון אַ דאָרף ערגעץ אין קעלצער געגנט. נאָר יידישע לייענער פון פּוילן געדענקען געוויס דעם נאָמען ש. י. דאָרפזאָן, מיט וועלכן ער פלעגט חתמנען אין משך פון אַ צוויי צענדליק יאָר די קאָרעספּאָנדענציעס און באַשרייבונגען, וועלכע ער פלעגט דרוקן אין די וואַרשעווער יידישע צייטונגען.

אין יענע ישובים איז ער געקומען כמעט על־פּי צופאַל, ס׳איז געווען, דערציילט ער: „אין דעצעמבער 1915, ווען די מלחמה האָט געבושעוועט אויף אַלע פראָנטן און די עסטרייכישע אָקופּאַציע־מאַכט אין פּוילן האָט אָנגעהויבן מאָביליזירן אַרבעטער, צו שיקן קיין טיראָל, כדי דאָרט אויפצובויען אַן אייזנבאַן־ליניע". די באַדינגונגען, אין וועלכע די געבראַכטע אַרבעטער האָבן געלעבט דאָרט זענען, דאַכט זיך, געווען עפּעס אַ מילדערנדע

אויפלאַגע פון די שפּעטערדיקע נאַצישע אַרבעטס־לאַגערן. און טאַקע דאָרט, צווישן די הויכע טיראָלער בערג, אין דעם צעפלאָנטערטן תהום פון פאַר־שקלאַפטע „פּריוויליקע אַרבעטער" האָט ער, וועלנדיק מיט עפּעס מהנה זיין די פאַרביטערטע, אויסגעמאַטערטע יידישע אַרבעטער, אָנגעשריבן אַן איינ־אַקטער און אָרגאַניזירט אַ פּורים־פאָרשטעלונג. מיט אָט דער פאָרשטעלונג האָט ער זיך פאַרקנסט צום יידישן טעאַטער. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון זיין טעאַטער־טעטיקייט. און דעם יידישן טעאַטער האָט ער געדינט אויף אַלע אופנים: ער איז אַרומגעפאָרן מיט טעאַטער־טרופּעס, ער איז געווען אַ רעזשיסער, אַדמיניסטראַטאָר, אַן אימפּרעסאַריאָ, אַ סופליאָר, אַן אַקטיאָר; ער איז געווען דער שתדלן ביים באַקומען דערלויבענישן און געווען דער פאַרמיטלער צווישן דער פריילעכער שפּילער־כאַליאַסטרע און די קליינ־שטעטלדיקע, אָנגעבלאָזענע און אַסימילירטע קהילה־עסקנים.

אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דאָס יידיש־טעאַטער אין מזרח־אייראָפּע געווען אַ וויכטיקער קולטור־פאַקטאָר, אויסגעפירט אַ יידישע קולטור־שליחות אין פּוילן, אין ליטע און רומעניע.

אין רומעניע, ווו דאָס וויגעלע פון יידישן טעאַטער האָט אברהם גאָלדפאַדען מיט יאָרצענדליקער צוריק אַזוי וואַרעם־פּאַטערלעך פונאַנדער־געוויגט — זענען יידישע טעאַטער־טרופּעס געגאַנגען שוין אויף זיכערע, אויסגעטראָטענע שטעגן. נישט אַזוי איז עס געווען אין די יישובים און לענדער איבער וועלכע האַרענדאַרפס טעאַטער־קאַראַוואַן האָט זיך געטראָגן. דאָ איז געווען אַ רויערד, דאָ האָט מען געדאַרפט אָנהייבן פון בראשית, און טאַקע ווי אין בראשית: ווען אַלץ איז געווען „פּוסט און לער". נאָר אַז דער ערשטער שפּראַץ איז אויפגעגאַנגען, דער ערשטער שטראַל האָט אַ לויכט געטאָן אין די פאַרכמורעטע פּנימער פון די פאַרהאָרעוועטע יידן און אין די אָנגעדראָלענע פּנימער פון די אַסימילירטע, „פאַרמאַדיאַרישטע" יידן, איז די שמחה מיט יידישן טעאַטער געוואָרן אַן אייגענע. האַרענדאָרף דערציילט וועגן דעם: „מיטן אויסנאַם פון טראַנסילוואַניען און קאַרפּאַטאָרוס, טיילוויינ אויך אין דער סלאָוואַקיי, האָבן די דאָרטיקע יידן ווייניק פאַרשטאַנען דאָס יידישע לשון. אָבער יידיש טעאַטער האָבן זיי ליב געהאַט ווי דאָס אייגענע לעבן, דאָס יידישע טעאַטער האָט זיי ממש אַ כישוף אָנגעטאָן און זיי האָבן

זיך געפּרייט מיט דעם „זשידאָ־סינהאַז" (אויף אונגאַריש: יידיש טעאַטער), ווי קינדער פרייען זיך מיט אַ שפּילעכל".

האַרענדאָרף שילדערט זיין צוזאַמענאַרבעט מיט אַקטיאָרן און טעאַטער־מענטשן, ער דערציילט נישט נאָר פון דער האַרציקער און גאָר אָפט הונגעריקער כאַליאַסטרע, וואָס האָט פאַרמאָגט אַזאַ אייביקן בטחון און אָפּטימיזם, נאָר אויך וועגן יענע ווייניק באַקאַנטע פּראָווינצן, ווו ס'האָבן געלעבט זייער אייגנאַרטיק־פאַרוואָרצלטן לעבן הונדערטער טויזנטער יידן. יידן וואָס, פון איין זייט, האָבן מיט זייער פרומקייט און פּרימיטיוון לעבנסאָרט נאָך געשטעקט אין דורות צוריק און, פון דער צווייטער זייט, זענען גייסטיק און קולטורעל געווען פאַרבונדן מיט דער שפּראַך און שטייגער פון לאַנד. ביידע מינים יידן זענען אין פלוג נישט געווען קיין קאָנסומענטן פון יידישן טעאַטער, זענען ווייט געווען פון יידישער קולטור. און דאָך, וואָס פאַר אַ וואַרעמקייט און געטריישאַפט ס'האָבן געטראָגן אַ סך פון אָט די געזונטע, האַרעפּאַשנע שטעטלשע יידן צו די טעאַטער־פאַרשטעלונגען. ווי טיף און אוממיטלבאַר זיי פלעגן אויפנעמען די איבערלעבונגען פון די העלדן אויף דער בינע! גראַד אָט די יידן מיט זייער פּשטות און ערדישקייט האָבן דערפילט שפּעטער די פרייד און די דערהויבנקייט, וואָס דאָס טעאַטער גיט זיי.

אַ סך פון די שילדערונגען זענען אַזוי רירנדיק, אַז זיי זענען ביכולת איבערצוּוועגן די אַלע פּרעניות, וואָס יידישע אַקטיאָרן האָבן געדאַרפט אויסשטיין, קענען גרייַלעך פאַרווישן די ביטערנישן און באַליידיקונגען, אויף וועלכע די מענטשן פון טעאַטער־קאַראַוואַן האָבן אָנגעטראָפן אין יענע פאַנאַטישע, פּרימיטיווע שטעטלעך. לאָמיר דאָ איבערדערציילן בקיצור אַזאַ וווּנדערלעכע געשיכטע, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַ ווייטן קאַרפּאַטאָרוסער חצי־דאָרף און חצי־שטעטל, אַ יישוב אַזאַ מיטן נאָמען יאַסינאַ, אין וועלכן ס'האָבן געוווינט נישט מער ווי 180 יידישע משפּחות. דאָס זענען געווען פּשוטע אָרעמע, אָבער האַרציקע פאָלקסטימלעכע יידן. צו די פאַרשטעלונגען אין יאַסינאַ פלעגן קומען אויך די יידישע פּויערים פון די אַרומיקע דערפער און יישובים, פלעגן קומען פון ווייט, פון צענדליקער וויאָרסטן אַרום דעם שטעטל, און מחמת זיי זענען געווען אָרעמע־לייט, פלעגן זיי אָפּשפּאָרן פון ביסן, כדי איינצושאַפן בילעטן פאַרן גאַנצן הויזגעזינד. ווינטערצייט אויף

יענע קאַרפּאַטאָרוסער שליאַכן פלעגן גראַסירן מחנות הונגעריקע וועלף, פלעגן די יידן אויף זייערע שליטנס אָנצינדן גרויסע שטורקאַצן, בכדי צו פאַרטרייבן די חיות־רעות און אָנקומען בשלום צו דער „שפּיל״: „אין אַ ווינטערדיקן מוצאי־שבת — דערציילט האַרענדאָרף — איידער מיר האָבן אָנגעהויבן מיט אונדזער פאַרשטעלונג, איז געקומען צו לויפן אַ יידישער רייטער אויף אַ פערד און ביי אונדז געבעטן, אַז מיר זאָלן אָפּוואַרטן מיטן „שפּיל״ (פאַרשטעלונג), ווייל אַ קאַלאַנע פון יידישע פויערים, וואָס פאָרט קיין יאַסינאַ, האָט זיך פאַרהאַלטן אין וועג און פירט אַ מלחמה מיט אַ סטאַדע וועלף, וואָס איז זיי באַפאַלן...

מיר האָבן געוואַרט מיט דער פאַרשטעלונג לערך צוויי שעה צייט, ביז מיר האָבן פון דער ווייטנס באַמערקט אַ גרעסערע צאָל אָנגעצונדענע שטור־קאַצן, וואָס האָבן אין דער נאַכט־פינצטערניש באַלויכטן דעם חלל, ווי הבדלות, און אַ מעכטיק געזאַנג האָט דורכגעריסן די דאָרפישע נאַכט־שטילקייט. די דאָרפסיידן האָבן געזונגען דעם „בעל־שמס ניגון״, און די טענער האָבן געקלונגען ווי אַ מעכטיקע לויב־תפילה צום רבונו של עולם, וועלכער האָט זיי מציל געווען פון אַן אומגליק״.

אַזעלכע טעאַטער־חסידים האָבן שוין פאַרמאָגט אפילו יענע ווייטלעכע יישובים, וועלכע זענען תחילת געווען פרעמדלעך פאַרן יידישן „טעאַטער־קאַראַוואַן״. פאַרשטייט זיך, אַז ביז וואַנעט זיי האָבן דורכגעבראָכן דעם וועג און דערנענטערט דעם עולם צום יידישן טעאַטער האָבן די אַקטיאָרן־כאַליאַסטרעס געהאַט גענוג אויסצושטיין. די מעשהלעך און עפּיזאָדן, וועלכע ש. י. האַרענדאָרף ברענגט אַרויס אין זיין בוך זענען אָפּט מאָל שטיקער שטייגער־שילדערונגען פון די יידישע פּראָווינצן, וועלכע זענען אין אונדזער ליטעראַטור גאָר ווייניק פאַרטראָטן. פון זיינע דערציילונגען און בילדלעך פילן מיר אַרויס, וואָס פאַר אַ וויכטיקע קולטור־מיסיע ס׳האָבן דערפילט אָט די וואַנדערנדיקע שטערן. די בלאָנדזשענדיקע שטערן פון יידישן טעאַטער.

האַרענדאָרף האָט זיך נישט פאַרמאָסטן צו שרייבן די געשיכטע פון דאָרטיקן יידישן טעאַטער. ער האָט נאָר געוואָלט אַרויסברענגען דאָס, וואָס אין זיין זכרון האָט זיך איינגעקריצט. „אָן אַ שיעור מעשהלעך, עפּיזאָדן און טשיקאַווע פּאַסירונגען, וואָס בעטן זיך דערציילט צו ווערן, ווייל זיי באַ־

לויכטן אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטע תקופה פון אַמאָליקן יידישן טעאַטער אין די דערמאָנטע לענדער, וואָס זענען ביז צום היטלערישן חורבן געווען וויכטיקע פּאָזיציעס פון אונדזער טעאַטער־קולטור״.

און די דאָזיקע מעשהלעך און טשיקאַווע פּאַסירונגען האָט ער אָנגעשנירלט מיט פאַרשטענדעניש, מיט חן און, דער עיקר, מיט אינערלעכער באַשיידנקייט. דערציילנדיק זכרונות און אייגענע איבערלעבונגען, בפרט אַקטיאָרישע איבערלעבונגען, שטייט מען תמיד פאַר אַ גרויסן נסיון — נישט אַרויסשטעלן זיך אין צענטער פון די געשעענישן. — מעגלעך, אַז דאָס האָט אים אויך גענייגט צו שרייבן זיינע ווערטפולע זכרונות אין דער פאָרעם פון אַזעלכע קורצע, אָפט מאָל פראַגמענטאַרישע בילדלעך, און נישט ווי געקייטלטע און מיט זיין פּערזאָן געבונדענע מעמואַרן. אָבער די דאָזיקע עפּיזאָדן און מעשהלעך גיבן אונדז געטריי איבער דאָס געמיט און דאָס כאַראַקטעריסטישע הן פון די קאַראַוואַן־פּאַסאַזשירן, הן פון דער פאַרשידנאַרטיקער מאַסע טעאַטער־געניסער.

צום סוף פון אָט דעם אייגנאַרטיקן בוך דערציילט ש. י. האַרענדאָרף די געשיכטע פון זיין פּיעסע „דער קעניג פון לאַמפּעדוסע״, אַ פּיעסע, וואָס האָט געהאַט אַ שטאַרקן דערפאָלג אין ענגלאַנד, ווו דער מחבר איז די לעצטע יאָרן אַ תושב, און באַזונדערס ביי אונדז, ווו די קאָמעדיע איז אויפגעפירט געוואָרן בשעתו דורכן סאַטירישן טעאַטער „המטאַטא״. ס׳איז אַ פּיעסע, געבויט אויף אַ מעשה־שהיה. ס׳איז די מעשׂה פון פּילאָט סידני כהן, אַ זון פון אַ ווייטשעפּלער יידישער משפּחה, וועלכער האָט בעת אַן אויסשפּירונגספּלי באַמערקט, אַז ער האָט נישט קיין טראָפּן אייל אין זיין אַעראָפּלאַן און געצווונגען געווען זיך אַראָפּצולאָזן אויף אַ קליינעם איטאַליענישן אינדזל. און אַז דער דאָרטיקער מיליטערישער קאָמענדאַנט האָט דערזען דעם פּילאָט אין בריטישן מונדיר, האָט ער אָן שהיות זיך אונטערגעגעבן, מיינענדיק, אַז דאָס איז אַ מיליטערישער פאָרפּאָסטן. האַרענדאָרף־דאָרפזאָן האָט דעם מלחמה־עפּיזאָד שטייגעריש און וויזיאָנעריש פונאַנדערגעאַרבעט. דער יידישער פּילאָט איז געוואָרן קעניג פון „מלכות־לאַמפּעדוסע״ און דאָס געסל, ווו זיין טאַטע — דער שניידער „כאַצקל לאַטוטניק״ — וווינט, איז שוואַרץ פון מענטשן, וואָס קומען אים אָפּגעבן מזל־טוב. מילא, דער סוף איז נישט מער

ווי אַ שיינער יידישער חלום. אָבער אין דעם חלום איז געקומען צום אויסדרוק די בענקשאַפט פון יידישן פאָלקסמענטש נאָך דעם לאַנד פון גליק, בפרט אין די טעג פונעם צווייטן וועלטקריג.

ד״ר אהרן שטיינבערג האָט געגעבן צו דעם בוך אַן אינטערעסאַנטע הקדמה, און ווי אין נוסח־טעאַטער, רופט ער עס „פּראָלאָג״. איז עס אַ גוטער אַריינפיר צו אַן אָנגענעם, לייענבאַר און וויכטיק בוך.

אפרים שרייערס טעאַטער־פּאָרטרעטן

טעאַטער איז איינע פון די פּאָפּולערסטע קונסטן און איז אַזוי אַלט, ווי דאָס מענטשלעכע לעבן. ווייסן מיר דאָך, אַז די געשיכטע פון טעאַטער הייבט זיך אָן העט ווייט, ביים סאַמע באַגינען, ביים בראשית פון דער מענטשהייט. אין דעם לעבן פון פרימיטיוון מענטש און אין זיין סביבה געפינען זיך שוין די יסודות, די אורקוואַלן פון טעאַטראַלישן אויסדרוק. און יעדער פון אונדז ווייס שוין, אַז אין די פּאַרצייטיקע ריטואַלן, מנהגים און ימים־טובים קענען מיר געפינען די אורפאַרמען, וואָס פון זיי איז במשך פון יאָרטויזנטער אַרויסגעוואַקסן די טעאַטער־קונסט.

דאָס ממשותדיקע טעאַטער ביי יידן איז נישט אַזוי אַלט. אויב מיר וועלן אפילו אָננעמען די פּורים־שפּילן און די חנוכה־פאָרשטעלונגען פון ישיבה־בחורים ווי די אָנהייבן, ווי די קערנער פון שוישפּיל־קונסט, האָט דאָס טעאַטער ביי יידן דורכגעמאַכט אַ ראַשיקע און קאַלירפולע אַנט־וויקלונג.

פון גאָלדפאַדען־טעאַטער, פון די זבאָרזשער זינגער אין די שענקען ביז די שפּעטערדיקע אויפגייענדיקע טעאַטערס אין רומעניע, אין גאַליציע, פּוילן, רוסלאַנד און אין אַמעריקע, ביז אונדזער היינט, האָט דאָס טעאַטער באַגלייט דעם יידישן פאָלק אויף זיינע וועגן און וואַגלענישן, באַווירקט מיט זיין פרייד און טרער, מיט אויפציטער און דערהויבנקייט, וואָס טעאַטער־שפּיל טראָגט אין זיך — — —

יידישע אַקטיאָרן, טייל פון זיי בויער פון יידישן טעאַטער, טעאַטער־עסקנים האָבן בייגעטראָגן מיט זייערע זכרונות־ביכער צו דער דערקענטעניש פון יידישן טעאַטער־גאַנג. זייערע געשילדערטע איבערלעבונגען אָטעמען מיט עכטקייט, מיט צעפינקלטע האָפענונגען און, טייל מאָל, מיט דער גרויער, פיינלעכער וואָר און נישט ווייניק אַנטוישונגען — — — אָבער מיר האָבן נישט זוכה געווען צו קיין צו גרויסער צאָל יסודותדיקע, טעאָרע־

טישע אָפּהאַנדלונגען, אַנאַליטישע אַרבעטן וועגן יידישן טעאַטער, וועגן זיינע שאַפער און פאַרמירער.

איז גוט, וואָס מיר קאָנען פאַרצייכענען אַ נייע פּאָזיציע אויף דעם שטח. אפרים שרייערס בוך „דיוקן ומסכה״, (פאַרלאַג „מחברות לספרות״). אפרים שרייער האָט עטלעכע יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה אַרויסגעגעבן צוויי קלענערע אַרבעטן: „נעאָ־רעאַליזם אין דער קונסט״ (וואַרשע, 1937) און אַ מאָנאָגראַפיע איבער דעם באַרימטן פוילישן דראַמאַטישן שוישפּילער סטעפאַן יאַראַטש (לעמבערג, 1937). שוין אין די אָפּהאַנדלונגען קענטיקט זיך אַרויס זיין פאַרטיפטער צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון טעאַטער און ליטעראַטור. אָבער זעט אויס, אַז אָט די אַרבעטן זענען נישט באַמערקט געוואָרן. דערפאַר האָט שוין זיין אַרבעט, די מאָנאָגראַפיע וועגן דער פוילי־שער שוישפּילערין אירענאַ אייכלער מסוגל געווען אויסצונעמען... אָבער אָט דאָס בוך איז דערשינען אין יאָר 1939, עטלעכע וואָכן פאַרן אויסברוך פון דער וועלט־שריפה.

איך דערמאָן זיך אָן אינטערעסאַנטן פּרט. בעת מיינע גאַנץ אָפטע באַגעגענישן און שמועסן מיטן שרייבער י. מ. ניימאַן ע״ה, וואָס איז אין די אָנהייב מלחמה־יאָרן געקומען קיין ארץ־ישראל, פלעגט ער מיט ווייטיק און פאַרבענקשאַפט דערציילן וועגן שרייבערס פון אָקערשטיקן, אַקטיוון לעבן אין וואַרשע, אין פוילן, מיט אויסערגעוויינלעכער צאַרטקייט און וואַרעמקייט פלעגט ער רעדן וועגן די יונגע דיכטער, דערציילער, וואָס זענען כמעט ערב דער מלחמה געקומען קיין וואַרשע פון פוילישע שטעט און שטעטלעך, בכדי צו באַקומען שרייבערישע סמיכה און בכדי צו פאַרזוכן דעם אַזוי לאָקנדיקן טעם פון אָט דער צוציענדיקער יידישער קולטור־מעטראָפּאָליע. נישט איין מאָל האָט ניימאַן אין די־אָ שמועסן דערמאָנט דעם נאָמען אפרים שרייער און מיט ווייטיקלעכן אומעט דערציילט, אַז שרייער איז געקומען קיין וואַרשע מיט זיין ערשטער טעאַטער־אַרבעט. אַ גוטע אַרבעט פון אַ צוזאָגנדיקן, ערנסטן טעאַטער־קריטיקער.

דאָס איז געווען דער לעצטער יידישער בוך, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע. איז געווען פאַר אונדז אַ באַזונדערע פרייד זיך צו טרעפן מיט אפרים שרייער באַלד נאָך זיין עולה זיין אין לאַנד. ער איז געקומען פון

ביטערע וואָגל־און־פּיינוועגן פון ראַטנפֿאַרבאַנד, פּוילן און פון די פּליטים־לאַגערן אין דייטשלאַנד, מיט דעם טרויער, וואָס די יאָרן האָבן אַרויפֿגע־לייגט, אָבער אויך מיט אַן אייפֿער און ווילן צו שאַפֿן, זיך אַריינצולעבן אין דער נייער יידישער וואָר, אין דער נייער ישׂראלדיקער קולטור.

די איצטיקע זאַמלונג עסייען „דיוקן ומסכה״ („פּאָרטרעט און מאַסקע) איז שוין שרייערס דריטער בוך, וואָס איז דערשינען נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. פֿאַר דעם זענען אַרויס זיינע אָפּהאַנדלונגען: „פּראָבלעמען פון קינסטלערישן שאַפֿן״ און דער בוך „אמנות ותיאטרון״ (איבערזעצט פון א. ד. שפּיר מיט אַן אַריינפֿיר פון ד. ב. מאַלקין), אָט די אַרבעטן צייכענען זיך קודם־כּל אויס מיט פרישקייט פון באַטראַכטונג און מיט אייגנדיקער געדאַנק־לעכקייט ביים באַהאַנדלען שוין נישט איין מאָל באַהאַנדלטע פֿראַגן און פּראָבלעמען פון „קינסטלערישן שאַפֿן״.

וויפֿל מאָל, אַ שטייגער, זענען שוין באַהאַנדלט געוואָרן די אייגנטלעכע שפּירונגען פון אַן אַקטיאָר און אַרויסגעזאָגט געוואָרן סברות וועגן דער עכטער געשטאַלטיקונג אויף דער בינע, ווען דער אַקטיאָר דאַרף אויסדריקן אין זיין ראָל געפֿילן פון ליבע אָדער דאָס קעגנזעצלעכע — האַס. אָט וואָס שרייער שרייבט וועגן דעם:

„די פֿאַרהעלטעניש פון אַקטיאָר צו זיין שטאָף איז אַ קאָמבינאַציע פון לאָגישע קעגנזאַצן און ווידערשפּרוכן. ווען אין דער האַנדלונג, אין דער סצענישער געשטאַלט קומען צום אויסדרוק געפֿילן פון ליבע אָדער האַס, הייסט דאָס נישט, אַז דער אַקטיאָר מוז זיין באַהערשט פון אַזעלכע געפֿילן. דאָס קען מעגלעך זיין, ווי אַ צופֿאַל, אָבער קיין מאָל נישט ווי אַ כּלל. די דיאַלעקטישע עוואָלוציע פון די געפֿילן איז די אַנטוויקלונג פון די קעגנזאַצן, איין געפֿיל שאַפֿט דאָס צווייטע, ווי אַ קעגנזאַץ צו זיך. מען קען סצעניש ליבן מיט דער גרעסטער ליידנשאַפֿט און דערביי עמאָציאָנעל איבערלעבן געפֿילן פון האַס (האַס קאָנקרעטן אָדער אַבסטראַקטן)״.

זיינע אָפּהאַנדלונגען וועגן שוישפּילקונסט און קונסט בכּלל אָטעמען מיט בליציקע אינטערפּרעטאַציעס, מיט לאָגישן אויסטייטש, און אפילו אין שוין באַקאַנטע אויספֿירן געפֿינען מיר אַ נייעם מוטיקן טאָן, ווי, למשל:

„וואָס פֿאַרשידנאַרטיקער און פֿילצאָליקער עס זענען די עמאָצירונגס־

מעגלעכקייטן ביים שעפער, אַלץ שטאַרקער איז זיין עמאָציע, טיפער זיין פאַנטאַזיע, פילבאַרער זיין עמפינדלעכקייט, שטורמישער זיין טעמפעראַמענט, העלער די קינסטלערישע וויזיע — לויטערער די קונסט".

אָדער אַזאַ דעפיניציע: „צום קינסטלער דערגייט דאָס העכסט־קאָנדענ־סירטע, די קוואַנטיטאַטיווע סובסטאַנץ. אין זיין שאַפונג גיט ער די לייזונג פון פּראָבלעם דורך דער פּריזמע פון זיין אייגענער פּערזענלעכקייט".

דאָס לעצטע איז זיכער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם מחבר אַליין.

דער איצטיקער בוך „דיוקן ומסכה" צייכנט זיך באַזונדער אויס מיט צוויי מעלות. דאָס ערשטע, וואָס דאָ קומען נישט אַריין קיין אַבסטראַקטע, טעאָרעטישע אַרויסזאָגונגען און באַטראַכטונגען. און דאָס צווייטע: שרייער האָט געפונען אַ פּאַסיקע פאָרעם און אַ בילדערישן, וואַרעמען לשון. מעגלעך, אַז די טעמע האָט עס אים דיקטירט, פאָרמירט אין אים אַ היימישע, פּשוטע, וויכערע שפּראַך... אין „דיוקן ומסכה" ווערט אַרויסגעבראַכט אַ גאַלעריע פון די וויכטיקע ישראלדיקע שוישפּילער. אַוודאי, אויך אין דעם בוך קומט צום אויסדרוק דעם מחברס אידעע, זיין באַנעם פון דער שוישפּילקונסט, אָבער צום אַלעם ערשט זענען עס געשטאַלטן, פּאָרטרעטן און מאַסקעס, געבונדן מיט דער וואָרהאַפטיקייט, מיט דער ישראלדיקער בינע.

אפרים שרייער קען די פאַרבאָרגנסטע סודות, וואָס אָט די קונסט טראָגט אין זיך. נישט נאָר אין איר אַלגעמיינער ראַם, אין איר קינסטלערי־שער נאַציאָנאַלער פונקציע, נאָר אויך אין אירע דינסטע קנייטשן און וויבראַציעס. דערפאַר איז אים געלונגען אַזוי אייגנדיק צו דערקענען און אַרויסצופילן, זיך ממש איינצולעבן אין די געשטאַלטן און מאַסקעס, דערגיין צו זייער אַקטיאָרישן גערעַנגל, דערשפּירן דעם אויפגיי און ווידעראַנאַנד פון שוישפּילערישן מהות ביים פאָרמירן אַ ראָל, דעם ציטער און פלאַטער פון אויפטריט ביים באַרירן די בינע־ברעטער, ווען פון אַנטקעגן גלעטן אָדער קוקן מיט אכזריות הונדערטער פאָר אויגן...

פּאָרטרעטן פון עלף ישראלדיקע שוישפּילער קומען אַריין אינעם בוך: יהושע באַרטאָנאָוו, חנה ראָווינאַ, זיגמונט טורקאָוו, יוסף ידין, אהרון מעסקין, מאיר מרגלית, שמעון פינקעל און די יינגערע — בתיה לאַנצעט, חנה מרון, אורנה פורת, מרים זוהר.

אַט די עלף זענען די גרונטקרעפטן פון ישראלדיקן העברעיִשן טעאַ־טער. שרייער שילדערט פאַר אונדז זייערע געשטאַלטן און מאַסקעס, אין זייער פאַרשידנאַרטיקייט און פילפאַרביקייט, זייערע צענדליקער און צענד־ליקער ראָלן און קרעאַציעס. יעדער אַקטיאָר מיט זיין באַזונדערער אויפ־פאַסונג און כאַראַקטער, טאַלאַנט און בילדונג, אינטעליגענץ און עקשנות און צווייפלענישן.

פון די שילדערונגען און פאָרטרעטן קומט אויף די אַטמאָספער און דער ריח פון טעאַטער. די געדעמפּיקייט פון הינטער־די־קוליסן און די כישוף־דיקייט פון ליכט און שאָטן, פון סצענע און מיזאַנסצענע, און איבער אַלץ — דאָס באַזונדערע און כאַראַקטעריסטישע פונעם אַקטיאָר. זיינע ספקות און זיין גלויבן, זיין טעאַטער־וועלט...

עס איז אָנגענומען אין אַזעלכע אָפּהאַנדלונגען־פאָרטרעטן אַריינצו־ברענגען אַ סך ביאָגראַפישן מאַטעריאַל, וואָס העלפט צו אין דער באַלייכ־טונג פון דער באַהאַנדלטער געשטאַלט. שרייערס מעדיום איז הויפּטזעכלעך די ראָלן און די מאַסקעס, ווי ער האָט זיי געזען און באַנומען. אָט דער צוגאַנג מאַכט די אַרויסגעבראַכטע פאָרטרעטן מקורותדיקער און ווערטיקער.

יוסף חזנאָוויטש — דער לעגענדאַרער פּאָלקסדאָקטער

ווי גרויזאַם איז דער כוח פון שיכחה, פון פאַרגעסן. ווער דערמאָנט היינט דעם וווּנדערלעכן, אייגנאַרטיקן ייד, דעם גרינדער פון דער נאַציאָנאַל־און אוניווערזיטעט־ביבליאָטעק ד״ר יוסף חזנאָוויטש. וואָס ווייסן וועגן אים די סטודענטן און די באַזוכער פון דער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק?

ס׳איז נאָך אַלץ נישט דערשינען קיין גאַנצע, שלימותדיקע אַרבעט וועגן ד״ר יוסף חזנאָוויטש און זיין לעבנסווערק. דאָ און דאָרט זענען פאַרעפנט־לעכט זכרונות־נאָטיצן, אָבער צו קיין וויכטיקער אַרומנעמענדיקער אַרבעט אָדער צו אַ „חזנאָוויטש־בוך״ אין העברעיש האָט מען נישט זוכה געווען.

איז טאַקע געווען ממש אַ סורפּריז, ווען פון אַמעריקע איז אָנגעקומען דאָס בוך „ד״ר חזנאָוויטש, דער אידעאַליסט, נאַציאָנאַליסט און פאָלקס־מענטש״, וואָס זיין בן־עיר דוד קלעמענטינאָווסקי האָט אָנגעשריבן און די „ביאַליסטאָקער היסטאָרישע געזעלשאַפט״ אין ניו־יאָרק האָט אַרויסגעגעבן.

פון מיין קינדהייט, אין מיין היימשטאָט ביאַליסטאָק, געדענק איך, וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכע מעשיות מ׳האָט זיך אָנגעדערציילט וועגן דאָקטער חזנאָוויטש. מעשׂיות, וואָס האָבן געקלונגען ווי לעגענדעס. די האָרעפּאַשנע ביאַליסטאָקער יידן, די וועבער און גאַרבער האָבן, אין זייער גרויסער ליבשאַפט און פאַרערונג פאַר זייער דאָקטער, צוגעגעבן צו די דערציילונגען עטוואָס פון זייער האַרציקער פאַנטאַזיע. און אפשר זענען די אַלע טשיקאַווע התנהגותן פון דעם מערקווערדיקן דאָקטער געווען וואָר?

דוד קלעמענטינאָווסקי, וועלכער איז געווען אַ בן־בית ביי דאָקטער חזנאָוויטש, ברענגט אין זיין בוך אַ סך פון אָט די ווונדער־מעשׂיות.

חזנאָוויטש איז געווען דער דאָקטער פון די אָרעמע קוואַרטאַלן. די מענטשן האָבן אים ממש פאַרגעטערט, הגם אויסערלעך האָט ער זיך באַצויגן צו זיי „ברוטאַל״ און מיט „רוגזה״. אָבער די יידן פון די פּיאַסקעס און כאַנאַיקעס האָבן אין אים געשפּירט אַ פריינט, זיי האָבן אַרויסגעפילט זיין

איבערגעגעבנקייט נישט נאָר צום פּאַציענט, נאָר אויך צו דער אָרעמער משפּחה פונעם קראַנקן. און פיינט האָט חזנאָוויטש געהאַט בתכלית השׂנאה די גבירים, די ביאַליסטאָקער פאַבריקאַנטן. ער האָט זיי געטריבן פון זיך מיט זייערע „גבירישע״ קראַנקהייטן.

דוד קלעמענטינאָוסקי דערציילט־איבער אַ סצענע, געשילדערט פון יעקב פּאַט, וועלכער איז געווען אין זיינע יונגע יאָרן אַן אַריינגייער צו חזנאָוויטשן. די סצענע כאַראַקטעריזירט בולט ד״ר חזנאָוויטשעס באַציונג צו די גבירישע פּאַציענטן: — „אַט זיצט שוין דער דאָקטער אויף דער דראָזשקע, נישט ווייט פון זיין וווינונג. דאָס פערד שטייט מיטן קאָפּ צו סוראַזשער גאַס. ער דאַרף פאָרן אין די אָרעמע גאַסן. אַ גבירישער שליח קומט פּלוצלינג בעטן דעם דאָקטער, ער זאָל גלייך קומען צו זיין בעל־הבית. דער דאָקטער וויל נישט. דער משרת בעט זיך ביי אים רחמים, ער זאָל פאָרן צו וואַשילקאָווער גאַס. דער דאָקטער וויל נישט. דער משרת שלעפּט דאָס פערד מיט גוואַלט אין דער פאַרקערטער ריכטונג. דער איזוואָשטשיק ווייס נישט וואָס צו טאָן, וועמען ער זאָל פאָלגן, ווו ער זאָל פאָרן. ערשט חזנאָוויטש רייסט אַרויס דעם בייטש פון איזוואָשטשיקס האַנט, פאַרמאַכעוועט זיך צום פערד און שרייט:

— פאָר, ווו איך הייס דיר... זאָל העשל האַלפּערן זוכן אַן אַנדער דאָקטער. פאָר ווו מ׳זאָגט דיר, צו די פּיאַסקעס צו״...

אַ שלל מיט מעשׂיות און אַנעקדאָטן האָט מען זיך אָנגעדערציילט פון חזנאָוויטשעס וויזיטן ביי זיינע פּאַציענטן, פון זיין אופן רעדן מיט די חולאים און מיט זייערע שטוביקע, וואָס פלעגן אַרומפּאַדיען צעשראָקענע און פאַרלוירענע. אַז אַ יידענע פלעגט אים אַ פרעג טאָן: — „פּאַניע דאָקטער, וואָס זאָל מען געבן עסן דעם קראַנקן?״ — פלעגט ער זיך צעקאָכן: „האַ, עסן, עסן? זיצן ביזן האַלדז אין טינוף און פרעסן קאָטלעטן!..״ ער האָט נישט פאַרטראָגן דעם כבוד, וואָס מ׳וויל אים צוטיילן, ער פלעגט ווערן ממש ווילד, ווען אַ יידן איז איינגעפאַלן אַרונטערצונעמען פאַר אים דאָס היטל...

אין יענע יאָרן איז אין ביאַליסטאָק זיך פאַרלאָפן אַ געשעעניש, וואָס האָט אויפגעשטורעמט די גאַנצע יידישע וועלט. אין יאָר 1889, אין אַ זומער־דיקן פרייטיק פאַרטאָג, האָט אַ יידיש יינגל פון כאַנאַיקעס זיך אַריינגעכאַפּט

אין זכות פון וואָרט

אין גאָרטן פון פּוילישן דאָקטער גראַנאָווסקי, אַ באַוווסטער אַנטיסעמיט, און געוואָלט אָרונטעררייסן עטלעכע עפּל פון אַ בוים. גראַנאָווסקיס קוטשער האָט געכאַפּט דאָס יינגל און האָט אויסגעברענט אויף זיין פּנים מיט רוסישע אותיות די דריי ווערטער: „גנב, וואָר, דיעב״. דאָס יינגל האָט מען שפּעטער געבראַכט צו חזנאָוויטש, וואָס איז געוואָרן אויסער זיך פון אויפרעגונג און אויפגעהויבן אַ שטורעם אין דער גאַנצער שטאָט.

אַן עד־ראיה דערציילט: אויף מאָרגן, שבת, איז אין שטאָט געווען חושך. די גאַנצע שטאָט האָט געשטורעמט. די גאַסן זענען געווען שוואַרץ פון מענטשן און די אויפרעגונג פון יידישן המון איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. אין איינעם פון די געזעמלען איז געשטאַנען דאָקטער חזנאָוויטש און געשריען: „יידן, אַזאַ נבלה טאָר נישט פאַרשוויגן ווערן!... איר הערט, יידן?״ פּלוצעם האָבן זיך דערהערט פון דער ווייטן קולות. דאָס האָט אַ מאַסע מענטשן באַלאַגערט די בריטשקע, אין וועלכער ס'איז געפאָרן דער דאָקטער גראַנאָווסקי מיט זיין קוטשער. ביאַליסטאָקער יאַטן זענען זיי באַפאַלן און גוט מכבד געווען. צעשלאָגענע און פאַרבלוטיקטע האָבן זיי זיך געפּרוווט דורכרייסן דורכן המון. דאָקטער חזנאָוויטש האָט גענומען שרייען מ'זאָל זיי אָפּלאָזן, און דער עולם האָט געפאָלגט. דעם זעלבן שבת נאָך מיטאָג האָבן אין פאָלקאָוואַי בית־מדרש גערעדט דער ראַבינער מאַרקוס און חזנאָוויטש. זיי האָבן געפאָדערט צו באָיקאָטירן דעם כוליגאַנישן דאָקטער. און דעם באָיקאָט האָבן די ביאַליסטאָקער יידן דורכגעפירט מיט אַ זעלטענער שטרענגקייט.

דער פאַל איז אויפגעכאַפּט געוואָרן פון אַ סך אייראָפּעישע און אַמעריקאַנישע צייטונגען און איז ברייט קאָמענטירט און פאַרבונדן געוואָרן מיט די אַלגעמיינע רדיפות אויף יידן אין רוסלאַנד. דאָס האָט זייער אויפגעבראַכט די צאַרישע מאַכט... און דער סוף איז געווען, אַז באַשטראָפט איז געוואָרן נישט דער כוליגאַן גראַנאָווסקי, נאָר יוסף חזנאָוויטש, דער הומאַניטאַרער פאָלקסדאָקטער. ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון ביאַליסטאָק אויף גאַנצע צוויי יאָר...

חזנאָוויטש איז געווען נישט בלויז דער פאָלקסדאָקטער, וואָס האָט גערעדט אויף דער שפּראַך פון המון־עם, ער האָט אויך געוואָלט אויפהייבן

דעם שטאָלץ פון געפאַלענעם און געדריקטן, געגעבן אים מער זיכערקייט און נאַציאָנאַלע ווערדע, און די פרינציפּן זיינע פלעגט ער דעמאָנסטרירן מיט זיין אייגענער אויפפירונג, וואָס האָט אָפט אויסגעזען אויסטערליש... ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די געפאַלנקייט, די שפלות און די שתדלנות ביי יידן. ער האָט זיך באַמיט אַריינצופירן אַ דעמאָקראַטישן גייסט אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, אָן גבאות און גבאים... חזנאָוויטש איז געווען פון די ערשטע חובבי־ציון אין ביאַליסטאָק, און צוזאַמען מיט הרב שמואל מאָהליווער, דעם דעמאָלטיקן שטאָט־רב פון ביאַליסטאָק האָט ער אַנטוויקלט אַ וויכטיקע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע טעטיקייט. ער האָט אין ביאַליסטאָק געגרינדעט עטלעכע סאָציאַלע אינסטיטוציעס מיטן ציל צו לינדערן דעם מצב פון די אָרעמע שיכטן. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ שטאַרק אַנטוויקלטן חוש פאַר די נויטן פון די יידישע פאָלקסמאַסן.

דער זעלבער חוש און די געזעלשאַפטלעכע אינטויציע האָט אים אויך געשטויסן צו זאַמלען ביכער און פאַרלייגן דעם יסוד פון דער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק אין ירושלים. דאָס איז געוואָרן זיין לעבנסווערק. אויף דעם האָט ער אָפּגעגעבן זיין גאַנצע פרייע צייט און זיין גאַנץ פאַרדינסט.

אין איינעם פון זיינע אויפרופן „דרך אל העם העברי״, זאָגט ד״ר חזנאָוויטש — „פון מיינע יונגע יאָרן אָן האָב איך מיין האַרץ און נשמה געווידמעט דעם גורל פון אונדזער פאָלק. באַזונדערס האָט מיך באַהערשט דער געדאַנק פון אונדזער נאַציאָנאַלער ווידעראויפלעבונג אין אונדזער לאַנד. די אידעע איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך די „חובבי־ציון״, זי האָט זיך אַנטוויקלט און דערגרייכט איר הויכפּונקט דורך ד״ר הערצל, דעם גרויסן פאָלקספירער, פאַר וועמענס נאָמען איך בייג מיין קאָפּ מיט אַ הייליקן ציטער.

היות איך האָב נישט געקאָנט מיט מיינע באַשיידענע כוחות זיך באַטייליקן אין אַלע פּראַקטישע אַרבעטן לטובת דער באַוועגונג פון אונדזער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, האָב איך אויסגעקליבן אין פאַרגעסענעם, פאַרלאָזענעם ווינקל, איין געביט — אויסלייזן דאָס יידישע בוך פון גלות. דער דאָזיקער אידעע האָב איך געווידמעט מיינע בעסטע יאָרן. איך האָב מקריב געווען מיין פּריוואַטן לעבן און מיין פאַרמעגן, וואָס איך האָב דערוואָרבן דורך מיין מעדיצינישער אַרבעט״.

אויך וועגן זיין ספרים־זאַמלונג פלעגט מען דערציילן אין ביאַליסטאָק וווּנדערלעכע מעשׂיות. חזנאָוויטש פלעגט מיט אַלערליי המצאות אַרויס־קריגן פון יידישע הייזער און פון זיינע חולאים ספרים, כתב־ידן און בילדער, וועלכע זענען נישט געווען צו קריגן פאַר קיין געלט. ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט אַלע מוכר־ספרימניקעס און מיט אַנטיקן־הענדלער. ביי נאַכט, נאָך אַ טאָג אָנגעשטרענגטער אַרבעט, פלעגט ער זיך פאַרנעמען מיט די צונויפגעזאַמלטע און איינגעקויפטע ביכער, מיטן איבערשיקן זיי צו דער ביבליאָטעק אין ירושלים.

אין יאָר 1890 האָט ער באַזוכט ארץ־ישראל. פון יענעם יאָר ביז זיין טראַגישן פאַרלאָזן ביאַליסטאָק אין יאָר 1915, ערב דער אָקופּאַציע פון דער שטאָט דורך די דייטשן, האָט ער איבערגעשיקט קיין ירושלים טויזנטער און טויזנטער ביכער, צווישן זיי יקר־המציאות. נאָר אָפּט פלעגט ער זיך באַקלאָגן אויף דער קאַלטער באַציִונג מצד די פירער און ציוניסטישע עסקנים, אויף זייער נישט אָפּשאַצן די וויכטיקייט פון זיין לעבנסווערק. חזנאָוויטש איז געווען דער ערשטער, וואָס איז געקומען מיט דער אידעע צונויפצוזאַמלען אַ נאַציאָנאַלן פאָנד פון יידישן בוך און איז אויך געווען איר ערשטער פּראַקטישער אויספירער.

36 טויזנט ספרים און ביכער האָט ער איינגעזאַמלט און איינגעקויפט אין אַלע טיילן וועלט און זיי איבערגעשיקט צום „בית נאמן" אין ירושלים.

ער איז געשטאָרבן סוף 1919, אַ פאַרלאָזענער און היימלאָזער אין דער שטאָט יעקאַטערינאָסלאַוו, אין אַ וויסטן מושב־זקנים. געשטאָרבן פון אַ קלאַפּ, וואָס אַ שיכור, אַן אונטערוועלטניק, האָט אים געגעבן. ער האָט געווידמעט זיין לעבן דעם כלל און געשטאָרבן איז ער אין איינזאַמקייט.

דוד קלעמענטינאָווסקי האָט מיט זיין בוך מתקן געווען אַ גרויסן בלויז. ער האָט מיט זיין שילדערן חזנאָוויטשעס לעבן אויפגעשטעלט אַ מאָנאָגראַפיע פון אַ זעלטענער יידישער פערזענלעכקייט.

פֿאָלקלאָר און פֿאָלקלאָריסטן

אינעם קערנדיקן און שפּרודלדיקן יידישן קולטור־לעבן אין אייראָפּע פֿון פֿאַרן חורבן האָט דער פֿאָלקלאָר־געביט, די פֿאָלקלאָר־זאַמלונג, פֿאַרנו־מען אַן אָנזעעוודיק אָרט. ס׳האָבן זיך באַשעפֿטיקט מיט יידישן פֿאָלקלאָר הון פֿאַכלייט פֿאָרשער, הון הונדערטער זאַמלער אין די יידישע שטעט און שטעטלעך פֿון פּוילן, ליטע, גאַליציע, פֿון בורגנלאַנד און רומעניע. מ׳האָט געזאַמלט מיט יענער כאַראַקטעריסטישער איבערגעגעבנקייט, וואָס איז געווען אַזוי אייגן פֿאַר דער באַציִונג און ליבע פֿון די יידישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע צו דעם קולטור־און נאַציאָנאַל־מאָדערנעם לעבן.

ס׳פֿלעגט זיך באַקומען אָפֿט מאָל דער איינדרוק, צוזעענדיק ווי די פֿאָלקלאָריסטן זוכן, שנאַפּן און פֿאָרשן, ווי זיי וואָלטן כסדר געזוכט עפּעס צו ראַטעווען, טאָמער וועלן זיי עפּעס פֿאַרשפּעטיקן, פֿאַרזאַמען. גראָד זיי, די שטילע און ווייניק באַקאַנטע זאַמלער זענען געווען ווי דורכגענומען מיטן געפֿיל און מיטן באַוווסטזיין, אַז אַ פֿאָלק וואָס זאַמלט נישט צונויף זיין פֿאָלקלאָרגוטס איז, אַ שטייגער, ווי אַ פֿאָלק, וואָס וואָלט פֿאַרוואָרלאָזט זיין געשיכטע, ווי אַ פֿאָלק וואָס וואָלט נישט געפֿלעגט זיין עבר.

שווער זיך פֿאָרצושטעלן, ווי אַזוי זענען די זאַמלער צוגעטראָטן צו אַזאַ פֿאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט, נישט האָבנדיק פֿון פֿריִער וועלכע ס׳איז צוגרייטונג, נישט האָבנדיק די מינימאַלסטע אויסבילדונג אין דעם שטח, וואָס פֿאָדערט אי וויסן, אי חוש, אי אַ טיפֿע אינטעליגענץ. נאַטירלעך האָט דאָ מער פֿון אַלץ דאָמינירט די ספּעציפֿישע אינטויִציע, וואָס איז געווען תמיד דער קערן און די טרייבקראַפֿט פֿאַר יידישע שאַפֿנדיקע מענטשן. דאָ האָט אויך אַנטשידן די איבערגעגעבנקייט און ליבע צום פֿאָלק און צו יידישער פֿאָלקשאַפֿונג.

פֿאַר די לעצטע עטלעכע דורות זענען מיר גראָד עדות פֿון פֿענאָמענאַלע דערשיינונגען אויפֿן געביט פֿון יידישער קולטור־אויפֿטוערישקייט מצד

יחידים. בער באָראָכאָוו, וואָס האָט אין דער יוגנט קוים פאַרשטאַנען יידיש, איז אין משך פון אַ קורצער צייט (באָראָכאָוו איז געשטאָרבן אין עלטער פון 36 יאָר) געוואָרן איינער פון די זיילן פון דער יידישער פילאָלאָגיע. און היינט, איבער פופציק יאָר נאָך זיין טויט, זענען זיינע שטודיעס איבער יידיש נאָך אַלץ אַן אָנשפּאַר אין דער שפּראַכפאָרשונג. אַזוי איז ש. אַנסקי, וועלכער האָט אָנגעהויבן זיין פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין אַ סביבה, וואָס איז ווייט געווען פון נאַציאָנאַלן יידישן געדאַנק און פרעמד אפשר צו די יידישע נאַציאָנאַלע ווערטן, וועלכער האָט לכתחילה געשאַפן אין רוסיש, שפּעטער געוואָרן פון די אייגנאַרטיקסטע און באַדייטנדיקסטע זאַמלער און פאָרשער פון יידישער עטנאָגראַפיע. אַנסקי האָט מיט אַ באַזונדערן חוש געפילט די פאַרבאָרגענע און טיפע פאָלקסקוואַלן און געשעפּט פון זיי. ער איז אַרומגעפאָרן איבער די יידישע שטעט און שטעטלעך פונעם תחום־המושב און געזאַמלט לעגענדעס, פאָלקסלידער, מעשיות, פאָלקסטימלעכע אויסדרוקן, ווערטלעך, רעדנסאַרטן, וואָס פון זיי לויכט אַרויס דער פאַרגאַנגענער שטייגער־לעבן און דורך זיי דערקענען מיר די פאָלקסטימלעכע געשטאַלטיקונג, די חלומות, די שטרעבונגען, די יסורים און באַגערן פון יידישן כלל.

ש. אַנסקי האָט, כידוע, אויסגענוצט אַ סך פון זיין געזאַמלטן שטאָף פאַר זיינע דראַמאַטישע שאַפונגען („דער דיבוק", „טאָג און נאַכט"). נאָך אַ לענגערער פאָלקלאָר־זאַמלערישער און פאָרשערישער טעטיקייט גיט ער אַרויס צוזאַמען מיט זיינע מיטהעלפער „דאָס יידישע עטנאָגראַפישע פראָגראַם" (1915), וואָס אַנטהאַלט, חוץ די כללים ווי צו זאַמלען די ווערטן פון פאָלקסשאַפונג, אויך צוויי טויזנט דריי הונדערט פראַגן, וועלכע זענען פאַרבונדן מיטן קיום פון מענטש פון זיין געבוירן־טאָג אָן ביזן סוף פון זיין לעבן.

ש. אַנסקי איז נישט געווען דער איינציקער און אפילו נישט דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט דעם פאָלקלאָרשטאָף אין דער נייער יידישער ליטעראַטור. האָט דאָך שוין י. ל. פּרץ אַריינגעפירט פאָלקלאָר־מאָטיוון אין זיין שאַפן. אין דער יידישער ליטעראַטור איז פאַראַן אַ ריי שאַפונגען אָנגעשטימט פון יידישן פאָלקלאָר, אָדער אפילו דירעקט געשאַפענע אויף

סיוזשעטן פון פֿאָלקס־לעגענדע און פֿאָלקס־מעשׂה. (די לעצטע יאָרן פֿאַרן צווייטן וועלטקריג האָט דער דראַמאַטורג יעקב פּרעגער אויסגענומען מיט זיין טעאַטער־שטיק „שׂמחה פּלאַכטע" און אַנדערע).

אין יאָר 1908 איז דערשינען בערנשטיינס „יידישע שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן", וועלכע ער האָט געזאַמלט 35 יאָר — אַ צייט לאַנג פֿאַר דעם ווי פֿאָלקלאָר און עטנאָגראַפֿיע איז געוואָרן אַן אָנגענומענער און אָנערקענטער וויסנשאַפֿטס־צווייג. ביז דאַן איז די אַרבעט פֿון זאַמלען און אַנאַליזירן און אַרויסשיילן און פֿאַרגלייכן געווען אַן אַרבעט פֿון יחידים, ווייט איינער פֿון די אַנדערע, נישט וויסנדיק וואָס איינער טוט און נישט וויסנדיק וואָס דער אַנדערער האָט שוין אויפֿגעטאָן. ס'האָט זיך געפֿאָדערט אַ האַנט, וואָס זאָל אָרגאַניזירן, העלפֿן, זאָל אינפֿאָרמירן, באַקענען מיטן צונויפֿגענומענעם מאַטעריאַל, איינטיילן אין געגנטן, גרופּן און צייטן. אין די 20־ער יאָרן איז דער ייִוואָ אין ווילנע געוואָרן דער צענטער פֿאַר זאַמלער און פֿאָרשער פֿון יידישן פֿאָלקלאָר. ענלעכע אַרבעטן אין לערך קלענערן פֿאַרנעם האָבן אויך געטאָן די יידישע עטנאָגראַפֿישע און היסטאָרישע געזעלשאַפֿטן אין וואַרשע און ניו־יאָרק. פֿלענער פֿאַר אַזאַ אַרבעט האָט אויך פֿאַרלייגט, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון נחום שטיף, די קאַטעדרע פֿון יידישער קולטור ביים קיִעווער מלוכהשן אוניווערסיטעט. די פֿאָלקלאָר־אַרבעט האָט באַקומען שווונג און פֿאַרנעם. מ'האָט אַרויסגעגעבן זאַמלונגען, ביכער, שטודיעס וועגן געזאַמלטע פֿאָלקסלידער, פּורים־שפּילן, לעגענדעס, מנהגים, טאַנצלידער. מ'האָט אַנאַליזירט און אינטערפּרעטירט דעם געזאַמלטן מאַטעריאַל, געזוכט דעם אורשפּרונג פֿון די פֿאָלקס־מעשׂיות, פֿאַרגליכן מיטן פֿאָלקלאָר פֿון אַנדערע פֿעלקער. דער יידישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט האָט דערצויגן און אויסגעאיבט אַ צאָל נייע, יונגע זאַמלער און פֿאָרשער, וואָס האָבן זיך געווידמעט אויסצופֿאָרשן און צו ברענגען די יידישע פֿאָלקסשאַפֿונג אין דעם קולטור־אוצר פֿון פֿאָלק.

פֿון די ערשטע וויכטיקע זאַמלער און פֿאָרשער איז געווען י. ל. כּהן (1937—1881), וועמענס זאַמל־אַרבעטן און שטודיעס זענען אַ גרונטבאַזע אויף דעם שטח. י. ל. כּהן האָט זיך קונה שם געווען נישט נאָר ווי אַן אויסטייטשער פֿון יידישן פֿאָלקסליד, נאָר אויך ווי אַ פֿאָלקלאָר־טעאָרעטיקער.

דער ייוואָ האָט אַרויסגעגעבן אָ טייל פון זיינע אַרבעטן: „שטודיעס פון יידישער פאָלקסשאַפונג", נ"י, 1952, און „יידישע פאָלקסלידער מיט מע־לאָדיעס", נ"י, 1957, צונויפגענומען און מיט אַריינפירן פון ד"ר מאַקס ווײַנרייך.

איבער פערציק יאָר איז געווען פאַרבונדן בלב ונפש מיט דער זאַמל־אַרבעט פון יידישן פאָלקלאָר דער באַקאַנטער פאָלקלאָריסט שמואל לעהמאַן. דאָס איז געווען זיין לעבנס־אינהאַלט. נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה מאַכט ער זיין ערשטע שטודיר־רייזע און באַזוכט איבער פופציק שטעט און שטעטלעך און ברענגט אַ רייכע זאַמלונג פון לעגענדעס, פאָלקסלידער, גלייכווערטלעך, יידישע וויצן, פאָלקסאויסדרוקן, לידער פון הויפזינגער, לידער פון אָרעמע־לייט. מיט זיין עקשנות און מיט זיין באַזונדערער פעיקייט, האָט ער אויסגעפונען און געעפנט דעם וועג צו באַהאַלטענע מקורות פון יידישן פאָלקלאָר־אוצר. קיין שום שטערונג האָט פאַר לעהמאַנען נישט עקזיסטירט בעת ער האָט באַדאַרפט אַרויסבאַקומען אַ פאַרעלטערט פאָלקס־ליד, בעת ער האָט באַדאַרפט פאַרגלייכן אַ טעקסט פון אַ פורים־שפיל, צי אַ געוויינלעכן וויץ. ער איז געווען דער אייפעריקסטער און פראָדוק־טיווסטער זאַמלער. אין במשך פון יאָרן איז ער דערגאַנגען צו אַזאַ געניט־שאַפט, אַז ס'איז געווען צו באַווונדערן, מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט ער קען אונטערשיידן, אַ שטייגער, צווישן עכטן פאָלקסליד און דאָס ליד, וואָס איז דורך אַן אומבאַקאַנטן מחבר פאַרשפרייט געוואָרן צווישן המון־עם. לעהמאַן האָט, ווי מיר ווייסן, אויך אין געטאָ נישט אָפּגעלאָזט די זאַמל־אַרבעט. ער איז געווען איינער פון די גרינדער, צוזאַמען מיט ד"ר עמנואל רינגעלבלום, פון דער געזעלשאַפט „עונג שבת".

אַן אימפּאָזאַנטע געשטאַלט אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין פוילן איז געווען נח פּרילוצקי. זיין אינטענסיווע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט איז תמיד געווען פאַרפלאָכטן מיט זיין פּעדאַנטישער אַרבעט אויפן געביט פון יידישער עטנאָגראַפיע, פילאָלאָגיע און פאָלקלאָר. ער איז געווען איינער פון די דערפאַרנסטע פאָרשער און אויסטייטשער אין דער יידישער שפּראַך־וויסנשאַפט, פאָלקלאָר און דיאַלעקטאָלאָגיע. אויפן געביט פון פאָלקלאָר איז אים געלונגען אַ סך אויפצוטאָן און מחדש צו זיין.

פרילוצקי איז אַ סך יאָרן געווען אַ צענטראַלע פּערזענלעכקייט צווישן די יידישע מאַסן און אַ פירער פון די יידישע בעלי־מלאכות און קליינ־הענדלער אין פוילן. דאָס האָט אים דערנענטערט צום יידישן פאָלקסמענטש, צו זיינע זאָרגן און באַגערן. אָט דער גאָענטער באַריר מיטן יידישן מענטש האָט אים אויך נישט ווייניק מיטגעהאָלפן צו זיין פאָרשערישער אַרבעט. ער האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע בענדער פאָלקלאָר־שטודיעס און פילאָלאָגישע אַרבעטן (טייל ביכער און זאַמלונגען צוזאַמען מיט שמואל לעהמאַן, מיט ד״ר מאַקס וויינרייך און זלמן רייזען).

אַן אינטערעסאַנטער פאָלקלאָריסט איז געווען שמואל רובינשטיין, וועלכער האָט זיך פאַרנומען דערעיקרשט מיט צונויפזאַמלען פאָלקס־ווערטלעך, וויצן און פאָלקס־מעשיות. שוין אין יאָר 1912 האָט רובינשטיין פאַרעפנטלעכט עטנאָגראַפישע און פאָלקלאָריסטישע אַרבעטן און נאָטיצן אין רוסישע און רוסיש־יידישע צייטשריפטן און זשורנאַלן. ער האָט אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרעם „דער רויטער געלעכטער" און בלעטלעך זכרונות פונעם בירגערקריג אין אוקראַינע.

איבערגעגעבן האָט געאַרבעט נפתלי ווייניג אין גאַליציע, אַ פאָלקלאָ־ריסט מיט אַ סך באַהאַוונטקייט און קולטור, וואָס האָט זיך אויך באַשעפטיקט מיט פילאָלאָגיע. און אין וולאָצלאַוועק האָט שטודירט דעם פאָלקלאָר פון פוילישן ייד ב. ווינטער. און צוזאַמען מיט די עלטערע פאָלקלאָריסטן קומען אויף נייע, יונגע, מיט אַמביציע און התלהבות פאַר דער אַרבעט; נחמה עפּשטיין, חיים כאַיעס, ש. ז. פּיפּע, ש. באַסטאָמסקי. יעדער פון זיי האָט מיט אָפּערוויליקייט און עקשנות און מיט ליבע און גלויבן אין דער יידישער פאָלקסקולטור אַרויסגעבראַכט און לויטער געמאַכט די ווערטן פון יידישער פאָלקסשאַפונג.

וויל איך נאָך צום סוף ברענגען די ווערטער פון ד״ר מאַקס גרונוואַלד, רב פון האַמבורג און ווין, וועלכער איז געווען פון די ראשונים, וואָס האָבן פאַרלייגט דעם יסוד פאַר דער נייער יידישער פאָלקלאָר־וויסנשאַפט (געוווינט די לעצטע יאָרן אין ירושלים, געשטאָרבן נישט לאַנג אין עלטער פון 82 יאָר). אין זיינע „קאַפּיטלעך פון אַן אויטאָביאָגראַפיע" (ייִוואָ־בלעטער, באַנד 36) דערציילט ער: „אין האַמבורג האָב איך נישט בלויז געפונען אַ סך

מאַטעריאַל אין די ביבליאָטעקן און אַרכיוון, נאָר אויך — וואָס איז געווען פאַר מיר אַ נייעס — אַ שלל יידישע טיפּן, יעדער פון זיי מיט זיין פאָלקס־טימלעכן כאַראַקטער, מיט זיין באַזונדערן דיאַלעקט, באַזונדערע טראַדיציעס, שפּריכווערטער און לידער. איך האָב מיט זיך תּמיד געהאַט אַ נאָטיץ־ביכל, וווּ איך האָב אַלץ וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש אין לשון פון די דאָזיקע מענטשן זאָרגעוודיק פאַרשריבן. איז דאָס געווען וויסנשאַפט ?... צו אָבסערווירן דאָס לעבן גופא, צו באַטראַכטן דאָס פאָלק, ווי עס לעבט און שאַפט, אַריינצודרינגען און צו באַנעמען דאָס וואָס ווערט בדרך כלל פאַרזען און פאַרלוירן, הגם עס איז דער בייפּראָדוקט פון הונדערטער יאָרן קולטור — דאָס האָט נישט אויסגענומען ביי אונדזער שטרענגער פּראָפעסאָרן־גילדע, און דערפאַר זענען די דאָזיקע אוצרות געגאַנגען לאיבוד, אָן אַ שום זכר. אויך די יידישע געלערנטע האָבן פאַרריסן די נעז איבער מאַמע־לשון און די באָבע־מעשׂיות. איך האָב דערזען אונטער דעם „מיסט" גאָר ברייטע שייכותן, וואָס וואָלטן געקענט עפענען נייע וויסנשאַפטלעכע האָריזאָנטן. דער עיקר האָט אויף מיר געמאַכט אַ גרויסן רושם די שיינקייט, די פּנימיות, די נאַיווע האַרציקייט און די אינטימע שטימונגען, וואָס איך האָב דאָ געפונען אויף שריט און טריט. די ליבשאַפט צום פאָלק, די הנאה פון דער יידישער ספּעציפישקייט, די געטריישאַפט צו דער יידישער טראַדיציע, וואָס אַנטפּלעקט זיך דאָ, — דאָס אַלץ האָט מיר אַריינגעגעבן דעם מוט צו שאַפן אַ ווינסשאַפט פון יידישן פאָלקסלעבן..."

און די דאָזיקע וויסנשאַפט פון פאָלקסלעבן איז אַזוי פאַמעלעך אַרויף אויפן ברייטן טראַקט, באַקומען קאַטעדרעס אין די אוניווערסיטעטן (אויך אין ירושלימער אוניווערסיטעט), און הגם ס'איז שוין ביי אונדז פאַרביי דער אַמאָליקער פאָלקישער כאַראַקטער פון דער זאַמל־אַרבעט, האָבן מיר נאָך גאַנץ ערנסטע געזעלשאַפטן, וואָס גיבן זיך אָפּ מיטן זאַמלען און פאָרשן יידישן פאָלקלאָר, „ידע עם" אין ישראל, דער ייוואָ אין אַמעריקע. קלענערע קרייזן פון פאָלקס־אינטעליגענטן אין אַ ריי לענדער זענען מיט פלייס ממשיך אָט די הייליקע אַרבעט, וואָס איז אין אַנבליק פון אונדזער פאָלקס־קאַטאַס־טראָפע אין די אַמאָליקע יידישע היימען געוואָרן נאָך נויטווענדיקער און וויכטיקער סיי פאַר אונדזער איצט, סיי פאַר אונדזער צוקונפט.

יהויכין סטוטשעווסקיס „הכליזמרים"

ווייל די גוטע זיינען שטענדיק פריילעך,
אָן ליד איז דאָס לעבן נישט גאַנץ,
און פריילעכע האָבן ליב דעם פידל,
און פריילעכע האָבן ליב דעם טאַנץ.

דאָס האָט דער דיכטער נפתלי גראָס באַזונגען אַזוי יאָסל קלעזמער. און דאָס האָט יאָסל קלעזמער אַזוי געזען די וועלט. „ווייל די גוטע זענען שטענדיק פריילעך" איז משמעות געווען דער קלעזמאָרישער וועלטבאַנעם... די קלעזמערישע פילאָזאָפיע.

געווען אַ מאָל ביי יידן אַן „עדה" קלעזמאָרים, וואָס האָט אויסגעפירט אַ גרויסע שליחות אין פאָלק. זיי, די קלעזמאָרים, האָבן עס אָנגעשטימט יידישע הערצער מיט דבקות און פרייד, מיט מענטשלעכן טרויער און חדווה, פאַרטיפט דעם צער פון מענטש און דערהויבן זיין פרייד. נאָך איידער דער מענטש האָט פאַרנומען ווערטער, אויסדרוקן, האָט ער פאַרנומען און איז באַווירקט געוואָרן פון קלאַנג.

ריטעם, קלאַנג איז דאָך אַזוי אַלט, ווי אַלט ס'איז דער מענטשלעכער אויפקום. און יידישע קלעזמאָרים זענען אויפגעקומען צו גלייך מיט די קולטור־בראשיתן פון אונדזער לעבן. וויזט טאַקע אָן יהויכין סטוטשעווסקי שוין ביים אָנהייב פון זיין גרויסער אַרבעט „הכליזמרים": „נאָך אין דער צייט ווען דאָס ישראל־פאָלק איז געווען אַ פאָלק פון פאַסטעכער, איז שוין קענטיק געווען די נטיה צו פאָעטיק און נגינה. הונדערטער יאָרן פאַר דער תקופה פון דוד המלך האָט מוזיק פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אינעם לעבן פון פאָלק. דעם וואָס האָט געקאָנט שפילן האָט דאָס פאָלק אָפט גערופן נביא, און דאָס שפילן האָט מען אָפט מאָל באַצייכנט מיטן נאָמען ,נבואה'".

איך האָב די דאָזיקע באַקאַנטע אַרויסזאָגונגען, אויף וועלכע עס שטעלן

זיך אָפּ דאָס רוב פאַרשער, בכוונה איבערגעחזרט. עס איז בפירוש כדאי צו פאַרגעדענקען, ווי ווייט און טיף עס האָבן געשטעקט די וואָרצלען פון פאָלק־מוזיק ביי יידן. און די געטרייע און פרוכטיקע צוויגן פון דעם צעוואָקסענעם בוים זענען דורך דורות און דורות געווען די יידישע כליזמרים, כמעט ביז אונדזער חורבן אין אייראָפּע.

אַ טיף רירנדיקע מעשה ווערט געבראַכט אין דעם קאַפּיטל „כלי־זמרים באגדת־עם". און די מעשה איז נישט די איינציקע (מיר איז אויסגעקומען צו הערן עטלעכע פון דעם מין). רב יצחק דער קלעזמער, דערציילט סטוטשעווסקי, פלעגט זיך פאַרגנבענען אין די הויפן פון געטאָ און אויס־זינגען און אויסשפּילן און אויספּויקן „כן יאבדו כל אויביך". הונגעריק, איינגעוויקלט אין שמאַטעס, פלעגט ער מיט התלהבות באַגלייטן אַזוי אַ חתונה אין געטאָ...

ווען מען האָט אים דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ, און די נאַצי־באַנדיטן האָבן זיך דערוווּסט אַז ער איז אַ פּויקער, האָט מען אים באַלד צוגעטיילט צו דער מוזיק־קאָמאַנדע פון אוישוויץ. די קאָמאַנדע האָט עס באַדאַרפט פאַרווײַלן די מערדער און פאַרטויבן די וויגעשרייען פון די אומגעבראַכטע. אין דעם ערשטן טאָג, ווען מ'האָט ר' יצחק קלעזמער אַוועקגעשטעלט צווישן אַלע מוזיקאַנטן און געגעבן אים דעם פּויק אין די הענט אַריין, האָט ר' יצחק קלעזמער נישט געקאָנט פּויקן. די כלים זענען אַרויסגעפאַלן פון די הענט; ער האָט נישט געקאָנט נאָכגיין דעם שפּילן; ער האָט נישט געדענקט די מוזיק. אַ באַנומענער איז ער געשטאַנען צווישן אָרקעסטער, אין גאַנצן צערוישט. פאַר זיינע אויגן האָבן גענומען אויפגיין יידישע חתונות, יידישע חתן־כלה, וועלכע ער האָט געפירט צו דער חופה, מחותנים וואָס ער האָט משמח געווען. און דאָ איצט שפּילט מען גאָר... מען באַגלייט די זעלבע יידן צום אומקום!...

דער נאַצישער אויפזעער און דער דיריגענט האָבן אַזאַ יידישן קלעזמער נישט באַדאַרפט. ער איז געפאַלן לעבן זיין פּויק. אויפן „הר ציון" אין ירושלים קאָן מען איצט זען דעם פּויק, וואָס מ'האָט געבראַכט פון דאָרט...

ס'איז נישט צו פאַרשטיין, וואָס ביז היינט איז די פאָרשונג פון דער יידישער קלעזמערקונסט אַזאַ קנאַפּע. דאָ און דאָרט זענען צעוואָרפן איבער

זשורנאַלן און זאַמלונגען נאָטיצן און אָפּהאַנדלונגען וועגן קלעזמאָרים־משפּחות און זייער מוזיקאַלישן אויפטו. אָבער קיין גענויע אַרומנעמיקע אַרבעט וועגן אָט דעם וויכטיקן געביט אין יידישן קולטור־ און שטייגער־לעבן איז נאָך אַלץ נישטאָ.

דעריבער איז פון גרויס באַדייטונג דאָס בוך פון יהויכין סטוטשעווסקי „הכליזמרים״, וואָס דער מוסד ביאַליק האָט אַרויסגעגעבן און וועלכער האָט מיט רעכט באַקומען דעם ענגעל־פּרייז.

סטוטשעווסקי איז אַ באַקאַנטער מוזיקער, אַ מחבר און אינטערפּרעטאַטאָר פון יידישער און חסידישער נגינה. ער איז אַ מוזיק־פאָרשער און שרייבער. אַליין איז ער אויך אַ זון פון אַ דורותדיקער משפּחה קלעזמאָרים. האָט זיך ביי אים די אַרבעט איבער אַזאַ בוך גאָר פיין איינגעפּאַסט מיט זיין פערזענלעכקייט — און מ׳וז שוין זיין מטבע אַ גראַטענע.

דאָס גאַנצע בוך אָטעמט מיט דעם חן פון אוממיטלבאַרקייט און אייגנקייט. העלפט דאָס מיט גאָר אַ סך אפילו דעם סאַמע אָפּגעפרעמדטן לייענער, צו דערפילן און אויפנעמען אָט די אויסטערלישע געשעענישן, ווידעראַנאַנדן און אַנטוויקלונגען פון די קלעזמאָרים און זייערע שאַפונגען. דער יידישער קלעזמער און די קלעזמאָרישע מוזיק איז נישט געווען קיין יוצא־דופן אין פאָלקסלעבן. אין די עלטסטע צייטן, און אזוי שפּעטער איבער די יישובים און קיבוצים אין שפּאַניע און דייטשלאַנד, אונגאַרן און איטאַליע, צפון־אַפריקע און אַלט־ירושלים, ביז דער ברייט צעצווייגטער קלעזמערקונסט אין מזרח־אייראָפּע, וועגן וועלכער עס דערציילט בהרחבה סטוטשעווסקי — אַלע מאָל און אומעטום איז דער יידישער קלעזמער און זיין מוזיק געווען דער אויסדרוק פון פאָלקסגעמיט, פון זיין בענקשאַפט, פון זיין אומעט און יום־טוב. די קלעזמער־מוזיק האָט אויפגענומען די וויבראַציעס און שטימונגען פון פאָלק. ס׳איז געווען פלייש פון זיין פלייש, בלוט פון זיין בלוט און האַרץ פון זיין האַרץ. דער יידישער קלעזמער האָט נישט געשפּילט פון קיין נאָטן. נישט ער האָט געקאָנט לייענען נאָטן און נישט ער האָט עס געוואָלט. דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט פון פרייער האַנדלונג, פון אייגענער באַאַרבעטונג, פון צוגעבן נאָך קנייטשעלעך און דריידעלעך און שטיקעלעך, וואָס האָבן געצופּט דאָס געמיט מיט זייער אומעט און התלהבות.

האָט ער אויפגעכאַפּט יענעמס אַ ניגון — און ניגונים האָבן זיך געטראָגן און פאַרפלויגן ווי ווייט — איז עס געוואָרן זיינס. און אָפט מאָל האָט ער אַליין נישט געוווּסט וואָס איז זיינס און וואָס איז יענעמס.

וואָס איז אַ חתונה אָן קלעזמאָרים? וואָס איז עס פאַר אַ שמחה אָן קלעזמאָרים? אפילו אויף דער אָרעמסטער חתונה האָבן קלעזמאָרים געשפּילט ביי דעם הויז פון די מחותנים און געסט. היינט אין דער נאַכט פון דער חתונה!

יהויכין סטוטשעווסקי האָט זיך נישט באַנוגנט מיטן שילדערן דעם אויפקום פון קלעזמער, וואָס שטעקט ערגעץ אין נעפּל פון יידישן קולטור־אויפגיי. ער האָט זיך נישט באַנוגנט מיטן אַרויסברענגען דאָס לעבן און דעם שאַפונגסוועג פונעם קלעזמער, זיין סאָציאַלן און קולטורעלן מעמד. ער האָט אַרויסגעבראַכט די שילדערונג און דאָס בילד פון יידישן קלעזמער־פאַך אויפן פאָן פון יידישן לעבן בכלל, פון זיין עקאָנאָמישן און בעיקר גייסטיקן לעבן. פון אָט דעם קלימאַט קומט אויף דער יידישער קלעזמער, די קלעזמאָרים־משפּחות מיט זייער אייגנאַרטיקער מיסיע (און זיי האָבן עס געפּילט ווי אַ מיסיע, ווי אַ שליחות), מיט זייערע פּראָפעסיאָנעלע קאַמפן און אינטערעסן, מיט זייער פאַרביקן אופן פון לעבן. זיי האָבן אייפעריק אָפּגעהיט, אַז דאָס פאַך זאָל חלילה נישט פאַרוואָלוולט ווערן. צוזאַמען מיט דעם אינסטרומענט איז דער גאַנצער קלעזמער־נוסח אַריבער פון טאַטעס צו זין און אייניקלעך און אוראייניקלעך.

ווי זייער שפּילן, אַזוי איז אָפט געווען זייער אייגן לעבן. און אפשר פאַרקערט. זיי זענען געווען הפקרדיק, און ביז גאָר דיסציפּלינירט. באַלעבאַטיש אין דער היים, און מעשה באָהעמע אין זייער אויפטריט. רודפי־ממון. און פונקט אַזוי צעכראַסטעט און אויסברענגעריש. האַרציק איז געווען זייער באַציִונג אפילו צו דעם קלענסטן טאַצן־פויקער, וואָס האָט זיי בלויז צוגעבומקעט, בכדי דער ראש פון די קלעזמאָרים, דער פידלער צי דער קלאַרנעטיסט, זאָל געניסן פון דעם גאַנצן דערפאָלג.

יהויכין סטוטשעווסקי האָט אויפגעמאַכט פאַר אונדז די פאַרכישופטע וועלט פון יידישער פאָלקסמוזיק, וואָס אירע גרונטלייגער זענען אָן ספק געווען די יידישע קלעזמער. באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, האָבן זיי זיך

אַ גאַנץ לעבן געראַנגלט פאַר אויסקומעניש און געחלומט דעם חלום פון גרויסקייט. יחידים צווישן זיי האָבן נאָך ביי זייער לעבן געגאָסן פון אָנער־קענונג. זיי זענען אַוועק אין די מרחקים און אויף דער מוזיק־אַרענע פון דער וועלט אַרויסגעבראַכט דעם יידישן ניגון, די דבקות און האַרציקייט, די מעלאָדיעס פון „שערעלע" און „פריילעכס", פון „כשר־טאַנץ" און „מצווה־טאַנץ", די יידישע ניגונים, אָנגעזאַפּטע מיטן געפיל און שטייגער. די אַמאָליקע יידישע קלעזמאָרים איז באַשערט געווען צו שפּילן און מהנה זיין דעם יידישן פאָלקסמענטש, יידישע גבירים און גוישע פריצים. היינט שפּילן שוין אַ סך פון זייערע אייניקלעך און אוראייניקלעך אויף אַרענעס פון די גרעסטע מוזיק־טעמפּלען.

ס׳איז דער המשך פון אַמאָליקע יידישע קלעזמאָרים.

חכמה פון יידישן קוואַל

צווישן דער נישט־קליינער צאָל וויכטיקע האַנט־ און רעפערענץ־ביכער, וואָס זענען דערשינען פאַר דער לעצטער צייט, איז ישראל שטיינבערגס זאַמלונג פון אַפּאָריזמען, גלייכווערטלעך און מאמרי חז״ל פון גאָר ווערטיקער און אפילו פיאָנערישער באַדייטונג. פּיאָנעריש איז דער אופן פון אָפּקלייבן און ברענגען אין איין באַנד אָט דעם ווונדערלעכן אוצר פון אַלטיידישער פאָלקס־חכמה הן אין העברעיִשן אָריגינאַל, אין מקור, הן אין יידישער איבערזעצונג.

מיר ווייסן, אַז אַ פאָלקיש פאַרוואָרצלטער זאָג, אַ גלייכווערטל, האָט אָפט מאָל מער בילדערישקייט, מער תוכן, מער אילוסטראַציע און בעיקר מער מוסר־השכל, ווי אַ סך רייד. יידן האָבן זיך פאַרשטאַנען און אפילו אָפּגע־שלאָסן גרויסע פאַרהאַנדלונגען מיט איין פאַסיקן פסוק, מיט אַ זאָץ, מיט אַ לומדישן קאַלאַמבור. גאָר אָפט האָט אַזאַ מאמר פינאַליזירט לאַנגע אויסמאַטערנדיקע וויכוחים און ער האָט אויפגעטאָן ווונדער מיט זיין קורצקייט און טרעפלעכקייט.

דער יידישער פאָלקלאָר — הויפּטזעכלעך דער משל און פאָלקסווערטל — איז אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל. יעדער דור און יישוב ברענגט דאָ אַריין עפּעס נייס — אַ נייעם אויסטייטש און ניואַנס, ווי אַ השפּעה פון דער צייט און פון דער סביבה אין וועלכער ער לעבט. אמת, יעדע אומה פאַרמאָגט איר פאָלקלאָר, אירע ווערטלעך און גלייכווערטלעך, מעשיות און משלים און לעגענדעס. די יידישע כעלעם מיט אירע העלדן און „חכמים״ קען מען אויך געפינען ביי אַנדערע פעלקער. נאָך מער, פאַראַן אַפילו אַ געמיינשאַפט־לעכקייט, אַ מין איבעררופן זיך פון משל און מעשה, פון סאַטירע און הומאָרפולער פאַרלויפעניש צווישן פעלקער און עדות. יעדע „כעלעם״ מיט איר סאָציאַלער און פאָלקישער בילדערישקייט און מיט איר קלאַסישער טיפּשות, וואָס דאַרף דעמאַסקירן כלל־פאַרזאָרגער און אויפטוער. אַפילו אין

ארץ־ישראל איז ביז אַנומלט געווען אַזאַ — דאָס אַראַבישע דאָרף כּאַמעמאַ.

עס זענען אָבער פֿאַראַן וווּנדערלעכע, קלוגע, תמציתדיקע אַפֿאָריזמען און גלייכווערטלעך, וואָס הויערן דורותדיק אין יידישן פֿאָלק און זענען אייגנדיק יידיש, ווייל זיי געהערן צו דער אַלטיידישער פֿאָלקס־חכמה, צום פֿאַרצייטיקן פֿאָלקסקוואַל, וואָס ריזלט און פֿרישט זיך אָפּ כּסדר מיט שווונג און קראַפֿט. די פֿאָלקס־חכמה איז אַ ספּעציפֿיש יידישע און קומט אַרויס פֿון די אַמאָליקע חכמים, גייסטיקע פֿאָלקס־מנהיגים און נביאים. אַרויסגעזאָגט האָבן זיי זייערע באַטראַכטונגען, שפּירונגען, פֿאַרגלייכענישן אָפֿט מאָל אין לשון פֿון מליצה און שירה, דאָס פֿאָלק זאָל עס אויפֿכאַפּן און פֿאַרגעדענקען און איבערטראָגן פֿון דור צו דור. שפּעטער ערשט זענען די משלים און אַפֿאָריזמען פֿאַרשריבן געוואָרן מיט דיכטערישן פּאַטאָס.

פֿון דער תנכישער תקופֿה — באַטאָנט ישראל שטיינבערג — האָבן מיר דריי וויכטיקע ספֿרים פֿאַר חכמה: משלי, איוב, און קוהלת. אַחוץ אַ סך אַפֿאָריזמען צעזייטע אין פֿאַרשידענע ספֿרים פֿון תנך.

אָט די חכמה־ליטעראַטור אין די ספֿרים משלי, קוהלת און איוב פֿאַרנעמט זיך מיטן יחיד און נישט מיטן כּלל. די געזעלשאַפֿט, דער קאָלעקטיוו, אינטערעסירט דאָ דעם מחבר נאָר אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿל זיי ווירקן אויפֿן גורל און גאַנג פֿון יחיד. דער ציל פֿון דער חכמה אין אָט די דריי ספֿרים, פֿון די טרעפֿלעכע זאָגן דאָרט און מאמרים, איז אַ תכליתדיקער. די חכמה זוכט דאָ נישט קיין אַבסטראַקטע אידעאַלן, נאָר שטרעבט צו באַאיינפֿלוסן און פֿירן דעם מענטשן אויף וועגן פֿון גליק, פֿון ווערדע און אריכת־ימים. אפֿילו ווען די אַפֿאָריזמען זענען פֿון אַלגעמיינעם כאַראַקטער און לאָזן זיך אויסטייטשן אויף רבים, זענען זיי אָבער געווענדט צו דעם יחיד, צו זיין געמיט און פּערזענלעכקייט.

זאָגט משלי: „בחורף עצל לא יחרוש ושאל בקציר ואין". אין יידישער איבערזעצונג: „דער פֿוילער אַקערט נישט אום ווינטער, אין שניטצייט בעטלט ער און האָט גאָרנישט". אָדער אָט איז אַ זאָג פֿון מדרש: „כשם שיגעו אחרים לי, כך אני יגע לאחרים", דער טייטש: „אַזוי ווי אַנדערע האָבן זיך באַמיט פֿאַר מיר, אַזוי וועל איך מיך באַמיען פֿאַר אַנדערע".

ישראל שטיינבערג האָט דעם ריזיקן מאַטעריאַל צונויפֿגעזאַמלט מיט

ליבשאַפט און קענטעניש פון די מקורות. ביי אַזאַ אַרבעט פאָדערט זיך אַ באַזונדערער חוש, צו קענען אָפּטיילן און אויסשיילן די גינגאָלדענע פּעדעם פון אָנגעהויפטן פסולת. קאָנען אָפּקלייבן און אויסטיילן דאָס וואָס טראָגט אין זיך אַפאָריסטישן הויך און אָטעם, פון אַ סתם מליצהדיקע גערעדעריי. האָט טאַקע שטיינבערג אויף דעם פעלד אויפגעטאָן מער, ווי אינסטיטוציעס מיט זייערע גאַנצע שטאַבן מיטאַרבעטער. שוין אַ באַקאַנטע זאַך, אַז יחידים — עקשנים — און דערצו באַלאָדן מיט קענטשאַפט און וויסן — זענען מסוגל אויפצוטאָן ווונדער.

קרוב צוויי טויזנט פינף הונדערט אַפאָריזמען, גלייכווערטלעך, פּאַטאָס־דיקע זאָגן, וואָס גייסטמענטשן האָבן פאַר אַלע צייטן אַרויסגעבראַכט און וואָס פאַרמאָגן אין זיך סיי דיכטערישע פאָרעם, סיי צילגעווענדטן מיין האָט ישראל שטיינבערג צונויפגעזאַמלט, אָפּגעקליבן. און אַז ער האָט שוין געהאַט פאַר זיך דעם מאַטעריאַל, האָט ער זיך דאַך ערשט געמוזט נעמען צו דער גרויסער אַרבעט פון אויסדרדן און איינטיילן אים אין גרופּעס און ציקלען. דאָ איז צו דער קענטשאַפט און ערודיציע אויך נייטיק געשמאַק און ראַפּי־נירטער חוש. אויך אין דעם איז אים געראָטן.

די 84 גרופּעס פון דעם געזאַמלטן און איבערגעזעצטן מאַטעריאַל שאַפן דאָך ממש אַ שולחן־ערוך פונעם לעבן. דער יחיד קאָן לערנען ווי צו לעבן אין דער געזעלשאַפט. עס אַנטפּלעקן זיך פאַר אונדז קוואַלן פון עטיק און מאָראַל; פון געזונט און מידות, פון עלטער און יוגנט־חלום... לאָמיר אָנרופן כאָטש עטלעכע פון די אָפּטיילן, וואָס יעדער איינער פון זיי פאַרמאָגט צענדליקער אַפאָריזמען, אָנגעלאָדענע מיט טיפקייט פון געדאַנק און מיט אַזוי פיל לעבנס־חכמה: „אמת און שקר", „שעמעוודיקייט און חוצפה", „זאָרג און שרעק", „כעס און איינגעהאַלטנקייט", „נדבן און קאַרגער", „סוד און לשון הרע", „יידיש־פאָלק און גאולה"... און די זענען דאָך בלויז אַ טייל פון די איבער אַכט צענדליק רובריקן אין ספר, וואָס איז בפירוש אַן אַנטאָלאָגיע פון חכמה פון יידישן קוואַל.

עמיל זאָלאַ — דער הומאַניסט און קעמפער

(י. צינעמאַנס ביאָגראַפישע דערציילונג)

די יידישע וואָרט־שאַפונג פאַר די לעצטע יאָרן איז נישט רייך אין קיין איבערזעצונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור (ווי דאָס איז געווען אַ מאָל), גאָר זעלטן דערשיינט אַ מאָנאָגראַפיע וועגן אַ נישט־יידישער געשטאַלט, אַפילו פון אַזעלכע, וואָס זייער שייכות צום יידישן לעבן איז אַ גאָר וויכטיקע.

דעריבער איז פון טאָפּלטער באַדייטונג דאָס בוך פון דעם פובליציסט און היסטאָריקער יעקב צינעמאַן, די אומפאַסיקע ביאָגראַפיע פון דעם שרייבער און קעמפער עמיל זאָלאַ.

העכער צוויי דורות איז עמיל זאָלאַ דער סינאָנים פון אַ קעמפער פאַר אמת און גערעכטיקייט. יאָרצענדליקער, ווי עס ווערט געפאָרשט און אַנאַליזירט סיי זיין רייכע ליטעראַרישע ירושה, סיי זיין העראָישער אומפאַרגלייכלעכער אויפטריט אין קאַמף פאַר דעם צלם מענטש — אין דער דרייפוס־אַפערע. ווער פון אונדז געדענקט עס נישט די אויסווירקונג וואָס די דרייפוס־דראַמע האָט געהאַט אויך יאָרן שפּעטער, די באַוווּנדערונג פאַר דעם פראַנצייזישן שרייבער, וואָס האָט געוואָגט אויפצוהייבן זיין שטים און צו שטעלן אין קאָן זיין לעבן און זיין שרייבערישע קאַריערע — אין דעם קלימאַט פון שנאה און האַס צו דעם ייד דרייפוס — צו ווערן דער רומפּולער און שטורמישער פאַרטיידיקער פון אמת און גערעכטיקייט. ריכטיק ווערט באַטאָנט אין דעם פאָרוואָרט צו דעם בוך „...עס האָבן אין פאַריקן, ווי אין היינטיקן יאָרהונדערט, נישט געפעלט קיין גרויסע און באַרימטע שרייבער. אָבער ס'איז דער איינציקער פאַל, אַז אַ שריפטשטעלער, וועלכער האָט אין אַ שווערן לאַנגיאָריקן געראַנגל סוף־כל־סוף דעראָבערט אַ באַדייטנדיקע מאַטעריעלע און געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע, זאָל פלוצעם אַלץ שטעלן אויף איין קאָרט און ריזיקירן מיט זיין רום און פאַרמעגן, בכדי צו ראַטעווען אַן אומבאַקאַנטן יחיד, אַן אומשולדיקן קרבן פון פאַרראַט און געפעלשטער יוסטיץ. זשאָרזש קלעמאַנסאָ, דער שפּעטער באַרימט געוואָרענער פראַנצייזישער

מלוכה־מאַן, האָט מיט פאַקטן פעסטגעשטעלט, אַז עמיל זאָלאַ איז ביז צו זיין אַנטייל אינעם דרייפוס־פּראָצעס געווען אַ רייכער מאַן, אָבער זיין איינ־טערוועניץ לטובת דעם יידישן קאַפּיטאַן האָט אים מאַטעריעל רויִנירט. נאָך מער, ס'איז דאָך באַוווּסט, אַז אַפילו זיין פיזישע זיכערקייט איז געוואָרן באַדראָט פון מערדערישע באַנדעס"...

עמיל זאָלאַס העראָישער קאַמף בעת דער דרייפוס־דראַמע האָט פאַר־מאָגט אין זיך אַזאַ געוואַלדיקן העלדישן פּאַטאָס, אַז נאָך היינט רופט עס אַרויס באַוווּנדערונג.

דעם היינטיקן לייענער איז אפשר שווער זיך פאָרצושטעלן די געשיכט־לעכע באַדייטונג פון דעם דרייפוס־פּראָצעס ביים סוף פון פאָריקן יאָר־הונדערט. אָבער קיין שום אַנדער פּראָצעס האָט ביז צו יענער צייט נישט אַרויסגערופן אַזאַ שטורעם אין דער וועלט. לעאָן בלום האָט דערקלערט, אַז „דער דאָזיקער מענטשלעכער קריזיס איז געווען פונקט אַזוי מעכטיק, ווי די גרויסע פראַנצייזישע רעוואָלוציע אָדער די וועלט־מלחמה". וועגן דער דרייפוס־אַפערע האָט מען געשריבן און אַרויסגעגעבן הונדערטער ביכער, באַזונדערס, פאַרשטייט זיך, אין פראַנקרייך. דאָרט איז אויך דערשינען וועגן דער מעשה דרייפוס אַ ווערק אין זיבן בענדער פון דעם פראַנצייזיש־יידישן פּאָליטיקער זשאָזעף ריינאַך. און שפּעטער, צום זעכציקסטן יאָרצייט נאָך עמיל זאָלאַ זענען ווידער אַרויסגעבראַכט געוואָרן פּרטים און פאַקטן פון עמיל זאָלאַס לעבן, פון זיין שאַפונגסוועג און פון זיין קאַמף.

אין יידיש זענען אַ מאָל דערשינען אַ ריי פּאָפּולערע בראָשורן־באַשריי־בונגען, מיט וועלכע דער יידישער מענטש האָט זיך ממש געקוויקט. יידן האָבן, כידוע, אַ באַזונדערע הנאה, ווען נישט־יידן נעמען זיך אָן די עוולה פון ייד. אַרום עמיל זאָלאַ און די אַנדערע מיטקעמפער זענען געוועבט געוואָרן וווּנדערלעכע פאָלקס־מעשיות, וועלכע פאַרהערלעכן די געשטאַלטן און די טאַטן פון אָט די חסידי אומות העולם. ס'איז געווען ווי אַ הלל־געזאַנג צו די זוכער און מאָנער פון אמת אויף די ליפּן פון יידישן פאָלקס־מענטש אין די שטעט און שטעטלעך פון אַמאָליקן מזרח־אייראָפּע. אָבער דער שפּאַנענדיקער דראַמאַטישער שטאָף האָט ביז היינט נישט געפונען זיין שילדערונג אין אַ גרויס ווערק.

דאָס בוך פון יעקב ציגעמאַן, וואָס האָט קרוב זעקס הונדערט זייטן, און איז נאָך, אגב, אין מאַנוסקריפּט פּרעמירט געוואָרן פון דעם „בוימאַן־פאָנד", שילדערט אויף אַ ברייטער קאַנווע די פּערזענלעכקייט און דעם שאַפער עמיל זאָלאַ. דער ברייטער פאַרנעם איז אַ מעלה, אָבער אין אַ געוויסער מאָס שוואַכט עס אָפּ דעם גאַנג און ריטעם פון דער שילדערונג. דער מחבר ברענגט אַרויס די תקופה, די סביבה, די פּאָליטיש־סאָציאַלע געשעענישן אין פראַנקרייך, אַנהייבנדיק פון עמיל זאָלאַס עלטערן — באַגלייט מיט באַטראַכטונגען און כאַראַקטעריסטיקעס — ביז צו זיין טראַגישן טויט אין יאָר טויזנט ניין הונדערט צוויי. אַוודאי האָבן די דאָזיקע באַשרייבונגען און די אַרויסגעבראַכטע פּערזענלעכקייטן, צוזאַמען מיטן איבערגעבן דעם סאָציאַלן קלימאַט און די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע קאָנפליקטן, אַ היסטאָרישן ווערט. אָבער, זעט אויס, נישט אַלע מאָל איז געלונגען דעם מחבר אויפצוהאַלטן דעם סטיל און די פאָרעם, אַנטשפּרעכנדיק צו דער פּאַרטראַכטער „ביאָגראַפישער דערציילונג", ווי ער רופט אָן זיין בוך. וואַקלט זיך טאָקע זיין סטיל צווישן נוסח־פּובליציסטיק און נוסח־כראָניק (אין גוטן זין), טייל מאָל שלאָגט ער אָן אַ פיינעם לירישן טאָן און קומט אַריין מיט דאָקומענטאַרער שילדערונג. זיכער איז נישט לייכט אויסצוקנעטן און אויסצופאָרמירן אָט דעם ריזיקן מאַטעריאַל, וואָס דער מחבר האָט אויסגעניצט און אַריינגעפירט אין זיין בוך, אין ראַמען פון „אַ ביאָגראַפישער דערציילונג". אָבער סיי ווי איז דאָס בוך פון גרויסן ווערט, מיט דער שפע פון מקורות און געשטאַלטן און מיט דער סינטעטישער שילדערונג פונעם הויפּטהעלד עמיל זאָלאַ. אפילו די שפּראַך־נאַכלעסיקייטן, וואָס געפינען זיך אינעם בוך, מינערן נישט דעם עצם ווערט פון דער גרויס־פאַרנעמיקער אַרבעט פון די אַרויסגעבראַכטע אָפּהאַנדלונגען וועגן דעם לעבן און שאַפן פון דעם פראַנצייזישן מייסטער. ציגעמאַן גייט נאָך דעם וועג פון עמיל זאָלאַס אַלע וואַנדלונגען, בלאָנדזשעגישן, דערפאָלגן און דורכפאַלן, ברענגט אַרויס זיין געמיט און שטימונג, גיט אָן איבערבליק איבער אַלע זיינע שאַפונגען, די אָנרעגונגען און די געשיכטע פון זייער „אַנטשטייונג", אָנהייבנדיק פון זיין ערשט בוך דערציילונגען „פאַר נינאָן" און זיינע אַלע ראָמאַנען און דערציילונגען, אין וועלכע עס גייט דורך, ווי דער לייטמאָטיוו, די געטריישאַפט

צו אַן ערלעך לעבן... קעגן צביעות און אומיושר, ביז זיין פּאַמפלעט „זשאַקיס" — „איך באַשולדיק" — וואָס האָט געמאַכט ממש וועלטגעשיכטע.

אין די פיר טיילן פונעם בוך באַוועגן זיך טיפן און סצענעס, וואָס גיבן אַ גרויסן ביישטייער צו דער דערקענטעניש פון דער וויכטיקער תקופה און דעם גרויסן מאַן — עמיל זאָלאַ.

ד. ב. מאַלקין

קינד־און־קייט האָבן אים געקאָנט. טויזנטער און טויזנטער האָבן אים פאַרערט, נאָר אין אים, אין זיין געמיט, האָט געהויערט מיט עלנט, מיט אומעט. איז דאָס געווען דער נאַטירלעכער אומעט פון אַ שעפערישן מענטש? צווייפלען און ספקות פון אַ גייסטמענטש, וואָס לעבט איבער טיף און נשמהדיק דעם טראַגישן גורל פון פאָלק? אָדער זענען עס געווען די באַנגנדיקע שפּירונגען פון אַ באַעוולטן?

מאַלקין האָט זייער זעלטן גערעדט וועגן זיך. און נאָך ווייניקער וועגן זאַכן, וואָס האָבן אים צו מאָל ווי געטאָן. זיין מענטשלעכער שטאָלץ און די ווערדע פון אַ קינסטלער האָבן אים פון דעם אָפּגעהאַלטן.

סיי ווי אַ שרייבער און סיי ווי אַ לעקטאָר האָט ער געהאַט זיין אייגענעם סטיל און נוסח, זיין אייגענעם מקורותדיקן, מעלאָדישן ניגון. מאַלקינס גייסט־רייכער, וואַרעמער ניגון ציט דעם יחוס פון זיין געבוירן־שטאָט גראָדנע, אין דער ליטע, האָט זיך אויסגעפורעמט אין מינסק, אין דער יידיש־אימפּעריע וואַרשע און איז נאָך געלייטערט געוואָרן מיט יידיש־וועלטישקייט פון זיינע שטודיר־רייזעס איבער די אייראָפּעישע צענטערן און קאָנטינענטן מעבר לים. דעם מינסקער מגידס דרשות, פון וועלכע ער פלעגט ליב האָבן צו דערציילן, און בן־ציון יאַדלערס מוסר־רייד אין אַלט־ירושלים און אין מאה־שערים און די פילאָזאָפישע לעקציעס פון אַ פּראָפעסאָר אין פאַריזער סאָרבאָן האָבן זיך אָפּגעזעצט אין זיין געמיט. מיט דער הנאה און מיט דער גוטגיניקייט פון אַן עכטן קינסטלער האָט ער זיי באַוווּנדערט אַלע מאָל פון דאָס ניי: זע ווי גוט און ווי אָרנטלעך זיי האָבן דאָס געמאַכט!

ד. ב. מאַלקין איז געווען אַ קינסטלער־אָראַטאָר. זיינס אַ רעפעראַט וועגן ליטעראַטור, וועגן קונסט, טעאַטער איז שטענדיק געווען אַ מייסטער־ווערק, אין וועלכן געדאַנק האָט זיך אויסגעוויקלט מיט נאַראַטיווער שילדערונג, ווו דער ראַציאָנאַלער און תכליתדיקער אויסטייטש איז געווען תמיד באַגלייט

מיט דעם הויך פון עמאָציע און איבערלעבונג. דער ניכטערער קריטישער אַנאַליז האָט ביי אים פאַרמאָגט דעם שטילן געפלאַטער פון אַ פּאָעטישן אויפפלי ——— אפילו זיין שטים האָט באַווירקט מיט אַ קינסטלעריש־אָראַטאָרישער מאָדעלירונג: אָט איז עס שאַרף און קאָנקרעט, און אָט אַזוי סאַמעטדיק־ווייך, און דו שפּירסט דעם באַדייט, דעם כישוף פון וואָרט, זיין חשיבות. ——— מאַלקין האָט, ווי ווייניק ווער, געוווּסט די ווערדע פון געשריבענעם און גערעדטן וואָרט, ווי יידישע ווערטער, יידישע אותיות וואָלטן אים פאַרטרויט סוד־סודות...

ס'איז מיר אויסגעקומען נישט איין מאָל מיטצואַרבעטן מיט ד. ב. מאַלקינען, באַזונדערס אויף דער יידישער ראַדיאָ־פּראָגראַם. און איך פלעג אַלע מאָל פון דאָס ניי באַוווּנדערן, ווי אָט דער אויסערלעך מיושבדיקער וואָס האָט שטענדיק געצילט צו דערהויבן יידישע שאַפונג צו וועלטישע הויכן, קען גאָר באַווירקט ווערן פון איין עכטן טאָן פון אַ היימישלעכן יידישן אַקטיאָר, היינט אַ פּשיטא שויך, פון אַ פּאָר גוטע שורות פון אַן אַנפאַנגער־דיכטער אויף דער ערד פון מדינת ישראל. אָבער נאָך מער פלעג איך באַוווּנדערן דעם אופן פון זיין אַרבעט. ער פלעגט האַלטן געשפּאַנט פולע אוידיטאָריעס. פאַרגאַפטע פלעגן צושויערס הערן זיינע רעפעראַטן און מיטגיין מיט אים איבער די פעלדער פון ליטעראַטור און קונסט. נאָר ס'איז געווען טשיקאַווע צו זען, ווי פון עטלעכע זאַצן, אויפגעשריבענע אויף אַ זייטל פון אַ קליינעם נאָטיצביכל, וואַקסט אויס אַ ווונדערלעכע אָראַטאָרישע קאָמפּאָזיציע, מיט אַ גרונטמאָטיוו און שיינע באַגלייטנדיקע טענער, אַ קינסטלערישע געביידע מיט געפּורעמטע געזימסלעך און אָרנאַמענטן, אָבער אויף אַ יסוד, וואָס איז ראַציאָנעל דורכגעטראַכט און פּלאַנירט.

אָפט פלעג איך אים פרעגן — אפילו מיט תרעומה — סטייטש, פאַר וואָס נעמט איר נישט צונויף די אַרבעטן און גיט נישט אַרויס אַ בוך? ער פלעגט זיך אַרויסמאַכן פון אַ דירעקטן ענטפער, אַ מאָל איז געווען די סיבה זיין פאַרנומענקייט, אַ צווייט מאָל, אַז ער דאַרף נאָך אַ סך אַרבעטן. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, און איצט נאָך מער, אַז די סיבה איז געווען — אינערלעכער אָפּשיי פאַרן געדרוקטן וואָרט, זיין מהותדיקע באַציונג צום ספר.

עטלעכע וואָכן פאַר זיין פּטירה האָבן מיר זיך געטראָפן. ער האָט מיר איבערגעגעבן זיין אַריינפיר־אָפּהאַנדלונג צו דעם בוך דערציילונגען פון זיין פריינד י. פינער „די פיר צייטן". ער האָט דעמאָלט, צום ערשטן מאָל, מיט ווייטיק מיר געזאָגט: „איך פיל מיך נישט גוט". אַ קרענקלעכע געל־גרויקייט האָט פאַרצויגן זיין אַצילישן, פּיקחותדיק שאַרמאַנטן שמייכל.

דער טויט האָט שוין געלויערט אויף אים פון דער נאָענט.

צענדליקער און צענדליקער עסייען און קריטישע אַרבעטן זיינע זענען צעשפּרייט איבער זאַמלביכער און זשורנאַלן: די ווונדערלעכע איבערזעצונגען, זיינע גרעסטענע עסייען וועגן ד. בערגעלסאָן און י. ח. ברענער, וועלכע ער האָט איבערגעזעצט אין העברעיִש; אַרבעטן וועגן טעאַטער, ליטעראַטור, קונסט, וועלכע ער האָט מיט אַזאַ ציטער און איבערגעגעבנקייט געדינט קרוב פופציק יאָר פון זיינע 65 יאָר לעבן.

ס'איז ווייטיקלעך, וואָס די עסייען זענען ביי זיין לעבן נישט דערשינען אין בוכפאָרעם.

יידיש אין ישראל
(באַטראַכטונגען)

דאַכט זיך, אַז קיין קולטור־פּראָבלעם האָט נישט זוכה געווען פאַר די לעצטע יאָרן צו אַזאַ פּאָפּולאַריטעט, ווי די פראַגע: „יידיש אין ארץ־ישראל״. קולטורמענטשן און שרייבער, העברעיִסטן און יידישיסטן, און סתם־יידן, ווען, בדרך־כלל, דער ענין פון שפּראַכנקאַמף קלינגט, ווי עפּעס אַ ווייטער קלאַנג — אַלע ווערן אייפעריק און זייער קעמפעריש, — סיי פאַר און סיי קעגן, — ווען ס׳קומט צו דער פראַגע פון יידיש אין מדינת ישראל. און ווי אָפט בעת הייסע וויכוחים, זענען די מיינונגען איבערגעטריבן בייביידע צדדים. איך דערלויב זיך לכתחילה צו זאָגן — און איך האָב צו דעם דאָזיקן ענין אַ שטיקל שייכות — אַז אין אונדזער יאָרן לאַנגן קאַמף פאַר יידיש אין ארץ־ישראל האָבן מיר אויסגעמיטן צו שאַפן אַ יידישיזם. מיר האָבן געפאָדערט רעכט און אָנערקענונג פאַר יידיש און פאַר יידישער וואָרטשאַפונג, אָבער נישט פאַר יידישיזם ווי אַ באַוועגונג און ציל. ווייל פונקט אַזוי ווי דער טאָטאַלער קאַמף קעגן יידיש איז געווען רעאַקציאָנעריש, אַזוי קאָן אויך זיין אין דער בעסטער און געטרייסטער יידישיסטישער כוונה אַ שמץ, אַ שפּור פון פאַנאַטיזם און רעאַקציאָנערישקייט.

די יידישע שרייבער, וועלכע לעבן דאָ, און בעיקר די וואָס האָבן זיך פאַרבונדן מיטן לאַנד אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן, זענען געווען די פּיאָנערן אין קאַמף פאַר דער לעגאַליזירונג פון יידיש, פון דער יידישער וואָרטשאַפונג אין ארץ־ישראל.

קאָן מען דאָך פרעגן: און היינט צו טאָג איז שוין יידיש אין ישראל לעגאַליזירט? אויף דעם קאָן מען נישט ענטפערן מיט אַ „יאָ״ אָדער אַ „ניין״. און דער ענטפער איז געווענדט אפילו אין דעם טעמפּעראַמענט און אין דער כוונה פון דעם פראַגע־פרעגער.

גערעכט איז אפשר א. סוצקעווער, ווען ער זאָגט אין זיין ליד „יידיש״:

אברהם ליס

זאָל איך ווי אברהם
אויס ברודערשאַפט צעהאַקן אַלע געצן ?
זאָל איך זיך אַ לעבעדיקן לאָזן איבערזעצן ?
זאָל איך איינפלאַנצן מיין צונג
און וואַרטן ביז פאַרוואַנדלען
וועט זי זיך אין אבותדיקע
ראַזשינקעס מיט מאַנדלען ?
וואָס פאַר אַ קאַטאַוועסדיקע
וויצן
דרשנט מיין פּאָעזיע־ברודער מיט די באַקנבאַרדן,
אַז מיין מאַמע־לשון גייט באַלד אונטער ?
מיר וועלן נאָך אין הונדערט יאָר אַרום דאָ קענטיק זיצן
און פירן די דיסקוסיע ביי דעם ירדן.

דאַכט זיך, אַז אָט דער וויכוח וועט אייביק אַזוי אָנגיין. און ס׳ווילט זיך זאָגן: הלוואי זאָל ער אַזוי אָנגיין. ווייל דאָס וועט זיין נאָך אַ באַווייז פון אונדזער קולטור־חיות, פון דער וויטאַליטעט פון יידיש.

אין יאָר 1936, ווען איך בין געקומען קיין ארץ־ישראל, האָב איך געטראָפן אַ גרופּע פון זעכצן, צי אַכצן יידישע שרייבער. זיי זענען שוין דאַן געווען אָרגאַניזירט אין דעם „יידישן שרייבער־ און זשורנאַליסטן־קלוב״. דער „קלוב״ איז געווען די אַדוואָקאַטן־קאַנצעלאַריע פון ד״ר ניר־ראַפאַלקעס, דעם פּועלי־ציוניסטישן פירער (אגב, מ׳האָט אים אין יענער צייט געפּרווט אויסשליסן פון אַדוואָקאַטן־קאַמער צוליב זיין פיגורירן אַלס פאַראַנטוואָרט־לעכער רעדאַקטאָר פון „נייוועלט״ און צוליב זיין טעטיקייט פאַר יידיש). כאַראַקטעריסטיש, אַז דעמאָלט, מיט יאָרן צוריק, האָבן יידישע קולטור־טוער אַרויסגעוויזן אַ סך מער ווילן און גרייטקייט פאַר יידישער טוונג, און אפילו מיט מער אידעישקייט און התלהבות, ווי מיר האָבן עס היינט.

אָבער ס׳וואָלט געווען נישט ריכטיק, ווען מיר נעמען נישט אין אַכט די אומוואַנדלונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין פאָלק בכלל און אין ארץ־ישראל בפרט. די אַלע ענדערונגען האָבן משפיע געווען, אַז אָט די טענדענצן

פון אַ מאָל זאָלן ווערן לינדער. די צילן און אויפטוען פאַר יידיש זענען טאַקע געוואָרן רעאַלערע, קאָנקרעטערע, אָבער צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג איז, אין אַ געוויסער מאָס, אויסגעליידיקט געוואָרן דער אידעאַליזם, דער קולטור־און שפּראַך־אידעאַליזם, וואָס די יידישע שרייבער־גרופּע האָט געהאַט אַ מאָל, אין דעם בראשית פון אונדזער געראַנגל פאַר די רעכט פון יידיש אין ארץ־ישראל. אָבער, ווי געזאָגט, געהאַט האָבן אַ גרויסן איינפלוס די ענדערונגען וואָס זענען פאַר דער צייט פאָרגעקומען אין יידישן לעבן אין אַלגעמיין, און די ענדערונגען און קאָנסטעלאַציעס אין ארץ־ישראל, בעיקר מיט דעם אויפ־קום פון דער מדינה.

כדי צו מאַכן דאָס קלאָר און פשוט, ווי נאָר מעגלעך, דאַרף געזאָגט ווערן, — אַז מיר האָבן מיט דער פאָדערונג פאַר דער אָנערקענונג פון יידיש פאַרשפּעטיקט. יאָ, פשוט, פאַרשפּעטיקט. דער יידיש־געשטימטער עלעמענט, און אין דער ערשטער ריי דער יידישער שרייבער, דער יידישער קינסטלער, דער יידישער קולטור־טוער, — זיי אַלע זענען נישט געקומען אין דער צייט און אין דער צאָל, וואָס האָט באַדאַרפט קומען קיין ארץ־ישראל. זיי זענען נישט געווען ביים בראשית, זיי זענען נישט געווען ביים לייגן די יסודות פון נייעם לעבן אין ארץ־ישראל.

דאָס איז דער היסטאָרישער אמת. מיר האָבן געדאַרפט קומען ווי גלייכע צו גלייכע. מיר זענען אָבער נישט געקומען, און דאָס מוז מען מודה זיין.

וואָלטן וויכטיקע יידישע שרייבער, אַקטיאָרן, קולטור־שאַפער געווען געקומען אין יענע יאָרן און געמאַכט ארץ־ישראל פאַר זייער היים, וואָלט דאָס געווען נישט נאָר אַן אַקט פון חשיבות, זייער אַריינפּעדעמען זיך און זייער שאַפערישע, בפועל־ממשדיקע פאַרבינדונג מיטן לאַנד אין דער תקופה פון פּיאָנערישן געראַנגל און אויפבוי וואָלט געשאַפן אַ גאַנץ אַנדערע מערכה פאַר יידיש און יידישער קולטור אין ארץ־ישראל. יידיש וואָלט דאָ איצטער געהאַט אַן אַנדער פּנים, אַן אַנדער פאַרנעם.

די קריוודע פאַר יידיש אין ארץ־ישראל איז טאַקע אַלעמען שטאַרק אָנגעגאַנגען — די געטרייע פאַר יידיש אין וואַרשע, אין ניו־יאָרק, אין טשערנאָוויץ האָבן טאַקע פּראָטעסטירט, רעאַגירט, אַרויסגעזאָגט שאַרפע מיינונגען און אפילו געפאָדערט... עס איז אָבער אינו דומה, מחמת עס איז

ווייט נישט דאָס זעלבע, ווי דער אויפטריט און די פאָדערונג פון אייגענע, וועלכע העלפן אויסטראָגן דעם עול פון פּיאָנערישן לעבן, און פּיאָנערישער אויפטו איז דאָ געווען נייטיק אויף אַלע שטחים.

וואָלטן די יידישע שרייבער און די איבערגעגעבענע טרעגער און קאָנסומענטן פון יידיש אין יענע יאָרן געקומען און זיך באַזעצט אין לאַנד, אין ארץ־ישראל, וואָלט דאָך דער גאַנצער גייסטיקער קלימאַט און דאָס פּראָבלעם פון ריב־הלשונות געווען אַן אַנדערער. יידיש וואָלט דאָך שוין געווען אַ יש. און דאָס וואָס עס איז דאָ דאַרף מען דאָך נישט פאָדערן. מ׳וואָלט עס נישט באַדאַרפט אויסקעמפן. ס׳וואָלט געווען דער שאַפער און ס׳וואָלט געווען דער קאָנסומענט, דער פאַרברויכער פון יידיש. קיינער וואָלט עס נישט געקענט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט. אָבער די מעשה איז, וואָס אין יענע ערשטע פּיאָנערישע יאָרן, און אויך שפּעטער, ביזן אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט געלעבט אין לאַנד אַ קליינע צאָל יידישע שרייבער. אָט די גרופּע האָט דאָך הן אידעיש, הן פּראַקטיש ווירדיק אויסגעטראָגן די זאָרג און דעם קאַמף פאַרן יידישן וואָרט. אָבער שרייבער מיט נעמען און פּאָזיציעס אינעם יידישן לעבן האָבן נישט געהאַט דעם מוט און, זעט אויס, אויך נישט דעם ווילן, די וויזיע, צו קומען און ווערן מיטבויער, ווערן תושבים אין ארץ־ישראל.

דאָס וואָס מיר ווילן פון היינטיקן ישראל אין שייכות צו יידיש, מוזן מיר זען פון דעם געזעלשאַפטלעכן און סאָציאַלן אַספּעקט. אונדזער צוגאַנג צו דער פראַגע מוז זיין דורכויס אַ רעאַלער.

אַוודאי קאָן מען אָנווייזן — און קיינער וועט עס נישט אָפּלייקענען — די ראָל פון יידיש ביים אָרגאַניזירן און פאָרמירן דעם נאַציאָנאַלן און אידעישן פּאַטאָס, דעם ארץ־ישראלדיקן פּאַטאָס ביים יידישן פאָלק אין די תפוצות. דאָס יידישע לשון האָט אַלע מאָל געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין ציוניסטי־שער טעטיקייט, ווי אַ פאַרמיטלונג־שפּראַך ביי די קאַמפּיינס, ביים אָרגאַניזירן אַקציעס און זאַמלונגען. וואָלט דערצו דער יידישער שרייבער געקומען באַצייטנס, אין דער ערשטער עפּאָכע פון אויפבוי, און וואָלט ער געווען אַקסל אין אַקסל פאַרבונדן מיטן בויער, מיטן חלוצישן קולטור־אויפבוי, וואָלטן מיר דאָ געווען גלייכע מיט גלייכע סיי אין אונדזערע התחייבותן, סיי אין

אונדזערע פאָדערונגען. איך וועל זיין דער לעצטער צו באַשולדיקן די, וואָס זענען נישט געקומען. (כאָטש די אַרבעט פאַר יידיש האָט באַדאַרפט געזען ווערן ווי אַ שליחות). עס זענען געווען סיבות דערפאַר — סאָציאַלע, עקאָנאָמישע, געזעלשאַפטלעכע און זיכער אויך פּאָליטישע. מיר ווייסן, וואָס עס האָט באַדייט פאַר אַ יידישן שרייבער, און בכלל פאַר אַ יידישן קולטורמענטש, וואָס איז געווען דורותדיק פאַרוואָרצלט אין היים און משפחה, אַריינגעוואַקסן אין סביבה, אין דער אַטמאָספער און גייסטיקן קלימאַט פון מזרח־אייראָפּע, זיך אויפהייבן און אויסוואַנדערן אין אַ לאַנד, ווו מען דאַרף אַלץ אָנהייבן פון דאָס ניי. און דער עיקר — וויפל פון די יידישע מאַסן, וואָס זענען געזעלשאַפטלעך געווען געבונדן מיט פּאָליטישע באַוועגונגען און געהאַלפן געשטאַלטיקן די קולטור אין יידיש — וויפל פון זיי זענען עס געווען ארץ־ישראלדיק געשטימט? ווי אַ ביישפּיל, לאָמיר נעמען די לענדער, ווו די יידישע קולטור צווישן ביידע וועלט־מלחמות האָט געהאַט באמת אַ גוטע דאָליע — פּוילן, ליטע און רומעניע: די בונדיסטן זענען אינעם רוב (אַחוץ די אַסימילירטע בונדיסטן פון גאַליציע) געווען די געטרייע טרעגער פון דער יידישער פאָלקסקולטור. נו, דאַרף מען היינט דערציילן וועגן זייער שטעלונג דעמאָלט צו ארץ־ישראל? די יידישע קאָמוניסטן? מיט זייער וויסטער איינשטעלונג צו אונדזערע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען? — וועגן זיי לוינט בכלל נישט צו פאַרלירן אַ וואָרט. אויך די קליינע גרופּעס פאָלקיסטן אין פּוילן און אין ליטע זענען דאָך געווען איינגעשטעלט דאַזיסטיש. פון די אַלע יידישע באַוועגונגען, וואָס האָבן געטאָן יידישע קולטור־אַרבעט זענען געווען פאַר ארץ־ישראל נאָר הייפעלעך פון נאַציאָנאַלע אינטעליגענטן און די פּועלי־ציון. שפּעטער האָט עס די קליינע גרופּע לינקע פּועלי־ציון גענומען אויף אירע מאָגערע פּלייצעס דעם עול צו פירן דעם קאַמף פאַר יידיש אין ארץ־ישראל. נישט דער יידישער מאַסנמענטש און נישט די אינטעלעקטועלע יידיש־טוער, וואָס די יידישע קולטור און דאָס יידישע וואָרט איז געווען פאַר זיי ווי אַ מיסיע — נישט זיי האָבן געזען און נישט זיי האָבן געהאַט ארץ־ישראל אויף דער מאַפּע פון אַקטיוויטעטן און טוונגען.

דאָס איז אַ פאַקט, וועלכן מ׳קאָן נישט אַפּלייקענען. דער פאַקט האָט אונדז שפּעטער צו טייער געקאָסט. און לאַוו דווקא אין דער פראַגע פון יידיש.

אין דער זעלבער צייט, ווען די ייִדיש־טוער זענען געשטאַנען פון דער ווייטן, זענען נאַציאָנאַל־געשטימטע יונגע־לייט געקומען קיין ארץ־ישראל ווי חלוצים און דאָ פאַרלייגט די באַזע פאַר דער נייער העברעיִשער קולטור און ליטעראַטור. לעבן אין ארץ־ישראל האָט אויך געהייסן פאַר זיי — לעבן און אויסלעבן זיך אין העברעיִש. זייער באַגער איז אויך געווען, צו שאַפן אַ נייע העברעיִשע קולטור: שולן, טעאַטער, ליטעראַטור און וויסנשאַפט. היינט שניידן זיי די פּרוכט. די לערער אין ישראל, ווי מיר וויסן, פאַרלאַנגען די בעסטע באַדינגונגען. דער העברעיִשער שרייבער און זשורנאַליסט ווערן גוט באַצאָלט. אָבער דאָס איז דאָך נישט דער עיקר, דער עיקר איז, אַז העברעיִש איז געוואָרן אַ מעכטיקער און צעמענטירנדיקער פאַקטאָר.

דאָס איז דער שכר, אויף וועלכן ס׳האָט זיך דערוואָרט דער העברעיִשער דיכטער, דער העברעיִשער לערער, די טויזנטער קולטור־עסקנים, וואָס האָבן זיך מוסר־נפש געווען פאַר העברעיִש, פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון העברעיִש, הגם אָפּט מאָל מיט גאָר נישט קיין קולטורעלע מיטלען. אָבער נישט ווייניק העברעיִשע שרייבער האָבן געהונגערט אין יענע יאָרן פאַר העברעיִש. זיי האָבן זיך געמאַטערט, אַרבעטנדיק אויפן כביש, ביי הייזערבוי און, אין בעסטן פאַל, ביי לערעריי. זיי זענען געווען אייפעריקע טוער און הייטערע בעלי־חלומות פאַר דער צוקונפט פון העברעיִש. האָבן זיי מיט דער עקשנות און מיט דער התלהבות, וועלכע דורות רעוואָלוציאָנערן האָבן אַ מאָל אין זיך געטראָגן, געחלומט דעם גרויסן חלום פון דער ווידעראויפלעבונג פון דער העברעיִשער שפּראַך.

ארץ־ישראל און איר באַנייונג, די ווידעראויפלעבונג פון דער העברעיִשער שפּראַך — דאָס זענען רעוואָלוציאָנערע קאַפּיטלעך אין ייִדישן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן רענעסאַנס אין דער געשיכטע פון ייִדישן פאָלק.

און אַז מיר האַלטן דערביי, לאָמיר שטעלן די קאַרדינאַלע פראַגע: צי וואָלט ייִדיש געקאָנט פאַרטרעטן דעם פּלאַץ פון העברעיִש, ווען אפילו די באַדינגונגען וואָלטן געווען פאַר דעם? צי וואָלט ייִדיש געקאָנט בילדן מיט זיך דעם מעדיום, וואָס העברעיִש איז געווען ביי דער פאַרמירונג פון אונדזער נאַציאָנאַלער היים? צי וואָלט ייִדיש געקאָנט ווערן דער אינסטרומענט, וואָס האָט אויפגעוועקט און באַהויכט פאַרשלאָפענע און פאַר־

חלשטע עדות און שבטים? במשך יאָרצענדליקער זענען דאָך עולה געווען ייִדן פון העכער הונדערט לענדער, פון מזרח און מערב, פון צענטראַל־אייראָפּע און פון די פאַרוואָרפנסטע מקומות אין אַזיע.

איך גלייב, אַז יעדער בר־דעת, וואָס וועט זיך אָפּגעבן אַ שטיקל חשבון, וועט אָן קווענקלעניש מוזן ענטפערן — ניין! מחמת, צו די תימנער ייִדן, אַדענער ייִדן, בוכאַרער, קורדיסטאַנער און אפילו בולגאַרישע ייִדן פון אייראָפּע, ייִדן פון פאַרשידענע עדות און שבטים, וואָס זיי אַלע האָבן דורך דורות געאָטעמט מיט דעם „ושבו בנים לגבולם" און האָבן מיט ציטער און באַפליגלטקייט זיך געצויגן און געקומען קיין ארץ־ישראל — צו זיי וואָלט ייִדיש נישט גערעדט. זיי האָבן דעם רויש פון ירדן און דעם שטומען גערויש פון כרמל־באַרג געאַנט אין דער שפּראַך פון די פּרקי־אבות און פון תהלים וואָס זאָגט זיך ביי זיי אויף אויסנווייניק.

אויב אַזוי, קאָן מען מיט רעכט פרעגן: טאָ צו וואָס די אַלע רייד, דער גאַנצער ריב־הלשונות? וועלן מיר איצטער איבערגיין צו דעם אַנדערן אַספּעקט.

*

פאַרשטענדלעך, אַז ייִדיש האָט נישט געקאָנט און קאָן נישט ווערן די דאָמינירנדיקע, די מדינה־שפּראַך. אָבער די צווייטע נאַציאָנאַלע שפּראַך אין דעם אויפבוי און אין דער געשטאַלטיקונג פון אונדזער קולטור־לעבן אין ישראל האָט ייִדיש געקאָנט ווערן; און דאָס דאַרף זי טאַקע ווערן. דאָס דאַרף זיין דער חוב פון אונדזער מדינה לגבי דעם ייִדישן גלות, לגבי די תפוצות ישראל, לגבי דעם אומגעבראַכטן און פאַרשׂרפטן ייִדישן לעבן. דאָרט, אינעם גלות, האָט זיך דורך דורות און תקופות געטראָגן די אידעע, דער אידעאַל פון נאַציאָנאַלן אויפקום, פון אַן אייגענער היים און פון נאַציאָנאַלער זעלבּ־שטענדיקייט. מדינת ישראל האָט דעם הייליקן חוב צו פלעגן און אויפהיטן דאָס, וואָס איז אַזוי גרוילּיק איבערגעהאַקט געוואָרן דורך די רוצחים. אויפגעהיטן מוז ווערן דאָס ייִדישע וואָרט, דאָס ייִדישע געזאַנג און דער עפּאָס פון אונדזער לעבן, וואָס האָט זיך געצויגן פון דער ווייסל ביז צו דעם דניעפּר און פון דער ווילִיע ביז העט ווייט — — —

אוודאי האָט זיך אין מדינת־ישׂראל די לאַגע פון יידיש, איך וואָלט אפילו געזאָגט, פון דעם סטאַטוס פון יידיש געענדערט צום בעסערן. שוין אַוועק יענע יאָרן, ווען מ׳האָט געריסן יידישע צייטונגען (און דווקא אין רעסטאָראַן פון הסתדרותישן אַרבעטער־הויז), ווען מ׳האָט מורא געהאַט צו פאַרדינגען אַ זאַל פאַר אַ יידישן אָוונט, ווען מ׳האָט זיך געשעמט מיט יידיש, און אַ ליאַדע בחורל, וואָס איז נאָר וואָס געקומען פון קליין שטעטל, האָט זיך דערלויבט מבזה צו זיין דאָס לשון פון זיין היים, פון זיין טאַטע־מאַמע. אַוועק זענען אויך יענע יאָרן, ווען מ׳האָט אונטערגעצונדן צייטונגס־קיאָסקן פאַרן פאַרקויפן די „נייוועלט" און די „בלעטער פאַר ליטעראַטור", ווען מ׳האָט אויפגעריסן די איינציקע יידישע דרוקעריי אין רמת־גן. אַוועק אין דער אייביקייט זענען אָט די צייטן און וועלן זיך נישט אומקערן. די העצער און די דורכפירער פון די „העלדישע אַקטן" שעמען זיך אפשר היינט מיט דעם. זיי אַליין דערמאָנען זיך מסתמא, און מיט בענקשאַפט, דעם האַרציקן שטייגער פון דער אַמאָליקער יידיש־רעדנדיקער וואָרעמער היים.

אין די ערשטע מלחמה־יאָרן בעת דער וועלט־מלחמה בין איך געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון אַ קליינער ליטעראַרישער שריפט, וואָס דער יידישער ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב האָט אַרויסגעגעבן. בכדי נישט אָנצוקומען נאָך אַ דערלויבעניש צו דער מאַכט אַרויסצוגעבן די שריפט — וואָס מ׳וואָלט זיכער אָפגעזאָגט מיטן מאָטיוו, אַז ס׳איז נישטאָ קיין פּאַפּיר — איז די דאָזיקע ליטעראַרישע אויסגאַבע דערשינען ביי דער וואָכנבלאַט „נייוועלט". געווען איז עס, ווי געזאָגט, אין די בלוטיקע מלחמה־יאָרן אין דער וועלט און ביי אונדז. אָבער דאָס האָט נישט געשטערט די יידיש־שׂונאים פון „גדוד מגיני השׂפה" (קיין אַנדער דאגה האָבן זיי אין יאָר 1940 נישט געהאַט, ווי דאָס אָרעמע ליטעראַרישע בלעטל), מיר צו שיקן אַנאָנימע בריוו מיט ערנסטע דראָונגען. געשריבן האָבן מיר די קנאים, אַז אויב איך וועל נישט אויפהערן פאַרנעמען זיך מיט יידיש און אַרויסגעבן די שריפט „בלעטער" (ווי זי האָט געהייסן), וועט מיין סוף זיין נישט קיין גוטער. זיי זענען נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מיין האָב־און־גוטס און אויך פאַר מיין לעבן. נו, מילא, מיין האָב־און־גוטס איז נישט געווען אַזאַ וואַזשנער, אָבער אַ לעבן האָב איך דאָך געהאַט בלויז איינעם... דער

יידישער פּאָליציי־אָפיציר (ביי דער מאַנדאַטמאַכט), צו וועמען איך בין געקומען זוכן שוץ, האָט לאַנגווייליק און גלייכגילטיק געלייענט דעם בריוו און האָט מיר געראָטן איך זאָל אין די אָוונטן בלייבן אין דער היים, נישט אַרויסגיין אין גאַס. דאָס אַלץ איז געווען אַ מאָל. און ווי האַלטן מיר היינט?

היינט קריג איך באַצאָלט פון דער מדינה פאַר יידיש־אַרבעט, פאַר שרייבן יידיש און פאַר רעדן אין יידיש, פאַרן אויפטרעטן מיט יידישע פּראָגראַמען אין מלוכהשן ראַדיאָ; איך רעד וועגן יידישער ליטעראַטור, וועגן יידישע פּראָבלעמען אין די תפוצות־ישראל. און איך בין נישט דער איינציקער, להיפוך, איך בין דאָך בלויז אַ זייטיקער מיטאַרבעטער. די יידישע ראַדיאָ־פּראָגראַמען — און דאָס איז דאָך בלויז איין אינסטרומענט, וועלכן איך ברענג ווי אַ ראיה — באַשעפטיקט אַ צאָל יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן מיט אַ סטאַטוס פון מדינה־אָנגעשטעלטע. אגב, האָב איך מיט אַ שטיקל צייט צוריק געגעבן אַ סעריע אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישער ליטעראַטור און וועגן דער קולטור־מערכה אין דער וועלט — אין העברעישן ראַדיאָ. מיט קאַרגע יאָרן צוריק איז גאָרנישט געווען צו טראַכטן וועגן דעם.

כדאי קלאָר צו מאַכן: מעגלעך, אַז יידיש פאַרנעמט נאָך נישט דאָס אָרט, וואָס איר קומט. ס׳איז אָבער אַ מהלך־רב, ס׳איז פאַלג מיך אַ גאַנג פון יענע יאָרן, ווען יידיש אין ארץ־ישראל איז געווען אין ביטערסטן גלות. היינט דערשיינען אין לאַנד וואָכנבלעטער און חודש־זשורנאַלן, אַ גרויסע טעגלעכע צייטונג מיט אַ טיראַזש, וואָס שטייגט אַריבער נישט איין העברעישע טאָגצייטונג. עס זענען טעטיק עטלעכע פאַרלאַגן, וואָס גיבן אַרויס צענדליקער ביכער אַ יאָר. אין לאַנד שפּילן אָפּט פיר־פינף יידישע טעאַטערס. פון דעם לאָזט זיך קלאָר פעסטשטעלן, אַז די באַציונג צו יידיש האָט זיך גאָר שטאַרק געענדערט הן מצד דער באַפעלקערונג, הן מצד די מלוכהשע סעקטאָרן.

ס׳איז לייכט צו פאַרשטיין די גורמים, וואָס האָבן משפיע געווען און געענדערט אין אַזאַ קענטיקער מאָס די באַציונג צו יידיש. ביז נישט לאַנג צוריק איז דאָך אָט די שפּראַך באַהאַנדלט געוואָרן נישט נאָר ווי אַ פרעמדע — אין דער אייגענער יידישער היים, — נאָר מ׳האָט אפילו געקוקט אויף איר ווי אויף עפּעס אַ בייזער אָנשיקעניש, זי איז פאַראַכט געוואָרן ווי עפּעס

אַן איבערבלייבעניש פון גלות (פון וועלכן מ׳האָט זיך אַזוי געריסן צו באַפרייען), אַ שפּראַך, אויף וועלכער ס׳האָט גערעדט, נעבעך, די אָפּגעשטאַנענע מאַסע. אין בעסטן פאַל האָט דער ארץ־ישראלדיקער בירגערלעכער קלאַס געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף יידיש; מנא, אַ שפּראַך פון דער מזרח־אייראָפּעישער אָרעמקייט.

אגב, לאָמיר ביי דער געלעגנהייט נישט פאַרגעסן די סטרוקטור פון אונדזער קיבוץ־גלויות: קרוב פופציק פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין ישראל זענען היינט פון מזרח־עדות. נאָך אַ פינף און צוואַנציק פּראָצענט קומען פון דייטשלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, אונגאַרן, האָלאַנד און פון די סקאַנדינאַווישע לענדער. כמעט אין די אַלע יישובים איז יידיש און יידישע קולטור געווען אַ לחלוטין פרעמדער ענין.

באַאיינפלוסט די דאָליע פון יידיש האָבן קודם־כל די צוויי נאַציאָנאַלע געשעענישן: פון איין זייט, דאָס טראַגישע און גרויליקע — דער אומקום פון פאָלק אין אייראָפּע, פון דער אַנדערער זייט, דער גרעסטער זעלבשטענדיקייט און דער אויפקום פון דער מדינה. אויף דער באַציונג צו יידיש האָבן געווירקט ביידע פאַקטאָרן.

איך געדענק נאָך, ווי אויפגערודערט עס זענען געווען די ארץ־ישראל־דיקע בחורים, די זעלנער פון דער יידישער בריגאַדע, בעתן טרעפן זיך מיט די אָפּגעראַטעוועטע פון היטלער־גיהנום, מיט די ניצול־געוואָרענע פון געטאָ און קאַצעט, מיט די מענטשן פון בונקערס און פון וואַלד, מיט געוועזענע פאַרטיזאַנער. זיי, די ארץ־ישראל־געבוירענע, האָבן דערזען פאַר זיך אַן אַנדערע יידישע וואָר, אַ וואָר, געבונדן מיט קידוש־השם און קידוש־האומה.

אַ סך פון די אָ בחורים זענען עס טאַקע דעמאָלט געוואָרן די שליחים צו דער שארית הפליטה, די אָנפירער פון דער „בריחה״־באַוועגונג און פון דער „העפּלה״. קלאָר, אַז די „קאָנפראָנטאַציע״ צווישן דעם סאַברע און דעם גלות־ייד האָט געהאַט איר ווירקונג. און טאַקע נישט וויניק אין דער באַציונג צו דער „גלות־שפּראַך״ פון אָט די מענטשן.

מיט די טויזנטער אָפּגעראַטעוועטע פון די לאַגערן, מיט דעם מער ווי אַ מיליאָן אַריינגעקומענע עולים נאָך דער מלחמה איז דאָך געקומען דער מענטש, וואָס האָט געלעבט אַ מאָל אַ יידיש לעבן. עס זענען געקומען יוגנט־

לעכע, וואָס האָבן מיט הייליקן ציטער דערמאָנט די טאַטע־מאַמע־היים אין פוילן און ליטע. זענען אַ סך פון זיי געוואָרן די קאָנסומענטן פון יידיש. זיי האָבן געוואָלט און געדאַרפט יידיש. נאָך יאָרן פון פּיין און רדיפות איז דער קלאַנג פון יידישן וואָרט געווען פאַר זיי אַ צוויבער־דערמאָנונג פון זייער אַמאָליקן לעבן, פון דער גרויליק אָפּגעמעקטער היים, פון טאַטע־מאַמע, פון שוועסטער און ברידער, פון אַ סביבה און נוסח וואָס איז פאַרגאַנגען. דאָס האָט אויך משפּיע געווען אויף דעם אַלטן ישראלדיקן תושב. ער האָט מיט אַ מאָל זיך ווי באַפרייט פון זיין פאַרריסנקייט, פון קוקן אויף דעם גלות פון אויבן אַראָפּ. אַ יידיש ליד האָט אים שוין מער נישט שאָקירט, נאָר פאַרקערט, האָט אים אָפט מאָל גאָר וווּנדערלעך באַרוישט, צוריקגעפירט צו די שיינע חלומות, צו האַרציקע דערמאָנונגען פון דער יוגנטהיים. ס׳האָט זיך אַ ריר געטאָן, ס׳איז געקומען פאַרבענקשאַפט, נאָסטאַלגיע, מ׳האָט מיט אַ מאָל דערפילט אַנדערש די שפּראַך פון אונדזער אַמאָליקן לעבן. יידיש געזאַנג, דאָס יידישע קינסטלערישע וואָרט האָט גענומען קלינגען מיט די טענער פון היימישקייט און נאָענטקייט.

ליידער האָבן מיר, איך מיין די יידישע טוער, נישט אויסגענוצט גענוגנדיק אָט דעם סענטימענט. מיר האָבן דעם סענטימענט געקאָנט פאַרוואַנדלען אין אַ געזעלשאַפטלעכן קערן, אין אַ קערן פאַר יידיש און איר אַנטוויקלונג און געדייונג אין ישראל. אָבער מיר זענען בפירוש נישט שולדיק דערין. מיר האָבן פּשוט נישט פאַרמאָגט די אינסטרומענטן, מיר האָבן נישט געהאַט דעם אַפּאַראַט, די אינסטיטוציעס, וועלכע זאָלן פאַראַלעל מיט דער אויפגעקומענער שטימונג סטימולירן, אין נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, די קולטור־שעפערישקייט אין יידיש. דאָס דאַרפן מיר נאָך עד היום.

אין דער באַציונג ביי אונדז צו יידיש האָט אוודאי אויך געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָל די אַנטשטייונג פון מדינת ישראל. יעדער בר־דעת האָט פאַרשטאַנען, אַז די ביטול־באַציונג צו יידיש, דער אַנטאַגאָניזם, וואָס האָט געהערשט אין ארץ־ישראל, טאָר נישט זיין אין מדינת ישראל. מען הערט אַלץ אָפטער פון העברעיש־פאַרוואָרצלטע מענטשן, פון קינסטלער, שרייבער און העברעישע קולטור־מענטשן — אַז אונדזער חוב אין ישראל איז אויפצוהאַלטן און זיך ווידמען דער ליטעראַטור און שפּראַך, וואָס איז אַזוי גרויליק

פֿאַרשניטן געוואָרן. אָט איז אַ כאַראַקטעריסטישער פּרט, וואָס זאָגט עפּעס וועגן דער דאָזיקער באַציִונג.

ווען איך האָב אַרויסגעגעבן מײַן בוך „היים און דויער" (עסייען וועגן ייִדישע און העברעיִשע שרײַבער אין ישׂראל), האָב איך געוואָלט אויך, ווי עס פּירט זיך, צושיקן אַ בוך אונדזער דעמאָלטיקן נשׂיא יצחק בן־צבֿי ז"ל. איך האָב דאָס בוך געוואָלט איבערגעבן זײַן מיליטערישן אַדיוטאַנט אלוף/מ יוסף כרמל (דרך אגבֿ, זײַנס אַ בוך איז אויך דערשינען אין ייִדיש, און ווי מײַנער — אינעם פּרץ־פֿאַרלאַג). ער האָט אָבער מײַן בוך נישט געוואָלט נעמען און געזאָגט, אַז איך זאָל דעם בוך אַליין איבערגעבן דעם נשׂיא, און טאַקע אויף אַן אָפֿיציעלן אופֿן, אויף אַן אויפֿנאַמע אין פּרעזידענטס קאַנצעלאַריע.

ווײַל איך נישט באַהאַלטן, אַז ס'האָט מיך היפּש געוואָרעמט: אַ ייִדישער שרײַבער מיט אַ ייִדיש בוך אויף אַן אָפֿיציעלער אויפֿנאַמע בײַם פּרעזידענט! ס'איז געווען מער ווי אַ פּערזענלעכער געפֿיל. ס'איז געווען אַ טיפֿע סאַטיספֿאַקציע פֿאַר אַ סך ביטערע דערפֿאַרונגען.

נאָך דעם ווי מ'האָט געטרונקען לחיים האָט מיר דער נשׂיא געפֿרעגט וועגן דער שאַפֿונג אין ייִדיש, וועגן ייִדיש אין דער וועלט, וועגן דער לאַגע פֿון די ייִדישע שרײַבער אין ישׂראל. ער האָט געוואָלט וויסן, פֿאַר וואָס, אייגנטלעך, שרײַב איך דווקא אין ייִדיש, ווען איך בין שוין אַזוי לאַנג אין לאַנד. און דאָ איז אַריבער דער נשׂיא צו דערמאָנונגען, ווען ער אַליין האָט געשריבן ייִדיש, אויפֿגעטראָטן אין ייִדיש, דערמאָנט זײַן אינטערעס און אַרבעט פֿאַרן ייִוואָ. און ווידער: וואָס איז היינט דער מצבֿ פֿון דעם פֿאָלקס־לשון אין דער וועלט? און באַלד מיט באַטאָנונג צוגעגעבן, אַז אין ישׂראל מוז דאָך זײַן העברעיִש.

נישט דאָ איז געווען דאָס אָרט, און נאָך ווי אַ גאַסט, צו קומען מיט באַמערקונגען, אָדער זיך מתווכח זײַן. אָבער שווײַגן האָט זיך מיר אויך נישט געוואָלט. איך האָב עס נישט געקאָנט, האָב איך געפֿרעגט: צי מיינט איר נישט, אַז היינט, ווען אונדזער פֿאָלק האָט געליטן אַזאַ שניט — און צוזאַמען מיטן פֿאָלק איז אויך אומגעקומען אונדזער דורותדיקע קולטור־שאַפֿונג אין מזרח־אייראָפּע — צי האַלט איר נישט, אַז ס'וואָלט געווען נישט

מער ווי רעכט, אַז דווקא דאָ, אין אונדזער אייגענער מדינה, זאָלן מיר אַלץ טאָן, בכדי צו פלעגן און אויפהאַלטן יידיש און איר שאַפונג? און יידיש איז דאָך שוין מער נישט קיין סכנה פאַר העברעיש...

אין מיין ווענדונג איז דאָך נישט געווען קיין אויסערגעוויינלעכס, קיין נייעס אין דעם ענין, און דאָך איז דער נשיא געבליבן זיצן פאַרטראַכט. ער האָט לאַנג געקוקט אויף מיר, דערנאָך לייכט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, און אַנוויזנדיק אויפן מיליטערישן אַדיוטאַנט יוסף כרמל, וואָס איז געזעסן מיט אונדז, געזאָגט: „שוין יאָרן, ווי איך בעט זיך ביי אים, אַז ער זאָל זיך אויסלערנען פאַרשטיין גוט יידיש”... און דאָס איז נישט געווען געזאָגט סתם, אין טאָן פון אַ וויץ.

און נאָך אַ פּאַסירונג, וואָס האָט, ווי מיר דאַכט זיך, באמת געבראַכט אַ קאַרדינאַלע ווענדונג אין דער באַציונג פון דער רעגירונג צו יידיש.

ס'איז באַוווסט, אַז באַלד נאָכן אויפקום פון דער מדינה זענען צוזאַמען מיט די הונדערטער טויזנטער עולים געקומען אויך יידישע אַקטיאָרן. צווישן זיי אַזעלכע, וואָס זענען אויפגעקומען אין די מלחמה־יאָרן, געשפּילט טעאַטער אין די לאַגערן פון דער שארית־הפליטה אין דייטשלאַנד. ס'זענען געקומען אַקטיאָרן פון רומעניע, פון גאַליציע. מילא, דער ניוואָ פון דעם טעאַטער — לאָמיר בעסער וועגן דעם איצט נישט רעדן. אַקעגן זיי זענען די ליבהאָבערס פון גריצע, אָדער אמדור, אָדער סידרע, מיט פערציק־פופציק יאָר צוריק געווען מאָדערנע קינסטלער... אָבער ס'זענען אויך עולה געווען אַקטיאָרן מיט נעמען, אַקטיאָרן, וואָס האָבן יאָרן לאַנג פאַר דער מלחמה געשפּילט גוטן ערנסטן טעאַטער. געקומען יעקב מאַנסדאָרף, שפּעטער דזשיגאַן און שומאַכער און אַנדערע. און שוין אין ערשטן יאָר פון דער מדינה האָט זיך געשאַפן אַ גוטע און איבערגעגעבענע גרופּע אונטערן נאָמען „גאָלדפאַדען־טעאַטער”. מ'האָט אָנגעהויבן שפּילן פון אַלטן יידישן רעפּערטואַר: הירשביין און פּרץ און גאָרדין און גאָלדפאַדען. מ'האָט זיך געמאַטערט. געשפּילט האָט מען אין אַ גאָרטן אין אַ פּעריפעריע ביי יפו, אין דעם אַמאָליקן אַראַבישן פאַרשטעטל דזשעבעליאַ (הייננט הייסט עס גבעת עליה). מיט די לעצטע אייגענע גראָשנס האָט מען געמאַכט דעקאָראַציעס, געדרוקט אַפישן. מ'האָט געשפּילט ערלעך און ריין און געהאָפט אויף בעסערס — — — נאָר יעדן

אָונט איז צו דער פאָרשטעלונג געקומען אַ פּאָליציאַנט, אַ יידישער פּאָלי־ציאַנט, און געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל פאַרן שפּילן אין יידיש. ס׳איז געווען נישט אויסצוהאַלטן הן צוליב די געלטשטראָפן, וואָס האָבן כסדר געשטיגן, הן, אפשר נאָך מער, צוליב דעם בזיון.

דער יידישער ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין (אין יאָר 1946 האָט דער „יידישער ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב״ באַשלאָסן צו ענדערן זיין נאָמען פון „קלוב״ אויף „פאַראיין״), וואָס איז דעמאָלט געווען דער פאַרפּאַסטן אין אָפּהיטן און אויפהאַלטן יידיש, האָט איינגעזען, אַז אַזוי קאָן עס נישט גיין ווייטער. מען האָט זיך געווענדעט צום אינערן־מיניסטעריום, צום פאָרזיצער פון צענזאָרן־ראַט. און עס איז געקומען אַ תשובה. דער פאַראיין איז פאַרבעטן געוואָרן קיין ירושלים צום צענזאָרן־ראַט. אויף אַ זיצונג דאָרט האָבן עס די פאָרשטייער פון פאַראיין געדאַרפט אַרויסלייגן זייערע טענות.

געפאָרן צו דער זיצונג איז א. מ. פוקס, דער באַקאַנטער שרייבער־פּראָזאַיקער, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער סעקרעטאַר פון פאַראיין, און איך. אויפגענומען האָבן אונדז דער פאָרזיצער פונעם ראַט אבי־רזי און נאָך צוויי מיטגלידער.

העכער צוויי שעה האָבן מיר אויפגעקלערט פאַר זיי דאָס פּראָבלעם פון יידיש, דאָס רעכט, וואָס יידיש און יידיש טעאַטער דאַרף און מוז באַקומען. מיר האָבן די פראַגן אַוועקגעשטעלט שאַרף און טראַציק און, ערשטנס, געפאָדערט צו באַווייזן, ווו איז אין אונדזער לאַנד פאַראַן אַ געזעץ, וואָס פאַרבאָט צו שפּילן טעאַטער אין יידיש. והשנית, האָבן מיר אַנטשיידנדיק געלאָזט וויסן, אַז אויב אַזאַ געזעץ איז פאַראַן, וועט אים דאָס לעבן סיי ווי צעברעכן. יידיש טעאַטער האָט מען אין יפו און אין ירושלים געשפּילט נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, און איצט וועט מען אוודאי שפּילן. דאָס איז דער רצון פון אַ גרויסן טייל פון אונדזער פאָלק, וואָס איז געקומען לעבן אין ישראל!

ביים אַוועקגיין האָט מען אונדז געבעטן צושטעלן אַ מעמאָראַנדום פון דעם אַלץ, וואָס מיר האָבן אויפגעקלערט און געפאָדערט.

די גאַנצע העברעישע פּרעסע האָט אויף צו מאָרגנס איבערגעגעבן וועגן אונדזערע באַמיונגען.

צו דעם פּראָצעס אין בית דין לצדק, צו וועלכן דער טעאַטער האָט זיך געהאַט פריער געוואָנדן, איז שוין קיין פאַרשטייער פון אינערן־מיניסטעריום נישט געקומען. דער ענין איז געווען אַ געוווּנענער. מער קיין ראַפּאָרטן האָט מען נישט געמאַכט און קיין שטראָפן האָט מען נישט געצאָלט.

היינט שפּילן דאָך פיר און פינף און אַ מאָל נאָך מער יידישע טעאַטערס. וויט נישט אַלע מאָל איז דאָס ד ע ר טעאַטער, פון וועלכן מיר האָבן געחלומט בעתן קעמפן פאַר זיין רעכט צו שפּילן אין יידיש. אָבער אין אַ שבת־צונאַכטס, צי אפילו אין אַ געוויינטלעכן אָוונט, קומען זען יידיש טעאַטער אין תל־אביב, אין ירושלים, אין חיפה און אין די קלענערע שטעט שיינע טויזנטער און טויזנטער יידן.

פאַרזאַמלונגען, מיטינגען, אָוונטן, אפילו ליטעראַרישע, צייכענען זיך תמיד אויס מיט אַ גרויסער פרעקווענץ. אויף דעם קאָן מען זיך נישט באַקלאָגן. יידן בענקען נאָך אַ יידיש וואָרט, ווילן יידיש...

און נאָך אַ טשיקאַווער קוריאָז. אַ מאָל, אין די צוואַנציקער און דרייי־סיקער יאָרן און אפילו שפּעטער, פלעגן מיר אָפט מאָל צו אַן אָוונט זיך מוזן באַזאָרגן מיט פּאָליציי, זיי זאָלן אונדז באַשיצן פון אַ כוליגאַנישן איבערפאַל אָדער אויפרייס. אגב, נישט איין מאָל האָט טאַקע די פּאָליציי אַ דאַנק דעם געהאַט אַ גוטן אויסרייד אויף נישט דערלויבן איינצואָרדענען אַן אונטערנע־מונג אין יידיש. די אָוונטן פלעגן פאָרקומען אין לאָקאַל פון די לינקע פועלי־ציון אָדער אין זאַל פון האָפּענקאָס מוזיקשול א. ב. „יאַשאַ חפץ". דער באַלעבאָס האָט פאַר גוט געלט, און נישט איין מאָל פאַר איינגעלייגטע געלט־גאַראַנטיעס, צוליב מעגלעכע שאָדנס, „געוואַגט" צו פאַרדינגען דעם זאַל. שפּעטער איז אויסגעאיבט געוואָרן אויף אים אַ דרוק דורך דער עיריה, אַ דרוק פון הויכע שטייערן... היינט — לאָמיר נאָר איינהאַלטן דעם אָטעם — היינט פּאַסירט נישט איין מאָל, אַז מען איז געצוווּנגען אַרויסצורופן פּאָליציי... אָפּצוהאַלטן דעם שטראָם מענטשן אין אַן איבערפולטן זאַל ! דער עולם רייסט זיך צו הערן אַ רעדע אין יידיש, אַ יידיש קינסטלעריש וואָרט.

אין יאָר 1928 איז געגרינדעט געוואָרן דער „יידישער ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב אין ישראל". אין זעלבן יאָר איז אין ירושלים דערשינען די ערשטע קאָלעקטיווע ליטעראַרישע זאַמלונג „אָנהייב", וווּ עס האָבן זיך

שוין באַטייליקט די דיכטער י. פּאַפּיערניקאָוו, י. צ. שאַרגעל, דער דערציילער ל. חיין־שמעוני, דער פּובליציסט ג. ניר־ראַפּאַלקעס און אַנדערע. פון יענעם יאָר ביז היינט, ווען יידיש שאַפן איז שוין אַ ממשותדיקער יש אין ישראל, האָט דאָס יידישע וואָרט, די יידישע שאַפונג, דורכגעמאַכט קאַלטס און וואַרעמס. מער קאַלטס, ווי וואַרעמס. אָבער מען קען זאָגן בפה מלא: יידיש איז היינט אַ וויכטיקער און אַנגעזעענער קולטור־פאַקטאָר אינעם לעבן פון ישראל. אַ וויכטיקע פּאָזיציע איז די יידיש־קאַטעדרע אין ירושלימער אוניווערסיטעט (ס׳ווערן פּלאַנירט אויך לימודים פון יידיש און יידישער ליטעראַטור אין אַנדערע אוניווערסיטעטן אין לאַנד), „די גאָלדענע קייט", וואָס דערשיינט אין ישראל, איז געוואָרן אַ שריפט פאַר דער גאַנצער יידישער וועלט. די פאַרלעגערישע טעטיקייט אין יידיש שטייגט פון יאָר צו יאָר; אַ גרויסע דערגרייכונג איז, אָן ספק, די יידישע ראַדיאָ־אוידיציע, צו וועלכער עס הערן זיך צו הונדערטער טויזנטער. און די צאָל יידישע צוהערער אין אויסלאַנד איז דאָך גאָרנישט אָפּצושאַצן, ווי עס איז נישט אָפּצושאַצן דעם מהותדיקן ווערט און די ווירקונג פון אָט די פּראָגראַמען פאַר די יידן אין די תפוצות. לאָמיר נישט פאַרזען די יידישע ביבליאָטעקן, די נאָכמיטאָג־שול אין יידיש, — דאָס זענען וויכטיקע, באַדייטנדיקע פּאָזיציעס.

דאָס אַלץ איז אָבער נישט אויפגעקומען פון זיך אַליין. אָן דער עליה פון די „יידיש־יידן", און אין דער ערשטער ריי די יידישע שרייבער, די יידיש־שאַפער, וואָלטן מיר צו דעם נישט דערגאַנגען. און לאָמיר נישט פאַרגעסן די גרופּע פון יידישע שרייבערס און טוערס, וואָס האָבן במשך אַלע ביטערע יאָרן אויפגעהאַלטן דאָס פלעמל יידיש, דעם פונק פון יידיש. אַ דאַנק זיי איז יידיש היינט אין ישראל דאָס וואָס זי איז. און זיכער איז נאָך דאָ אַ סך צו טאָן — הן בנוגע דעם, אַזוי צו זאָגן, סטאַטוס פאַר יידיש, הן אין אַקטיווער טאַט, אין שעפערישן שטח. אין דעם דאַרף אונדז העלפן די יידישע וועלט.

אין דער ראַם פון די־אָ באַטראַכטונגען־פאַרצייכענונגען האָבן מיר נישט באַהאַנדלט, בכוונה נישט באַהאַנדלט, דעם סאַמע גרונטיקסטן פונקט: די יידישע ליטעראַטור־שאַפונג אין ישראל און איר בהדרגהדיקע אַנטוויק־לונג. דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

מדינת ישראל איז היינט דער ווירקנדיקסטער צענטער פון דער יידישער וואָרטשאַפונג. דאָ האָבן נאָכן אויפקום פון דער מדינה געלעבט און געשאַפן די עלטערע, אויסגערופענע יידישע שרייבער, דוד פּינסקי, שלום אַש, זלמן שניאור. דאָ האָבן געפונען אַ געדייזיק פעלד די יונגע יידישע דיכטער און פּראָזאַיקער. ס׳איז פאַראַן אַ קלימאַט פאַרן יידישן וואָרט און ס׳איז פאַראַן אַ זאָרג פאַר יידיש און יידישער שאַפונג.

...„יידיש זענען מיר שולדיק... דער ריב הריבים געהערט שוין צו דער לאַנגער פאַרגאַנגענהייט" — האָט געזאָגט דער נשׂיא המדינה זלמן שזר, אין זיין געדאַנקרייכער רעדע בעת דער פייערונג פון עטאַבלירן דעם „מאַנגער־פּרייז" פאַר יידישער ליטעראַטור אין בית־הנשׂיא אין ירושלים.

נישט יאוש און פּעסימיזם, נאָר צילבאַוווסטע קולטור־אַרבעט און קולטור־שאַפונג. דאָס יידישע וואָרט זאָל קומען פון ישראל צו דער גאַנצער יידישער וועלט און פון דער יידיש־וועלט צו אונדז. און זאָל מען אונדז נישט פאָרוואַרפן, אַז יידיש גייט אונטער, חלילה.

אינהאַלט

א

9 י. ל. פרץ
14 אליקום צונזער
20 שמעון פרוג
32 אברהם רייזען
37 מאַני לייב
43 אביגדור המאירי
50 א. סוצקעווערס כל־נדרי־פּאָעמע
55 ש. שלום אין יידיש
59 וועגן נתן אַלטערמאַנס דיכטונג
62 לידער פון אסתר שומיאַטשער
66 פסח בינעצקי — לידער פון צער און פון אויפקום
71 ימים נוראים־מאָטיוון
77 חסידות אין יידישן ליד
85 י. ח. בילעצקי
91 אפרים אויערבאַך — אַ בן־שבעים וחמש
94 די אַנטאָלאָגיע „אַמעריקע אין יידישן וואָרט"
99 מרדכי יאָפּעס ארץ־ישראל־אַנטאָלאָגיע

ב

109 י. ד. בערקאָוויטש
116 י. אָפּאַטאָשוס ארץ־ישראל־שטימונגען
121 ש. איזבאַנס אַמעריקאַנער דערציילונגען
128 יחיאל האָפּערס חסידות־פּייזאַזש
131 הערץ בערגנער
141 אַלט־ירושלים אין צייטן פון נסיון
148 ישראל קאַפּלאַנס נוסח־ליטע
154 רחמיאל פעלדמאַן
159 ראָזע פּאַלאַטניקס דערציילונגען

164 שלמה ברייננסקי
167 א. קאַרפּינאָוויטשעס ווילנע של מטה
172 אהרן מגד
178 אהוד בן־עזר און זיין „המחצבה״
182 זלמן שניאורס לעצט ווערק

ג

189 שלמה ביקלס „רומעניע״
194 פּיאָנערן פון אַ גרויסער תקופה
199 אַ היסטאָריש בוך
204 מיין געבוירן־שטאָט אין בילד
209 די דאָקומענטאַציע פון דער חורבן־תקופה
222 אַזיע געזען פון אַ ישראלדיקן שטאַטסמאַן
226 יוסף כרמל וועגן יידן אויפן ווייטן מזרח
231 אַ העראָיש קאַפּיטל

ד

239 חיים וויצמאַן
245 חיים אַרלאָזאָראָוו
249 יעקב פאַטס „שמועסן מיט שרייבער אין ישראל״
254 ב. ריווקין — דער יוצא־דופנדיקער קריטיקער
259 מ. גראָס־צימערמאַנס עסייען
262 יוסף העפטמאַן
266 מ. צאַנינס אַקטועלע עסייען
269 צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין ישראל
278 ש. האַרענדאַרפס פאַרביקע „טעאַטער־קאַראַוואַנען״
284 אפרים שרייערס טעאַטער־פּאָרטרעטן
289 יוסף חזנאָוויטש — דער לעגענדאַרער פאָלקסדאָקטער
294 פאָלקלאָר און פאָלקלאָריסטן
300 יהויכין סטוטשעווסקיס „הכליזמרים״
305 חכמה פון יידישן קוואַל
308 עמיל זאָלאַ — דער הומאַניסט און קעמפער
312 ד. ב. מאַלקין
315 יידיש אין ישראל